STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07178

ALTNAYLAND

Theodor Herzl

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלְטְנַײלַאנְד

ראמאן

פון טהעאדאר הערצל.

אויב איהר ווילט
איז דאס ניט קיין בבא מעשה.

איבערזעצט פון ד״ר אים. על.

היברו פאבלישינג קאמפאני.

52-50 עלדרידזש סט., ניו־יארק.

אײנלײטונג

פון דר. שמריהו לעווין.

דאָס וועט בלײבען אַן אײביגער סוד, מען וועט קײנמאָהל ניט וויסען, אין וואָס בעשטעהט די קראַפט פון דעם העלד. אומזיסט וועט מען זיך בעמי־הען צו אַנאַליזירען זײנע אײנצעלנע אײגענשאַפטען און מעלות און צו ער־קלעהרען דורך זיי די אַנציהונגס־קראַפט, וואָס דער העלד האָט בעזעסען. ניט די אײנצעלנע מעלות אויך ניט זײער סך־הכל פעראורזאַכען די גרויסע השפּעה, וואָס דער העלד האָט אויף זײן סביבה. זײן גבורה בעשטעהט אין דער קאָמבי־נאַציאָן פון די אײגענשאַפטען, אין זײער צוזאַמענזעצונג, אין זײער האַר־מאָנישער געשטאַלטונג. און דאָס קען מען נאָר אונמיטעלבאַר פיהלען, מען קען דאָס ניט ערקלעהרען.

דער קוילענשטאָף איז צושטרויט אין דער נאַטור אין פערשיעדענע פאָר־מען, אין פערשיעדענע פערבינדונגען. דורך כחות, וועלכע זײנען נאָך פאַר אונז א געהײמניס, קאָנצענטרירט זיך אַפּטמאָהל דער קאָהלענשטאָף טיעף פערבאָרגען אונטער דער ערד, ער פערדיכטעט זיך, קריסטאַליזירט זיך און ווערט א דימאַנט. דאָס גאָלד איז צושטרויט אין פערשיעדענע ערטער. אָפּט־מאָהל ווי פײנע דינע אָדערען אין אַנדערע מינעראַלען, אָפּטמאָהל ווי א פײנע שטויב וואָס בעדעקט די אונצעהליגע מיליאַרדען פון זאַנד־קערענדליך. עס טרעפט אָבער, אַז די נאַטור אַלײן מאַכט די אַרבײט פון גאָלדזוכער און בע־שענקט אונז מיט א פאַרטיגען שטיק גאָלד. די נאַטור וויל אונז ווייזען, ווי מען קען אויסנוצען איהרע רײכטהימער.

פונקען פון גבורה, שפּליטער פון העלדענטהום זײנען צוזעעט אי־בער די גאַנצע מענשליכע געזעלשאַפט. דורך א פּראָצעס וועלכען מיר קענען ניט, קאָנצענטרירען זיך אָפּטמאָהל די צושטרויטע פונקען אין אײן פונקט, און דיעזער פונקט, ווערט א ברען־פונקט פאַר א גאַנצע סביבה, פאַר א

גאנצע תקופה. דער העלד קען דעריבער ניט בעטראכט ווערען ווי א רשות־היחיד. וואָרום ער האָט די יניקה פון רשות־הרבים. ער איז דער פּרט, וואָס האָט אין זיך איינגעזויגען דעם כלל, ער ברויכט זיך ניט אָנצושטרענ־גען, כדי צו לעבען פאר דעם כלל, ער איז דער כלל, ער טראָגט איהם אין זיך, ער פיהלט איהם, ער איז זיין אָטהעם, ער איז זיין דופק.

די צוויי פערשיעדענע ריכטונגען אין דער אויפפאסונג פון דער געשיכ־טע: ווער שפּיעלט אין איהר די הויפּט־ראָליע, די מאסע, די דורכשניטס־מאסע אָדער דער העלד דער „וואָס איז פון זיין אקסלען און אויבען העכער פאר דאס גאנצע פאָלק" — איך גלויב אז די גאנצע פלוגתא בערוהט אויף א טעות. די געשיכטע האָט ניט קיין צוויי בעזונדערע לייטער. דער העלד איז מעהר ניט ווי דער שליח צבור פון דער מאסע. דער חזן זאָגט די ברכה און דער קהל ענטפערט אָמן. ווייל דער קהל האָט איהם דאָך אליין געשיקט.

אָדער מען קען דעם העלד פערגלייכען מיט דעם „זוכה בגורל". אויף איין חלק פאלט אוים דער גרויסער געווינס. אָבער דער גרויסער געווינס איז דאָך נאָר מעגליך ווען טויזענדער טראָגען צוזאמען זייערע פּרוטות. אָהן די פּרוטות איז ניטאָ קיין געווינס, ניטאָ קיין זוכה בגורל.

אויך דעם גבור פון „אלט ניילאנד" דעם אונפערגעסליכען טהעאָדאָר הערצל, קען מען ניט פערשטעהען אלס איינצעל־ערשיינונג, מען קען איהם ניט ארויסרייסען פון דעם גאנצען צוזאמענהאנג פון דעם אידישען לעבען אין דער לעצטער תקופה און בעטראכטען איהם גאנץ זעלבסטשטענדיג. די צו־שטרויטע פונקען פון דעם פאָלקס־ווילען צו פרייהייט האָבען זיך אין איהם קאָנצענטרירט, א פאָלקס־דראנג האָט איהם געצוואונגען ער זאָל ווערען א העלד.

ער איז געווען איינער פון די גליקליכע, פון די אויסערוועהלטע. ער האָט בעזעסען אלע מעלות וואָס א מענש דאַרף האָבען, כדי זוכה צו זיין, אז די שכינה זאָל קענען אויף איהם רוהען. ער איז געווען שעהן, קלוג, געבילדעט און פאַרנעהם, און וואו ער האָט זיך נאָר בעוויעזען האָט ער גע־בראכט מיט זיך די יום־טוב'דיגע שטימונג.

הערצל איז א פּראָדוקט פון דעם אידישען פאָלקס־ווילען, און דעריבער האָט ער געשאפען דאָס גרעסטע ווערק, אין וועלכער דער אמת'ער אונגעפעלש־

טער אידישער פּאָלקס־װילען האָט געפונען זײן העכסטען אױסדרוק : ער האָט געשאַפען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן און דעם ציוניסטישען קאָנגרעס.

מיר װילען ניט פערקלענערען די פערדינסטען פון די גבורים, װעלכע האָבען נאָך פאַר הערצל אױפגעהױבען הױך די אידישע נאַציאָנאַלע פאָהן, אָבער מיר מוזען מודה זײן, אז הערצל איז געװעזען דער ערסטער, װעמען עס האָט זיך אײנגעגעבען צו שאַפען די ציוניסטישע װ ע ל ט־אָרגאַניזאַציאָן און געבען איהר אַ פעסטע פערפאַסונג.

און די פון הערצל געשאַפענע אָרגאַניזאַציאָן האָט בעװיזען אײנפאַך װאונדער. מען מוז נאָר פערגלײכען די אידישע יוגענד אין די מערב־לענדער מיט צװאַנציג יאָהר צוריק און הײנט. דאָס אידישע לעבען האָט בעקומען אַ נײעם שװאונג, עס האָבען זיך געמעלדעט נײע כחות, פון װעלכע מען האָט נאָך מיט צװאַנציג יאָהר צוריק ניט גע׳חלומ׳ט.

צו פריה איז דער שעפּפער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזציאָן אָב־געריסען געװאָרען פון זײן װערק, אָבער װי אַלע גרױסע העלדען לעבט ער אין זײן װערק.

און זײן װערק איז פעסט, און זײן װערק װעט אױסהאַלטען יעדען שטורם, װאָרום אין איהם איז קאָנצענטרירט דער װילען פון אונצעהליגע דורות.

ניו־יאָרק, חנוכה, תרע״ה.

I.

דאָקטאָר פריעדריך לעווענבערג איז געזעסען שטארק אומעטיג ביי'ן רונדען מארמאָרטיש פון א קאפעהויז. דאָס איז געווען א אלט, בעקוועם קאפעהויז אויף דעם אַלזערגרונד אין וויען. ער איז שוין זייט יאָהרען א שטענדיגער גאסט אין איהם, שוין אלס סטודענט פלעגט ער דאָרט אהין צו געהען. אלע טאָג א זייגער פינף נאָכמיטאג פלעגט ער זיך פינקטליך וויא א טרייער בעאמטער בעוויזען אין אריינגאנג פון קאפעהויז. דער בלאססער קראנקער קעלנער בעגריסט איהם דענסמאָלט. לעווענבערג פערנייגט זיך מיט א קאלטער פריינדליכקייט פאר דיא בלאסע קאסירערין, מיט וועלכער ער האָט קיינמאָל ניט אויסגערעדט א ווארט. ער זעצט זיך ביי'ן רונדען לעזע־טיש, טרינקט זיין שעלכען קאפע און לעזט דורך אלע ציישונגען, וואָס דער קעלנער טראָגט איהם צו מיט גרויס הכנעה. און, אז ער ווערט פארטיג מיט דיא טאגעס־צייטונגען, מיט דיא וואָכען בלעטער, וויץ־בלעטער און דיא פאך־צייטונגען, וואָס דויערט ניט ווייניגער וויא א שעה אָנדערהאלבען,—לאָזט ער זיך אריין אין א שמועס מיט א אלטען בעקאנטען, אָדער ער חלום'ט מיט אָפענע אויגען א איינזאמען חלום.

אין די פריהערדיגע צייטען, א מאָל, פלעגען זיך די חלומות אויסגיסען איווערטער; היינט זיינען זיי שוין ריינע חלומות געוואָרען. דען דיא צוויי גוטע פריינד זיינע, וועלכע האָבען יאחרען לאנג אזוי מחיה'דיג זיס צובטל'ט מיט איהם דיא אָבענדען אין קאפעהויז, זיינען מיט א פאָר מאָנאטען צוריק געשטאָרבען. ביידע זיינען זיי געווען עלטער פאר איהם. עס איז טאקי אָנגעקומען דיא רייד פון איינעם פון זיי, חיינריך, וועלכער האָט איהם געשריעבען אין דעם געזעגען־בריף, איידער ער האָט זיך א קול אין קאָפּ געשאָסען: ווער עס האָט נאָר א ידיעה אין צייטרעכנונג האָט געמעגט פערשטעהן, אז מיר האָבען פריהער וויא דוא געמוזט פערצווייפעלט ווערען. דער אנדערער חבר, אָסוואלד, איז קיין בראזיליען געגאנגען, וואו ער האָט זיך מתעסק געווען צו גרינדען א קאָלאָניע פאר יודען; דאָס געלע פיבער האָט איהם געחאפט און ער איז געבליעבען אין בראזיליען אויף אייביג.

דעריבער איז עס געקומען דערצו, דאָס פריעדריך לעווענבערג איז זייט אייניגע מאָנאטען געבליעבען איינער אליין ביי'ן אלטען טיש, און ווען ער פלעגט

פארטיג ווערען מיט דיא חויפענס צייטונגען, חלומ'ט ער וויא אין א לייכטען דרעמיל, און זוכט זיך ניט ארייגצולאָזען אין א שמועס מיט בעקאנטע און קאפעגעסט. ער איז שוין מיעד געוואָרען נייע בעקאנטשאפטען צו מאכען, אקוראט וויא ער וואָלט ניט געוועזען 23 יאהר אלט, נאָר א זקן, וועלכער האָט זיך שוין ניט איינמאָל געמוזט אָבגעזעגענען פון אלטע ליעבע פריינד. אָט זיצט ער און קוקט מיט פערגליווערטע אויגען אויף דעם דינעם רויך וואָס לעגט זיך וויא א שלייער אין דיא ווייטע ווינקלען פון קאפעהויז. ארום ביליארד־טיש זיינען געשטאנען יונגע לייט מיט לאנגע שטעקענס מוכן ומזומן צו מאכען א גאנג, צו שטויסען איינע פון דיא ווייסע קוילען אויף'ן גרינעם טוך. אלע האָבען זייא געהאט א פרייליכען פנים, האָטש זייער מצב איז ניט געוועזען בעסער פאר זיין אייגענעם. דאָס זיינען געוועזען יונגע דאָקטוירים, ארוואָקאטען, אָקאָרסט פון נאָדעל ארויס, געענדיגטע טעכניקער. דיא אוניווערזיטעט האָבען זיי געענדיגט, אָבער עס איז ניט געוועזען א שטאָך ארבייט. דאָס רוב פון זיי איז בעשטאנען פון יודען, און בשעת מען פלעגט ניט שפיעלען אין ביליארד אָדער אין קאָרטען, פלעגט מען זיך בעקלאָגען אויף דיא שווערע צייט, אז מען קען זיך צו קיין זאך ניט דערשלאָגען. דערווייל פערטרייבט מען די „בייזע צייט“ מיט קאָרטענשפיל און ביליארד־פארטייען. לעוועגבערג בעדויערט זייא און איז א ביסעל מקנא דיא פוסטקייט פון דיא יונגע לייט.

דאָס זיינען, אָפען גערעדט, א נייער מין קבצנים, וואָס זיינען געפאלען אלס קרבן צוליעב דיא אנזיכטען אין יודענטהום מיט א יאהר 20—30 צוריק. דעמאָלסט האָבען דיא עלטערן געלעבט אין א ביטערען טעות,, אז דיא קינדער מוזען זיך נעהמען צו נייע פאכער, צו נייע בעשעפטיגונגען. נור ניט מאכען פון זיי קיין סוחרים! און דעם יונגען דור האָט מען קופעסווייז געשטופט אין דיא אוניווערזיטעטען, פון וואנען עס נעהמען זיך דאָקטוירים, יוריסטען, און העכערע בעאמטע. דער סוף איז געוועזען, דאָס אויף'ן לעבענס־מארק האָבען זיך בעוויזען צו פיעל „דיפלאָמירטע“, עס איז שוער געוואָרען צו קריעגען עפעס א בעשעפטיגונג. פון איינפאכען לעבען האָט מען דיא קינדער אָבגעוואָהנט, דיא שטעלען וועלכע עס פלעגען זיך נאָך געפינען פאר זייערע קריסטליכע קאָלעגען האָט מען פאר זייא פערשפארט, און זיי זיינען געלעגען אויף'ן מארק, מען קען זאָגען וויא א איבערפליסיגע סחורה, וואָס קיינער נעהמט דאָס ניט אין דער האנד. דערביי האָבען זיי געקראָגען דיא גאוה פון געענדיגטע, דיא חיובים פון מענשען וואָס זיינען געוואָהנט צו א בלאנק־וויסען קראגען און צו לאקירטע שיך און וואָס טראָגען אויף זיך עטליכע וואָלוועלע טיטלען. א סך פון זיי קוקען ארויס מיט דיא

אויגען אויף „אַ כלח מיט אַ גרויסען נדן“, האָפען צו ווערען אַ עבד כנעני ביי אַ רייכען שווער, וואָס גיט אויף חיונה. אַ אנדער טהייל וואַרפט זיך אויף קדוש השם אויף אַלערלייא פערדעכטיגע עסקים, פיהרען אַ מיאוסע קאָנקורענציע מיט זייערע קאָלעגען פון געבילדעטען פאַך. און מען האָט דערלעבט צו זעהן אַ משונה'דיג בילד, דאָס מענשען, וואָס ווילען ניט זיין קיין סוחרים, ווערען הענד־לער מיט'ן דאָקטאָר־דיפּלאָם און בוזעם־קעשענע, מאַכען געשעפטען מיט געהיימע קראַנקהייטען, אָדער ארבייטען אָב צוליעב רוח מיאוסע אדוואָקאַטסקע שטיק־לעך. אנדערע ווייטער ווערען פאר נויט צייטונגס־שרייבער און מאַכען שאַכער מאַכער מיט כלל־אינטערעסען, און אַ פיערטער טהייל טאַנצט ארום אויף פּאָליטי־שע אסיפות, פּאָלקס־מיטינגען, שנאָרט ארום מיט אָפּגעדראָשענע קלינגענדע פראַזען, אום בעקאַנטער צו ווערען ביי אַ געוויסער פּאָליטישער פּאַרטיי, פון וועל־כער ער ווערט אפשר אמאָל קענען נוצען האָבען.

לעווענבערג האָט ניט געוואָלט געהען אין דיא וועגען וועלכע עס האָבען אויסגעקליבען דאָס רוב פון זיינע אוניווערזיטעטס־חברים.

— „דוא טויגסט ניט פאר'ן פּראַקטישען לעבען“, האָט איהם אמאָל אָס־וואַלד, זיין אונגליקליכער פריינד, מיט אַ בייזער געזאָגט — „דען צופיעל זאַכען עקלען דיר אָב, אַ מענש מוז קענען אַ סך ארונטער שלינגען, וויא למשל, אַ הייפעלע אונגעציפער, אַ בערגעלע מיסט וכדומה. אָבער דוא, ביסט מיר צו איי־דעל, דוא ביזט אַ אייזעל אַ מפונק. געה שוין גלייכער אין אַ קלויסטער. דאָס דוא ביסט אַ אָרנטליכער מענש, דאָס וועט דיר קיין מענש ניט גלויבען, וויל דו ביסט פּאַרט אַ יוד. וואָס וועט זיין דיין סוף? דו וועסט דיינע פּאָר גראָשען ירושה פריי־הער אויפעסען איידער דו וועסט אָנזעהן פאר אַ פּעהם פּראַקטיקע, און דאַמאָלס וועסט דו זיך מוזען פּערנעהמען דערמיט פון וואָס עס עקעלט דיר אָב, אָדער דו וועסט זיך אויפהענגען. איך ראַטה דיר וויא אַ גוטער ברודער, קויף דיר אַ שטריי־קעל כל זמן דו האָסט נאָך אַ גילדען אין קעשענע. אויף מיר זאָלסט דו ניט האָפען, דען ערשטענס, וועט שוין דאַמאָלס מיינע ביינער דאָ ניט זיין און צווייטענס, ביסט דו פּאַרט מיינער אַ נאָהענטער פריינד“.

אָסוואַלד האָט איהם צוגערעדט צו געהן מיט איהם קיין בראַזיליען, פריער־ריך לעווענבערג אָבער האָט זיך ניט געקענט ענטשליסען. דעם בעהאַלטענעם טעם אָבער האָט ער ניט אויסגעזאָגט דעם פריינד, וועלכער האָט געפונען דעם טוידט אין אַ פרעמדער וועלט.

דער טעם זיינער האָט אויסגעזעהן גאָלד־בלאָנד, געקענט משוגע מאַכען לע־

ווענבערג׳ס הארץ. דאָס איז געווען א זיס ליעב־הארציג קינד. ער האָט קיינמאל ניט געהאט דיא מוטה צורעדען פאר זיינע פריינד וועגען פריילין ע ר נ ע־ס ט י נ ע ן. ער האָט פּחד געהאט, אז זיי וועלען איהם אויסלאכען, אויסשפּעטען און בעפלעקען מיט זייערע וויצלעך זיין צארט געפיהל. איצט אָבער זיינען דיא צוויי ליעבע, טרייע חברים שוין ניטאָ, און ווען ער זאָל אפילו וועלען — האָט ער זיך ניט מיט וועמען א עצה צו האלטען, פאר וועמען דאָס פערקלעמטע הארץ אויסצוגיסען. אָי, וויא שווער און לאנגזאם געהט דאָס צו! ער בעמיהט זיך פאָר־צושטעלען, וויא וואָלט דאָס אויסגעקומען, ווען דיא חברים זיינע וואָלטען נאָך געלעבט, געזעסען דאָ מיט איהם איצט אויף דיא אמאָליגע פּלעצער ביי׳ן רונדען לעזע-טיש. ער מאכט האלב צו דיא אויגען און שטעלט זיך פאָר וויא אין חלום א געשפּרעך:

„ליעבע פריינד, איך בין פערליעבט, — ניין, איך ליעב...."

„אָרימער ברודער נעבעך!" וואָלט היינריך געזאָגט.

אָסוואלד אָבער: „אזא נארישקייט מעג מען שוין אויף דיר גלויבען, ליעבער פריעדריך".

„עס איז נאָך ערגער וויא א נארישקייט, עס איז א פּארטיגער שגעון, דען הערד לעפלער, איהר פאָטער, וועט אויסשיסען מיט א געלעכטער ווען איך זאָל קומען בעטען ערנעסטינעס האנד. ארום און ארום בין איך נאָר א געהילפס־אד־וואָקאט מיט 40 גולדען א חודש געהאלט. אין דיא לעצטע מאָנאטען בין איך גאָר געוואָרען א יורד. דיא עטליכע הונדערט גולדען, וואָס איז מיר נאָך געבליעבען פון דער ירושה, זיינען שוין כמעט פערצעהרט. איך ווייס אליין, אז עס איז גע־ווען א משוגעת אויסצובריינגען דעם לעצטען העלער. אָבער עס האָט מיך געצויגען צו איהר, איך האָב געוואָלט זעהען איהר ליעבעס געזיכט, איך האָב געוואָלט איהר זיסע שטימע הערען, האָב איך געמוזט זומער פאָהרען אין דעם קור־אָרט, וואו זיא איז געווען. היינט דאָס טהעאטער, דיא קאָנצערטען. איך האָב אויך גע־מוזט איבריגע געלד אויסגעבען אויף קליידער, כּדי צו קענען בעזוכען דיא גע־זעלשאפט, וואוהין זיא קומט. און איצט בין איך אָרעם וויא טיטוס, ליעב זיא נאָך מיט דעם פריהעריגען פייער. וואָס זאָג איך, נאָך הייסער וויא פריהער".

„און וואָס רעכענסט דוא צו מאַכען?" וואָלט היינריך פרעגען.

„איך רעכען איהר צו זאָגען, אז איך ליעב זיא און איך וועל זיא בעטען צו ווארטען אייף מיר עטליכע יאהר, ביז איך וועל זיין אימשטאנד צו ערנעהרען א פאמיליע".

דארויף הערט ער אין חלום אַסוואַלד'ס איראַנישען געלעכטער: „גערעכט, ווארטען! ערנעסטינע לעפלער איז ניט אזוי נאריש צו ווארטען אויף א הונגער-לײדער, ביז עס וועט פערבליהען איהרע יוגענד. הא־הא־הא!"

מען האָט טאקי אין דער אמת'ן געלאכט נעבען לעווענבערג'ס טיש, און ער האָט דערשראָקען און פערוואונדערט אויפגעעפענט דיא אויגען. הער שיפמאַן, א יונגער מאַן אין א באנק, מיט וועלכען פריעדריך איז בעקאנט געוואָרען אין לעפ-לער'ס הויז, איז געשטאנען פאר איהם און האָט פון פולען הארצען געלאכט.

„איהר האָט זיך געמוזט נעכטען זעהר שפּעט לעגען, הערר דאָקטאָר, ווייל איהר האפּט שוין אזוי פריה א דרעמעל!".

„עס האָט זיך אייך אויסגעדוכט", ענטפערט פריעדריך א ביסעל פערשעמט.

„היינט אָבער וועט עס לאנג דויערען. איהר געהט דאָך צו דיא לעפלער'ס?".

הערר שיפמאַן האָט זיך ברייטליך צוגעזעצט ביי'ן לעזע־טיש.

ביי פריעדריך'ן אין דיא אויגען האָט דער יונגער מאַן ניט געהאַט אזא חן, פון דעסטוועגען האָט ער פערטראָגען דיא בעקאנטשאַפט, ווייל ער האָט געקענט מיט איהם אמאָל רעדען פון ערנעסטינען און אָפטמאָלס פלעגט ער דערגעהן דורך איהם. וואָס פאר א טהעאטער ערנעסטינע וועט דעם טאָג בעזוכען. הערר שיפמאַן איז געשטאנען אין שטילע און נאָהענטע קרוב'שאַפט צו דיא קאַסירערינען פון טהעאטער און פלעגט קריגען בילעטען צו דיא זעלטענסטע פאָרשטעלונגען, בשעת מענשען רייסען זיך פאר א בילעט און קריגען ניט.

פריעדריך האָט געענטפערט: „יאָ, איך בין היינט אויך איינגעלאדען ביי די לעפלער'ס".

הערר שיפמאַן האָט גענומען א צייטונג אין דער האנד און האָט מיט פער-וואונדערונג געזאָגט: „דאָס איז עפּעס ווילד משונה!".

„וואָס האָט איהר דאָ דערזעהן?".

„אָט דיא מודעה (רעקלאַמע)".

„אזוי גאָר, איהר לייענט דיא מודעות אויך?" האָט פריעדריך איראָניש געשמייכעלט.

„וויא הייסט: אויך?" — גיט א זאָג צוריק שיפמאַן, „איך לעז נאָר דיא מודעות. דאָס איז פאר מיר אינטערעסאנטער פאר אלץ אין א צייטונג, — חוץ דעם בערזענצעטעל, נאַטירליך".

„אזוי? איך האָב דאָס בערזענצעטעל נאָך קיינמאָל ניט געלעזען".

„מילא איהר... אָבער איך! איך ווארף נאָר איין בליק אויפ'ן קורסצעטעל,

חאב איך שוין דעם גאנצען מצב פון דיא אייראָפּייאישע פּאָליטיק. נאָכדעם אָבער נעהם איך מיר צו דיא מדעות. איהר הויבט גאָר ניט אָן צו וויסען, וואָס דאָר־טען טהוט זיך. עס דוכט זיך מיר אויס איך בין אויפ׳ן ירידי, וואו מען קויפט און פערקויפט סחורה, מענשען און וואָס אײער הארץ געלוסט. אָפען גערעדט, קען מען אלצדינג אויף דער וועלט קויפען, נאָר דער פּרייז איז ניט אלע מאָל אזוי קליין, אז מען זאָל קענען בעצאָהלען. דורך דיא מודעות וויים איך שטענדיג, וואָס פאר גוטע סבות עס מאכט זיך, וואו עס געפינט זיך א געלעגענהייט... אלץ זאָל מען וויסען, קיין זאך זאָל מען ניט בעדארפען.... אָבער דאָ לייען איך שוין זייט עטליכע טעג א מודעה, וואָס איך חייב נאָך ניט אָן צו פערשטעהן".

„צו איז זיא אין א פרעמדע שפּראך געדרוקט?".

„קוקט זיך נאָר איין, דאָקטאָר!" שיפמאן האָט פאנאנדערגענומען דאָס בלאט און האָט איהם אָנגעוויזען אויף א קליינע מודעה, אין וועלכע עס איז געשטאנען:

„מען זוכט א געבילדעטען און פערצווייפעלטען יונגען מאן, וועלכער איז גרייט צו מאכען מיט זיין לעבען דעם לעצטען נסיון. זיך אָנפרעגען קען מען אונ־טער דעם נאָמען נ. אָ. באָדי ביי דער עקספּעדיציע".

„אמת, איהר זייט גערעכט", האָט פריעדריך געזאָגט, „א געבילדעטער פער־צווייפעלטער יונגער מאן! אזעלכען קען מען שוין געפינען, אָבער דאָס וואָס שטעהט ווייטער מאכט שוין אביסעל הארבער דיא זאך. וויא פערצווייפעלט מוז מען שוין זיין, דאָס לעבען אין קאָן צו שטעלען און צו מאכען דערמיט דעם לעצ־טען פּרוב".

„עס ווייזט אויס, ער האָט טאקע דעם מענשען נאָך ניט געפונען, דער הערר באָדי. איך זעה דיא מודעה שוין עטליכע מאָל געדרוקט. איך וואָלט אָבער פּאָרט געוואָלט וויסען, ווער איז דאָס דער הערר באָדי, וועלכער האָט אזא משונה׳דיגען גוסט".

„דאָס איז קיינער".

„וויא הייסט קיינער?".

„נ. אָ. באָדי — מאכט צוזאמען „נאָבאָדי", אויף ענגליש בעטייט דאָס „קיינער".

„אזוי איז דיא מעשה! אָן ענגליש האָב איך גאָר פערגעסען. אלץ זאָל מען קענען, קיין זאך זאָל מען ניט בעדארפען.... אָבער עס איז שוין שפּעט, אויב מיר

ווילען רעכטצייטיג זיין ביי דיא לעפלערס. און גראד היינט מוז מען זעהר פינקטליך זיין".

„פאר וואס גראד היינט ? האט לעווענבערג געפרעגט.

„האט ניט קיין פעראיבעל ! איך קען אייך דאס ניט זאגען, ביי מיר איז א סוד הייליג..... אבער איהר מעגט זיך פארבערייטען אויף עפעס א איבערראשונג. קעלנער ! צאלען !".

א איבערראשונג ? פריעדריך האט פלוצלים דערשפירט א הערצ־קלעמענעס וויא פון א אונבעשטימטען פחד.

בשעת ער האט מיט שיפמאנען פערלאזען דאס קאפעהויז האט ער בעמערקט ביי'ן וואנד פון דער טיעף איינגעמויערטען טהיר א יונגעל פון א יאהר צעהן, א ערך. אונטערן דינעם רעקעל האט ער חויך צוזאמענגעצויגען דיא פלייצעס, דיא ארעמס האט 'עס שטארק צוגעפרעסט איבער איינאנדער צום לייב, און מיט דיא פיס האט עס געקלאפט אויף דעם שנעע וואס עס האט אנגעוועהט אין דעם געשיצטען ווינקעל. עס איז כמעט געווען א געלעכטער צו זעהען, וויא דאס יונגעל האט געארבייט מיט דיא פיס און נאריש אונטערגעשפרונגען. אבער פריעדריך האט בעמערקט, אז דאס קינד אין דיא צעריסענע שטיוועל ליידט ביטערע קעלט. ער האט זיך גענומען צו דער קעשענע ארויסגענומען עטליכע קופערנע מטבעות ביי'ן שיין פון לאמטערן און האט זיי געגעבען דעם יונגעל. דאס יונגעל האט דאס צוגענומען, אבגעמורמעלט מיט דערפרוירענע ליפען „דאנק", און איז האסטיג אוועק פון דער טהיר.

— וואס ? איהר האלט אונטער דיא בעטלערייא אויף דיא גאסען ?—וואונדערט זיך שיפמאן מיט א שטאלץ בעליידיגטע מינע.

— איך רעכען, אז דאס יונגעל טרייבט זיך ניט ארום פון פערגעניגען וועגען אין דיא פערשנעהטע גאסען... אויסער דעם דוכט זיך מיר, דאס איז געווען א יודיש יונגעל...

—,זאל ער געהען צו דיא יודישע געמיינדע־פארשטעהער, אדער צו חברה חברים כל ישראל, און זאל זיך ניט דיא אווענדען ארומשלעפען נעבען דיא קאפעהייזער !.

— רעגט זיך ניט אויף, הערר שיפמאן — איהר האט איהם דאך סיי וויא סיי גאר נישט געגעבען.

— מיין ליעבער דאקטאר — האט שיפמאן מיט א פעסטער שטימע געזאגט —איך בין א מיטגליעד פון דער חברה, וואס איז געגען פעראָרעמונג און בעטלעריי. איך צאהל יעהרליך א גולדען.

II.

דיא פאמיליע לעפלער האָט געוואָהנט אין צווייטען שטאָק פון א גרויסען הויז אין דער גאנצאנא נאסע. אין דעם אונטערשטען שטאָק האָט זיך איינגעפונען דיא טוכניעדערלאגע פון „מאָריץ לעפלער עט קאָמפּאניע“.

בשעת פריעדריך און שיפמאן זיינען אריין אין פאָדער־צימער האָבען זיי שוין בעמערקט נאָך דיא מאססען מאַנטלען און ווינטער־רעק, אז דיא געזעלשאפט מוז היינט עפּעס זיין מעהר וויא געוויינליך.

„א ריכטיג קליידערגעשעפט“, האָט שיפמאן זיך געוויצעלט.

אין זאל זיינען געווען עטליכע מענשען, וועלכע פריעדריך האָט שוין געקענט. פרעמד איז איהם אָבער געווען א הערר מיט א פליך אויפ׳ן קאָפּ, וועלכער איז געשטאנען נעבען ערנעסטינען ביי׳ם קלאוויער און איהר צוגעשמייכעלט וויא א אלטער בעקאנטער.

דאָס יונגע פרייליין האָט פריינדליך אויסגעשטרעקט דיא האנד צו לעווענבערג׳ן:

— הערר דאָקטאָר לעווענבערג, ערלויבט אייך פאָרצושטעלען. דאָס איז הערר לעאָפּאָלד וויינבערגער.

„דער שותף פון דער פירמא „סאמועל וויינבערגער און זאָהנע“ אין ברין“, האָט נאָך צוגעלעגט דער אלטער לעפלער מיט א וויכטיגע און א פריינדליכע מינע.

דיאביידע הערען האָבען מיט פרייליכע פנים׳ער שטארק געדריקט דיא הענד ביי אנאנדער, און ביי דער געלעגענהייט האָט פריעדריך בעמערקט, דאָס הערר וויינבערגער קוקט עפּעס מיט איין אויג אָן א זייט און דאָס זיינע הענד זייַנען עפּעס צו פערשוויצט.

דאָס איז פריעדריך׳ן שטארק געפעלען, ווייל דאָס האָט פערטריעבען ביי איהם א געדאנקען, וואָס איז איהם דורך וויא א בליטץ דור׳ן מח, בשעת ער איז אריין אין זאל. ערנעסטינע דיא כלה פון אזא נפש, — דאָס גלויבט זיך עפּעס ניט! ער האָט דיא אויגען ניט געקענט אָברייסען פון איהר, קוקענדיג אויף איהר שלאנקע פיגור, אויף איהר חנופדיג געזיכט, אויף איהר שעהן קעפּעלע, וואָס האָט זיך איצט אזוי ליעבליך געניינט. אנדערע נייע געסט זיינען געקומען און ער האָט

געמוזט אוועקגעהן אָן א זייט. נור איין הערר וויינבערגער פון ברין טשעפּעט זיך ניט אָב פון ערנעסטינען און לאָזט זיא אויף א סעקונדע ניט אָב.

פריעדריך האָט זיך גענומען ערקונדיגען ביי שיפּמאַנען:

„דער הערר וויינבערגער מוז מן הסתם זיין א אלטער בעקאנטער פון לעפּלער'ס הויז?"

„עס הייבט זיך ניט אָן", ענטפערט שיפּמאַן, „דיא לעפּלערס קענען איהם זייט צוויי וואָכען, אָבער ער איז א שותף פון א פיינע טוכפירמע".

„וואָס איז פיין, דאָס טוך אָדער דיא פירמע?", האָט פריעדריך געפרעגט מיט א שמייכעל און אין הערצען האָט ער געפונען א טרייסט: „א מענש וואָס מען קען זייט צוויי וואָכען קען דאָך ניט מיט איינמאָל ווערען א חתן פון ערנעסטינען".

„אי דאָס אי יענעס", ענטפערט שיפּמאַן, „סאַמועל וויינבערגער קריעגט געלד אויף פיער פּראָצענט. א פּרימא סוחר. און בכלל הייגט איז עפּעס ונויפגעקומען א געהויבענע געזעלשאַפט. זעהט נאָר: דער דארער מיט דיא גלאַטצעדיגע אויגען איז שלעזינגער, דער פּראָקוריסט פון באראָן גאָלדשטיין. ער איז א מנול'דיגער מענש, אָבער מען האָט איהם זעהר ליעב.

„פּאר וואָס?"

„וואָס הייסט, פּאר וואָס? ווייל ער איז דער פּראָקוריסט פון באראָן גאָלדשטיין! קענט איהר דעם מיט'ן גרויען באקענבאַרד? דעם אויך ניט? צו זייט איהר פון הימעל אראָבגעפאַלען? דאָס איז דאָך דער גרויסער ספּעקולאַנט לאשנער, איינער פון דיא גרעסטע בערזעמענשען, ער שפּיעלט זיך ארום מיט עטליכע טויזענד עפעקטען, וויא מיט א פילקע. איצט איז ער גראָד רייך, הלואי אויף מיר געזאָגט, צו וועט ער אָבער איבער א יאהר אין דער צייט עפּעס פערמאָגען, ווייס איך ניט. הייגט טראָגט זיין ווייב דעם רייכסטען ברילּיאַנטענשמוק... דיא דאַמען ארום וואָלטען זיא פערשלונגען פאר קנאה".

פרוי לאַשנער איז געזעסען אין א ווינקעל פון זאַל מיט א סך זעהר פערפּוצטע דאַמען, און מען האָט מיט גרויס היטיז גערעדט פון היט. דיא איבריגע קופּקעלעך מענשען האָבען זיך נאָך געפיהלט לעבלעך, וויא פאר דער וועטשערע. עס זיינען געוועזן איינינע וואָס האָבען שוין געוואוסט פון דער איבערראַשונג, פון וואָס שיפּמאַן האָט נאָך גערעדט אין קאַפעהויז וויא פון א סוד־מעשה. זיי האָבען זיך גע'סוד'עט און אריינגעשושקעט איינער דעם אנדערען עפּעס אין אויער אריין. פריעדריך האָט זיך געפיהלט עפּעס ניט נחת'דיג אויפ'ן הערצען און ער האָט

אליין ניט געוואוסט פאר וואָס. אין דער געזעלשאַפט האָט ער נאָך שיפּמאַנען געשפּיעלט דיא קלענסטע ראָלע. צו אנדערע צייטען פלעגט ער דאָס זעלטען בעמערקען, ווייל ערנעסטינע פלעגט זיך צוזעצען צו איהם, בשעת ער פלעגט קומען. הערר וויינבערגער פון ברין האָט געמוזט זיין זעהר א גוטער אונטערהאלטער. און נאָך עפּעס האָט איהם געדריקט אויפ׳ן הערצען און ארויסגערופען א געפיהל פון הכנעה. ער און שיפּמאַן זיינען געווען דיא איינציגע, וועלכע זיינען ניט [illegible]מען אין פראק אָדער אין סמאָקינג, און האָבען געהאט אויף זיך א שווארצע ווײזיט־ראָק. און דורך האָבען זיי עפּעס אויך געקראָגען א פּנים פון איידעלע קבצנים. גלייכער פאר אלץ וואָלט געווען אוועקצוגעהן, נאָר אויף אזוי ווייט [illegible] ער שוין ניט געהאט ביי זיך דעם מוטה.

דער גרויסער זאַל איז שוין געווען פול און אריבער. עס האָט אויסגעוויעזען, אז מען ווארט נאָך אויף אימיצען. פריעדריך האָט זיך געוואונדערט וועגען דעם צו זיין אח לצרה; שיפּמאַן האָט טאקי אויך געוואוסט, ווייל ער האָט אָקאָרסט דערכאַפּט א ווערטעל פון דער בעל הבית׳טע מאַדאם לעפלער.

„מען ווארט נאָר אויף גרין און בלוי“.

„וואָס איז דאָס?“.

„וואָס? איהר קענט ניט גרין און בלוי? צוויי פון דיא קליגסטע און שארפסטע קעפּ אין וויען. אָהן זיי הויבט זיך ניט אָן קיין געזעלשאַפט, קיין חתונה און קיין שמחה׳לע, א טהייל זאָגען גרין איז דער שארפער מוח, א טהייל—אז בלוי שאָקעלט איהם פון ארבעל ארויס. גרין מאכט וואָרטשפּיעלרייען, קונצען מיט א לשון נופל אויף א לשון און בלוי מאכט גלייכווערטלעך איבער דיא געסט. בלוי האָט שוין טאקי ניט איינמאָל פּעטש געקראָגען, אָבער כאָטש ווארף איהם א קאַץ אין דיא אויגען, ער האָט שוין אזא צורה, זיינע באקען ווערען אפילו ניט רויט, ווען מען פּאטשט זיי. ביי דיא רייכע פיינע יודישע בעלי הבתים האָט מען זיי זעהר ליעב. נור צווישען זיך לעבען זיי ניט אין שלום. נאטירליך, זיי זיינען דאָך קאָנקורענטען“.

אין זאַל איז געוואָרען א קליינער טומעל, הערר גרין איז אריינגעקומען, א לאנגער דארער יוד מיט א רויטליכען באָרד און א פּאָר אויערען, וואָס זיינען משונה׳דיג ווייט אָבגעשטאנען פון קאָפּף. הערר בלוי פלעגט זיי אָנרופען „דיא אויערען אָהן א זוים“, ווייל דער אויבערשטער ברעג פון זיי איז ניט געווען צום אויערמושעל צוגעוועלגערט, נאָר איז געווען פלאך אויסגעשפּרייט.

ערנעסטינעס מוטער איז צוגעגאנגען צום בעריהמטען ווײצלינג און האט איהם פרײנדליך אויסגערעדט:

„שטײמיץ, וואס קומט איהר דאס אזוי שפעט, הערר גרין?“

„ווײל איך האב ניט געקענט קומען שפעטער“, האט ער געענטפערט מיט א וויץ. אלע וואס האבען דאס געהערט האבען מיט א דאנקשמייכעלע צוגע־שאקעלט מיט'ן קאפ. אבער א שאטען איז אריבער איבער גרינ'ס פנים: בלוי איז געקומען.

הערר בלוי, א מיטעלגעוואקסענער יוד פון אונגעפעהר 30 יאהר, האט גע־האט א גלאט אבגעגאלטען פנים, און אויף דעם שטארק געקרימטען נאז האט ער געטראגען א פענסנע.

„איך בין געווען אין וויענער טהעאטער, וואו מען האט צום ערשטען מאל געגעבען א נייעם טהעאטער־שטיק“, האט בלוי דערצעהלט, „נאך'ן ערשטען אקט בין איך אוועקגעגאנגען“.

דיא ידיעה האט אלעמען פעראינטערעסירט, דאמען און הערען האבען בלוי ארומגערינגעלט און ער האט ווייטער דערצעהלט:

„דער ערשטער אקט איז, צו מיין גרויס פערוואונדערונג, ניט דורכגעפאלען“.

פרוי לאשנער האט מיט א בעפעהלענדער שטימע צוגעשריען צום מאן:

„מאריטץ, איך וויל מארגען זעהען דאס טהעאטער שטיק“.

בלוי האט ווייטער געזאגט: „דיא פריינד פון דעם פערפאסער, וואס האט געשריעבען דיא ווערטער צו דער מוזיק, האבען זיך זעהר גוט אונטערהאלטען דערביי“.

„אזוי גוט איז דיא אפערעטע, בלוי? האט געפרעגט הערר שלעזינגער, דער פראקוריסט פון באראן גאלדשטיין.

„ניין, אזוי שלעכט איז זיא געווען. דיא פריינד פון דעם פערפאסער אונ־טערהאלטען זיך נאר דענסמאלסט, ווען דאס טהעאטער שטיק איז שלעכט“.

מען האט זיך געלאזען געהן צום טיש. דאס גרויסע עס־צימער איז געווען צו קליין פאר די היינטיגע געזעלשאפט. מען איז געזעסען ענג צוזאמענגעדריקט. ערנעסטינע נעבען ווייגבערגער. פריעדריך און שיפמאן האבען געמוזט פערנעהמען דיא ערגסטע פלעצער ביי'ן עק פון טיש.

צום אנפאנג האט זיך דאס קלאפערייא און קלינגעריי פון טעלער, מעסער און גאפעל מעהר געהערט וויא דיא שטימען ביי דער טיש־אונטערהאלטונג. הערר בלוי האט זיין קאנקורענטען צוגעשריען איבער'ן טיש:

„גרין, עסט נים אזוי רעש'דיג, מען הערט צוליעב דעם נים דעם אייגענעם פיש אין טעלער!“.

„איהר זאלט טאקי נים עסען קיין פיש, זאנדערן געפיהלטע קנאה־קניידלעך“.

דיא אנהענגער פון הערדן גרין האבען זיך פערנאנדערגעלאכט. דיא וואס האבען געהאלטען נאר פון בלוי האבען געפונען, אז דער וויטץ טויג אויף כפרות.

אבער דיא אויפמערקזאמקייט פון דיא געסט האט זיך אבגעווענדעט פון די וויצלינגע, בשעת עס האט זיך אויפגעהויבען א עלטערער הערר, וועלכער איז געזעסען נעבען פרוי לעפלער, און האט עפעס מיט א ביסעל א צו הויכער שטימע געזאגט:

„ביי אונז אין מעהרען ווערט דיא לאגע אויך שלעכטער. אין דיא קליינע לאנד־שטעדטלעך זיינען אונזערע לייט אין סכנה. ווען דיא דייטשען זיינען פערטראגען שלאגען זיי אוים ביי דיא אידען די פענסטער. איז עפעס די טשעכען נים גוט אויפ'ן הארצען, מאכען זיי ביי דיא יודען א פאגראם. דיא ארעמע יודען הייבען אן אויסצואואנדערן, זיי ווייסען אבער נעבעך נים וואוהין זאלען זיי געהן“.

„מאריץ“, האט דערוויילע פרוי לאנשער געשריען, „איך וויל איבערמארגען געהן אין בורג־טהעאטער“.

„לאז איצט צו רוה“, האט דער בערזע סוחר געענטפערט, „הערר דאקטאר וויים דערצעהלט אונז, וויא עס זעהט אוים ביי זיי אין מעהרען. אויף מיין ווארט גאר נים שעהן“.

סאמועל וויינבערג דער פאטער פון לעאפאלד, האט זיך אריינגעמישט אין געשפרעך.

הערר דאקטאר, איהר, וויא א ראבינער זעהט מיר דוכט זיך צו שווארץ“.

„וויים זעהט שטענדיג שווארץ“, האט א ווארף געטאהן א ווערטעל איינער פון דיא שפאס־מאכער, אבער קיינער האט עס נים אויפגעהויבען.

סאמועל וויינבערג האט וויימער גערעדט.

„איך פיהל מיך אין מיין פאבריק אויסער אלע סכנות. ווען מען זאל ביי מיר אנהייבען צו מאכען סקאנדאלען רוף איך דיא פאליציי אדער איך געה צום פלאטץ־קאמענדאנטען. ווען דער ערב־רב דערזעהט א ביקס, קריעגט ער שוין א ביסעל בושה“.

„דאס איז דאך אבער שוין א טרויעריגער מצב“, האט דער ראבינער מילד בעמערקט.

דער אדוואָקאט דאָקטאָר וואלטער, וועלכער האָט א מאָהל געהייטען פייגע־שטאָק, האָט נאָך צוגעלייגט.

„איך געדענק ניט ווער האָט דאָס געזאָגט: מיט שפּיצען פון דיא ביק־סען קען מען אלץ מאכען, אָבער זיך זעצען אויף זיי איז ניט אזא מאכל“.

„איך זעה שוין“, האָט לאשנער געזאָגט, „מיר ווען אלע מוזען טראָגען דיא געלע לאַטע“.

„אָדער אויסוואנדערן“, האָט דאָקטאָר וויס געזאָגט.

„איך בעט אייך, וואוהין?“ — האָט דאָקטאָר וואלטער געפרעגט, „אפילו אין פרייען לאנד פראנקרייך האָבען דיא אנטיסעמיטען דיא אויבערהאנד גע־קראָגען.“

דאָקטאָר וויס אָבער, א אָרימער ראבינער אין א קליין מעהריש שטעדטיל, וועלכער האָט ניט אָנגעהויבען צו וויסען אין וואָס פאר א חברה ער איז דאָ אריינגעפאלען, האָט געפּרובירט, ניט אין גאנצען זיכער ביי זיך, צו מאכען איין איינווענדונגג: זייט עטליכע יאָהרען איז דאָ א בעוועגונג, וואָס מען רופט דאָס די ציוניסטישע. זיא וויל מאכען א סוף פון דער יודענפראגע דורך א גרויסארטיגע קאָלאָניזאציאָן. אלע וועלכע קענען מעהר ניט אויסהאלטען זאָלען געהן אין אונ־זער אלטען היים, קיין פּאלעסטינא.

ער האָט גערעדט גאנץ רוהיג און האָט גאָר ניט בעמערקט, וויא דיא פּנים'ער ארום איהם האָבען ביסלעכווייז אָנגעהויבען צו שמייכלען, און ער איז געוואָרען אמת צו מישט, בשעת ביי'ן וואָרט „פּאלעסטינא“ האָט פּלוצלונג אויס־געבראָכען א הויכער געלעכטער. מען האָט געלאכט אויף אלערליי בייקול'כלעך. דיא דאמען האָבען געכוכוקעט. דיא הערען האָבען געברומט און געהירזשעט. נאָר איין פריעדריך האָט איינגעזעהן, וויא גראָב דאָ סאיז, אזוי בענעהמען זיך קעגען דעם אלטען ראבינער.

בלוי האָט בענוצט דיא ערשטע געלעגנהייט, בשעת דער געלעכטער איז שטילער געוואָרען, אום צו דערקלערען: „ווען אין דער היינטיגער אָפּערעטע וואָלט געוועזן חאָטש איין איינציגער וויץ, ווי דער, וואָלט אונז שוין גוט און וואויל געווען“.

גרין האָט געשריען: „איך אָלט געווען א געזאנדטער אין וויען פון דער יו־דישער מלוכה“.

נאָך א מאָהל האָט מען זיך פאנאנדער געלאכט. עטליכע האָבען געשריען: „איך אויך, איך אויך!“

בלוי האָט אָבער ערנסט בעמערקט: „רבותי, אלע קענען דאָס ניט ווערען. איך רעכען, אז דיא עסטרייכישע רעגיערונג וועט ניט וועלען האָבען אזוי פיעל אידישע אָבגעזאָנדטע. איהר מוזט שוין זוכען אנדערע שטעלען“.

דער אלטער ראבינער איז אָבער געווען זעהר פערשעהמט און האָט שוין ניט אויפגעהויבען דיא אויגען פון טעלער. דיא שפּאסמאכער גרין און בלוי האָבען זיך מיט השק גענומען צו דעם ענין. זיי האָבען צוטהיילט דיא נייע מלוכה און האָבען געשילדערט דאָס לעבען דאָרט. שבת וועט זיין געשלאָסען דיא בערזע. דער מלך וועט שענקען דיא לייט, וואָס האָבען געבראכט נוטצען דעם פאטערלאנד אָדער דער בערזע, א „דודסאָרדען“ אָדער דעם „אָרדען פון פליישיגען שווערד“. ווער וועט אָבער זיין דער מלך?

„עס פערשטעהט זיך, אז באראָן גאָלדשטיין“, האָט בלוי געזאָגט.

הערר שלעזינגער, דער פּראָקוריסט פון דעם דאָזיגען בעריהמטען באנקיר, האָט מיט א פערדראָס געזאָגט: „איך בעט אייך דיא פּערזאָן פון העררן באראָן ניט אריינצוציהען אין אייערע וכוחים, צו וועניגסטען, דענמאָלסט ניט, בשעת איך בין דערביי“.

כמעט אלע האָבען געשאָקעלט מיט דיא קעפּ איהם גערעכטגעבענדיג, דער שפּאסמאכער בלוי האָט מאקע מאנבעס מאָהל א צו לויזע מויל. אריינצומישען אין דעם וכוח דיא פּערזאָן פון באראָן גאָלדשטיין. — דאָס איז שוין א ביסעל צופיעל. הערר בלוי אָבער האָט זיך גאָר ניט בערוהיגט: „דער מיניסטער אויף דינים און משפּטים וועט זיין ד"ר וואלטער. מען וועט איהם געבען איין אדעלסטיטעל מיט'ן נאָמען „פאָן פייגעלשטאָק“. וואָלטער איידעלמאן פאָן פייגעלשטאָק“.

אלע האָבען געלאכט. דער אדוואָקאט איז רויט געוואָרען, הערענדיג זיין פאָטערס פאמיליע, און האָט צוגערופען דעם וויצלינג:

„איהר האָט שוין א צייט מן הסתם ניט געפיהלט א פרעמדע האנד אויף אייער באק!“

גרין דער וואָרטשפּיעלער, אָבער מעהר פאָרזיכטיג. האָט עפּעס אריינגעשושקעט אין אויער דער דאמע וואָס איז געזעסען נעבען איהם. עס איז געווען א געמיש פון „אויער, פייג און שטאָק“.

פרוי לאשנער האָט זיך ערקונדיגט: „צו וועט אויך אין פּאלעסטינא א טהעאטער זיין, אז ניט גע'ה איך ניט אהין“.

— „וויא דען, גענעדיגע פרוי". האט זיא גרין בערוהיגט, „ביי דיא גרויסע יום־טוב'דיגע פארשטעלונגען וועלען צונויפקומען אלע אונזערע יודעלאך, דער גאנצער פני".

דערויף האט דר. וויים ניט אין גאנצען זיכער ביי זיך געזאגט: „פון וועמען שפעט איהר דא אפ, רבותי, סיידען פון זיך אליין".

„וויא דען, מיר זאלען ניט לאכען?!" האט בלוי געזאגט.

„איך בין שטאלץ ביי זיך וואס איך בין א איד, דען ווען איך וועל ניט זיין שטאלץ בלייב איך דאך אלץ א איד, איז שוין גלייכער צו זיין שטאלץ ביי זיך", האט לאשנער ערקלעהרט דעם עולם.

אין דעם אויגענבליק זיינען ארויס דיא דיענערשאפט אום צו ברענגען דיא וויטערדיגע געריכטען. דיא ווירטהין האט דערביי געמיינט:

„אן געגענווארט פון דיענערשאפטען זאל מען בעסער ניט ריידען פון אידי־שע זאכען".

בלוי האט באלד א זאג געטאהן: „איך בעט אייך אום ענטשולדיגונג, גנע־דיגע פרוי, איך האב גאר ניט געוואוסט, אז אייערע דיענערשאפטען וויסען ניט אז איהר זייט אידען".

עטליכע האבען זיך פאנאנדער געלאכט.

„נו מילא, האט שלעזינגער געזאגט מיט א בעזעסענקייט, „אבער שרייען אין דיא גאסען דערפון איז קיינער ניט מחויב".

מען האט אריינגעבראכט שאמפאניער. שיפמאן האט לעווענבערגען א שטויס געגעבען מיט'ן עלענבויגען:

„איצט וועט דאס ארויס אויפ'ן טעלער".

„וואס וועט ארויס?"

„פערשטעהט איהר נאך אלץ ניט וואס דא טהוט זיך?" ניין, פריעדריך האט נאך אלץ ניט ארויסגעקראגען דעם סוד. נאך אין א מינוט ארום איז איהם געווא־רען אלצדינג קלאהר.

הערר לעפלער האט מיט'ן מעסער א קלינג געטאהן אן גלאז און איז אויפגע־שטאנען פון זיין פלאטץ. עס איז שטיל געווארען. דיא דאמען האבען זיך אנגע־לעהנט אויף צוריק אין דיא זעסלען. דער שפאס מאכער בלוי האט נאך שנעלל אריינגעכאפט א ביסען אין מויל און בשעת לעפלער האט גערעט האט ער די גאנ־צע צייט געקייט.

„מיינע זעהר געשעצטע פריינד! איך בין אין דער אנגענעהמען לאגע אייך

מיטצוטהיילען א פריילּיכע בשורה. מיינע טאָכטער ערנעסטינע האָט זיך מיט העררן לעאָפּאָלד וויינבערגער פון ברין, דעם שותּף פון דער פירמא „סאמועל וויינבערגער און זעהנע“ פערלאָבט. חתן כלה מזל-טוב! מזל-טוב!“.

:מזל-טוב! מזל-טוב!““ אלע זיינען אויפגעשטאנען פון זייערע ערטער. עס האָבען געקלונגען דיא גלעזער. מען איז געגאנגען ארום דעם טיש, מען איז צו צו דיא עלטערן, צו חתן כלה, מזל-טוב ווינשענד.

פריעדריך לעווענבערג איז אויך מיטגעגאנגען. האָטש פאר דיא אויגען איז אהם געווען וויא א וואָלקען. א רגע לאנג איז ער געשטאנען פאר ערנעסטינען און האָט מיט א ציטערענדע האנד צוגעטראָגען זיין ווייןגלאָז צו איהר באָקאל. זיא האָט צערשטרייט פערביינעקוקט.

דערנאָך זיינען ביין טיש דיא הערצער פרעהליכער געוואָרען, עס האָט זיך גע-שאָטען א טאָסט נאָך א טאָסט.

שלעזינגער האָט געהאלטען איין ערנסטע רעדע לויט זיין כבוד נאָך. גרין און בלוי האָבען בעוויעזען וואָס זיי קענען, גרין האָט געזאָגט, „טייטשען“ אויס-גערעהט דיא ווערטער, און בלוי האָט געמאכט אלערליי מיאוסע וויצליך וועגען דיא געסט ביי'ן טיש. דיא געזעלשאפט איז געוואָרען לעבעדיג, לוסטיג.

פריעדריכ'ן איז דאָס אלץ געקלונגען וויא פון דער וויימען, און עס איז איהם געווען צו מוטה, וויא ער וואָלט געווען ארומגענומען פון א געדיכטע חמאָ-רע, אוואו מען זעהט נים זיין אייגענעם גוף, און עס פערכאפּט דעם אָטהעם.

דיא מאָהלצייט האָט זיך געענדיגט. פריעדריך האָט נאָר געהאט איין געדאנ-קען, גיכער פּטור צו ווערען פון דער געזעלשאפט. איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אז ער איז א איבעריגער דאָ. א איבעריגער אין דער שטאָדט, אין דער גאנ-צער וועלט; אָבער, בשעת ער האָט זיך געוואָלט שטילערהייט ארויסרוקען, איז איהם אויפ'ן וועג אָנגעקומען ערנעסטינע. און בשעת זיא האָט איהם אָפּגעשטעלט האָט איהר שטימע אזוי ליעבליך געקלונגען.

„איהר האָט מיר נאָך נאָר נים געזאָגט, הערר דאָקטאָר“.

„וואָס זאָל איך אייך זאָגען, פריילין ערנעסטינע ?..... איך ווינש אייך פיעל גליק, יא פריילין, איך ווינש אייך פיעל גליק צו דער פערלאָבונג“.

אָבער דער חתן איז שוין ווידער געשטאנען נעבען איהר, ער האָט זיא אָנ-גענומען ביי דער טאליע, וויא מען נעהמט אָן א חפץ, א כשר פערדיענטען, און האָט זיא אראָפּגעפיהרט אָן א זייט. זיא האָט געשמייכעלט.

III.

בשעת פריעדריך לעוועגבערג איז ארויס אין דיא ווינטערנאכטסלופט האָט ער זיך אליין געפרעגט, וואָס האָט איהם מעהר פאר אלעמען אָבגעשטויסען: צו דאָס וואָס וויינבערג קוקט שוין אויף ערנעסטינען ווי אויף זיין אייגען כלי בית, צו דאָס שמייכעלע איהר׳ס, וואָס האָט איהם ביז היינט אזוי שטארק געפעהלען. רבונו של עולם! אין גאנצען קען דער „מיט־שותף" זיא זייט פערצעהן טאָג און האָט שוין דאָס רעכט, צו לייגען זיין שווייסיגע האנד אויף איהר צארטען לייב. וואָס פאר א מיאוסער האנדעל! א שעהנער חלום איז צורונגען געוואָרען. דער „מיט־שותף" האָט מן הסתם געלד, און ער איז אָרעם. אין דיא חייזער, וואו מען זוכט נאָר פערגעניגען און רוחים — איז געלד אלץ. און פון דעסטוועגען איז ער געוועזן אבהענגיג פו דעם אידישען רייכען בעלי הבית׳שען קלאַסס. מיט דיא לייט און פון דיא לייט מוז ער ציהען זיין פרנסה, ווארום ביי זיי קען ער אויסארביימען זיין פראקטיקע. אז עס געהט שוין זעהר גוט, קען מען ווערען דער שטענדיגער אדוואָקאט פון א לאשנער! צו קריגען אזא קונד וויא באראָן גאָלדשטיין, —דאַרף מען שוין האָבען א טייוועלשען מזל, שוין לייכטער ארויסצוציהען דעם גרויסען געווין־צעטעל; פראקטיקע איז שוין גאָר ניט צו קריעגען. היינט וואָס זאָל מען טהון? אָדער מען נעהמט זיך א דרך וואָס פאסט פאר אזא הויז וויא דיא לעפלערס, מען לעבט דאָס אייגענע מגושם׳דיגע לעבען וויא זיי, מען פערטהיידיגט דיא אינטערעסען פון דיא בערזען־ספעקולאנטען און קריעגט אלס בעלוינונג דערפאר, אין א יאָהר צעהן ארום, דערנאָך וויא מען האָט זיך אָרענטליך אויפגעפהרט, א אייגענע קאנצעלאריע, או מען מעג שוין פערלאנגען דיא האנד און דעם נדן פון א רייך מיידעל, וואָס האָט חתונהמיט׳ן ערשטען בחור, נאָך א בעקאנטשאפט פון פערצעהן טעג; אָדער, ווען אזא פיהרונג עקעלט אָפּ, קלייבט מען אוים א לעבען פון אָרימקייט און איינזאמקייט.

מיט דיא געדאנקען איז ער ווידער געשטאנען פאר דעם קאפעהויז בירקענרייז. וואָס זאָל ער דען אָנהויבען צו טהון אין זיין שטיבעל איינער אליין? עס איז געוועזן נאָך א זייגער צעהן. זיך שלאָפען לייגען? יאָ, כיבע דאָס וואָלט שוין געוועזן דער אייביגער שלאָף....

פאר דער טיחר פון קאפעהויז האט ער זיך כמעט אויסגעגליטשט צוליעב עפּעס א קליינעם מענשליכען קערפּער, אוים'ן טרעפּעל פון איינגאנג איז געזעסען צוזאמענגעדרעהט א אינגעל. פריעדריך האט איהם דערקענט, דאס איז געווען דאס אייגענע אינגעל, וועמען ער האט פריהער געגעבען א נדבה.

ער האט איהם גראָב געפרעגט: „דוא בעטעלסט שוין ווידער?"

דער אינגעל האט געענטפערט מיט א שטימע פון א דערפראָרענעם: „איך וואַרט אויף'ן טאטען". דאס אינגעל איז אויפגעשטאנען און האט אָנגעהויבען צו פאָכען מיט דיא אָרעמס, זיך אביסעל צו דערוואַרמען. פריעדריך איז געווען אזוי אומגליקליך, דאס ער האט שוין אויף דאס פרירענדיגע קינד ניט געהאט קיין רחמנות.

ער איז אריין אין דעם אָנגערויכערטען קאפע הויז און און האט זיך געזעצט אויף זיין געוועהנליכען פלאץ ביים לעזע-טיש. אין דער צייט איז דער לייזונג אין קאפע שוואך. נאָר אין דיא עקען פון צימער זיינען נאָך געזעסען עטליכע פער-שפעטיגטע קאַרטען-שפּיעלער, וועלכע האָבען זיך ניט געקענט צושיידען, אלע ווייל'ע האבען זיי זיך שוין געמאכט א הסכם ארומצוגעהן דעם טיש צום לעצטען מאָל, „א פארך זאָל איך זיין" אויב ניט צום לעצטען מאָל! עס האט אָבער ווע-ניג וואָס געהאָלפען.

פריעדריך איז געזעסען א רעכטע ווייל'ע און געקוקט פאר זיך מיט פער-גליווערטע אויגען, דערנאָך איז געקומען א פּלוידערזאק, זיינער א בעקאנטער. פריעדריך האט זיך פארדעקט מיט א צייטונג, כדי יענער זאָל מיינען, דאס ער איז פארנומען מיט'ן לייענען. אָבער וויא ער האט נאָר א קוק געטאָהן אויף'ן בלאט האט זיין בליק צופעליג דערזעהן די מודעה, פון וועלכער שיפמאן האט מיט איהם פריהער גערעדט:

„מען זוכט א געבילדעטען און א פערצווייפעלטען יונגען מאן, וואָס איז גרייט צו מאכען מיט זיין לעבען דעם לעצטען נסיון. אָנפרעגע קען מען אונטער דעם נאָמען פון נ. א. באַ־י ביי דער עקספּעדיציע", ווי וואונדערליך! איצט איז דער אויפרוף פאר איהם וויא אָנגעמאָסטען. א לעצטען פּרוב! דאס לעבען איז איהם פּיי וויא סיי נמאס געוואָרען. איידער עס אוועקצושליידערן ווי זיין חבר היינריך האט געטאָהן, קען מען דאָך נאָך עפּעס אונטערנעהמען. ער האט גע-בעטען ביים קעלנער א קארטענבריעף און האט געשריעבען צו נ. אָ. באדי דיא עט-ליכע ווערטער:

„איך בין דער, וואָס קען פאר אייך טויגען, דר. פריעדריך לעווענבערג, באהנ־גאסע 67.

בשעת ער האָט דעם בריעף צוגעקלעפּט איז אימיצער צוגעגאנגען צו איהם פון הינטען:

„צו דארפען זיי צאָהן־בערשטלאך, הויזענטרעגער, העמד־קנעפּלעך?“

מיט צאָרן האָט פריעררריך אָפּגעשטויסען פון זיך דעם קלעק, דעם פּעדלער. מיט א זיפץ האָט זיך דער פּעדלער אָפּגעטראָגען אָן א זייט, ווארפענדיג א בליק פיל פון פחד אויף דעם קעלנער, וועלכער קען איהם אלע ווײלע ארויסיאָגען. פריעדריך האָט שוין חרטה געקריגען, וואָס ער האָט אָנגעיאָגט אזא אימה אויפ'ן אָרעמען מענשען. האָט אהם צונערופען צו זיך און אריינגעוואָרפען אין פּעדלער קעסטעל א 20 קרייצער מטבע. דער פּעדלער האָט איהם ווייטער אָנגעבאָטען זיין סחרוה:

„איך בין ניט קיין בעטלער.... איהר מוזט עפּעס ביי מיר קויפען. אז ניט, קען איך ביי אייך דאָס געלד נימ נעהמען.

פון יוצא ווענען האָט פריעדריך גענומען ביי איהם א העמד־קנעפּעל. דער פּעדלער האָט זיך בעדאַנקט און איז אוועקגעגאנגען. פריעדריך האָט גלייכגילטיג איהם נאָכגעבליקט, וויא ער איז צו צום קעלנער און איהם אָבגעגעבען דיא 20 קרייצער. דער קעלנער האָט פון א קאָרב ארויסגענומען אלטע בולקעלעך און האָט זיי אוועקגעגעבען דעם פּעדלער, וועלכער האָט זיי האסטיג אריינגערוקט אין דיא עשעניעס.

פריעדריך האָט זיך אויפגעהויבען אוועקצוגעהן. ארויסגעהענדיג האָט ער ווידער דערזעהן דאָס דערפרוירען איינגעל, זיצט אָבער צוזאמען מיט'ן פּעדלער, וועלכער האָט איהם דערלאנגט די הארטע בולקעלאך, אָט דער איז דער טאטע פון איינגעל.

איך גיב איהם, גנעדיגער הערר דיא בולקעלעך, אז ער זאָל זיי אהיים טראָגען צו מיין ווייב. דאָס איז היינט מיינע ערשטע ליזונג“.

„מאַקי אויף אן אמת?“ האָט פריעדריך אָנגעהויבען פאָרשען.

„הלואי וואָלט דאָס אזוי ליעגען געווען, וויא עס איז וואָהר“, האָט ער געענטפערט מיט אקרעכץ. „פון אומעטום יאָגען זיי מיך ארויס. אז איך קום האנדלען, ווערט מען געבאָרען א איד, איז שוין גלייכער צו געהן זיך טרינקען“.

פריעדריך, וועלכער האָט זיך מיט א מינוט פריהער אָבגערעכענט מיט'ן לעבען האָט פּלוצלונג געפונען א געלעגענהייט, זיך מיט עפּעס מתעסק צו זיין, אימיצען צו העלפען. זיינע געדאנקען האָבען גענומען אַן־אנדער ווענדונג. דעם קארטענבריעף האָט ער אראָבגעלאָזען אין פּאָסטקעסטעל. דערנאָך איז ער געגאנ־

נען וויטער מיט'ן פעדלער און זיין קינד. און האט זיך צוגעהערט צו דעם, וואס מען האט איהם דערצעהלט:

„מיר זיינען געקומען פון גאליציען. אין קראקאו האב איך געוואוהנט אין איין חדר מיט נאך דריי שכנים. מיר האבען געלעבט פון ווינד, האב איך געמיינט, אז ערגער קען שוין ניט זיין, בין איך מיט מיין ווייב און מיינע קינדער געקומען אהער. ערגער איז דא טאקע ניט, אבער בעסער אויך ניט".

„וויא פיעל קינדער האט איהר?"

דער פעדלער האט געהענדיג אנגעהויבען צו וויינען: „פינף האב איך גע־האט. דריי זיינען מיר געשטארבען, זיים מיר זיינען דא. איצט האב איך נאר אט דעם און דאס קליינע מיידעלע, וואס איז נאך ניט אנטוויינט פון דער ברוסט.... דוד, לויף ניט אזוי גיך".

דאס יונגעל האט זיך אמונגעדרעהט: „דיא מוטער איז געוועז אזוי הונגעריג, בשעת איך האב איהר געבראכט דיא דריי קרייצער פון דעם הערן".

„אזוי? איהר זיים עס געוועזן דער גוטער הערר?" האט געזאגט דער פעדלער און האט געוואלט אנגעהמען פריעדריך'ס האנד, זיא א קוש צו טאהן.

פריעדריך האט דיא האנד שנעלל צוריק געצויגען: „וואס איז דאס פאר אן ארט?.... זאג מיר, מיין קינד, וואס האט דיא מוטער דיינע געטאהן מיט דיא דריי קרייצער?"

„מילך האט זיא געקויפט פאר מרים".

„מרים איז אונזער צווייטע קינד", האט ערקלעהרט דער פעדלער.

„און דיא מאמע האט ווייטער געהונגערט?" האט פריעדריך געפרעגט מיט א רחמנות געפיהל.

„יא, הערר", האט דוד געענטפערט.

פריעדריך האט נאך געהאט ביי זיך עטליכע גולדען. צו זיינען זיי דא ביי איהם, צו ניט — איז שוין איצט, ווען ער האט שוין אבגערעכענט מיט זיין לעבען, קיין גרויסער חילוק ניט. ער קען דיא אונגליקליכע ראטעווען פון דער גרעסטען נויט, כאטש אויף א קורצער צייט.

„וואו וואהנט איהר?" האט ער געפרעגט דעם פעדלער.

„אויף דער בריגיטענויער לענדע. מיר האבען א חדר'ל, אבער מען האט אונז שוין אבגעזאגט פון דער דירה".

„גוט. איך וויל מיך איבערציינען, אויב אייער עלענד איז טאקע אזוי גרויס, איך געה מיט אייך אהיים".

„אדרבה“ האָט געזאָגט דער פּעדלער, „קיין נחת וועט איהר דערפון ניט האָבען, גנעדינער העדר, מיר ליגען אויף שטרוי. איך האָב גערעכענט צו געהן אין אנדערע קאַפּע הייזער, אָבער אויב איהר פערלאַנגט, געה איך מיט אייך אהיים“.

זיי זיינען אריבער דיא אוינאַרטענבריק צו דער בריגיטענויער לענדע. דוד, וועלכער איז איצט נאָכגעגאַנגען דעם טאַטען טריט ביי טריט, האָט שטילערהייט געפרעגט:

„טאַטע, קען איך נעהמען א שטיקעל פון דיא בולקעס?“

„עס. עס“, האָט געענטפערט דער פּעדלער, „איך וועל אויך א שטיקעל פערזוכען. עס וועט קלעקען פאַר דער מאַמע אויך“.

און דער מאַמע און דער זוהן האָבען שטאַרק געבראָכען מיט דיא צייהן דאָס פערהאַרטעוועטע ברויט, וואָס זיי האָבען ארויסגענומען פון דיא קעשענעס.

פאַר א הויך נייעם הויז ביי דער לענדע האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט. פון הויז האָט זיך געהערט דער פייכטער אָטהעם פון א פרישען בנין, דער פּעדלער האָט א ציה געטאָהן פאַרן גלאָק. קיינער האָט זיך ניט געריהרט. אין א ווײַלע ארום האָט ער ווידער א ציה געטאָהן און געזאָגט:

דער סטרוזש וויים שוין ווער עס קומט און האָט זיך צייט, א מאָהל שטעהט איך א שעה צייט. ער איז א גראָבער מענש. צייטענווייז, ווען איך האָב ניט פאַר איהם דיא פינף קרייצער פאַר'ן עפענען, האָב איך גאַר גיט דעם מוטה אהיים צו געהען.

„און וואָס טהוט איהר דאַמאָלסט?“ האָט פריעדריך געפרעגט.

„געה איך ארום אין דיא גאַסען ביז אין דער פריה. בשעת מען עפענט שוין דיא טהויערן“.

פריעדריך האָט זיך שוין אליין גענומען פאַרן גלאָק און האָט שטאַרק אָנגעהויבען צו קלינגען.

באַלד דאַרויף האָט זיך געהערט טריט הינטערן טהויער, פיס אין פּאַנטאָפּעל האָבען זיך געשלעפּט, שליסלען האָבען געקלונגען און דורך דיא שפּאַלטען איז דורך א שיין. דער טהויער האָט זיך געעפענט. דער סטרוזש האָט א הייב געטאָהן דיא לאַמטערן אקעגען זיי און געשריען:

„ווער רייסט דאָס אזוי פאַרן גלאָק? וואָס? דאָס יודענפּאַק?“

דער פּעדלער האָט זיך ענטשולדיגט א דערשראָקענער:

„נישט איך בין דאָס געווען, אָט דער העדר גאַר“....

דער סטרוזש האָט זיך געזידעלט: „א הזע דאָס איז!“

„דאָס מויל זאָלט איהר האלטען אין דיא רגע, גראָבער יונג!" האָט פריעד־ריך א טופּע געטאָהן מיט'ן פוס און האָט איהם צוגעוואָרפען א זילבערנע מטבע.

באלד וויא דער סטרוזש האָט דערהערט דעם קלאנג פון זילבער איז ער גע־וואָרען קליין ביי זיך און חכנעה'דיג געזאָגט:

„ניט איך האָב איך עס געמיינט, גנעדיגער העדר, אָט די יודען נאַר".

„שווייג און לייכט מיר דיא טרעפּ ארויף".

דער סטרוזש האָט זיך איינגעבויגען און אויפגעהויבען דיא מטבע. א גאנ־צע קראָנע. דאָס מוז געווים זיין א געהויבענער מענש.

„עס איז אויפ'ן פינפטען שטאָק", האָט געזאָגט דער פעדלער, „אפשר ועט אונז דער העדר הויזבעזאָרגער בארגען א שטיקעל ליכט".

„דעם ליטוואַק באָרג איך נים", האָט יענער געענטפערט, „אָבער ווען דער גנעדיגער העדר פערלאַנגט א ליכט....".

ער האָט באלד ארויסגענומען דאָס שטיקעל ליכט פון דער לאַמטערן און האָט עס געגעבען פריעדריכען. ער איז פערשוואונדען געוואָרען מיט א געברום. פריעד־ריך איז ארויף מיט ליטוואקען און מיט דוד'ן דיא פינף טרעפּען.

דאָס ליכט איז טאַקי זעהר נויטהיג געווען, ווייל ארום איז געווען פינסטער וויא אין א הייהל. אויך אין דעם חדר'ל מיט איין פענסטער ביי ליטוואקען איז ניט געווען קיין ליכט, האָטש דאָס וויב זיינס, וואָס האָט זיך אויסגעבעט אויף שטרוי, איז געזעסען אויף און געזעסען אויף איהר געלעגער. ביי דעם טונקעלען שיין פון ליכטעל האָט פריעדריך בעמערקט, דאָס דאָס ציםער האָט ניט קיין מעבעל, קיין שטוהל, קיין טיש קיין שאַפּע; אויפ'ן פענסטער ברעט זיינען געשטאַנען עט־ליכע פלעשליך און א פּאָר צובראָכענע טעפּלעך. עס איז געווען א בילד פון דער גרעסטען ארעמקיים. ביי דער שלאָפען ברוסט האָט דיא פרוי געהאַלטען א וויי־נענדיג קינד. מיט טיעף איינגעגראָבענע פחד'יגע אויגען האָט ליטוואקס ווייב געקוקט אויף דעם נייעם אורח.

— „ווער איז דאָס, חיים" האָט זיא ארויסגעקרעכצט מיט א אונרוהיגע שטיממע.

„א גוטער הערעלע", האָט זיא ליטוואַק בערוהיגט.

דוד איז צו צו איהר: „מאַמע, אָט איז ברויט", און האָט איהר דאָס אויסגעגעבען.

מיט גרויס מיה האָט זיא אָבגעבראָכען א שטיקעל דערפון און פאַמעלאַך ארייגעלייגט א ביסען אין מויל. זיא איז געווען שוואַך און אָבגעמאָגערט, אָבער

דאָס פערקרימטע געזיכט האָט נאָך געוויזען שפורען פון אמאָליגער שעהנקייט.

„אָט דאָ וואָהנען מיר“, האָט חיים געזאָגט מיט א ביטערען שמייכעל, „אָבער איך וויים ניט אפילו, אויב מיר וועלען האָטש נאָך דאָס האָבען איבערמאָרגען. מען האָט אונז שוין אָבגעזאָגט פון דער דירה“.

דיא פרוי האָט הויך אָבגעזיפצט. דוד האָט זיך צוזאמענגעדרעהט אויף דעם שטרוי־געלעגער, און זיך צוגעטולעט צו דער מאמען.

„וויפיעל דארפט איהר, כדי צו קענען דאָ בלייבען?“ האָט פריעדריך גע־פרעגט.

„דריי גולדען“ האָט לימוואק געענטפערט, „איין גולדען און צוואנציג קריי־צער פאר דירה־געלד, און דיא איבריגע בין איך שולדיג דער בעל־הבית'טע. פון וואנען זאָל איך ביז מאָרגען דריי גולדען נעהמען? האָטש מיט דיא קינדער אין גאס זיך אויסציהען“.

„דריי גולדען האָט דיא פרוי שטיל נעיאָמערט.

פריעדריך האָט אריינגעשטעקט דיא האנד אין דיא קעשענע. ער האָט גע־האט אכט גולדען ביי זיך. דאָס האָט ער אוועקגעגעבען דעם פעדלער.

„גאָט דו גערעכטער! צו מיינט איהר דאָס אויף וואָהר?“ האָט חיים אויס־נערופען, און טרערען זיינען איהם גערונען איבער דיא באקען. „אכט גולדען, רבקה! דוד! גאָט האָט זיך דערבארעמט אויף אונז! געלויבט איז זיין נאָמען!“

רבקה איז ארויס פון דיא כלים. אויף דיא קניע האָט זיא זיך געשטעלט צו דעם רעטער זייערען. אויף'ן רעכטען אָרעם האָט זיא געהאלטען דאָס שלאָפענדע וויקעלקינד, מיט'ן לינקען האָט זיא געזוכט פריעדריך'ס האנד אָנצוגרייפען און קושען.

ער האָט האסטיג צוגענומען דיא האנד.

„מאכט זיך דאָך ניט צום נארען! פאר מיר האָבען דיא פאָר גולדען קיין ווערדע ניט, עס איז קיין חלוק ניט צו איך האָב זיי צו ניט... דוד, לייכט מיר ארונ־טער דיא טרעפען“.

רבקה איז צוריקגעפאלען אויף איהר געלעגער און האָט נעיאָמערט פאר פרייד. חיים לימוואק האָט עפּעס געמורמעלט א דאנק־געבעט אויף לשון קודש. פריעדריך איז דיא טרעפּ ארונטער, בעגלייט פון דוד'ן, וועלכער האָט הויך גע־טראָגען דעם ליכטעל. בשעת זיי זיינען שוין געוועזען אויף'ן צווייטען שטאָק האָט דוד זיך אָבגעשטעלט און געזאָגט:

„„אז גאָט וועט פון מיר מאכען א שטארקען מענשען, וועל איך איך אָב־צאָהלען“.

פריעדריכען האָט דער טאָן און דיא ווערטער פון דעם קליינעם סוחר'ל שטארק פערוואונדערט.

עס האָט זיך אין זיי עפּעס גערעהרט א פעסטינקייט, א פריהדערוואקסענע־נייסט.

„וויא אלט ביסט דו?" האָט ער איהם געפרעגט.

„מיר דוכט זיך — צעהן יאהר" האָט געענטפערט דוד.

„וואָס ווילסט דו זיין?"

„לערנען וויל איך, א סך לערנען".

פריעדריך האָט ניט ווילענדיג אָבגעזיפצט. „און מיינסט דו, אז דאָס קלעקט שוין?"

„יאָ — האָט פעסט געענטפערט דאָס יונגעל — איך האָב געהערט, אז מען לערנט, ווערט מען שטארק און פריי. נאָט וועט מיר בעהילפיג זיין דערצו, דערמאָלסט וועל איך און מיינע עלטערן און מרים געהן קיין ארץ־ישראל".

„קיין פאלעסטינא?" האָט פריעדריך געפרעגט פערוואונדערט, „וואָס וועסט דו דאָרט טהון?"

„עס איז אונזער לאנד, דאָרט קענען מיר גליקליך זיין".

עס איז נאָר ניט געווען אזוי חוזק צו הערען, וויא דאָס אָרעמע יונגעל האָט אין צוויי ווערטער בעשטימט זיין צוקונפט פּראָגראַם. פריעדריך האָט זיך געמוזט דערמאָנען אָן דיא נארישען שפאססמאכער גרין און בלוי, וואָס האָבען זיך געווי־צעלט איבער ציוניזמוס. דוד האָט נאָך צוגעלענט:

„און ווען איך וועל עפּעס פערדיענען, וועל איך אייך אָבצאָהלען".

„איך האָב דאָך דאָס געלד ניט דיר געגעבען נאָר דיין טאטען", האָט פריעדריך געשמייכעלט.

„וואָס מען ניט מיין טאטען, גיט מען מיר. איך וועל פאר אלץ אָבגילטען, פאר גוטס און שלעכטס".

דוד האָט עס ארויסגערעדט מיט א פעסטיגקייט און האָט פון זיין קליינער האנד געמאכט א פויסט קעגען דעם סטרוזש'ס וואָהנונג, וואו זיי זיינען איצט געשטאַנען.

פריעדריך האָט ארויפגעלייגט זיין האנד אויף דוד'ס קעפּעל:

„מעג דיר דער גאָט פון אונזערע אבות ביישטעהן".

און ער האָט זיך פערוואונדערט איבער זיינע אייגענע ווערטער, דערנאָך וויא ער האָט זיי ארויסגערעדט. זייט זיינער קינדהייט, האָט פריעדריך פערגעסען

„דעם גאָט פון אונזערע אבות“. דאָס זעלטענע בעגעגניש אָבער האָט אויפ־געוועקט אין איהם אלטע פערגעסענע בילדער און א רגע־לאנג האָט ער געפיהלט א בענגשאפט צו דער שטארקער אמונה פון זיין יוגענדצייט, בשעת ער איז נאָך געשטאנען אין נאָהענטע קרוב’שאפט מיט דעם גאָט פון זיינע אבות.

דער סטרוזש האָט זיך ארויסגעשארט. פריעדריך האָט איהם געזאגט:

„פון איצט אָן וועט איהר דיא אָרעמע מענשען לאָזען לעבען. ווען ניט, וועט איהר האָבען מיט מיר צו טהון. פערשטאנען וואָס מען זאָגט?

און אזוי וויא ביי דיא ווערטער האָט זיך בעוויזען א נייעם טרינק־געלד, האָט זיך דער גראָביאן בעגניגט דערמיט, „א קוס ד’האנד אייער גנאדען“ ארויס־צוברומען.

פריעדריך האָט דעם קליינעם דוד געדייכט דיא האנד און איז ארויס אויף די איינזאמע געלענדע.

IV.

אין דעם בריף, וואָס פריעדריך האָט געקריגען פון נ. א. באָדי, האָט מען איהם פערבעטען אין א רייכען האָטעל אויף דער רינגשטראסע. צו דער בעשטימ־טע שטונדע איז ער געקומען און האָט געפרעגט, וואו וואָהנט דאָ מיסטער ק י נ ג־ס ק א ו ר ט. מען האָט איהם אָנגעוויזען אויף א זאל אין ערשטען שטאָק. בשעת ער איז אריין, איז איהם אקעגען געגאנגען א הויכער מאן מיט בריימע שולטערן.

„זייט איהר דאָס לעווענבערג?“.

„איך בין דאָס“.

„זעצט זיך, דאָקטאָר“.

זיי האָבען זיך געזעצט. פריעדריך האָט אויפמערקזאם בעטראכט דעם פרעמ־דען מאן און האָט געווארט אויף זיינע ערקלערונגען. מיסטער קינגסקאורט איז געוועזען א פופציגער, מיט א האלב־גרויען פולען באָרד, מיט געדיכטע ברוינע האָר אויפ’ן קאָפּ, אין וועלכע עס האָבען זיך שוין געצווייגען גרויע זילבערנע פעדעם; ביי דיא שלייפען זיינען זיי שוין געווען ווייסליך כמעט. ער האָט לאנגזאם געדוי־בערט א גראָבע ציגאר.

„איהר רויכערט, דאָקטאָר?“.

„איצט ניט“ האָט פריעדריך געענטפערט.

מיסטער קינגסקאורט האָט ארויסגעלאָזען א רינג פון רויך אין דער לופט: ער האָט געקוקט מיט גרויס אינטערעס וויא דער רינג איז פאמעלאך צוופאלען געוואָרען, און דערנאָך, וויא דער רויך-וואָלקען איז צושוועבט געוואָרען, האָט ער, ניט קוקענדיג אויפ'ן גאסט, געזאָגט:

„ פאר וואָס איז אייך דאָס לעבען נמאס געוואָרען?"

„אויף דיא פראגע גיב איך ניט קיין ענטפער", האָט לעווענבערג רוהיג גע-ענטפערט.

מיסטער קינגסקאורט האָט זיך גוט איינגעקוקט אויף איהם, צונעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אקוראט ווי ער איז איהם מסכים דערצו, אָבגעקלאפט דיא אש פון זיין ציגאר און האָט געזאָגט:—דער טייוועל זאָל מיך נעהמען! איהר זייט גע-רעכט, דאָס איז ניט מיין עסק. אז מיר וועלען צווישען זיך פארטיג ווערען, וועט איהר מיר שוין אליין דערציילען. דערווייל וועל איך אייך זאָגען ווער איך בין. מיין ריכטיגער נאָמען איז קעניגסהאָף. איך בין א דייטשער ערעלמאן. אין דער יוגענד בין איך געווען א אָפיציער, אָבער דער מונדיר איז געווען צו ענג פאר מיר. איך פערטראָג ניט, אז א פרעמדער ווילען זאָל זיין איבער מיר. ער מעג זיין דער בעס-טער און ארענדסטליכער. נעהארכען האָב איך נאָר געקענט א פאָר יאהר, דערנאָך האָב איך געמוזט אוועקגעהן, אז נים וואָלט איך סוף כל סוף ארויסגעפּלאצט און אָנגעמאכט ווייס נאָס וואָס. איך בין אוועק קיין אמעריקא, מיט שווייס און בלוט האָב איך אין צוואנציג יאהר זיך ערוואָרבען א גרויס פערמעגען, און בשעת איך האָב שוין געבראכט אזוי ווייט, האָב איך מיר א ווייב גענומען... איהר זאָגט עפּיס, דאָקטאָר?"

„נאָר נישט, מיסטער קינגסקאורט".

„גוט. איהר זייט נאָך א בחור?"

יאָ, מיסטער קינגסקאורט... אָבער איך האָב גערעכענט, אז איהר וועט מיר זאָגען, און וואָס זאָל בעשטעהן מיין לעצטע פּרוב, וואָס איהר ווילט מיר פאָרשלאָגען".

„איך האלט שוין דערביי, דאָקטאָר.... אויב מיר וועלען בלייבען צוזאמען, וועל איך אייך אין ברייטען דערצעהלען, וואָס איך האָב אָבגעטאָן ביז איך בין גע-קומען צו מיינע מיליאָנען. איך בין א מיליאָנער, זאָלט איהר וויסען זיין.... איהר זאָגט עפּעס?

„נאָר נישט, מיסטער קינגסקאורט".

„מיט ענערגיע קען מען אלץ דערגרייכען, דאָקטאָר.... דאָס וואָס מען וויל

שטארק — מוז מען קריעגען. ערשט אין אמעריקא האָב איך איינגעזעהן, וואָס פאר פוילע בטלנים עס זיינען דיא אייראָפּייער, וויא שוואך ביי זיי איז דער רצון.... דער מיוועל זאָל מיך נעהמען! בקצור, עס איז מיר אָבגעלונגען. אָבער אז איך האָב שוין זיך אזוי הויך ארויפגעווינדעוועט, האָב איך אָנגעהויבען צו פיהלען דיא איינזאמקייט. דער צופאל האט געבריינגט, דאָס איינער א קעניגסהאָף,א זוהן פון מיינעם א ברודער, האט עפעס אָבגעטהון א נאררישקייט. איך האָב איהם גענומען צו זיך גראָד אין דער צייט בשעת איך האָב זיך אָנגעהויבען צו שרכנ'ען, פערשטעהסט איהר מיך, איך האָב געוואָלט גרינדען א הויז, נעהמען א ווייב, וואָס איך זאָל קענען בעהענגען מיט דיאמאנטען און בריליאנטען, וויא אימליכער אויפגעקומענער גביר. איך האָב געבענגט נאָך א קינד, צו וויסען אז איך האָב זיך ניט אומזיסט געפּלאגט. איך האָב געמיינט, אז איך טהו א געוואלטיגע חכמה, ווען איך נעהם מיר א אָרעם מיידעל. זיא איז געוועז דיא טאָכטער פון איינעם פון מיינע מענשען. איהר און איהר פאָטער האָב איך א סך גוטס געטהון, און זיא האט מיין פאָרשלאג זיא צוהייראטהען אָנגענומען. איך האָב דאָס געהאלטען פאר ליעבע פון איהר זייט, אָבער זיא האט נאָר געפיהלט דאנקבארקייט צו מיר. אפשר האט זיא דאָס געטהון פאר פחד, זיא האט זיך ניט דערוועגט מיר אָבצוזאָגען. איך האָב מיר געגרינדעט א פאמיליענהיים, און מיין פּלעמעניק האט צוזאמען געוואָהנט מיט אונז. איהר וועט זאָגען, אז עס איז א נארעשקייט געוועז: א אלטער מאן צווישען צוויי יוגענדען וואָס מוזען זיך צוזאמענטרעפען.... איך האָב טאקי באלד נאָכדעם, וויא איך האָב זיי געהאפּט, זיך גערופען אייזעל, אלטער נאר, אָבער ווען ניט ער, וואָלט געקומען א אנדערער. בקיצור,ביידע האָבען מיך גענארט פון ערשטען טאָג אָן. בשעת איך האָב דאָס ענטדעקט, איז מיין ערשטע ארבייט געוועז — אָנצולאָדען דעם רעוואָלווער, אָבער באלד האָב איך מיר געזאגט, אז שולדיג בין איך נאָר אליין. און איך האָב זיי געלאָזט מאכען א ויברח. א ניעדריגער האראקטער און א מענש — דאָס איז דיא אייגענע זאך מיט אנדערע נעמען. אימליכע געלעגענהייט פּאָרט צוזאמען א פערבאָטענע ליעבע. מען מוז אנטלויפען פון דיא מענשען, אויב מען וויל ניט צו גרונד געהן צוליעב זיי. זעהט איהר, אָט דאָס האט מיר חרוב געמאכט. דענסטמאָל איז מיר אריין א געדאנקען ארייגצולאָזען זיך א קויל און צו מאכען א סוף פון דער נארישער קאָמעדיע. אָבער איך האָב זיך באלד דערמאָנט, אז דעם טויט פערזאמט מען ניט. עס פערשטעהט זיך, אז צו קלייבען עשירות האָב איך שוין פערלאָרען דעם חשק, אז מיין שטרעבען צו א פאמיליען לעבען איז צורונען וויא א חלום, און עס איז מיר געבליעבען, אלס

לעצטע פּרוב, דיא איינזאמקייט. אָבער דיא איינזאמקייט מוז זיין גרויס און פּערפולט, ניט הערען און ניט וויסען מעהר פון דיא מענשעלעך מיט זייערע קינדערשע מלחמות, מיט זייערע שמוציגע עסקים און ניערעריגע אונגעטרייקייטען! עס מוז זיין א ריכטיגע, אמת'ע, טיעפע איינזאמקייט. וואו מען הערט שוין אויף עפּעס צו פערלאנגען, פאר עפּעס צו שטרייטען, מען מוז מיט'ן גאנצען הארצען זיך צוריקקעהרען צו דער נאטור! אָט אזא איינזאמקייט איז דער אמת'ער גן־עדן, וואָס דיא מענשען האָבען פערלאָרען דורך זייערע אייגענע שולד. און אזא איינזאמקייט האָב איך געפונען".

„און איהר האָט זיא שוין טאקי געפונען?" האָט פריעדריך געפרעגט, וועלכער האָט נאָך אלץ ניט פערשטאנען וואָס דער אמעריקאנער וויל.

„יא, דאָקטאָר. איך האָב מיינע געשעפטען ליקווידירט און בין צום צווייטען מאָל ענטרונען פון מיינע בעקאנטע. קיינער ווייס ניט וואו איך געפין מיר. איך האָב מיר געבויט א קליין שטארק שיף, און, וויא עס איז ארויס א קלאנג, בין איך מיט איהר פערפאלען געוואָרען. חדשים האָב איך זיך אויף דיא פערשיעדענע ימים ארומגעטריעבען. דאָס איז א פערגעניגען אזא לעבען. צו ווילט איהר דאָס ניט אויספּרובירען? אָדער צו קענט איהר שוין אזא לעבען אויפ'ן ים?".

„איך האָב דאָס נאָך ניט אויסגעפּרובירט", האָט פריעדריך געענטפערט, „אָבער איך וואָלט גרייליך געוואָלט".

„שיין, דאָקטאָר... דאָס לעבען אויף אזא יאכטשיף גיט שוין א פרייהייט, אָבער ניט דיא איינזאמקייט. מען מוז דאָך האָבען שיפסלייט. מען מוז זיך אָבשטעלען אין א האפען צוליעב ברענקוילען, מען טרעפט זיך וויעדער מיט מענשען און דאָס איז שוין שמוץ. איך קען א אינזעל אין דעם דרום ים (זיד זעע), וואו מען איז איינער אליין. דאָרט וויל איך לעבען. עס איז א קליינער שטיינערנער אינזעל אין קוקס־ארחיפעל. איך האָב זיא אָבגעקויפט און געלאָזט פון דיא מענשען וועלכע וואָהנען אין באראטאָנגאָ בויען א פאלאץ. דער פאלאץ שטעהט אזוי פערבעהאלטען הינטער דיא פעלזען, דאָס מען זעהט איהם פון קיין זייט ניט, ווען מען פאָהרט פערביי אויפ'ן ים. איבריגענס קומען דיא שיפען דאָרט זעהר זעלטען פערביי. מיין אינזעל איז נאָך אלץ אונבעוואָהנט.... איך לעב דאָרט מיט צוויי דינער: א שטומען נעגער פון אמעריקא און א טאהיטיער, וועלכען איך האָב אמאָל פון וואססער ארויסגעצויגען, בעת ער איז געלאָפען זיך טרינקען צוליעב א אונגליקליכער ליעבע. איצט בין איך צום לעצטען מאָל אין אייראָפּאַ צו מאכען דיא נויטהיגע איינקויפע פאר מיין צוקינפטיגעם איינזאמעם לעבען. פריהער פאר אלץ

מוז איך אײנקױפען ביכער, פיזיקאלישע אינסטרומענטען און כלי זין. די לעבענס־מיטעל ברײנגט מיר מײן טאחיטיער פון א נאָהענטער אינזעל. אלע מאָרגען פאָרט ער אריבער מיט מײן נעגער אין א עלעקטריש שיפעל. דארף מען נאָך עפעס — קען מען אין באראטאָנגא אלץ קריגען; פאר געלט קריגט מען דאָרט אלץ, וויא אומעטום. פערשטעהט איהר שוין?".

„יאָ, מיסטער קינגסקאורט. איך פערשטעה אָבער ניט, צו וואָס דערצעהלט איהר מיר דאָס אלץ?".

„צו וואָס, דאָקטאָר? ווײל איך מוז האָבען א חבר, אז ניט קען מען דאָך זיך .אָס רעדען אָבגעוואָהנען. אויסער דעם מוז מען דאָך אימיצען האָבען, ווער זאָל מיר דיא אױגען צודריקען, אז איך וועל שטארבען. ווילט איהר זײן מײן חבר?".

פריעדריך האָט געשוויעגען און זיך א האלבע מינוט לאנג פערטראכט, ז'ערנאָך האָט ער מיט א פעסטען טאָן געזאָגט: „יאָ!"

קינגסקאורט האָט צופריעדען צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און האָט צוגעלעגט:

„איך מוז אײך אָבער אױפמערקזאם מאכען, אז איהר נעהמט אויף זיך א חוב אויפ'ן לעבען לאנג, וועניגסטענס כל זמן איך לעב מוז דאָס דויערען. אויב איהר געהט מיט מיר, טאָרט איהר זיך ניט צוריקקעהרען. איהר מוזט צורײסען אלע פעדעם, וואָס פערקניפּען אײך מיט אײער היים".

פריעדריך האָט געענטפערט:

„מיך האלט קײן זאך ניט אָב. איך בין אלײן אין דער וועלט. און דאָס לעבען איז מיר נמאס געוואָרען".

„אָט אזא מענשען זוך איך, דאָקטאָר. ווען איהר געהט מיט מיר, ווערט איהר אין דער אמת'ן פּטור פון לעבען, איהר וועט מעהר ניט וויסען פון גוט און שלעכט. איהר זײט געשטאָרבען פאר דער וועלט און דיא וועלט איז פאר אײך אויך אונטערגעגאנגען. געפעלט אײך דאָס?"

„דאָס געפעלט מיר".

„וועלען מיר מאכען צוזאמען א לעבען. אײער סאָרט מענשען איז פאר מיר וויא אָנגעמאָסטען".

„אײנס מוז איך אײך נאָך זאָגען, מיסטער קינגסקאורט: איך בין א יוד. צו איז דאָס פאר אײך ניט קײן חסרון?".

קינגסקאורט האָט זיך פערנאנדערגעלאכט.

„וואָס זאָגט איהר פאָרט דערצו? אײער פראגע איז מאָדנע. דאָס איהר זײט א מענש זעה איך. אז איהר זײט א געבילדעטער מענש זעה איך אויך. דאָס וואָס

דער לעבען איז אייך מיאוס געוואָרען, בעווייזט אז איהר זייט א מבין אויף רויכ־וואַרג. דאָס איבריגע שפּיעלט דאָרט, וואָהין מיר געהן, ניט דיא מינדעסטע ראָלע, האָט ניט דעם ווערט פון א נאָגעל.... נו, צו זייט איהר מושב געוואָרען ביי זיך? ער האָט איהם אויסגעשטרעקט דיא האנד.

פריעדריך האָט אָנגענומען קינגסקאורט'ס האנד און האָט זיא קרעפטיג געדריקט.

„ווען זייט איהר פערטיג צו דער רייזע, דאָקטאָר?“

„צו יעדער צייט“.

„גוט, זאָל זיין מאָרגען. מיר פאָהרען קיין טריעסט, דאָרטען שטעהט מיין יאכטשיף אויפ'ן אנקער. איהר דארפט זיך אפשר דאָ עפּעס נאָך איינקויפען?“

„איך ווייס אין דער, אמת'ן ניט צו וואָס? מיר פאָהרען דאָך ניט צוליעב פערגעניגען, דאָס איז דאָך א אָבגעזעגנען זיך פון לעבען“....

„פון דעסטוועגען, דאָקטאָר! איהר דארפט אפשר געלד פיר קלייניגקייטען, נעהמט ביי מיר וויא ביי א אייגענעם“....

„דאנק, איך דארף גאָר גישט, מיסטער קינגסקאורט“.

„האָט איהר ניט קיין חובות צו בעצאָהלען?“

„איך האָב ניט קיין געלד איך האָב ניט קיין חובות. מיין חשבון איז קורץ און גלאַט“.

„האָט איהר ניט קיין קרובים, וועמען איהר וואָלט וועלען עפּעס לאָזען?“

„קיין איינציגען קרוב“.

„דאָס איז נאָך בעסער. מיר קענען, חייסט עס, מאָרגען פאָהרען, אָבער הייגט קענען מיר שוין צוזאמען מיטאָג עסען“.

קינגסקאורט האָט געקלונגען. אויף זיין קורצען בעפעהל האָט דער קעלנער גע־דעקט דעם טיש אין זאַל, און מען האָט ארויפגעטראָגען א רייכע מאָהלצייט. דיאביידע מענער האָבען שמועסענדיג זיך גוט בעפריינדעט מיט איינאנדער. נאָך דעם וויא קינגסקאורט האָט פריעדריך'ן געשענקט אזא צוטרויען, האָט ער געקראָ־גען א פערלאנג, איהם צו דערצעהלען זיין אייגענע געשיכטע. ער האָט דאָס גע־מאכט קורץ און קלאָר. און בשעת ער האָט געענדיגט, האָט דער אמעריקאנער געזאָגט:

„איצט גלויב איך אייך, אז איהר וועט מיר ניט ענטלויפען פון דער אינזעל. ליעבעס־גראם, טענות צו דער וועלט, יודישע צרות, אלץ צוזאמען איז שוין גענוג פאַר א יונגען מאַן, זיך אָבצוגעזעגענען מיטן לעבען. אייגענטליך זיך אָבצוגעזעגע־

נען מיט'ן לעבען אונטער מענשען. אפילו, אז מען טהוט זיי גוטס, נארען זיי אָב און טהוען געברענטע פיין. דיא גרעסטע נארען זיינען דיא גרויסע בעלי צדקות. אפשר ניט אזוי?"

„איך רעכען, מיסטער קינגסקאורט, דאָס דער צדקה־געבער האָט א שטיקעל תענוג דערביי... און איצט איז מיר גראָד אייגעפאלען... איהר האָט מיר פריהער געלד אָנגעבאָטען אויב איך וויל עמיצען עפּעס לאָזען פאר אָבגעזעגענען זיך מיט'ן לעבען. איך קען א פאמיליע, וואָס לייַדט שרעקליכע נויט. פאר דיא וואָלט איך עפּעס געוואָלט טהון, ווען איהר וועט מיר געבען אייער ערלויבנים־דערצו".

„דאָס איז א נארישקייט דאָקטאָר, אָבער איך קען אייך ניט אָבזאָגען. סיי וויא סיי האָב איך בעשלאָסען, אייך צו געבען א סומע געלד אין אָרדנונג צו בריינ־גען אייערע אנגעלעגענהייטען. טהוט דערמיט וואָס איהר ווילט. צו וועלען פינף טויזענד גולדען זיין גענוג?"

„איבער און איבער!" האָט פריעדריך געזאָגט, „און פאר מיר איז דאָס אויך א געהויבען געפיהל, צו וויסען אז מיין געזעגנען זיך מיט'ן לעבען איז ניט געווען אָהן א צוועק".

V

דער חדר פון דער פאמיליע ליטוואק האָט ביי טאָג נאָך ערגער אויסגעזעהן, וויא ביי נאכט. און פונדעסטוועגען האָט פריעדריך דיא ליטוואקס אנגעטראָפען שטארק אויפגערעגט און פרעהליך. דוד איז געשטאנען ביים פענסטערבעט, וואו עס איז געלעגען א אָפענער ספר, אין וועלכען ער האָט געלייענט; דערביי האָט ער אָבגעביסען אלע ווײלע פון א גראָבע מוציא ברויט מיט פוטער. דער פאָטער און דיא מוטער זיינען געזעסען אויף דער שטרויה־געלעגער דיא קליינע מרים האָט זיך געשפּיעלט מיט שטרויהערעהרלעך.

חיים ליטוואק האָט זיך האסטיג אויפגעהויבען, אויפצונעהמען זיין העלפער פון נויט. דיא פרוי האָט אויך געוואָלט אויפשטעהן אָבער פריעדריך האָט דאָס שוין ניט צוגעלאָזען. ער האָט זיך האסטיג צוגעזעצט אויף דיא קניע צו איהר און האָט א גלעט געטאָן דאָס ברוסט קינד, וואָס האָט פון זיינע צוריסענע שמאטעס געקוקט אויף איהם מיט ליעבע אויגליך און געשמייכעלט.

„נו, וויא פיהלט איהר אייך היינט, פרוי ליטוואק?“ האט פריעדריך גע־פרעגט.

דאס עלענדע ווייב האט געזוכט ביי איהם דיא האנד צו קריעגען, זיא א קוש צו טהון:

„א סך בעסער, גנעדיגער הער. מיר האבען מילך פאר מרים און ברויט פאר אונז“.

„דירה־געלד האב איך שוין אויך בעצאהלט“, האט חיים שטאלץ געזאגט.

דוד האט אוועקגעלייגט זיין מוציא ברויט און איז געשטאנען מיט אריבער־געלייגטע ארעמס און גלייך און פעסט בעטראכטעט פריעדריכען.

„וואס קוקסט דוא אויף מיר מיט אזעלכע אויגען, מיין דוד'ל?“ האט פרי־עדריך געפרעגט.

„דאמיט איך זאל אייך ניט פערגעסען, הערר! איך האב אמאל געלעזען א געשיכטע פון א מאן, וועלכער האט געהאלפען א קראנקען לייבען“.

„אנדראקלוס“, האט פריעדריך געשמייכעלט.

„ער האט שוין א סך געלעזען, מיין דוד“, האט דיא מוטער געזאגט מיט א שוואכער און צערטליכער שטימע.

פריעדריך איז אויפגעשטאנען, האט ארויפגעלייגט דיא האנד אויפ'ן רונדען קאפ פון יונגעל און אין א געלעכטער געפרעגט:

„ביזט דו שוין א לייב נאר? אין אלטען ארץ ישראל זיינען אמאל געווען לייבען“...

דוד האט מיט א קינדישע חוצה געענטפערט:

„וואס עס איז אמאל געווען, קען ווידער קומען... אונזער אלטער גאט לעבט נאך“.

פרוי ליטוואק האט מיט א וויינענדיגע שטימע געזאגט:

„מיר קענען אפילו אייך א שטוהל ניט אנבאטען, גנעדיגער הערר“.

„עס איז ניט נעטהיג. איך האב מעהר ניט געוואלט זעהן, וויא עס געהט אייך, און אייך עפעס ברייננען. אט דעם בריעף זאלט איהר עפענען, נאכדעם וויא איך וועל אוועקגעהן. דא איז דא א גוטע פראטעקציע, וואס קען אייך א סך נוצען בריינגען. איהר מוזט זעהן זיך גוט אויפצופאסען כדי איהר זאלט דאס שעהנע קליינע מרים'ל אויסהאדעווען קענען, אז זיא זאל זיין אזא וואוילע פרוי וויא איהר אליין זייט.

„אי, א בעסערען מזל זאל זיא האבען“ האט זיא אבגעזיפצט.

„און דעם בחור'ל זאָלט איהר געבען לערנען עפּעס רעכטס. גיב מיר דיין האנד, יונגאַץ! זאָג מיר צו א וואָרט, אז דוא ועסט זיין א אָרענטליכער מענש“.

„יא, איך גיב אייך מיין וואָרט דארויף“.

וואס פאר וואונדערליכע שיינע אויגען האָט דאָס יונגעל! האָט געטראכט פריעדריך, בשעת ער האָט געדריקט דאָס קליין הענטעל. דערנאָך האָט ער אוועק־געלייגט דעם שווערען בריעף אויף'ן פענסטער־ברעט און האָט שוין געוואָלט אוועקגעהן.

„איך בעט אייך מחילה, גנעדיגער הערר, צו איז אין בריעף דאָ אפשר א פּראָטעקציע צו דיא קהלס־לייט?“ האָט חיים געפרעגט.

„איהר האָט געטראָפען“, האָט פריעדריך געענטפערט, „דאָס וועט אייך אויך ביי דיא קהל'ס־לייט בריינגען א סך נוצען“.

און ער איז האסטיג ארויס. ער איז אראָפּ דיא טרעפּ מיט א געפיהל, וויא איינער וואָלט איהם נאָכיאָגען. פאר'ן טויער איז געשטאנען דיא קארעטע, וואָס האָט געוואַרט אויף איהם. האסטיג האָט ער זיך אריינגעזעצט און צוגערופען דעם קוטשער: „פאָהר וואָס צום גיכסטען!“

דיא פערד האָבען זיך א לאָז געטאָהן. עס איז שוין געווען דיא העכסטע צייט. אין א רגע שפּעטער איז דוד ארויס געלאָפען אָהן אטהעם פון דעם טהויער, האָט געפאָרשט אויף אלע זייטען און אלס ער האָט זיין העלפער שוין אין ערגעץ ניט געזעהן, האָט ער אָנגעהויבען צו וויינען אויס'ן קול. פריעדריך האָט דאָס גע־זעהן דורך דאָס פענסטעריל פון דער קארעטע און ער האָט זיך געפרייט. דאָס עס איז איהם אָבגעלונגען, זיך ארויס צודרעהן פון דיא דאנקען און ברכות. מיט פינף טויזענד גולדען קען מען שוין אזא פאמיליע ראטעווען.

אין האָטעל האָט איהם ערוואַרטעט קינגסקאורט מיט א ברייטען שמייכעל:

„האָט איהר ממלא געוועזן וואָס איהר האָט געוואָלט, אָבגעבען אייער גמילות חסד, דאָקטאָר?“.

„ריכטיגער וואָלט געווען צו זאָגען אייער גמילות חסד. דאָס איז דאָך געווען אייער געלד, מיסטער קינגסקאורט“.

„אזוי גאָר! געגען אזעלכע ווערטער פּראָטעסטיר איך מיט'ן גאנצען הער־צען. א גראָשען וואָלט איך ניט אויסגעגעבען כדי א מענשען גוטס צו טהון! איך וועהר אייך ניט צו זיין דער נאר, וואָס אָפּפערט זיך פאר מענשען־ליעבע. איך וויל אָבער ניט זיין דער נאר. דאָס איז געווען אייער האנדגעלד, און איהר האָט דער־מיט געקאָנט מאכען וואָס איהר ווילט“.

„זאָל זיין אזוי וויא איהר זאָגט, מיסטער קינגסקאורט".

„זעהט איהר, ווען איהר וואָלט מיר געזאָגט, אז איהר דארפט געלד צונוצען פאר שטילע בהמות, וואָלט איהר שוין עפּעס געקענט ביי מיר פּועל'ן. אָבער צוגר־צען פאר מענשען? מיט דעם סאָרט בהמות זאָלט איהר מיר ניט פערדרעהען דעם קאָפּ. דאָס איז א פוילע סחורה. דער גאנצער שכל זייערער בעשטעהט אויף שמד'־שטיק... מיט עטליכע טעג צוריק האָב איך געלייענט, אז א אלטע דאמע האָט איהר גאנצען פערמעגען אָבגעזאָגט פאר איהרע קעץ. זיא האָט געהייסען אין דער צוואה, אז מען זאָל איהרע גאנצע וואָהנונג איינטהיילען דיא חברה קעץ און מען זאָל האלטען פאר זיי עקסטרא משרתים. דער צייטונגס־שרייבער האָט דערצו געמאכט א אידיאָטישען פּירוש, אז דיא אלטע דאמע האָט געמוזט זיין משוגע מן הסתם. ניט משוגע איז זיא געווען, א חכמה איז זיא געווען, זיא האָט געוואָלט ארויסוויי־זען וויא וויים דער מענש איז אין איהרע אויגען א בזיון, און בפרט האָט זיא גע־וואָלט נוקם זיין אַן איהרע בעטלערישע קרובים, וואָס האָבען מיט ארויסגעשטעק־טע צינגער געוואַרט אויף איהר ירושה. אויף צער בעלי חיים — וויפיעל איהר ווילט; פאר מענשען — ניט א איינגעטונקטע פען! זעהט איהר, אַט אין דעם קען איך מיט דיא אלטע דאמע מיטפּיהלען, א רוהיגען קבר זאָל זיא האָבען!"

דאָס איז געווען פאר קינגסקאורטען א ענין, פון וואָס ער האָט גערעדט מיט הנאה און דערביי פלעגען איהם דיא ווערטער קיינמאָל ניט אויסגעהן.

פריעדריך לעווענבערג האָט זיך גיך אָבגעפּארטיגט, ער האָט ווייניג וואָס געהאַט צו טהון. זיין בעל־הביתטע האָט ער געזאָגט, אז ער מאכט א שפּאַציער אויפ'ן גראָסגלאָקנער. זיא איז ארוים פון דיא כלים. סטייטש! אין מיטען ווינטער קלעטערן אויף א בארג! מען הערט אזוי אָפט פון אונגליקען.

„מילא גוט", האָט פריעדריך געזאָגט מיט א אומעטיגען שמייכעל, „ווען עס וועלען פערביי געהן 8 טעג און איך וועל ניט צוריק קומען, מעגט איהר מעלדען אין פּאָליציע, אז איך בין פערפאלען געוואָרען. מן הסתם זייט איך דענמאָלסט אין א שפּאלט פון א פעלז און רוה אוים מיינע צושמעטערטע ביינער. מיין ביסעל ווירטשאפט, וואָס איך לאָז דאָ, געהערען אייך דענמאָלסט בירושה".

„זינדיגט ניט מיט דיא רייד, הערר דאָקטאָר".

„איך רעד דאָך נאָר אין שפּאס" האָט ער זיא בערוהיגט.

מיט'ן אווענדצוג האָט ער צוזאמען מיט קינגסקאורט פערלאָזען וויען. ער איז מעהר ניט נעגאנגען אין קאפעהויז בירקענקרייז, און האָט ניט געוואוסט אז

אָװענד פאר אװענד איז דער קלײנער ליטװאק שטונדען לאנג אָבגעשטאנען פאר דער טהיר און האט אויף איהם גװאַרט.

אין האפיגז פון טריעסט האט זיך געװיעגט אויפ'ן װאסער מיסטער קינגס־קאורט'ס יאכטשיף. זײ האָבען נאָך בײדע גֿעמאכט זײערע אײנקויפע אין דער שטאָדט, און אין א העלען דעצעמבער־טאָג האָבען זײ אראָבגענומען די יאכט פון אנקער און האבען זיך געלאזט דרום זײט און מזרח זײט. בײ אנדערע אומ־שטענדע װאָלט פריעדריך פון די רײזע אויפ'ן ים געהאט א אמת'ן תענוג, איצט אָבער האָט די רײזע אויפ'ן זונבעלויכטענעם ים איהם געגעבען נאָר א קלײנע לינדערונג פאר זײן געקװעלטער נשמה.

קינגסקאורט איז טאקע געװען א װאוילער מענש, א גוטער, ניט קוקענדיג אויף דעם, װאָס ער האט זיך בעריהמט מיט זײן שנאה צו מענשען, א ליעבער, א פרײנדליכער און א אײדעלער. בשעת פריעדריך פלעגט זײן אומעטיג פארטראכט, האָט ער געזוכט מיט א געלעכטער איהם אויפצומונטערען. ער האט זיך בענומען מיט איהם, װיא מיט א קראנקען קינד. דענמאָלסט פלעגט פריעדריך אָפט זאָגען :

„װען אונזערע שיפסלײט קוקען זיך צו אונז צו, קענען זײ א מאָדנע פאלשע פאָרשטעלונג קריעגען פון אונז. זײ װעלען מיך האלטען פאר דעם בעל־הבית און אײך פאר דעם אורח, װעלכען איך האָב מיטגענומען די צײט צו פערטרײבען. אָך מיסטער קינגסקאורט, איהר האָט זיך שוין געמעגט אויסזוכען א פרײליכערען חבר פון מיר !“

„מײן ליעבער, איך האָב די בחירה ניט געהאט“, האָט געענטפערט קינגס־קאורט מיט א כעס'דיגען ערנסטען פנים, „איך האָב גדארפט האָבען אזוינעם, װעמען דאָס לעבען איז דערעסען, און אזעלכע טויגען ניט, גוט־ברידער צו זײן. אײך אָבער װעל איך נאָך אויסהײלען. איהר װעט נאָר קריעגען א נײע הויט, װען מיר װעלען דערלײזט װערען פון די מענשליכע פנים'ער. איהר װעט אויך װערען אזוי מונטער װיא איך, ביז מיר װעלען קומען צו אונזער געבענשטער אינזעל. זאָל מיר דער טײװעל נעהמען, אויב מײנע װערטער װעלען ניט מקוים װערען !“

די יאכטשיף איז געװען זעהר א בעקװעמע, מיט אלע רײכע אמעריקאנישע צודאטען. פריעדריך האָט געהאט פונקט אזא שעהנעם שלאָפזאל, װיא קינגסקאורט אלײן. דאָס עס־צימער פאר בײדען צוזאמען איז געװען אויסגעבויט רײך און פראכטיג. און װען זײ פלעגען אין אָװענד זיצען צוזאמען בײ דעם פרײנדליכען שײן פון דעם עלעקטרישען לאָמפ, לעזענדיג אָדער רעדענדיג, פלעגען די שטונ־דען צוריגען גיך װיא מינוטען. זײ האָבען געהאט בײ זיך א קלײנע ביבליאָטהעק,

אַבער עס איז כמעט ניט אויסגעקומען זיא צוגעברויכען, אזוי פיעל אַבוועקסלונג איז געווען ביי טאָג אויפ'ן ים. קינגסקאורט האָט זיך שטענדיג בעמיהט צו צור־שטרייען דעם קאָמפּאַניאָן זיינעם. ביי הויכע וועללען זיינען זיי פערביי דיא אינ־זעל קרעטא. און קינגסקאורט האָט מיט איינמאָהל געמאכט פּאָלגענדען פּלאַן :

„זאָגט מיר, דאָקטאָר, צו האָט איהר גאָר ניט קיין חשק א קוק צו טהון אייך אייער פאַטערלאנד, איידער איהר געזעגענט זיך מיט דער וועלט ?“

„מיין פאַטערלאנד ?“, האָט זיך פריעדריך פערוואונדערט, „צו ווילט איהר ווידער צוריקקעהרען קיין טריעסט ?“

„גאָט איז מיט אייך !“, האָט קינגסקאורט א געשריי געגעבען, „אייער פאַ־טערלאנד ליעגט דאָך פאר אונז, פאַלעסטינא !“

„אָה, דאָס האָט איהר געמיינט ? איהר זייט אין טעות. צו פּאַלעסטינא האָב איך קיין ברעקעל שייכות ניט. זיא אינטערעסירט מיך ניט. מיינע פאָהרעלטערען האָבען דאָרט פאר 18 הונדערט יאהר געלעבט. וואָס האָב איך דאָרט צו זוכען ? מיר דאכט זיך ,אז נאָר דיא אנטיסעמיטען טענה'ען, אז פאַלעסטינא איז אונזער פאַטערלאנד“.

אַבער בעת ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער זיך דערמאָהנט אָן דוד ליטוואק, און האָט נאָך צוגעלייגט :

„אויסער דיא אנטיסעמיטען האָב איך נאָך געהערט פון א קליין יודיש אינ־געל, דאָס פּאַלעסטינא איז מיין פאַטערלאנד. צו ווילט איהר מיך א ביסעל צורייצען ?“

דער טייפעל זאָל מיך נעהמען, אויב איך האָב גערעכענט אָב צו חוזק'ן פון אייך! איך האָב דאָס גאַנץ ערנסט געמיינט. אויף מיין וואָרט, איך הויב אייך יודען ניט אָן צו פערשטעהן. איך וואָלט מיט גאוה גערעדט דערפון ווען איך וואָלט גע־ווען א יוד, און איהר שעהמט אייך גאָר דערפאר ! צו וואָס איז דער וואונדער, אז מען גיט אייך ניט אָב אזויפיעל כבוד ? פערשטעהט זיך, אז דיא וואָס געפינען זיך דאָ מיינט מען ניט“.

„הערר פאָן קעניגסהאָף, צו זייט איהר ניט א אנטיסעמיט ?“ האָט פריעדריך מיט כעס געזאָגט. צום ערשטען מאָל האָט ער איהם אָנגערופען ביי'ן ריכטיגען נאָמען. ער האָט אליין ניט געוואוסט פאר וואָס.

קינגסקאורט האָט געשמייכעלט.

„איצט זייט איהר שוין גאָר אויפגערעגט, זאָהן מיינער ! דאָס וואָס איך האָב פיינד דיא מענשהייט ארט אייך א ציבעלע. דאָס אָבער, וואָס איך מאָך ניט קיין

חלוק פאר דיא „קינדער איזראעלס“ הויבט אייך שוין ניט אָן צו שמעקען. טרייסט זיך, דאָקטאָר מיין, איך האָב דיא יודען ניט מעהר פיינד וויא דיא קריסטען, מחמדאנער און געצענדינער, אלע צוזאמען זיינען זיי א שום פּולווער ניט ווערט. איך קען גאנץ גוט בעגרייפען דעם אלטען זיידען, דעם קיסר נירון, וועלכער האָט א מאָל געזאָגט: ווען אלע מענשען וואָלטען געהאט איין האלז, וואָלט איך מיט איין פּאָך זייער תליון געווען. אָבער ניין, נאָך בעסער איז, דאָס דיא שמוציגע לײדאקעס לעבען און דאָס זיי פערמאטערען איינער דעם אנדערען ביז צום טוידט“.

„איך בין געווען א נאר. דיא בעסטע ראיה איז דאָך וואָס איהר האָט מיך מיטגענומען“.

קינגסגאורט האָט געזאָגט:

„גראָד האָב איך מיך איצט דערמאָנט א מעשה וואָס האָט מיר געטראָפען מיט איינעם פון אייערע אייגענע.... פון אייער גלויבענס ברידער... זאָל דער טייוועל מיך נעהמען! — בקצור מיט איינעם א יודען. דאָס איז געווען אין רעגי־מענט. מיר האָבען געהאט א פּריוויליגען (וואָלני אָפּרעדיעליאיושציסיא(, — קאָהן האָט געהייסען דיא קאנאליע... ענטשולדיגט פאר דעם אויסדרוק. אט דער קאָהן איז געווען א נפש מיט פערשאָלטענע קרומע פיס, וויא געבאָרען פאר א קאַ־וואלעריסטען. עס איז געוון גראד אינדערצייט בשעת מען לערנט זיי רייטען. איך האָב דיא דבר אחר'ם געהייסען שפּרינגען איבער א צוים. דאָס הייסט, איך האָב געוואָלט, אָבער קיינער האָט ניט געהאט דעם מוטה דערצו, אָדער איז ניט געווען אימשטאנד דערצו. דער צוים איז מאקע געווען א ביסעל צו הויך. נו, איך האָב זיי געגעבען א פּאָרציע וויא עס פּאסט זיך פאר אזעלכע דבר אחר'ס. אַי, דערנמאָלסט האָב איך נאָך געקענט שעלטען און קאָרעניען, דער טייוועל זאָל מיך נעהמען! פון דערנמאָלסט אָן האָב איך שוין א סך פערגעסען... איך האָב זיי געגע־בען צו פערשטעהן מיט א סאָלדאטסקע איידעלקייט, אז איך האלט זיי ניט העכער פאר א קאָמפּאניע האָזען. און צו קאָהן האָב איך זיך נאָך עקסטרא צוגעצעפּעט: „איהר מוזט געוויס זיין א גוטער רייטער אויף דער בערזע? האָב איך איהם אויס־געשעפּט. דיא בלוט איז דעם יודען אריין אין פנים, און ער האָט זיך מיט'ן פערד א לאָז געטהון צו דעם צוים. ער איז אראָפּגעפאלען און האָט זיך א אָרעם צובראָ־כען. א צייט לאנג האָט מיך דיא מעשה געעקבויערט. צו וואָס דארף אזא נבלה א עהרענגעפיהל האָבען“.

„איהר מיינט, אז יודען טאָרען ניט האָבען קיין עהרענגעפיהל?“

„וויא א מענש הויבט ניט אָן צו פערשטעהן! איהר דרעהט דאָך מיר נאָך אין מויל דיא ווערטער אוים! איבריגענס, אויב דיא יודען האָבען עהרענגעפיהל, פאר וואָס לאָזען זיי זיך אזוי מיאום בעהאנדלען?".

„וואָס זאָלען זיי טהון, מיסטער קינגסקאורט?"

„וואָס? איך ווייס ניט. נאָר עפּעס אזוינס, וואָס קאָהן האָט געטהון ביים רייטען. איך האָב דאן געקריגען בושה פאר איהם".

„ווייל ער האָט זיך א אָרעם צובראָכען?"

„ניין, ווייל ער האָט מיר געצייגט וואָס ער קען, אז ער וויל. איך אויף אייער שטעלע וואָלט עפּעס אונטערנומען א גרויסע העלדישע זאך, אז אפילו דיא שונאים זאָלען אויפרייסען דיא מיילער פון גרוים פערוואונדערונג. פאלשע פאר־שטעלונגען און געפיהלען וועלען אייביג זיין. דיא ברודיגע מענשעלעך לעבען דער־מיט פון וויעג ביז צום קבר. און אויב מען קען דיא פאלשע געדאנקען און געפיה־לען ניט אויסראָטען,מוז מען זיי געברויכען צום אייגענעם נוצען... וואָס מעהר איך קלער דעריבער דוכט זיך מיר אלץ מעהר אוים, אז עס מוז היינט צו טאָג זעהר אינטערעסאנט זיין א יוד צו זיין. געראד דעריבער, ווייל ער האָט דיא גאנצע וועלט פאר שונאים געגען זיך".

„פרעגט אייך בחרם וויא דאָס שמעקט".

„ניט אזוי זיס, דאָס קען איך מיר שוין דענקען.... נו, און וואָס איז מיט דעם אלטען זיידען פאלעסטינא? צו זאָלען מיר נאָך א קוק טהון דערויף, איידער מיר פערשווינדען פון דער מענשהייט?"

„מיר איז אלץ איינס, מיסטער קינגסקאורט".

און דיא יאכט שיף האָט זיך גענומען דעם וועג וואָס פיהרט קיין יפו.

VI

זיי האָבען פערבראכט עטליכע טעג אין ארץ ישראל.

יפו האָט אויף זיי געמאכט א שלעכטען איינדרוק. דיא לאגע איהרע ביים בלויען ים איז געוועזען שעהן זיך צו פערקוויקען, אָבער אויף דיא שטאָט אליין האָט מען געמעגט וויינען אזוי פערלאָזען האָט זיא אויסגעזעהן. עס איז געוועזען שווער זיך צו שיפען צו איהר. פון דיא געסלעך האָט גע'אויר'ט. זיי זיינען געוועזען שמוציג און פערלאָזען; דיא אָרעמקייט פון דיא אראבער האָט זיך געוואָרפען אין דיא אויגען אין אלערליי קאָליערען. אָרעמע טערקען, ברודיגע אראבער, דערשלאָגענע יודען האָבען זיך ארומגעשלעפּט אין דיא גאסען מיט דעם האָפנונגסלאָזען אויס־דרוק פון פערחונגערטע בעטלער. א וואונדערליכער דומפּפער גערוך, וויא פון קברים, האָט פערכאָפּט דעם אָטהעם.

קינגסקאורט און פריעדריך האבען זיך טאקע געאיילט צו פערלאזען דעם ארט. מיט דער שלעכטען אייזענבאהן זיינען זיי אוועק געפאהרען קיין ירושלים. אונטערוועגנס האבען זיי אויך אנגעטראפען בילדער פון ארימקייט און עלענד. דאס פלאטציגע לאנד איז געווען בעדעקט מיט זאמד און זומפפען. דיא מאגערע פעלדער האבען אויסגעזעהן וויא פערברענט פון זון. דיא איינוואהנער האבען אויסגעזעהן וויא גזלנים. אין גאסענשטויב האבען זיך געשפיעלט בארוועסע און נאקעטע קינדער. פון דערווייטענס, וואו דער הימעל לאזט זיך ארונטער, האט מען געזעהן דיא נאקעטע בערג פון לאנד יהודה. דער צוג איז דערנאך דורכגעפאהרען צווישען וויסטע פעלזענטהאלען און דיא פעלזען זיינען אראבגעהאנגען נאקעט און הויחל, אהן א שום צייכען פון א פריהערדיגער אדער א היינטיגער מענשליכער קולטור.

„אויב דאס איז אונזער לאנד", האט אומעטיג פריעדריך געזאגט, „דאן איז זיא פונקט אזוי אראבגעפאלען וויא אונזער פאלק".

„יא, מיאוס צום ברעכען", האט קינגסקאורט געענטפערט, „און פון דעסטוועגען קען מען נאך א סך זאכען אויסבעסערן. מיט וועלדער זאל מען דיא בערג בעפלאנצען. דאס לאנד נויטהיגט זיך נור אין וואסער און אין שאטען. ווער ווייסט וואס פאר א צוקונפט עס קען נאך דענמאלסט האבען".

„ווער זאל דאס ברענגען דאס וואסער און דעם שאטען?"

„ווער דען אז נים דיא יודען? א מיתה משונה זאל דאס איינגעהמען!"

עס איז געווען גראד נאכט, בשעת זיי זיינען אנגעקומען קיין ירושלים, א פראכטיג שיינע לבנה נאכט.

„א רוח אין... איז דיא נאכט אבער שיין!" האט קינגסקאורט אויסגעשריען. ער האט געהייסען דיא קארעטע, וואס האט זיי געפיהרט צום האטעל, זיך אבשטעלען. ער האט הויך אנגעזאגט דעם געדונגענעם דיענער:

„איהר קענט בלייבען זיצען אויפ'ן באק און זאגען דעם חמור דעם קוטשער, אז ער זאל אונז נאכפאהרען. מיר ווילען געהן א שטיק צו פוס; דאקטאר, צו זייט איהר מסכים דערצו? וויא רופט מען דיא געגענד?"

דער דיענער האט הכנעה'דיג געענטפערט: — „דער טהאל פון יוספת (יהושפט) גנעדיגער הערר".

„א רוח אין... צו איז טאקי אין דער אמת'ן דא דער טהאל, דער טהאל פון יוספת! איך האב אלץ געמיינט, אז דאס איז נור א בבא־מעשה. אט דא איז ארויסגעגאנגען אונזער הערר און הייליגער רעטער, אונזער יעזוס! וואס זאגט

איהר פּאָרט דערצו, דאָקטאָר? אַך, ס'איז מיר גאָר פון זינען ארויס.... מילא, אָבער פאר אייך קען דאָס אויך ניט זיין גלייכגילטיג! אָט דיא אלטע מויערן, דער טהאָל....

„ירושלים". האָט פריעדריך האלב פאר זיך ארויסגערעדט און זיין קול האָט געציטערט. ער האָט זיך גאָר ניט געקאָנט ערקלערען, פאר וואָס דער בליק אויף די אונבעקאנטע, שווארצע, שארפע ליניען פון דער שטאָדט האָט איהם אזוי אָנגע־גריפען בײ'ן הערצען. צו האָט ער זיך דערמאָנט אָן דיא ווערטער, וואס ער האָט נאָך געהערט אין דער קינדהייט? אָן דיא געבעט־פלעצער, וואָס זיין פאָטער פלעגט ארויסמורמלען בײ'ן דאווענען? דיא פאָר העברעאישע ווערטער, וואָס ער געדענקט נאָך, זיינען איהם אריין אין מוח: „לשנה הבאה בירושלים!" און פלעצליך האָט ער זיך דערזעהן, וויא ער גייט אלס קליין איינגעלע בײ'ן פאָטערס זייט אין דיא שול. אַך, דיא אמונה איז געשטאָרבען, דיא יונגענד צורונען און דער פאָטער איז טויט. — און פאר זיינע אויגען זיינען געשטאַנען דיא מויערען פון ירושלים בעלויכטען פון דער לבנה, וויא א פער'כשוף'טע שטאָדט פון א בבא־מעשה. א הייסער שטראָם האָט פערנאָסען זיינע אויגען. ער האָט זיך שוין ניט געקענט איינהאלטען. ער האָט זיך אָבגעשטעלט און דיא טרערען זיינען איהם גע־רונען איבער דיא באַקען.

קיננסקאורט האָט מיט געוואלט דערשטיקט עטליכע „א רוח אין"; ער האָט ענערגיש צוגעוואונקען דעם קוטשער, אז ער זאָל זיך אָבשטעלען, און אליין האָט ער זיך שטיל אָבגערוקט אָן א זייט, ניט צו שטערען פריעדריכען אין זיינע פרום־וויינענדיגע געפיהלען.

פריעדריך האָט זיך אויפגעכאפּט וויא פון א כשוף און האָט טיעף אָבגע־זיפצט.

„ענטשולדיגט, מיסטער קיננסקאורט", האָט ער געזאָגט אביסעל פער־שעהמט, „איך האָב אייך געלאָזען ווארטען אויף מיר. עס איז עפּעס... עס איז מיר אזוי וואונדערליך צום מוטה. איך ווייס אליין ניט וואָס מיט מיר טהוט זיך".

קיננסקאורט אָבער האָט גענומען דעם יונגען מאן אונטער'ן אָרעם און מיט א זעלטען ווייכע שטימע געזאָגט:

„הערט איהר, פריעדריך לעווענבערג, איך האָב אייך ליעב".

און אין דער שעהנער לבנה־נאכט איז א קריסט מיט א יודען געגאנגען אָרעם אונטער אָרעם דורך דיא הייליגע שטאָדט ירושלים....

וועניגער מחיה'דיג האָט אויסגעזעהן ירושלים ביי טאָג.

א געשריי און א עפּוש, א געמיש פון מיתה משונה'דיגע קאָליערען, א ערב־רב אין אלערליי שמאטעס; בעטלער, חולאים, אויסגעהונגערטע קינדער, קוויט־שעריי פון ווייבער און דאָס הייזעריגע גרילצען פון דיא הענדלער. דער אָבגרונד, אין וועלכען עס איז ארונטערגעפאלען דיא אמאָליגע קעניגליכע שטאָדט — האָט טיעפער שוין ניט געקענט זיין.

קינגסקאורט און פריעדריך האָבען בעקוקט דיא בעריהמטע ערטער, אלטע געביידען און חורבות. זיי זיינען אויך אריין אין דאָס אומעטיגע געסעל,צום כותל-המערבי. עס האָבען זיי אָבגעעקעלט דיא בעטלער, וואָס האָבען פון דאווגען ביי'ן כותל המערבי געמאכט א עסק און געצווינגען דערפון זייער חיונה.

„איהר זעהט, מיסטער קינגסקאורט," האָט פריעדריך געזאָגט, „מיר האָבען זיך שוין ווירקליך געקוילעט אויף טויט. פון דער יודישער מלוכה איז אין גאנצען געבליבען א שטיקעל וואנד פון בית המקדש, און איך טוג קראצען אין דער נשמה וויא לאנג איך וויל, איך האָב פאָרט קיין שייכות ניט מיט דיא דערשלאָגענע נפשות, וואָס מאכען שאכער־מאכער מיט אונזערען נאציאָנאלען טרויער".

ער האָט דאָס הויך אויסגערעדט, ניט קלערענדיג, אז עס קענען נאָך אנדערע הערען. חוץ דיא דאווענרס, דיא בעטלערס און דיא בעגלייטער פון פרעמדע פאָ־סאזשירען, האָט זיך נאָך איינגעפונען פאר'ן כותל המערבי א דריטער הערר, גע־קליידט אייראָפּעאיש. מיט א פרעמדער אויסשפּראכע, אָבער אויף גוט דייטש האָט ער זיך געווענדעט צו פריעדריכען:

„לויט אייערע ווערטער, מיין הערר, שיינט איהר צו זיין א יוד אָדער אָבצר־שטאמען פון יודען".

„יא", האָט פריעדריך געענטפערט א ביסעל פערוואונדערט.

„דאן ערלויבט מיר", האָט דער פרעמדער ווייטער געזאָגט, „צו פערריכטען אייער טעות. פון דער יודישער נאציאָן איז א סך מעהר איבער געבליעבען, וויא דיא אלטע קוואדראטשטיינער פון דעם אלטען שטיק מויער און דיא אָרעמע הונ־גער ליידער, וואָס האָבען זיך גענומען פאר אזא ניט שעהנע מלאכה. מען זאָל דיא יודישע נאציאָן ניט בעאורטהיילען נאָך איהרע בעטלער און נאָך איהרע גבירים".

„איך געהער ניט צו דיא גבירים", האָט פריעדריך בעמערקט.

„איך זעה וואָס איהר זייט: א אָבגעפרעמדעטער פון זיין פאָלק. ווען איהר וועט א מאָהל צו אונז אין רוסלאנד קומען, וועט איהר שוין אליין איינזעהען, אז עס איז נאָך פאראן א אידישע נאציאָן. מיר האָבען א לעבעדיגע תורה, דיא ליעבע צו אונזער געשיכטע, א האָפנונג אויף דיא צוקונפט. דיא בעסטע און דיא

געבילדעסטע ביי אונז זיינען דעם יודענטהום און דער נאציאָן טריי געבליעבען. מיר ווילען ניט געהערען צו איין אנדער נאציאָן. מיר ווילען זיין דאָס וואָס אונזערע עלטערן זיינען געוועזען".

„אָט דאָס געפעהלט מיר", האָט קינגסקורט אויסגערופען.

פריעדריך האָט לייכט געצוקט מיט דיא אקסלען, האָט פון דרך ארץ וועגען נאָך גערעדט עטליכע ווערטער מיט דעם פרעמדען און זיי זיינען אוועקגעגאנגען. בשעת זיי זיינען שוין געוועזען ביין עק גאס, האָבען זיי זיך אומגעקערט און א בליק געטאָהן אויף צוריק. זיי האָבען געזעהען וויא דער רוסישער איד איז נאָך אלץ געשטאנען ביים מויער. ער איז געשטאנען פארן כותל המערבי טיעף פערזונקען אין זיינע געדאנקען.

אבענדס, אין ענגלישען האָטעל, וואו זיי האָבען געוואָהנט, האָבען זיי איהם ווידער געזעהען. ער איז געזעסען ביים טיש נעבען א יונגער דאמע, זיין טאָכטער מן הסתם. נאָכ'ן עסען האָט מען זיך צונויף געטראָפען אין גרויסען זאל. מען איז, ווי פון זיך, ווידער ארויף אויף דעם געשפרעך פון פאָרמיטאָג, דער רוסישער איד האָט זיך פאָרגעשטעלט: דאָקטאָר אייכענשטאם.

„איך בין א אויגענדאָקטאָר פון פאך. מיינע טאָכטער—דאָס גלייכען.

„וויא? דאָס פריילין איז דאָקטאָר?" האָט קינגסקאורט געפרעגט.

„זיא האָט פריהער ביי מיר און דערנאָך אין פאריז שטודירט. זיא איז איצט מיינע געהילפין. אַי! זי איז א גרויסער למדן, מיינע סאשא".

דאָס פריילין דאָקטאָר איז רויט געוואָרען פון דאָקטאָרס לויב.

„אָבער פאפא!" האָט זיא וויא אָבגעוועהרט.

דאָקטאָר אייכענשטאם איז מיט דער לינקער האנד אריבער איבער זיין לאנגען, גרויען באָרד.

„וואָס אמת איז מעג מען זאָגען. מיר זיינען אויך ניט דאָ פון פערגעניגען וועגען. מיר בעשעפטיגען זיך מיט אויגענקראנקהייטען. צום אונגליק פעהלען אונז דאָ ניט קיין פאציענטען. שמוץ און אָבגעלאָזענהייט זיינען זיך נוקם. אלץ ליעגט דאָ אין דער אדמה. און וויא גוט האָט דאָ געקענט זיין! דאָס איז דאָך א גאָלדענע לאנד?

„אָט דאָס לאנד?" האָט פריעדריך זיך ניט געגלויבט, „ותר גלויבט נאָך היינט דיא בבא מעשה פון א לאנד, וואו עס פליסט מילך און האָניג?"

„עס איז ניט קיין בבא מעשה", האָט אייכענשטאם מיט בעגייסטערונג אויסגערופען, „דיא מענשען פעהלען דאָ. חוץ דעם געפינט איהר דאָ אלץ".

„אויף מענשען זאָלט איהר נישט בויען". האָט קינגסקאורט ערקלעהרט מיט א פעסטען טאָן.

דאָקטאָר סאשא האָט זיך געווענדעט צום פאָטער:

„דוא זאָלסט דיא העררן ראטהען, דיא קאָלאָניעס צו בעזעהן".

„וואָס פאר קאָלאָניעס?" האָט זיך פריעדריך ערקונדיגט.

„אונזערע אידישע דערפער", האָט געענטפערט דער אלטער הערר, „דערפון האָט איהר אויך נים געהערט, הערר דאָקטאָר? דאָס איז דאָך איינע פון דיא וועלטענסטע פאקטען אין היינטיגען אידישען לעבען. אין פערשיעדענע שטעדט פון אייראָפא און אמעריקא האָבען זיך געגרינדעט חברות מיט'ן נאָמען „חובבי ציון", מיט דעם צוועק דאָ, אין אונזער אלטען לאנד, צו מאכען פון אידען—אקער־בויער. עס געפינען זיך שוין היבשע עטליכע אידישע דערפער. אויך עטליכע רייכע וואָהלטהעטער זיינען צוגעשטאנען און האָבען געלד געגעבען דערצו. אונזער אלט לאנד האָט ווידער אָנגעהויבען צו טראָגען פירות. מאכט דאָ א בעזוך אין דיא אידישע דערפער, איידער איהר פערלאָזט פאלעסטינא".

קינגסקאורט האָט צוגעברומט:

„מען קען דאָס מאכען, אויב איהר האָט חשק דערצו, הערר לעווענבערג."

פריעדריך האָט האסטיג איינגעשטימט.

דעם אנדערען טאָג האָבען זיי צוזאמען מיט אייכענשטאם און סאשא געמאכט א שפאציער רייזע אויפ'ן הר־הזתים (איילבערג). קלעטערענדיג זיינען זיי פערביי א רייכען הויז פון א ענגלישע דאמע.

„איהר זעהט", האָט אייכענשטאם געזאָגט, „דאָס מען קען נאָך פאלאצען בויען אויף דער אלטער ערד! עס איז א טהייערער געדאנק זיך דאָ צו בעזעצען. מיר חלומט זיך אויך דערפון".

„ועניגסטענס א אויגענבליק", האָט סאשא מיט א שמייכעלע א זאָג געטאָהן. פון הר־הזתים האָבען זיי בעוואונדערט דיא שטאָדט. וואָס איז אזוי רייך מיט היגעלען, דיא שטיינערנע וועלען פון דיא בערג, ועלכע האָבען זיך ווייט צולייגט ביז'ן ים המלח.....

פריעדריך האָט זיך פערטראכט.

„וויא שעהן האָט א מאָהל געמוזט זיין דיא שטאָדט. אפשר דעריבער האָבען זיא דיא יודען נים געקענט אזוי גיך פערגעסען? אפשר דעריבער האָט זיי אייביג געצויגען צו איהר?"

אייכענשטאם איז געווען פערקלעהמט און האָט פאנטאזירט.

„ירושלים דערמאַנט מיך אַן דיא שטאָדט רום. אויף היגעלען וואָלט מען וויעדער געקענט אויפבויען א וועלט שטאָדט, א שטאָלצע שטאָדט. שטעלט זיך פֿאָר וואָס פאר א פּאַנאראַמע מען זעהט פון דאנען. שענער און פּרעכטיגער ווי פון דשיאניקולאַ. אך, ווען מיינע אלטע אויגען וואָלטען עס נאָך געקענט זעהען!“

„דאָס וועלען מיר שוין ניט דערלעבען“, האָט סאשא טרויעריג געזאָגט.

קינגסקאורט האָט זיך שטילערהייט געוואונדערט איבער דיא פּאנטאזיען, און בשעת ער איז וויעדער געווען אליין מיט לעווענבערגען האָט ער דאָס ארויסגעזאָגט:

„א מאָדנע פּאָרעל דער דאָקטאָר־פאָטער און דיא דאָקטאָר־טאָכטער! אזוי פּראקטיש און דאבײ אזוי נאריש. איך האָב זיך מיר דיא אידען גאָר אנדערש פאָרגעשטעלט“.

דעם קומענדען מאָרגען האָבען זיי זיך אָבגעזעגענט פון פאָטער און טאָכטער און, פאָלגענדיג זייער עצה, זיינען זיי אוועקגעפאָהרען צו דיא קאָלאָניעס. זיי האָבען געזעהן ראשון לציון, רחובות און אנדערע קאָלאָניעס, וועלכע האָבען אין דער אויסגעטריקענטער געגענד אויסגעזעהן וויא אָאזען. א סך פלייסיגע הענד האָבע געמוזט ביטער ארבייטען, איידער דיא טוידטע ערד איז וויעדער לעבעדיג געוואָרן. זיי האָבען געזעהן גוט בעבויטע פעלדער, א היבשע ביסעל שעהנע וויינגערטנער און שווערע אפּעלסינענבוימער.

„דאָס איז אלץ בעשאפען געוואָרען אין דיא לעטע 15 יאָהר“, האָט זיי דערקלעהרט דער פאָרשטעהער פון רחובות, צו וועלכען זיי האָבען געהאט אפּראָטעקציע פון דאָקטאָר אייכענשטאם.

„נאָך דיא פּאָגראָמען אין רוסלאנד, אין דיא אכציגער יאָהרען, האָט זיך אָנגעהובען דיא ארבייט פון דיא חובבי ציון. עס איז אָבער דאָ נאָך זעלטענערע קאָלאָניעס, למשל, די קאָלאָניע גדרה. שטודירטע האָבען זי געגרינדעט. זיי האָבען פערלאָזען זייערע ביכער און זיינען געוואָרן אקערבויער. אזעלכע בויערן וועט מען אין דער גאנצער וועלט ניט געפינען. געבילדעטע מענער, וועלכע ארבייטען אויפ'ן פעלד“.

„דאָס איז טאקע א בעלנות“, האָט קינגסקאורט אויסגערופען. אָבער נאָך גרעסער איז געווען זיין פערוואונדערונג, בשעת דער פאָרשטעהער פון רחובות האָט דיא יונגע לייט פון דער קאָלאָניע געהייסען בעשטייגען דיא פערד. א מין אראבישע פאנטאזיע האָבען דיא אורחים דערזעהן. דיא יונגע לייט האָבען וויא אוויפֿ זיך פערטראָגען אין פעלד, א קעהר געטאָהן דיא פערד אויף צוריק, וויא א שטורם

געקומען װידער צו רײטען מיט א קלינגענדען „הידד“. אין פולען גאלאפּ האבען זײ דיא ארונטערגעװארפענע היטלען אויפגעהויבען, דיא ביקסען אין דער לופט געװארפען און צוריק אנגעהאפּט. דערנאך האבען זײ זיך אויפגעשטעלט אין איין שורה און געזונגען א העברעאיש ליעד.

קינגסקאורט איז ארויס פון דיא כלים.

„אי, א כפל שמונה'דיגער רוח זאל זײ חאפּען! דיא שקצים רײטען דאך װיא דיא טײװאלאנים!“

אבער פריעדריך האט װעניג זיך אינטערעסירט מיט דיא שפּיעלען פון יונגע מענשען מיט געזונדטע פריש לעבעדיגע הערצער, און ער איז זעהר געװען צו־פריעדען, בשעת ער האט פערלאזען דיא קאלאניעס כדי צוריקצוקעהרען קיין יפו.

דיא יאכט שיף איז געװען פערטיג צום פאהרען. אין דיא לעצטע דעצעמבער טעג האבען זײ פערלאזען דיא ברעגעס פון פּאלעסטינא, בעלײכטען פון זון, און האבען אנגעשטעלט די זעגעל אויף פּארטסאאיד צו. אין דעם האפען זײנען זײ גע־בליעבען צװײ טעג, דערנאך זײנען זײ דורך דעם זועץ־קאנאל געפאהרען װײטער. אױענדס, דעם 13טען דעצעמבער 1899 זײנען זײ געקומען אין ים־סוף (רויטהען־מעער). פריעדריך איז װידער געװארען ניעדערגעשלאגען און געפאלען ביי זיך. אין אזא געדריקטען מצב איז איהם אלץ געװען גלײכגילטיג.

אקוראט װי די זון האט זיך אראפּגעלאזען האט איהם קינגסקאורט ארויס־גערופען אויפ'ן פּארדעק:

„הײנט, דאקטאר, װעלען מיר אונז אנטאהן װאהלטאג. קוקט נור װאס פאר געריכטען מיר האבען הײנט צו טיש. איך האב אויך א רעכט ביסעל שאמפּאניער־פלעשער געלאזט שטעלען אויף אײז“.

„װאס איז עפּעס הײנט מיט אייך דער מעהר?“

„און דאס װײסט איהר נימ, מענש? דאס איז דאך דער לעצטער טאג פון יאהרהונדערט! דאס איז דאך נימ קײן געװעהנליכע דאטע, אויב דאטען האבען בכלל א בעדײטונג“.

„פאר אונז האט דאס נימ דיא מינדעסטע בעדײטונג. פאר אונז הײבט זיך אן א לעבען אהן א צײט. אפשר נימ אזוי?“

„אמת, אמת, אבער עס איז פּארט א װילד משונה'דיגער טאג. בחצות הלילה װעלען מיר איהם דערטרינקען אין ים, אין אײער ים־סוף, און װען דאס נארישע יאהרהונדערט, אין װעלכען מען האט אונז פערמשפּט צו לעבען, װעט

אריין אין תהום, וועלן מיר אַנחויבען חלום'ן פון גרויסע און געהויבענע צייטען !...
זאָרגט זיך ניט, א גוטען פונש האָב איך שוין געהייסען ברייען. דאָס איז נאָך די
רעעלסטע סחורה צווישען דאָס שפּינוועבס פון אונזער מענשליכע פערגעניגען".

און זיי האָבען עס טאַקע ממלא געווען. דער שיפסקאָך האָט בעוויעזען וואָס
ער קען. קינגסקאָורט, א טרינקער פון טרינקערלאנד, האָט דריי מאָל אזוי פיעל
אריינגעקעהרט וויא פריעדריך, און דערביי איז ער געבליעבען פריש און ניכטער
כמעט. זיין יונגער חבר אָבער האָט געפיהלט וויא איין נעבעל פאַר דיא אויגע
אין קאָפּ איז געוואָרן שווער און ווי דורך א חלום האָט ער געהער טרי וויטער־
דיגע ווערטער.

„חצות !" האָט קינגסקאָורט א געשריי געטאָהן מיט א קול צום פערטויבט
ווערען, „פגר, יאהרהונדערט ! איך טרינק מיין גלאָז אויף דיין טוידט ! וואָס ביסט
דוא געווען ? בלוט, שאנדע, פארחעריי און פאַרטשרים ! לאָמיר זיך קלאַפּען מיט
דיא גלעזער, מענש, מאַן, פעראיינזאַמטער חבר מיינער !"

„איך קען ניט מעהר", האָט פריעדריך געשלעפּט מיט דער צונג.

„א דור פון קאַרליקעס ! באַרוועס מיט אָבגעוואשענע פיס האָט איהר גע־
מענט דאָ שטעהן ! מיר זיינען דאָך אין א אלט־אלט פערצייטיגען אָרט ! דאָ
האָט אייער אלטינקער משה רבינו געוויעזען איינע פון זיינע גרעסטע קונסט־
שטיקלעך..... דעם ים סוף האָט פאַר אייך צו יבשה געמאכט. מן הסתם איז גע־
ראָד דענסטמאָל דיא אָבפלייצענעש געווען.... און דיא פיה פון א פּרעה האָבען גע־
בראָדזשעט אין וואסער. קיין ברעקעל כשוף דערביי ! אָבער גראָר פאַר דאָס נאַ־
טירליכע דערביי האָב איך אזא אָבשיי ! אין פלוג דיא איינפאכסטעמיטעל ! אָבער
זעהען מוז מען זיי, און מען מוז זיי פערשטעהן צו געברויכען ! בעקלעהרט נאָר,
וואָס פאַר א אָרימע צייט עס איז דענסטמאָהל געווען, און וואָס אייער אלטינקער
משה האָט ניט אלץ אויפגעטאָהן ! שטעלט זיך פאַר, ווען ער וואָלט היינט זיך
ווידער בעוויעזען און דערזעהען דיא אייזענבאהנען, די טעלעגראפען, דיא טע־
לעפאָנען, אלע דיא מאשינען, אָט דיא יאכט שיף מיט'ן שרויף און דעם עלעקט־
טרישען שיין וואָרפער!... ער וואָלט ניט פערשטאַנען וואָס די האָר איז ווערט.
מען וואָלט איהם אפשר דריי טעג נאָך דער רייהע געמוזט אלצדינג ערקלעהרן.
אָבער אין דריי טעג ארום וואָלט ער שוין דיא גאנצע מאכעריי פערשטאַנען. און
ווייסט איהר וואָס ער וואָלט דענסטמאָל געטאָהן ? געלאכט וואָלט ער מיאוס'דיג,
געלאכט מיט א שרעקליכען כעס אין דיא אויגען ! ווייל דיא מענשען האָבען מיט
אלע זייערע אוצרות, מיט וואָס דער פּאָרשרים האָט זיי בעשענקט, ניט געוואוסט

וויא זיך צו בענעהן. אז מען קוקט זיך צו צום אייגענעם מזל, קומט מען צו א הסכם. אז דיא מענשען זיינען שלעכט; קוקט מען זיך אבער צו צו דיא מענשען בכלל, זעהט מען אז זיי זיינען שוטים, ווילדע פראים, וואס פאר זייער נארישקייט איז גאר קיין נאמען ניטא! קיין מאל איז דיא וועלט ניט געווען אזוי רייך און קיין מאל האט זיא ניט געהאט אזוי פיעלארימעליים, וויא איצט. מענשען שטארבען פאר הונגער, בשעת גאנצע שפייכלער מיט קארן געהן לאבוד און ווערען פערשימעלט. איך עס מיר דערפון ווענינ וואס אב דיא הארץ. וואס מעהר מענשען וועלען צו גרונד געהן, וועלען אלץ וועניגער כפול־טובה'ניקעס און שקרנים זיין אין דער וועלט".

פריעדריך האט קוים געשלעפט מיט דער צונג:

„צו גלויבט איהר גישט אין דעם, מיסטער קינגסקאורט, אז ווען דעם מענשען וואלט געגאנגען בעסער, וואלט ער אויך ארענדליכער געווען?"

„איך האב אין דעם קיין אמונה ניט! ווען איך וואלט אזוי גערעכענט, וואלט איך געגאנגען צו מענשען און ניט צו מיין פערבארגענער אינזעל. איך וואלט זיי געוויעזען, וויא מען בעדארף לעבען, אום מדות טובות צו קריגען. מען דארף אויף דעם ניט ווארטען ניט קיין טויזענד, ניט קיין הונדערט, אפילו ניט קיין פופציג יאהר. היינט קען מען דאס דערגרייכען! מיט דער בילדונג, מיט דיא אידעען און טעכנישע מיטעל וואס דיא מענשהייט בעזיצט איצט סוף 1899 קען זי זיך איין איין מעת לעת העלפען. מען דארף דערצו ניט דעם „שטיינדער וויזען" אדער א לופט באלאן וואס זאל זיך לאזען פיהרען. אלץ וואס נויטהיג איז, אום צו פערבעסערע דיא וועלט, איז שוין לאנג פאראנען. און צו ווייסט איהר, מענש, ווער וואלט געקענט וויזען דעם וועג? איהר! דיא אידען! און גראד דעריבער וויל אייך איז ערגער וויא אלעמען. איהר קענט מאכען דעם ערשטען נסיון צו גרינדען א לאנד, וואס זאל זיין א מוסטער פאר אלעמען. און ווייסט איהר וואו? דארטען אויבען, וואו מיר זיינען אקארסט געוועזן. אויף דער אלטער ערד גרינדען א נייעס לאנד. אלט נייאלאנד!"

דיא לעצטע ווערטער האט פריעדריך שוין געהערט וויא אין חלום. ער איז איינגעשלאפען, און אין שטילע חלומות איז ער געפאהרען דורך דעם ים סוף, זיך צו בעגעגנען מיט זיין אייגענער צוקונפט.

ענדע ערשטעם בוך.

דאָס צווייטע בוך.

חיפה אין יאָהר 1923.

I.

קינגסקאורטס יאכטשיף איז ווידער געפאָרען דורכ'ן ים סוף, אָבער דעם אומגעקעהרטען וועג.

קינגסקאורטס באָרד און זיינע האָר זיינען שוין געוועזען ווייס וויא שנעע, און פריעדריך שטעהענדיג פאר דעם שפּיגעל אין קאיוט האָט שוין אויך געקענט בעמערקען אויף דיא שלייפען דיא ערשטע זילבערנע פעדים.

דער אלטער האָט איהם ארויסגערופען אויפ'ן פּאָרדעק:

„איי! פריטץ! קומט דאָך ארויס א ביסעל!"

„וואָס דארפט איהר מיך?" האָט פריעדריך געפרעגט ארויסגעהענדיג אין דער הויך.

„א רוח זאָל מיך האפּען, אויב מיין מוח הייבט דאָס אָן צו בענעהמען! דיא גאנצע צייט, וואָס מיר פאָהרען דאָ אין ים סוף, האָב איך כמעט קיין פּאסאזשיר דאמפּפער ניט געזעהן. אלץ פראכטשיפען, און צעהנדליגער, צעהנדליגער.... גע-דענקט איהר נאָך וויא דאָס איז געוועזען פאר צוואנציג יאָהרען אין 1902? דאָ האָט זיך עפּעס געטאָהן! פּאסאזשיר שיפען פון חינא, פון אָסט-אינדיען... דיא פּאָר אָרימע דאמפּפערלעך, וואָס מיר טרעפען דאָ אָן, געהען נאָר צו דיא אפריקאנישע האפענס און קיין מאדאגאסקאר. איך האָב מיך ביי דיא בהמות דיא מאטראָזען ערקונדיגט וועגען איטליכען שיף. מען זעהט שוין מעהר ניט קיין חינעזען, יאַ-פּאניער און אָסט-אינדיער אין דיא דאָזיגע וואסערן; לויטער פראכטשיפען. אפשר האָט ענגלאנד אין דיא צוואנציג יאָהרען פערלאָהרען גאָר איהר ממשלה אין אינדיען? שדים, זאָלען דאָס נעאָהמען! ביי וועמען אין דיא הענד אָבער איז דאָס אריבער?!"

„פרעגט דאָס דעם מאטראָזען, אויב דאָס אינטערעסירט אייך"....

„ניטאָ קיין פרעגענישען! דאָס, לייג איך אָב, ביז מיר וועלען קומען קיין איי-

־אַפּא. איך בין א איינגעהאלטענער! אפשר גארט איך, פריטץ, עפּעס צו דער־געהן?"

„ניין, קינגסקאורט, מיר איז שוין אלץ גלייך. אין דיא צוואנציג יאָהרען האָב איך מיך אָבגעוואָהנט זיך צו קימערן פאר זאכען וואָס געהען ניט פאַר אויף אונ־זער ליעבער אינזעל. איך האָב דאָ שוין ניט קיין איינציגען פריינד, קיין שטיקעל קרוב. נאָך וואָס זאָל איך זיך נאָכפרעגען?"

קינגסקאורט האָט זיך אויסגעצויגען אויף א לעהנשטוהל, בעקוועם וויא א בעם, און האָט געצויגען א גרויסע האוואנא סיגאר:

„יאָ, שלעכט איז אייך דיא אינזעל ניט בעקומען, פריטץ! אז איך בע־קלעהר וואָס פאר א מאָגערער אידישער בחור, מיט א איינגעפאלענער ברוסט, איהר זייט געווען בשעת איך האָב אייך מיטגענומען.... איצט זייט איהר דאָך שטארק וויא א בוים, א מחיה א קוק צו טאָהן; מיר דאכט זיך, אז די נקבות וועלען אייך נאָכלויפען אין דיא גאסען!"

„איהר זייט שוין א פאַלגער משוגענער, קינגסקאורט", האָט פריעדריך גע־לאכט. „פון אייער כבוד וועגען רעכען איך אָבער, אז איהר שלעפּט מיך ניט קיין אייראָפּא מיט דער דעה, מיך חתונה צו מאכען".

קינגסקאורט האָט זיך געקייקעלט פאר געלעכטער:

„א איינפאל! חתונה מאכען! פאר אזא בהמה האָט איהר מיך שוין ניט! וואָס וואָלט איך מיט אייך געטאָהן דערנאָך?"

„אפשר ווילט איהר אויף אזא דרך, איידעלערהיים, פון מיר פּטור ווערען! אפשר איז אייך שוין דערעסען דיא געזעלשאפט מיינע?"

„איצט פערלאנגט שוין נאָר דיא פויגעלדיגע בהמה, אז איך זאָל איהם אָב־שיטען מיט קאָמפּלימענטען!" האָט דער אלטער געשריען, וועלכער האָט ליעב גע־האָט אויסצומישען זיינע רייד מיט אלערליי זלזולים. „איהר ווייסט דאָך גאנץ גוט, אז אָהן אייך וואָלט איך שוין ניט געקענט לעבען. דיא גאנצע איצטיגע רייזע האָב איך נאָר אונטערנומען צוליעב אייך, דערמיט, אז איהר זאָלט ווייטער עט־ליכע יאָהר געדולד האָבען מיט מיר צו לעבען".

„הערט, קינגסקאורט, איהר ווייסט דאָך, אז איך קען ניט אימיצען גראָב זיין, וועניגסטענס, אזוי גראָב זיין וויא איהר. אָבער, איידעל האָט איהר גערעדט וויא א...."

„א חמור?"

„אין דעם ערך!.... ווען האָב איך ארויסגעוויעזען אונגעדולד? איך בין

אויף אונזער אינזעל געווען גליקליך. דיא צוואנציג אָהר זיינען פאר מר אוועק וויא א חלום. צו איז דאָס ניט געווען נעכטען, בשעת איהר האָט געהאַלטען אייער געזעגענרערע צו דער צייט? איך וואָלט קיין מאָל דיא ליעבע אינזעל ניט פערלאָזען! קיין מאָל ניט! און איצט דולט איהר מיר א מוח, אז דיא רייזע מאכט איהר צוליעב מיר. שעהמט זיך, אלטינקער, דאָס איהר האפט זיך אָן פאר אזעלכע פוילע אויסריידען! אייך גארט זיך צו זעהען, וואָס פאר א פנים האָט איצט אייראָפּא. אייך ציהט אהין, ניט מיך! דיא בעסטע ראיה, אז איך קימער מיך ניט דערמיט, וואָס עס מחוט זיך דאָרטען, איז די, דאָס איך האָב דיא גאנצע צייט קיין צייטונג ניט ארייגענומען אין דער האנד".

„א קונץ א גרויסער! אונזער אינזעל האָט דאָך ניט געהאט קיין צייטונגען. דאָס איז דאָך געווען דער ערשטער תנאי מיינער: ניט קראנק מאכען דיא נשמה מיט צייטונגס־שפייז!"

„אזוי גאָר! פאר עטליכע יאָהרען איז אָנגעקומען א קאסטען פּראָדוקטען פון קאראַטאַנגא. דיא פּעקלעך זיינען געווען איינגעוויקעלט אין ענגלישע און פראנצויזישע צייטונגען. א רגע לאנג בין איך אויסגעשטאנען דעם נסיון זיי דורכצולעזען. וויא אלט זיי זיינען שוין ניט געווען, צו מאָנאטען, צו יאָהרען, פאר מיר וואָלט זיך נאָך געפונען גענוג נייעס. דאָס איז געווען אין יאָהר 1917, און זייט 15 יאָהר האָבען מיר שוין מיט דער וועלט ניט געהאט קיין שום מגע ומשא. איך האָב אָבער צונויפגעקליעבען דיא בלעטער און ניט לייענענדיג א אות ארייגעוואָרפען אין פייער. און איהר דערוועגט זיך נאָך צו זאָגען, אז מיך ציהט קיין אייראָפּא!"

דער אלטער האָט צופריעדען געשמייכעלט:

„אזוי וויא איהר האָט מיך שוין געחאפּט ביי'ן ליגען וועל איך זיך פאר אייך אין גאנצען מודה זיין. ס'איז א אמת, עס ווילט זיך מיר שטארק וויסען, וואָס עס איז געוואָרען פון דער פארדאָרבענע וועלט. צו זיינען דיא מענשען נאָך אלץ אזוי שלעכט און נאריש וויא א מאָל".

„מיין גוטער קינגסקאורט, איך וועט מיך מיט אייך, מיר וועלען גומל בענשען אין דעם טאָג, ווען מיר וועלען קענען צוריקסעהרען צו אונזער אינזעל און פטור ווערען פון דיא מענשען מיט זייערע עסקים'לעך".

„איך האלט דאָס געוועט ניט מיט, ווייל איך קלעהר דאָס איינענע".

דיא יאכט־שיף איז דורכגעשוואומען דעם זועץ־קאנאל. אין פּאָרט־סאאיד זיינען זיי ארוים אויף דער יבשה. אין האפען האָט מען אויסגעלאָדען און אָנגע־

לאַדען פּראכטשיפען, אבער צווישע]דיא אָרימע פעראלטעטע מארק־פלעצער אין דער שטאָדט האָט מען שוין ניט געזעהן דיא אלע מיני קאָלירען פון פערשידענע טראכטען, מען האָט שוין ניט געהערט דאָס געמיש פון אלערליי פרעמדע לשונות, און דאָס וואָס האָט אזוי אויסגעצייכענט דעם אָרט פון אנדערע האָט זיך שוין ניט געוואָרפען אין דיא אויגען. א מאָל האָבען זיך דאָ צוזאמענגעטראָפען דיא וועגען פון מענשען, וואָס זיינען געגאנגען און געפאָהרען פון מזרח קיין מערב און פערקעהרט, דאָ האָט מען פריהער געזעהן דיא רייכסטע פערפוצטע רייזענדער, מענשען וואָס טרעטען אויס דעם גאנצען ערד־קוגעל; און איצט שלעפען זיך ארום וויא שאָטענס נעבען דיא שמוציגע קאפעהייזער עטליכע געבירטיגע איינוואָהנער און א פאָר שכורע מאטראָזען.

קינגסקאורט און פריעדריך זיינען אריין אין א קראָם און האָבען פערלאנגט ציגארען פון בעסערען זאָרט. דער קרעמער, א גרעק, האָט געענטפערט זיך בעקלאָגענדיג:

„בעסערע זאָרטען האָבען מיר ניט. עס איז שוין ניטאָ דיא בלענים דערויף. מען זעהט שוין ניט קיין רייכען רייזענדער. מען זעהט נאָר מאטראָזען, וואָס שטען בעטען קייטאבאק און וואָלוועלע פאפיראָסען“.

„דאָס גלויבט זיך אָבער נאָר ניט!“ האָט קינגסקאורט ווייטער געפרעגט. „וואו זיינען אהינגעקומען דיא רייזענדער, וועלכע פאָהרען קיין חינא, קיין אינדיען, אויסטראליען?“

„דיא זעהט מען שוין אין דיא אויגען ניט אָן. זיי פאָהרען איצט אויף אן אנדער וועג“.

„אויף א אנדער וועג?“ האָט פריעדריך פערוואונדערט אויסגערופען, „וואו האָט זיך דאָ גענומען א אנדער וועג? צו פאָהרט מען שוין ארום דעם „קאפּ־דער־גוטען־האָפנונג?“

דער קרעמער האָט פאראיבעל געקראָגען:

„איהר חוזק'ט פון מיר, מיין הערר. דאָס ווייס דאָך היינט א קינד, אז קיין אזיען פאָהרט מען היינט ניט דורך דעם זועץ-קאנאל“.

פריעדריך און קינגסקאורט האָבען שטארק פערוואונדערט זיך אָנגעקוקט איינער דעם אנדערען, דערנאָך האָט דער לעצטער א ברום געטאָהן:

„געוויס ווייס דאָס איטליך קינד. איהר וועט דאָך ניט מיינען, אז מיר זיינען אזוי אונגעבילדעט, ניט צו וויסען פון דעם פערשאָלטענעם נייעם קאנאל“.

דער גרעק איז שוין געוואָרען צוקאַכט און האָט א זעץ געטאָהן מיט'ן פויסט אויפ'ן טאָמבאנק:

„ארויס פון קראָם! אייער גליד זאָל מיר ראָ ניט זיין! צערשט חוזק'ן זי' אָב פון מיר, בעטענדיג טייערע ציגארען, דערנאָך מאכען זיי נאָך גלייכוועדטלעך ארויס פון דאנען".

קינגסקאורט האָט זיך שוין אלאָז געטאָהן דעם טאָמבאנק איבערצושפרי'- גען און דעם גריכען דעם מוח צושפאלטען. אָבער פריעדריך האָט נאָך צו דער רעכטער צייט אָבגעהאלטען דעם אלטען היץ־קאָפּ.

„עס ווייזט אויס, קינגסקאורט, אז אין דיא לעצטע צוואנציג יאָהר זיינען עפּעס גרויסארטיגע זאכען געשעהן, פון וועלכע מיר הייבען ניט אָן צו ווי- סען".

„שדים זאָלען מיך נעהמען! איך מיין אויך דאָס אייגענע. בכן, מוזען מיר דאָס פריהער פאר אלץ זעהען צו דערגעהן".

אין האפען זיינען זיי עס דערגאנגען ביי'ן קאפּיטאַן פון א דייטשען סוחרי- שען שיף: דער האנדעל אין האפען אויף'ן ים צווישען אייראָפּא און אזיען האָט זיך איצט גענומען א נייעם וועג. דער וועג איבער פּאלעסטינא.

„צו זיינען דאָ דאָרטען האפענס, אייזענבאהנען?" האָט פריעדריך גע- פרעגט.

דער קאפּיטאַן האָט זיך שטארק פאנאנדערגעלאכט.

„צו עס געפינען זיך האפענס און אייזענבאהנען אין פּאלעסטינא? פון וואַ- נעט קומט איהר, מיין הערר? צו האָט איהר גאָר קיין מאָל ניט געלייענט א צייטונג, אָדער דורכגעקוקט איין אייזענבאהן פּלאַן?"

„איך קען ניט זאָגען, אז קיין מאָהל, אָבער שוין היבשע עטליכע יאָהר...... פּאלעסטינא איז אונז בעקאנט פאר א וויסטע לאנד".

„א וויסטע לאנד!..... אויב דאָס איז ביי אייך א וויסטע לאנד, טאָ זאָל זיין וויא איהר זאָגט. אָבער איהר מוזט זיין שוין א ביסעל צו פערוועהנט".

„הערט זיך איין, הערר קאפּיטאַן", האָט קינגסקאורט אויסגערופען, „מיר וועלען זיך מגלה זיין פאר אייך, וויא פאר א אייגענעם פּאַטער. אָט מיר ביידע פערשטעהט איהר מיך, זיינען אונוויסענד וויא דיא נאכט. צוואנציג יאָהר האָבען מיר געלעבט פאר־זיך און מיט אונזערע פארגעניגענדען. און איצט דערצעהלט אונז, וואָס איז דאָ פּאסירט מיט דער אלטינקען פּאלעסטינא?"

„אויב איך זאָל דאָס אייך וועלען אלץ אויסדערצעהלען, דארף איך מעהר-

ציים דערצו וויא איהר אוועקצופאהרען אהין. אויב איהר זשאלעוועט ניט עטליכע טעג, טא מאכט דאך דעם קליינעם אומוועג. אין חיפה און יפו וועט איהר אויף אלע פעלע קריגען דיא גיכסטע שיפען, וואס פאהרען קיין איירָאפּא און אמעריקא. אויב איהר וועט וועלען פערלאזען אייער יאכטשיף.

„ניין, דאס ניט, אונזער יאכט פערלאזען מיר ניט. אבער דעם אומוועג קענען מיר מאכען. פריטץ! וואס זאגט איהר דערצו? צו ווילט איהר נאך א מאהל א קוק טאהן אויף דאס לאנד פון אייערע אמאליגע אבות פון דער גאלדענע פאהן?"

„מיך ציהט אהין אזוי ווענינ ווי קיין איירָאפּא. עס איז מיר קיין חילוק ניט".

און זיי האבען אנגעשטעלט דיא זעגלען אויף חיפה צו.

עס איז געוועזן א פריהלינגס פריהמארגען נאך איינע פון דיא מילדע נעכט, וואס שוועבע איבער דעם דאזיגען ים—בשעת זיי האבען דערזעהן דעם ברעג פון פאלעסטינא. זיי זיינען ביידע געשטאנען אויף דעם קאמאנדא בריק און האבען זייט צעהן מינוטען ניט אראבגענומען פון דיא אויגען די ספעקטיוועז, וועלכע זיינען געוועזן אנגעשטעלט אויף דעם ברעג, וואס איז זיך ביסלעכווייז ארויסגעוואקסען פון ים.

„מען קען שווערען אז דארטען איז דיא בוכט פון עכו", האט פריעדריך געזאגט.

„מען קען אויך שווערען פונקט קאפויר", האט קינגסקאורט זיין מיינונג ארויסגעזאגט, „איך האב נאך אין מיין געדעכטניס דאס בילד פון דער בוכט. פאר 20 יאהרען איז זיא געוועזן ליידיג און וויסט. אבער דאס רעכטס איז דאך דער כרמל און לינקס אויבען איז עכו".

„וויא פערענדערט"! האט פריעדריך אויסגערופען, „נסים האבען דא געמוזט געשעהן". זיי האבען זיך דערנעהענטערט, און איצט האבען זיי שוין דורך די שארפע גלעזער געקענט ביסער בעטראכטען די איינצעלנע פרטים, וואס האבען זיך וויא דורך א נעבעל געווארפען פאר דיא אויגען. אויף דער רהעדע צווישען עכו און דעם פוס פון כרמל האבען געאנקערט מורא'דיג גרויסע שיפען. אזעלכע און [illegible]
מחנה שיפען האט מען געזעהען דיא ליעבליכע ברעגעס פון ים־צונג (בוכט). אויף'ן שפיץ פון עכו צפון־זייט זיינען שטאלץ געשטאנען פרעכטיגע אריענטאלישע געביידען די גרויע פעסטונג־מויערן, די ברייטע קופעלען און די שלאנקע מינארעטן.

צוזאמען מיט דעם מארגענהימעל וואס האט זיך געצויגען איבער זיי, האט גע־מאכט אויף דיא רייזענדע א ליעבליכען פריעדליכען איינדרוק. אין דער זייט פון דיא ליניען, האט זיך דאס בילד פון עכו ניט פיעל געענדערט. אבער אין דרום זייט, הינטער דעם בעריהמטען שטאדט, וואס איז אזוי פיעל צרות אויסגע־שטאנען, דארט, וואו דער ברעג ציהט זיך רונד וויא א בויגען האט זיך בעוויעזען א נייע פראכט. טויזענדער ווייסע ווילען (זומער וואהנונגען) האבען ארויסגע־קוקט און געלויכטען צווישען דיא גרינע צווייגען פון די רייכע גערטנער. עס האט זיך אויסגעדוכט, אז פון עכו ביז'ן כרמל ציהט זיך איין גרויסער גארטען, און דער בארג אליין איז אויך געווען בעקרוינט מיט געביידען, וואס האבען געלויכטען פון ווייטען אין אלע פארבען.

אזוי וויא זיי זיינען געקומען פון דרום־זייט האט זיי דער בארג כרמל צו־ערשט פארשטעלט דעם בליק אויף'ן האפען און דיא שטאדט חיפה. אין א ווײלע ארום איז דאס אויך ארויסגעטראטען פאר זייערע אויגען, און עס איז שוין געווען אונמעגליך צו צעהלען די „טייוולאנים“, וואס זיינען געפלויגען פון קינגס־קורטס ליפען.

א וואונדערליכע שעהנע שטאדט איז געלעגען ביי'ן טיעף־בלויען ים. גרויס־ארטיגע שטיינדאמען זיינען געשטאנען אין וואסער, און דער פרעמדער האט באלד געקענט אייזעהען וואס פאר א האפען דאס איז געווען; איינער פון דיא זיכערסטע און בעקוועמסטע האפענס אויף'ן מיטעללענדישען ים. דא האבען זיך אויפגעהאלטען שיפען פון אלערליי סארטען, קליינע און גרויסע, פראכט און פאסאזשיר שיפען, שיפען פון אלערליי פעלקער.

קינגסקאורט און פריעדריך זיינען געשטאנען וויא פערטויבטע. אויף זייער אלטע ים־קארטע איז נאך פון אזא האפענשטאדט קיין זכר ניט געווען, און איצט שטעהט זיא פאר זייערע אויגען. אקוראט וויא דורך א כישוף בעשאפען. די וועלט, בעשיינפערליך, איז אין דיא יאהרען פון זייער אבגעזונדערטהייט ניט געשטאנען אויף איין ארט.

זיי האבען פעראנקערט דיא יאכט שיף, און אין א באטעל (קליינע שיפעל) זיינען זיי צוגעפאהרען צום ברעג, דורך דיא מהומה פון דיא גרויסע שיפען ארום.

אין קורצע אבגעריסענע פראזען האבען זיי איינער דעם אנדערן איבערגעג־בען דעם רושם, וואס האט אויף זיי געמאכט דער נייער האפען. דאס באטעל האט זיך אבגעשטעלט ביי דיא שטיינערנע טרעפ פון דער דאמבע. זיי זיינען אויסגע־שטיגען. א פאר טריט ניט ווייט פון זיי איז געשטאנען א יונגער מאן און האט,

וויא עס ווייזט אויס, געוואָלט אראָפּגעהן דיא טרעפּ, כדי זיך אריינצוזעצען אין א עלעקטרישע שיפעל, וואָס האָט, בעשיינפּערלעך, געוואַרט אויף איהם. בשעת אָבער ער האָט דערזעהען דיא צוויי רייזענדער איז ער געבליעבען שטיין וויא צו־געקיים. מיט פערוואונדערטע, ווייט אויפגעריסענע אויגען האָט ער געקוקט אויף פריעדריכען.

דער אלטער האָט דאָס בעמערקט און האָט געברומט:

„וואָס האָט ער זיך אזוי פערקוקט,„ דער פּארשוין מיינער? צו זעהט ער צום ערשטען מאָל א פּאָר ציוויליזירטע מענשען?“

פריעדריך האָט געשמייכעלט.

דאָס גלויבט זיך מיר ניט. דיא מענשען אויף דער דאמבע זעהען אויס נאָך מעהר ציוויליזירט וויא מיר. שוין גיכער אָנצונעהמען, אז מיר זעהען איהם אויס צו אלט מאָדיש. גיט נאָר א קוק אן דער הויף. וויא עס קאָכט דיא גאַס אקוראַט וויא א וועלט שטאָדט. וויא פיעל שעהן געפּוצטע מענשען אויפ'ן גאַס! מיר דאַכט זיך, אונזערע קליידער זיינען שוין ארויס פון דער מאָדע.“

זיי האָבען דעם שיפער אָנגעזאָגט, אָבצו־וואַרטען זיי אין דעם אייגענעם אָרט און זיי זיינען ארויף דיא שטיינערנע טרעפּ, וואָס האָבען געפיהרט צו דער קאָבעדיגען גאַס, אויף וועלכע זיי האָבען פון ברעג נאָך געקוקט מיט אזא התפעלות. זיי האָבען שוין פערגעסען דעם אונבעקאַנטען, וועלכער האָט געקוקט אויף זיי מיט אזעלכע גרויסע פערוואונדערטע אויגען. ער איז אָבער זיי נאָכ־געגאנגען און האָט זיך בעמיהט צו דערגעהן, אויף וואָס פאר א שפּראכע זיי רייד־דען. פּלוצים איז ער נאָהענט צוגעגאנגען צו זיי. ער האָט זיי גיך אריבערגעיאָגט און זיך מיט איין מאָהל אָבגעשטעלט אקעגען זיי.

„מיין הערר,“ האָט קינגסקאָורט אויסגעברומט, — „וואָס ווילט איהר איי־גענטליך פון אונז?“ דער פרעמדער האָט איהם אָבער גאָר ניט געענטפערט, נאָר זיך געווענדעט צו פריעדריך מיט א מענליכער ווארימער שטימע, וועלכע האָט געציטערט פאר אויפרעגונג:

„צו זייט איהר ניט דער דאָקטאָר פריעדריך לעווענבערג?“

פריעדריך, וועלכער איז געוואָרען שטארק נתפּעל צו הערען פּלעצליך זיין נאָמען אין אזא פרעמדען אָרט, האָט געענטפערט:

„אזוי הייס איך“.

דער אומבעקאַנטער האָט איהם שטארק ארומגענומען און איהם געקושט אויף ביידע באַקען. דערנאָך האָט ער איהם בעפרייט פון זיינע אָרמען און זיך אָב־געווישט דיא טרעהרען פון דיא אויגען.

דאָס איז געוועזן א יונגער קרעפּטיגער, הויך־געוואַקסענער מאַן פון דרייסיג יאהרען, מיט א געזיכט וואָס איז געוועזן פערברענט פון דער זון און בעקראַנצט מיט א קורצען שווארצען באָרד.

„און ווער זייט איהר?“ האָט פריעדריך געפרעגט דערנאָך, וויא ער האָט זיך ערהאַלטן פון דעם שטורעמדיגען גרוס.

„איך! איהר וועט זיך געוויס ניט קענען דערמאָנען, איך הייס דוד ליט־וואַק“.

„דאָס קליין אינגעל פון קאפע בירקענרייז?“

יא, הערר דאָקטאָר! דער איינגער, וועלכען איהר האָט געראַטעוועט פון הונגערטוידט, צוזאמען מיט זיינע עלטערן און זיין שוועסטער“.

„אך, לאָמיר דערפון ניט רייד׳ען“ האָט פריעדריך פערבייגט דאָס גע־שפּרעך.

„פערקעהרט. מיר וועלען נאָך דערפון א סך ריידען. דאָס וואָס איך בין און דאָס וואָס איך פערמאָג האָב איך נאָר אייך צו פערדאנקען. קודם כל, זייט איהר מיין גאַסט, און אויב דער הערר איז אייער פריינד, איז ער אויך מיין ליעבער גאַסט“.

„דאָס איז מיין איינציגער, בעסטער פריינד אין דער וועלט, דאָס איז מיס־טער קינגסקאָורט“.

II.

איידער זיי האָבען זיך ארומגעקוקט האָט זיי שוין ליטוואַק ארויפגעפיהרט דיא טרעפּ. ערשט דענמאָלסט, בעת זיי זיינען ארויף אויף דער דאַמבעגאַס, האָ־בען זיי אָנגעהויבען צו זעהן, וואָס פאַר א וואונדערליכע שטאָדט חיפה איז און וואָס פאַר א סוחריש לעבען עס קאָכט אין איהר.

פאַר זייערע אויגען האָט זיך אויסגעברייט א גרויסער פּלאַץ, וועלכען עס האָבען ארומגערינגעלט מויערען און פּאַלאַצען. אין דערמיטען אָבגעצוימט, איז געשטאַנען א פּאַלמען־גאַרטען. דיא פּאַלמען, דאָ איז דאָס א געוועהנליכער בוים. זיינען געשטאַנען רעכטס און לינקס ביי דיא עקען פון יעדער גאַס, וואָס האָט זיך געענדיגט ביי׳ן גרויסען פּלאַץ. מען האָט באלד געזעהן, אז דיא פּאַלמען ברייינגען א דאָפּעלטען נוצען: ביי טאָג האָבען זיי געוואָרפען א קיהלען שאָטען און ביי נאַכט האָבען זיי געגעבען ליכטיגקייט, ווייל דיא עלעקטרישע לאָמפען זיינען גע־וועזן בעפעסטיגט אָן זיי און האָבען אויסגעזעהן וויא גרויסע גלעזערנע פרוכטען.

קינגסקאורט האָט דאָס צו ערשט בעמערקט מיט גרויס התפעלות. דערנאָך האָט ער זיך אָנגעהויבען נאָכפרעגען אויף דיא פּאלאצען, וועלכע האָבען ארומגערינגעלט דעם פּלאַץ. דוד ליטוואק האָט געענטפערט, אַז דאָס זיינען דיא הויפּטקאָנטאָרען פון פערשיעדע איירָאָפּייאישע זעע האנדעלגעזעלשאפטען און קאָלאָניאַל בייננק. דער פּלאַץ טראָגט דער פאר דעם נאָמען „פּעלקער פּלאַץ". און דער נאָמען איז טאקי פאר איהם געוועזען וויא אָנגעמאָסטען, ניט נאָר צוליעב דיא געשעפטס הייזער און קאָנטאָרען, נאָר אויך צוליעב דיא מענשען, וועלכע האָבען בעלעבט דעם דאָזיגען אָרט.

דיא אורחים האָבען זיך ניט געקענט אָבוואונדערען און האָבען מיט גרויסע אויגען געקוקט אויף דעם קאָכענדיגען סוחרישען פערקעהר. מען האָט געזעהן בחוש, אַז דאָ טרעפען זיך צוזאַמען מענשען פון אַלע נאציאָנען, דיא טראכטען פון מאָרגענלענדישע מענשען האָבען זיך אויסגעמישט מיט דיא איירָאָפּעאישע טראכטען חינעזער, פּערזער, אראבען זיינען געגאנגען שטארק פערטהון צווישען פערשמייעטע איירָאָפּעער. אָפּטער פאר אַלץ אָבער האָט זיך געוואָרפען אין דיא אויגען דיא טראכט פון איירָאָפּא; דער פּלאַץ האָט בכלל געהאט א איירָאָפּעאישען אויסזעהן. עס האָט זיך אויסגעדרוכט אַז מען געפינט זיך אין א גרויסער האפענשטאָדט אין איטאליען. דיא בלויקייט פון הימעל און פון ים, דיא לויכטיגע פארבען ארום האָבען דערמאָהנט אָן דיא גליקליכע ריוויערא. אָבער דיא פּאלאצען זיינען נאָך געווען ריינער און געבויט נאָכ'ן נייעסטען געשמאַק און ביי אַלער לעבענדיגקייט אויפ'ן גאס, איז דער גערויש ניט געוועזען אזוי שטארק וויא דאָרטען, דען דער מענש אין מאָרגענלאנד איז רוהיגער און זיין גאנג איז א שטילערער. חוץ דעם האָט מען דאָ ניט געזעהן דיא לאסטטהיערען. מען האָט דאָ ניט געהערט דאָס קלאַפּען פון פערדישע פּאָדקאָוועס, דאָס קנאַלען פון דיא בייטשען און דאָס גערויש פון רעדער. דיא גאס איז געוועזען אזוי גלאַט, וויא דיא טראָטואַרען און דיא אויטאָמאָבילען פלעגען פערביישיעסען אויף זייערע גומי־רעדער כמעט אָהן א גערויש, ווען ניט דער גרילצענדיגער טאָן פון דעם סיגנאַל־האָרן, מיט וועלכען זיי פלעגען מתרח זיין דעם פערטראכטען שפּאצירגעהער. א נעדעמפּט רעדערגעקלאַפּ איבער זייערע קעפּ האָט געצוואונגען דיא אורחים, א קוק צו טהון אין דער הויך.

„א רוח זאָל... וואָס איז דאָס?!" האָט קינגסקאָורט א געשריי געטהון שטארק פערוואונדערט, און האָט א וויַיז געטהון אויף א וואגאָן, וואָס איז פערביינעשאָסען איבער דיא צווייגען פון דיא פּאַלמען און אין וועלכען עס זיינען געזעסען פּאסאזשירען ביי דיא אָפּענע פענסטער. דער וואגאָן האָט געהאט דיא רעדער

נים אונטערן דעק נאָר איבער'ן דאך. ער איז געהאנגען אין דער לופטען, און האט זיך געצווינגען אין דער לענג פון צוויי גראָבע אייזערנע שינען.

דוד ליטוואק האט ערקלערט:

„דאָס איז א עלעקטרישע שוועב-באהן. מן הסתם האט איהר דאָס שוין אין איירָאפּא געזעהן".

„מיר זיינען זייט צוואנציג יאהר ניט געווען אין איירָאפּא".

„דיא שועב־באהן איז דאך ניט קיין נייעס. זיא איז שוין געפאָהרען אין די 90־ער יאָהרען פון פאָריגען יאהרהונדערט צווישען דיא שטעדט בארמען און עלבערפעלד. מיר האָבען זיא אין אונזערע שטעדט איינגעפיהרט פון אָנפאנג אָן, ווייל דער מאסענפערקעהר ווערט דאדורך פיעל לייכטער און פיעל ווייניגער געפעהרליך. דיא באהן קאָסט אויך ביליגער וויא שטראסענבאהן אָדער דיא הויכבאהן וואָס ציהט זיך איבער שיענעס, וועלכע ליעגען אויף געמויערטע בויגענס.

„האלט נאָר א ווייל" האט קינגסקאורט אויסגערופען — „איהר רעדט דאָ ווענען שטעדט, עס קומט אויס, אז אין פּאלעסטינא זיינען פערהאנען נאך אזוינע שטעדט?"

„און איהר ווייסט דאָס ניט אליין?"

„ניין" האט פריעדריך געזאָגט, „מיר ווייסען גאָר נישט. מיר זיינען געווען 20 יאהר טוידט פאר דער וועלט און דיא וועלט איז געווען טוידט פאר אונז".

„איך האָב טאקי אייך געהאלטען פאר טוידט, ליעבער הערר דאָקטאָר", האט דוד געזאָגט און צערטליך אָנגענומען פריעדריכען ביי דער האנד.

„צו האט איהר זיך נאָכגעפרעגט אויף מיר און בכלל, פון וואנען האט איהר זיך מיין נאָמען דערוואוכט? מיר דאכט, איך האָב זיך דערנמאָלסט פאר אייך ניט ענטפּלעקט".

„בשעת איהר זייט אוועק פון אונז, אויסמיידענדיג אונזער דאנק, זיינען מיר געווען אייסער זיך. איך האָב גערעכענט, איהר זייט אפשר א שטענדיגער בעזוכער פון קאפע בירקענרייז. דאָרטען האָב אך פעלע נעכט געוואַרט אויף אייך ביי דער טהיר. און מיין פאָטער אויך".

„צו לעבט נאך אייער פאָטער?"

„גאָט צו דאנק, און מיינע מוטער אויך, און מרים, וועלכע איז נאך געווען א וויקעלקינד דערנאָלסט.... איינמאָל איז מיר איינגעפאלען, אייך אָבצומאָלען פאר דעם קעלנער פון קאפעהויז. באלד וויא איך האָב איהם אָנגעהויבען צו שילדערען אייער אייסזעהן האט ער אייך באלד דערקענט און האט מיר געזאָגט, וויא איהר

הייסט. אבער, וויא גרויס איז געוועזן מיין וועטהאג, בשעת ער האט נאך צוגעלעגט, אז איהר זייט ביי'ם קלעטערען פון א בארג אראבגעפאלען און געהרג'ט געווארען ל:יט דעם וויא דיא בלעטער מעלדען. וואס זאל איך אייך זאגען, דאקטאר. מיר האבען א סך טרערען פערגאסען, מיר האבען אויך אלע יאהר פינקטליך יאהר-צייט געהאלטען נאך אייך. דעם טאג ווען דאס אונגליק האט אייך געטראפען זייַ-נען מיר דערגאנגען פון דיא בלעטער".

„יאהר צייט? וואס איז דאס אזוינס?", האט קינגסקאורט געפרעגט.

פריעדריך האט געענטפערט:

„א יודישער מנהג. אין דעם טאג, אין וועלכען עס איז געשטארבען איינער פון דיא נאהענטע קרובים, צינדט מען צו זיין אנדענקען א ליכט אן".

„אך, עס איז דא א סך, א סך צו דערצעהלען", האט דוד ליטוואק געזאגט, „אבער מיר וועלען דאך ניט בלייבען שטעהן דא אייביג. פריהער פאר אלע, וויל איך אייך אוועקפיהרען אין מיין הויז, וואס פון היינט אן קענט איהר דאס רעכע-נען פאר אייער אייגענעם. קומט מיינע הערען!" דוד ליטוואק האט זיך אבגע-קעהרט צו א נעגער אין א ליווריע, וועלכער איז איהם נאכגעגאנגען דיא גאנצע צייט פון הינטען. ליטוואק האט איהם שטיל עפעס געזאגט און דער נעגער איז אוועק. דערנאך האט זיך ליטוואק געוועגדעט צו זיינע געסט און האט געזאגט:

„אלץ איז בעזארגט, דאס באטעל וועט אוועק צו אייער יאכטשיף, און אין פריעדריכסהיים וועלען קומען אייערע דיענער זיך נאכפרעגען, וואס זיי האבען צו טהון אויף ווייטער".

„וואו?"

„אין פריעדריכסהיים. אזוי הייסט מיין הויז. איהר האפט שוין טרעפען נאך וועמען איך האב דאס א נאמען געגעבען? קומט מיינע הערען, דאס הייסט, לאמיר פאהרען צו מיר!"

אין דעם פריינדליכען טאן פון ליטוואק האט זיך געהערט א פעסטער האראק-טער. קינגסקאורט האט אונטערגעברומט אפילו ניט גאנץ אונצופריעדען:

„פריץ, אט ער נעהמט איבער דיא קאמאנדע! קומט לאמיר זעהן!"

דוד ליטוואק האט א וואונק געטהון און עס איז צוגעפאהרען א אויטאמא-ביל. ער האט געבעטען דיא הערען, זיי זאלען זיך זעצען. דאך בעת ער האט שוין אויך געוואלט זיך אריינזעצען האט איהם עמיצער אבגעהאלטען:

„הער ליטוואק, הער ליטוואק!"

ער האט זיך אומגערעהט:

„אך, דאס זיים איהר? וואס ווילט איהר?“

„אין דיא מארגענצייטונגען שטעהט, אז איהר וועט היינט מאכען א אסיפה אין עבו. צו איז דאס ריכטיג?“

„איך האב גערעכענט אריבערצופאהרען, נאר איצט מוז איך זיך אבזאגען. איך האב היינט וויכטיגערעס צו טהון. גוט, וואס איהר האט מיר דערמאהנט. איך וועל נאך אריבערטעלעפאנירען“.

„צו וועט איהר מיר ערלויבען דאס אליין אבצוטהון פאר אייך?“

„אויב עס פאלט אייך ניט שווער, בעט איך אייך טאקע, טהוט דאס“.

„מן הסתם זעלטענע אורחים געקריעגען“, האט ליטוואקס בעקאנטער גע-וואלט אויספארשען און האט מיט'ן גראבען פינגער איבער'ן פלייצע געוויזען אויפ'ן אויטאמאביל.

דוד אט געשמייכעלט, האט אבער נאר ניט געענטפערט און נאך צוגעשא-קעלט מיט'ן קאפ. דערנאך האט ער דעם הייצער פון וואגען צוגערופען: „פאהר קיין פריעדריכסהיים“.

„דאס פנים פון דעם מענשען קומט מיר בעקאנט פאר“, האט פריעדריך גע-זאגט, בעת דער וואגען האט גענומען פאהרען, — „איך האב איהם געמוזט זעהן אמאל אביסעל אנדערש, אהן דעם גרויען באקענבארד, אהן דעם פענסנע אויף דער נאז“.

„ריכטיג, ער איז אויך א וויענער. ער פלעגט מיר אפט מוזען דערצעהלען פון אייך. איך האב איהם נאך היינט ניט געוואלט פארשטעלען. היינט געהערט איהר מיר אליין.... ער איז אויך געווען א גאסט פון קאפע בירקענרייז. טרעפט, ווער האט דאס געקענט זיין?“.....

א עראינערונג איז וויא דורך וויא א בליץ אין פריעדריכס מוח.

„שיפמאן“, האט פריעדריך זיך פערנאנדער געלאכט — „וואס איך זעה, דער איז אויך דא?“

„דער און א סך א סך יודען פון פערשיעדענע שטעדט און לענדער“.

קינגסקאורט, וועלכער האט מיט נייגיערדע געקוקט אויף אלע זייטען, האט הערענדיג דיא לעצטע ווערטער געפרעגט:

„צו ווילט איהר דערמיט זאגען, אז אין דער לעצטען צייט האט פאסירט, דאס דיא יודען האבען זיך צוריקגעקעהרט קיין פאלעסטינא?“

„געוויס, דאס מיין איך טאקע“.

„דונער און בליצען!“ האט דער אלטער אויסגערופען, „צו האט מען זיי ארויסגעטריעבען פון איירָאפּא?“

דוד האט מיט א פריינדליכען שמייכעל געענטפערט:

„איהר דארפט זיך דאס ניט פארשטעלען, וויא א בילד פון פינסטערען מי־טעלאלטער. וועניגסטענס, אין דיא געבילדעטע לענדער האט עס אזוי ניט אויס־געזעהן. דיא אָפּעראציע איז געווען א טרוקענע, אָהן מעסער און בלוט. צום סוף פון 19-טען יאהרהונדערט און צום אנפאנג פון 20-טען איז דאס לעבען פאר דיא יודען אין איירָאפּא געוואָרען ניט אויסצוהאלטען“.

„אהא! פעריאָגט, דורך דעם וואס מען האט זיי פערעקעלט דאס לעבען דאָ!“

„מען האט אונז געררודפ'ט דערפאר, וואס מיר זיינען מענשען, דערפאר וואס מיר זיינען פערדינער. מען האט אונז אויסגעשלאָסען פון דער סוח'רישער וועלט, אונזערע ארבייטער האט מען געלאָזט פערהונגערען, צו פרייע מלאכות און צו הע־כערע פּראָפעסיאָנען האט מען אונז ניט צוגעלאָזען. איך רעד שוין ניט פון היא מאָראלישע ליידען, וואס איז אויסגעשטאנען איטליכע פיינע נשמה ביי יודען. די שנאה צו יודען האט זיך בענוצט מיט אלע מיטלען, ניט פערגעסען דיא אלטע און נאָך אויסגעטראכט נייע. מען האט אונז פערפּאָלגט פאר עלילות דם, וויא אין די פינסטערע צייטען פון מיטעלאלטער, און דערביי האט מען אויך געטענה'ט, דאס דיא יודען האבען דיא פרעסע פערגיפטעט, וויא פערצייטענס דיא ברונענס. דיא ארבייטער האבען פיינד געהאט זייער חבר דעם יודישען ארבייטער ווייל ער זעצט ארונטער דעם ארבייטערלויהן. און ווען דער יוד איז געווען א פאבריקאנט, האט מען איהם פיינד געקריעגען, וויא א מענשען, וואס בערייכערט זיך דורך פרעמדע ארבייט. מען האט דעם יודען פיינד געהאט, ניט קוקענדיג דערויף צו איז ער ארעם, רייך, אָדער א בעל הבית פון מיטעלען שטאנד. ס'איז קיין נפקא מינה ניט געווען צו האט ער פערדינט געלד, אָדער צו האט ער דאס פרייגיביג אויסגע־בראכט, דיא שנאה איז אלץ געווען דיא אייגענע. א יוד האט ניט געטאָרט פּראָ־דוציררען, פאבריצירען, האט ניט געטאָרט פערברויכען, פריי אויסגעבען. צו רע־גירונגס־שטעלען פלעגט מען זיי ניט צולאָזען. אין סאנד האט מען זיי בעהאנדעלט וויא מענשען פון א צווייטען זאָרט, און אין געוועהנליכען לעבען האט מען זיי אָנ־געטאָהן קרענקונגען אויף טריט און שריט. ביי אזא מצב האבען דיא יודען פון זיי־ער זייט אָדער געמוזט ווערען דם שונאים פון דיא נאציאָנען, וואס האבען זיי בע־האנדעלט מיט אכזריות, אָדער זיי האבען געמוזט אָנהויבען זוכען עפּעס א ערי

מקלט", א היימשטעטע, וואו זיי זאָלען קענען לעבען אין כבוד און אין רוה. דיא יודען האָבען אויסגעקליבען דעם לעצטען וועג, אָון, וויא איהר זעהט, האָבען מיר זיך ארויסגעראטעוועט".

„יא, דאָס איז דער אמתער נאָמען דערפאר", האָט ליטוואק געזאָגט ערנסט און געריהרט — „אויף אונזערע אַלטען טהייערען באָדען האָבען מיר א נייע יודישע נאציאָנאלע געזעלשאפט געגרינדעט. איהר וועט זיך באלד מיט איהר נעהענטער בעקאָנען, מיינע הערען"

„אלט-ניי-לאנד", האָט זיך געהערט פון פריעדריכס ליפען.

„א שד זאָל מיך נעהמען! דאָ איז דאָך מורא'דיג אינטערעסאנט! עס כאפט אָן א חשק צו בעטראכטען איטליכע קלייניגקייט! איך האָב אייך ניט געוואָלט אונטערברעכען, בעת איהר זייט געווען דער מלאך המקטרג פון איירֿאָפּא דיא אלטיטשקע, אז ניט וואָלט איך אייך געוואָלט אויספרעגען מכח אייניגע גרויסארטיגע בנינים פאר וועלכע מיר זיינען פערבייגעפאָהרען".

„איך וועל אייך אלץ ווייזען".

„הערט נאָר, געשעצטער יונגער מאן און יוד. איך מוז זיך פאר אייך פריהער מתודה זיין, אז ניט, קענט איהר נאָך אמאָל חרטה האָבען פאר דעם כבוד וואָס איהר גיט מיר אָב. איך בין ניט קיין יוד. נו? איצט וועט איהר מיך שוין ארויסיאָגען, אָדער אין איידעלערען אופן, פערעקלען מיר דאָ דאָס לעבען? הא?"

„אָבער קינגסקאורט?!" האָט פריעדריך איהם אָבגעהאלטען מיט א פעראיבעל.

דוד ליטוואק האָט רוהיג געענטפערט:

„דאָס איהר זייט ניט קיין יוד האָב איך באלד דערקענט נאָך איינע פון אייערע פראגען. איהר מעגט אָבער וויסען, אז איך און מיינע חברים מאכען ניט קיין אונטערשיעד צווישען יודען און קריסטען. מיר פרעגען זיך ניט נאָך וועגען דיא אמונה, פון וועלכע געזע מען שטאמט אָב. א מענש זאָל ער זיין און דאָס איז פאר אונז גענוג."

„געסמאלעט זאָל דאָס ווערען! און אלע טראכטען פונקט וויא איהר?"

„ניין", האָט דוד אָפען מודה געווען — „דאָס קען איך ניט זאָגען. עס זיינען דאָ נאָך פערשיעדענע אנזיכטען דאריבער".

„אהא! דאָס האָב איך באלד געטראכט, מיין געשעצטער מענשענפריינד!"

„איך וויל אייך איצט ניט דיא צייט לאנג מאכען דערמיט, וואָס איך וועל אייך דערצעהלען פון אונזער פאָליטישע פארטייען און זייערע שטרייטערייען.

אין דער הינזיכט איז ביי אונז ניט אנדערש וויא אין דער גאנצער וועלט. איינס אָבער קען איך אייך זאָגען: דיא מדות פון מענשליכקייט זיינען ביי אונז פער־ברייטערט אומעטום, און וואָס אמונה אנבעלאנגט, זעהט מען ביי אונז נעבען דיא יודישע טעמפּלען דיא הייליגע געבעט-הייזער פון קריסטען, מאחמעדאנער, בוהי־דיסטען און בראהמאנען. דיא טעמפּלען פון דיא לעצטע צוויי גלויבענס זיינען מעהרסטענטהיילס אין דיא האפען שטעט, למשל, דאָ אין חיפה, אין צור צדון, אויך אין דיא גרעסרע שטעדט, וואָס ליעגען ביין באהן, וועלכע געהט צום טייך פרת אין דמשק און תדמר.

פריעדריך איז א פערוואונדערטער געוואָרען:

„תדמר! דיא שטאָדט פּאלמירע האָט וויעדער אָבגעלעבט?“

דוד האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ;

„דאָס בילד פון דעם גרויסען אמת'ן שלום צווישען אלע אמונות קען מען אָבער זיך נאָר אָנזעהן אין ירושלים“.

„איך האלט דאָך ניט אויס! דער קאָפּ שווינדעלט מיר“, האָט קינגסקאורט געקרעכצט — „וויא קען מען דאָס אלצדינג אויף איינמאָהל בענעהמען!“

זיי זיינען אָנגעקומען צו א אָרט, וואו עס שניידען זיך דורך מעהרערע גאַ־סען, און דיא פיעל וואָגענס האָבען אויף א ווייַלע פערשפּארט דעם וועג. זייער אויטאָמאָביל האָט זיך געמוזט אָבשטעלען און זיי האָבען באלד איינגעזעהן, וויא פּראקטיש עס איז געוועזען צו בויען א שוועבבאהן. אונטער דיא גראָבע דאָפּעלטע שינעס האָט וויא א ווינד זיך געטראָגען דיא באהן איבער זייערע קעפּ, ניט צו שטערען ד'ערביי דיא פוס-געהער, און אליין איז זיא אויך ניט געוועזען געשטערט פון קיינעם.

פון דעם אָרט וואו זיי זיינען געצוואונגען געוועזען זיך אָבצושטעלען, האָבען זיי בעטראכט מעהרערע גאסען. דיא שעהנע בנינים געבויט אין פערשיעדענע אר־טען, האָבען מחיה געוועזען דאָס אויג. דערנאָך זיינען זיי געפאָהרען דורך וויטערע טהיילען פון שטאָדט. דיא וואָהנהייזער זיינען געוועזען דאָס רוב קליין און שעהן וויא צאצקעס. זיי זיינען בעשיינפערליך געוועזען געבויט פאר א איינציגע פאמיליע, וויא דיא הייזער אין גענוויסע בעלגישע שטעדט. דערפאר אָבער האָבען זיך הויך אויפגעהויבען, וויא ריעזען מאגנאטען, דיא געשעפט-הייזער און קהל'שע געביי־דען, און מען האָט זיי באלד געקענט דערקענען. דוד ליטוואק האָט עטליכע אָנגע־רופען מיט'ן נאָמען זייערען: דעפּארטמענט פאר זעע־און שיפאנגעלעגנהייטען, דעפּארטמענט פאר ארבייטספערמיטלונג, פאר שולען און בילדונג, פאר עלעקט־

ריציטעט. א גרויסער פרעהליכער פאלאץ, וואס האט געהאט אויף דער פאדערען זייט א פראכטיגען באלקאן בעמאלט מיט שעהנע בילדער, האט צוגעצויגען צו זיך דעם בליק פון דיא אורחים:

„דאס איז דאס דעפארטמענט פאר בוי־אנגעלעגענהייטען" האט דוד ערקלערט, — „דא וואהנט שטיינעק, אונזער ערשטער ארכיטעקט. ער האט אויסגעארבייט דעם פלאן פאר דיא שטאדט אונזערע".

„דער מאן האט גענומען אויף זיך א גרויסע אויפגאבע" האט פריעדריך געזאגט.

„יא א גרויסע, אבער מיט א פרעהליכען הארצען. איהם איז בעשערט געוועזען צו שעפען פון פולען, וויא אונז אלעמען, איבריגענס. קיין מאל אין דער געשיכטע האט מען ניט אויפגעבויט אזוי גיך און פראכטיג שטעדט, וויא ביי אונז, ווייל פריהער האט מען גאר קיין מאל ניט געהאט אזעלכע טעכנישע הילפסמיטעל, מיט וועלכע מיר האבען זיך בענוצט. אין דער בעציהונג האט שוין דיא מענשהייט אין סוף פון פאריגען יאהרהונדערט א סך אויפגעטהון. מיר האבען נאך בעדארפט אנווענדען און אריבערברענגען אהער אלע דיא דאזיגע מאשינען און ערפינדונגען. שפעטער וועל איך אייך דערצעהלען, וויא דאס איז צוגעגאנגען ביי אונז".

דערווייל זיינען זיי געקומען אין שטאדטקווארטאל. וואו עס איז געשטאנען נען לוימער ווילען. דער וועג איז געגאנגען בארג ארויף, זיי זיינען שוין געפאהרען איבערן כרמל. פערפוצטע שלעסער זיינען געשטאנען אין מיטען פון שמעקעדיגע גארטענס. עטליכע הייזער, געבויט אין אראבישען סטיל, האבען געהאט פאר דיא פענסטער הילצערנע געפאכטענע צוימען, און דוד האט ערקלערט:

„דא וואהנען עטליכע רייכע אראבער. אט שטעהט מאקי מיין פריינד רעשיד ביי".

פאר א אייכענעם טהויער פון גארטען, פאר וועלכען זיי זיינען פערבייגעפאהרען, איז געשטאנען א שעהנער מאן פון א יאהר 35, געקליידעט אייראפייאיש מיט א רויטע פעסקע אויפ'ן קאפ. ער האט זיך בעגריסט אויפ'ן אראבישען שטייגער, געמאכט דעם בעקאנטען שלשלת מיט דער האנד, פונקט וויא ער וואלט אויפגעהויבען און קושען דיא שטויב פון דר'ערד. דוד האט איהם עפעס צוגערופען אויף טערקיש, און דארויף האט איהם רעשיד געענטפערט אויף ריין דייטש, מיט דעם אקצענט פון א נארד־דייטשען:

„איך ווינשע אייך איינע רעכט איינגענעהמע אונטערהאלטונג".

קינגסקאורט האט דיא אויגען אויפגעריסען:

„וואס איז דאס פאר א טערקעלע אזוינער?“

דוד האט זיך פאנאנדער געלאכט.

„ער האט אין בערלין געשטודירט. זיין פאטער איז געוועזן פון דיא, וועלכע האבען באלד פערשטאנען דעם נוצען פון דיא אידישע איינוואנדערונג. ער האט מיטגעהאלטען מיט אונז ביי אונזערע אונטערנעהמונגען, און איז דאדורך נתעשר געווארען. רעשיד איז אויך א חבר פון אונזער נייע געזעלשאפט“.

„נייע געזעלשאפט“ האט פריעדריך איבערגע׳חזר׳ט — „וואס איז דאס אזוינס?“

קינגסקאורט האט נאך צוגעלייגט:

„הויכגעשעטצטער מאן! וויא מיט נייגעבארענע קעלבעלעך מוזט איהר מיט אונז קנעלען. מיר קענען ניט דיא אלטע געזעלשאפט, מיר וויסען ניט פון נייע“.

„דיא אלטע קענט איהר, אדער איהר האט זיא געקענט. אונזער נייע וועל איך פארשטעלען ביי מעהר א געלעגענער צייט. פריהער מוזען מיר צו הויזע קומען. אין ווײלע ארום וועט איהר זיין דארט, וואו איהר וועט זיך פיהלען, וויא אין דער היים“.

דער אויסבליק אויף דעם וועג, וואס האט זיך געדרעהט און געווינדעוועט, איז געווארען אלץ פרייער און פרייער. דיא אויגען פון דיא אורחים זיינען פער־כאפט געווארען פון דער שעהנער פאנאראמע, וואס האט זיך אויסגעברייט פאר זיי: דיא שטאדט און דער האפען, דיא ברייטע ים־צונג (בוכט) און דער קראנץ פון דיא גערטנער, פון דער אנדערער זייט עכו מיט דעם בארג הינטער זיך. זיי זיינען אנגעקומען גאנץ אין דער הויך אויף דעם נארד שפיץ פון כרמל. רעכטס און לינקס, פון אלע זייטען האבען זיך געצויגען דיא פעלדער און גערטנער פון פאלעסטינא, און פאר זייער בליק האט זיך אויסגעברייט אין בלוי און אין נאלד פארב דער ים אהן א ברעג. ווייסער שוים פון די וועלען־קאמען האט געפלאטערט, וויא ווייסע ים־פויגלען און זיך צוגאסען אויף דעם העל־ברוינעם זאמד פון ברעג.

דוד האט געהייסען האלטען דעם וואגען, כדי צו געניסען דעם פראכטיגען אנבליק פון דער נאטור. ער איז ארויס פון אויטאמאביל, ביידע זיינען איהם נאכ־געגאנגען. ער האט זיך געווענדעט צו פריעדריך:

„זעהט איהר, דאקטאר, דאס איז דאס לאנד פון אונזערע אבות“.

און פריעדריך האָט ניט געוואוסט, פאר וואָס האָבען דיא פשוטע ווערטער פון דוד ארויסגערופען ביי איהם ווארעמע טרעהרען אין דיא אויגען. דאָך דאָס געפיהל איצט איז געווען גאָר א אנדערעס וויא אין יענער נאכט אין ירושלים פאר צוואנציג יאָהר. דאמאָלסט האָט ער געזעהען א טוידטע חורבה, בעשיינט פון דער לבנה; היינט האָט ער א לעבען געזעהען, א לעבען פרייליך און גלאנציג וויא דיא זון. ער האָ א קוק געטאָהן אויף דוד'ן. וואָס פון דעם שלעפערשען אידישען אינגעל איז געוואָרען! א פרייער, ערנסטער, א געזונדער געבילדעטער יונגער מאן, וועלכער פיהלט זיך פעסט און זיכער ביי זיך. ער האָט אפילו פריעדריכען ניט דערצעהלט פון זיין אייגענעם לעבען, אָבער עס מוז איהם מן הסתם ניט שלעכט געהן, ווען ער וואָהנט אין א געגענד פון וויללען און פאלאצען. ער מוז אויך זיין איין אנגענעהמער חבר אין דער נייער געזעלשאפט. אז ניט וואָלטען פיע־לע ניט אזוי געאיילט זיך איהם צו גריסען וויא פריהער. אפילו עלטערע לייט פלעגען איהם פריהער גריסען. איצט איז דוד געשטאנען אויפ'ן שפיטץ פון כרמל און מיט א גליקליכעם געזיכט האָט ער געקוקט אויף דאָס לאנד און אויף דאָס מעער. און איצט האָט זיך פריעדריכען אויסגעדוכט, אז ער הייבט אָן אין איהם צו דערקענען דעם וואונדערליכען קנאבען פון דער בריגיטעננאס, וועלכער האָט דאמאָלסט געזאָגט, ער וויל געהן קיין ארץ ישראל!....

.3

פרידריכסהיים איז געווען א העלער הויכער פאלאץ, געבויט אויפ'ן ארא־בישען שטייגער, ארומגערינגעלט פון גערטנער. פאר דיא ווייסע פאראדנע טרעפ איז געלעגען א לייב, אויסגעהאקט פון שטיין. פריעדריך האָט זיך וויעדער גע־מוזט דערמאָנען אָן דיא ווערטער פון א מאָליגען קליינעם פעדלעריל, בשעת ער האָט געערדט פון שבט יהודה, וואָס מען האָט פערגליכען מיט לייב. „וואָס יהודה האָט א מאָהל געהאט, קען ער נאָך וויעדער קריעגען. אונזער אלטער גאָט לעבט נאָך". האָט דאָס יונגעל דאמאָלסט אויסגערופען, און דער חלום זיינען אין מקוים געוואָרען.

דער טהויער־היטער האָט מודיע געווען מיט א קלונג פון גלאָק, אז דוד ליט־וואק איז געקומען מיט געסט. ביי דיא טרעפ האָבען זיי שוין אָפגעוואַרט צוויי דיענער.

„איך לאז בעטען מיינע פרוי און מיינע טאָכטער, זיך אראָבצוציהען אין אונזער זאל“, האָט דוד איבערגעגעבען א בעפעהל איינעם פון דיא דיענער, וועל־כער איז באלד ארויף דיא ברייטע טרעפּ. בעדעקט מיט טעפּיכען צום ערשטען שטאָק. דער אנדערע דיענער האָט אויפגעעפענט פאר דיא העררן דיא טהירען פון זאאל. זיי זיינען אריין אין א פראכטפאָלען סאלאָן. דאָס געוועלב איז געווען הויך און האָט זיך געצויגען אין בויגען איבער זייערע קעפּ, און פערפּוצט איז געווען דער סאלאָן מיט דיא שעהנסטע קונסט־זאכען. דיא וואנד זיינען געווען בע־צויגען מיט רויט־ראָזער זייד, דיא מעבעל — אין דעם געשמאק פון דעם ענגלישען צארטען פאסאָן. פון געוועלב האָט זיך ארונטערגעלאָזען א עלעקטרישער קרוינ־לייכטער, וואָס האָט געפינקעלט פון גאָלד און קרישטאָל. דורך דיא גרויסע גלאָז־טהיר און דיא פיער פענסטער האָט אריינגעדרונגען דאָס ליכט. פאר דיא פענס־טער האָט זיך געזעהן א פלאַטץ בעוואקסען מיט גראָז, בעדעקט מיט בלומען-בע־טען, וועלכע האָט זיך געצויגען ביז צו דער מארמאָרנען אלטאנע, הינטער וועלכע עס האָט געשפּיעלט דער ים מיט זיינעבלויעוואסערן. פוןביידע זייטען ביי דער טהיר זיינען געשטאנען דיא מנורות, הויך וויא א מענש און פון ריינעם זילבער; אקעגען דער טהיר אויפ'ן וואנד איז געהאנגען א גרויסעם אייל־בילד, אויף וועלכען עס זיינען געווען אָבגעמאָהלט א אלטער מאן און אלטע פרוי אין איינפאכע דונ־קעלע טראכטען.

„דאָס זיינען מיינע עלטערן“ האָט דוד ערקלעהרט, ווישענ ער האָט בעמערקט אז פריעדריך האָט זיך פארקוקט אויף דאָס בילד.

„איך וואָלט זיי געווים ניט דערקאָנט“, האָט פריעדריך געשמייכעלט, „און ווער איז דאָס?“ און ער האָט אָנגעוויעזען אויף איין אייל־בילד, וואָס איז גע־האנגען איבער דעם גרויסען קאמין. דאָס איז געווען א פּאָרטרעט פון א הויך גע־וואקסענע יונגע פריילין. מיט שווארצע לאָקען און מיט א וואונדערליך שעהנעם געזיכט.

„דאָס איז מיינע שוועסטער מרים. איהר וועט זיך באלד איבערציינגען קענען, אויב דאָס בילד האָט געטראָפען דעם אָריגינאל“.

אין עטליכע מינוטען ארום זיינען אריין דיא דאמען: מרים, און א בליהענ־דע יונגע פרוי, דוד'ס ווייב.

„שרה, מרים“, האָט דוד געזאָגט מיט א שטימע, וואָס האָט א ביסעל גע־ציטערט — „מיר האָבען געקריעגען אונערווארטעט א שעהנעם גאסט, דעם טיי־ערסטען. דעם טאָג האָב איך דערלעבט דיא גרעסטע פרייד פון מיין לעבען. איהר

וועט ניט טרעפען, עס וועט אייך אפילו ניט ארויף אויפ'ן זינען צו וויסען, וועמען מיר נעהמען אויף איצט אין אונזער הויז. דאָס איז דער, וועלכער איז געווען פאר־רעכענט פאר געשטאָרבען, אונזער רעטער!"

דיא דאמען האָבען זיך פארוואונדערט אָנגעקוקט:

„צו איז שוין ניט דער גאסט—פריעדריך לעווענבערג?" האָט געפרעגט דאָס יונגע פריילין.

„אָט דער! ער אליין, מרים, אָט שטעהט ער".

זיא איז צוגעלאָפען צו פריעדריכען, האָט איהם ביידע הענד דערלאנגט און האָט איהם בצענריעסט, וויא א אלטען פריינד, מיט א געזיכט וואָס האָט געלויכטען פאר פרייד.

עס איז איהם געוואָרען צו מוטה אזוי וואונדערליך און אזוי גוט, בעת ער האָט געהערט אויסשפרעכען זיין נאָמען פון אזא ליעבליכע שטימע. עס האָט זיך איהם אויסגעדוכט, וויא א כשוף וואָלט איהם פערטראָגען אין אזא פרעכטי־גען אָרט, צו אזוינע פראכטיגע מענשען.

„און דאָס איז מיסטער קינגסקאורט, דער פריינד פון דאָקטאָר, און דא־רום אויך אונזער פריינד און טהייערער גאסט". דוד האָט קורץ איבערגעבען, וויא ער האָט זיך מיט דיא געסט בעגעגענט ביים האפען און וויא ער האָט זיי באלד דערקענט. שוין אלס קינד האָט ער טיעף בעהאלטען אין זיין געדעכטניס דעם אנבליק פון זיין העלפער אין דער נויטה. און פריעדריך האָט זיך אייגענטליך ווענינ פערענדערט. עס פערשטעהט זיך פון זעלבסט, אז מען וועט דיא הערען ניט לאָזען געהן אין האָטעל, אז זיי מוזען ביי איהם בלייבען און וואָהנען.

שרה האָט געוואָלט שוין אָנווייזען דיא הערען זייערע צימערן, דוד אָבער האָט עס איבערגענומען אויף זיך. ער האָט געבעטען דיא געסט, צו געהן מיט איהם, ער וועט זיי פיהרען.

„קומט ארויף, איך וויל אייך פאָרשטעלען א יונגען מאן וועלכער טראָגט אויף זיך דעם נאָמען פריעדריך, א געוועהנליכער נאָמען דאָ ביי אונז, וויא איהר זעהט.

אלע זאלבע פינפט זיינען זיי ארויף דיא טרעפ פון ערשטען שטאָק. דוד האָט געפיהרט דיא גאנצע קאָמפאניע, און ביי דער לעצטען טהיר פון קאָרידאָר האָט ער זיך אָבגעשטעלט:

„אָט דאָ פארברייננט זיינע טעג דער דאָזינער פארשוין", האָט ער געזאָגט מיט א גליקליכען שמייכעל און האָט אויפגעעפענט דיא טהיר.

זיי זיינען אריין אין א ווייסען צימער. אין מיטען חדר איז געזעסען וויא א מלך אויף א הויכען קינדער־שטוהל א נפל'ע מיט פולע דיקע בעקלעך. ער האט אקאראט ארונטערגעווארפען דעם שיכעל פון פיסעל און האט איצט בעמיהט זיך אראבצושטופען דאס זעקעל אויך. אקעגען איהם איז געשטאנען א עלטערע ניאנע מיט א טעלער מילך־זופ. דאס קינד האט לוסטיג געפאטשט מיט'ן לעפעל אין דער קאשע, און מען האט בעשיינפערלעך געזעהען, אז דאס איז פאר איהם וויכטיגער וויא דאס עסען.

„אט דער שוטה איז מיין זוהן פריעדריך". האט דוד אויסגערופען, און איז זיין קול האט זיך צום ערשטען מאהל געהערט וויא אגאוה.

דער קליינער פריעדריך האט אבער אועקגעווארפען דעם לעפעל. קינגס־קאורטס בארד איז געווען שולדיג אין דעם. ער האט פרייליך א הירזשע גע־טאהן און אויסגעשטרעקט צום אלטען מיסטער זיינע ביידע הענטלאך. קינגסקורט האט איהם געגעבען דעם צווייטען פינגער און פריטצעל האט דאס פעסט ארומגע־נומען.

און בשעת מען האט שוין גענומען ארויסגעהן פון צימער איז קינגסקורט געבליעבען וויא א צוגעשמידעטער.

פריעדריך האט זיך ביים טהיר אומגעקעהרט.

„צו געהט איהר ניט מיט אונז, קינגסקאורט?"

„דער שקץ לאזט מיך ניט אועק", האט ער געענטפערט מיט א צופריעדענ־הייט. און ער איז טאקע נאך געבליעבען ביים קינד א גאנצע שעה צייט.

פון דער צייט אן האבען זיך אנגעהויבען דיא פריינדליכע בעציהונגען צווי־שען דעם אלטען מענשענפיינד קינגסקורט און דעם אינגסטען ליטוואק. מען האט אויף קיין פאל ניט געקענט דערגעהן וואס פאר א שמועס'ן זיי פיהרען אונטער איינאנדער, ווייל דער קליינער ליטוואק האט נאך ניט געקענט רעדען און דער אלטער קינגסקאורט פלעגט לייקענען אונטער קללות און חרמות, און שווערען, אז ער האט דאס קינד גאר ניט ליעב. אבער אונטערדרעסען האבען דיא דיענער־שאפט פעסטגעשטעלט, דאס קינגסקאורט גנב'עט זיך אפט אריין אין דער קינדער־שטוב, דאמאלסט בעת ער וויים, אז קיינער איז ניט צוגעגען, און ער מאכט זיך דאמאלסט נאריש וויא א אלטער זיידע. אין אזעלכע אבגעפאסטע מינוטען פלעגט דער קליינער ליטוואק רייטען אויף זיינע פלייצעס, אדער קינגסקאורט פלעגט זיך אויסציהען וויא א ברעט אויף דר'ערד, בכדי ליטוואקעל זאל קענען ארום־קלעטערן אויף איהם. ווען פריטצכען פלעגט זיך צו־וויינען, פלעגט ער איהם

פארטאנצען משונה'דיגע טענץ, בכדי איהם איינצושטילען, און פלעגט איהם פארזינגען אלטע דייטשע ליעדער, און דערביי פלעגט ער זיך בעמיהען, אז זיין רויע שטימע זאל עפעס קריגען א ווייכערן קלאנג.

ביים ערשטען טאג פון זיין בעקאנטשאפט מיט דעם קליינעם פריטצעל האט זיך קינגסקאורט עפעס געפיהלט ביים טיש וויא אין פערלעגענהייט, אבער עס איז געווען אזוי פיעל צו פרעגען און צו דערצעהלען, אז קיינער האט ניט בעמערקט זיין שוואכקייט צו דעם קליינעם ליטוואקעל.

זיי זיינען געזעסען אין עס־צימער, וואו דיא וואנד זיינען פון דער ערד ביז אין מיטען בעדעקט געוועןמיט טאוולען פון האלץ. און האבען געגעסען א גוטען מיטאג. קינגסקורט האט זיך נאר ניט געקענט אבלויבען, טרינקענדיג דיא פערשידענע וויינען. מען האט איהם דערצעהלט, אז אלע דיא וויינען שטאמען פון פאלעסטינא און א טהייל פון דיא וואס ער טרינקט זיינען פון דודס איינענע וויינגערטנער. שוין אין פאריגען יאהרהונדערט, אין דיא אכציגער יאהרען, האט דיא קאלאניזאציאן אנגעהויבען פלאנצען וויינגערטנער. דיא בעסטע טרויבענזאפטען זיינען געווארען פערפלאנצט דאמאלסט און זיי האבען זיך גוט אנגענומען.

נאך איידער מען האט געענדיגט עסען האט זיך מרים אויפגעהויבען פון איהר שטוהל. זיא האט זיך געאיילט אין דיא שוהל. דערנאך וויא זיא איז ארויסגעגאנגען האט דוד געענטפערט אויף פריעדריך'ם א פראגע:

„יא, מרים איז א לעהרערין, זיא האט א שטעלע אין מערכען גימנאזיאום. זיא לערנט דארט דיא מעדכען פראנצויזיש און ענגליש“.

קינגסקאורט האט א ברום געטאהן.

„דאס ארעם קינד מוז זיך נעביך מיט שטונדען אבגעבען?“.

אין דער פראגע איז געלעגען א פערבעהאלטענער פארוואורף און דוד האט דאס פערשטאנען:

„זיא טהוט דאס ניט צוליעב פרנסה. אזוי וויית, גאט צו דאנקען בין איך שוין, אז איך זאל ניט דארפען מיין שוועסטער זיך לאזען קוועלען, אבער זיא האט פליכטען און זיא וויל זיי ממלא זיין. וויל זיא האט אויסער דיא פפליכטען אויך רעכטע א סך. אין אונזער נייער געזעלשאפט האבען דיא פרויען דיא איינענע רעכטען, וואס דיא מענער“.

„אזוי! שדים זאלען....“

„אז זיי קענען אויסקלייבען און אויסגעקליבען ווערען, דאס פערשטעהט זיך ממילא. זיי האבען געטריי אונז געהאלפען ביי דער גרינדונג פון דער נייער

געזעלשאפט. דער פייער פון זייער בעגייסטערונג פאר אונזער אידעאל האָט געמאכט אויפפלאמען דיא הערצער פון דיא מעננער. עס וואָלט געוועזן דיא גרעסטע אונדאנקבארקייט פון אונזער זייט, ווען מיר וואָלטען זיי אוועקגעזעצט גלייך מיט אנוזערע דיענערשאפט, אָדער זיי אָנגעוויעזען דיא פערפוצטע צימערן פון א הארעם".

„איהר האָט אונטערוועגס געזאָגט, אז רעשיד ביי איז אויך א מיטגליעד פון אייער געזעלשאפט. אזוי וויא איהר האָט דערמאָהנט דאָס וואָרט הארעם, פאלט מיר איין פראגע".

„איך פערשטעה שוין, הער דאָקטאָר, קיינער איז ניט געצוואונגען צוצוטרעטען צו אונזער בונד, דער וועלכער ווערט אויפגענומען איז ווייטער ניט בעצוואונגען צו בענוצען זיינע רעכטע. דאָס הייננט אָב פון זיין אייגענעם ווילען. צו האָט איהר ניט געקענט אין איירָאפא אזוינע, וואָס האָבען ניט געהאט קיין אינטערעסע זיך צו בעטהייליגען ביי דיא וואהלען, וועלכע האָבען קיין מאָהל ניט אָבגעגעבען זייערע שטימען, און האָבען קיין מאָל זיך ניט געלאָזט אויסקלייבען פונקט אזוי שטעהט עס מיט דיא קלייבעניש און אויסגעקליעבען ווערען ביי פרויען אין אונזער נייען געזעלשאפט. מיינט נאָר ניט, אז דאָס פאמיליען לעבען און דיא מוטערספליכטען האָבען ביי אונז געליטען דערפאר, וואָס דיא פרויען האָבען דיא זעלבע רעכטע וויא דיא מענער. מיינע פרוי, צום ביישפיעל, געהט קיין מאָל ניט צו א אסיפה".

מאדאם ליטוואק האָט געשמייכעלט:

„דאָס איז אָבער ניט מיין שולד, נאָר פריטצענס".

קינגסקאורט האָט זיך דערמאָנט אָן דיא קינדער שטובען. א רגע לאנג איז ע רגעזעסען וויא פערחלומט און האָט געזאָגט פערטראכטער הייד:

„דאָס קען איך מיר שוין דענקען".

„אמת", האָט דוד ווייטער גערעדט, „זיא האָט דעם קליינעם געזויגט, און ביי דער געלעגענהייט האָט זיא זיך געמוזט פערגעסען. פריהער איז זיא געשטאנען אויף דיא זייטע פון דיא פרייעסטע געגנער. אלס איך האָב זיא קענען געלערענט איז זיא געוועזן מיינע א געגנערין. איצט איז זיא נור אין דער היים מיינע געגנעריז, פערשטעהט זיך, דיא געטרייעסטע געגנערין, וואָס מען קען זיך נאָר דענקען".

קינגסקאורט איז ארויסגעשאָסען מיט א געלעכטער:

„א וואויל מיטעל, פערכאפט זאָל איך ווערען פטור צו ווערען פון א געגנער. דיא פאָליטישע מלחמות צווישען פארטייען נעהמען א וואונדערליכען סוף, מען

שפּיעלט אַב חתונה צווישען מאנסביל און ווייבערשע געגנער און ס'איז ווייטער שלום ושלוה!"

דוד האַט ווייטער ערקלעהרט:

„איך מוז אייך אָבער זאָגען, אז אונזערע פרויען זיינען קלוג גענוג, זיך ניט צו פערגעסען אָן זייערע אייגענע אינטערעסען, צוליעב כלל־זאכען. ניט נאָר ביי פרויען זעהט מען עס, נאָר ביי איטליכען מענשען, דאָס ער קימערט זיך וועניג־וואָס פאר דיא רעכטען. וואָס ער האָט שוין ערוואָרבען. שוין אין פאָריגען יאהר־הונדערט האָט מען פאָרבערייטעט דעם איצטיגען צושטאנד. אין איינצעלנע לענ־דער זיינען געווען פערשיעדענע חברות, אָרגאניזאציעס, וואו דיא פרויען פלעגען אויסקלייבען און ווערען אויסגעקליעבען. זיי האָבען זיך אַרויסגעוויעזען פאר טיכטיגע קלוגע מענשען. זיי האָבען ניט פערברויכט מעהר צייט וויא דיא מאנסבי־לען, ניט גערעדט קיינע גרעסערע נארישקייטען וויא זיי. און דעריבער איז ניט געווען קיין גרונד, זיך אָבצוזאָגען פון דער פריהערדיגען גוטען פּראקטיקע. איבּ־ריגענס, איז ביי אונז דיא פּאָליטיק פאר קיינעם ניט קיין פּראָפעסיאָן, ניט קיין געשעפט. פון אזא מגפה האָבען מיר זיך געהאלטען פון ווייטען. דיא, וועלכע צי־העו זייער חיונה פון פּאָליטישע איבערצייגונגען און ניט פון דער ארבייט, ווערען ניעדעריג געזעצט און זיי פערליערען באלד זייערע חשיבות און זייער אחטונג. אונזערע סאָנדרען האָבען ניט איינמאָל ערקלעהרט, דאָס דער צונאָמען „פון פּאָלי־טיקער פון פּראָפעסיאָן" איז א זידעלוואָרט. דער פאקט בעווייזט שוין גענוג, וויא מען שעהמט זיך צו לעבען פון פּאָליטיק.

„וויא טהוט איהר אָבער מיט דיא קהל'שע שטעלען?" האָט פריעדריך גע־פרעגט, — „נאָך דיא געביידעס, וועלכע איהר האָט אונז פערבייפאָהרענדיג גע־וויזען, מוזט איהר דאָך האָבען גענוג שטעלען פאר פערשיעדענע פּערזאָנען".

„אוודאי. מיר האָבען שטעלען מיט גאזשע (געהאלט) און עהרענשטעלען. דיא בעצאָהלטע שטעלען ווערען אָבער נאָר פערגעבען טיכטיגע פאכלייטע. דיא, וועלכע רייבען זיך ארום א פּארטיי, אָהן א חלוק וואָס פאר א פּארטיי, זיי־נען שוין ביי אונז פאררעכענט אין חשד און קענען שוין ניט צוקומען צו א שטע־לע. בעאמטע אויף שטעלען טאָרן זיך בכלל ניט בעטהייליגען אין קהל'שע וכוחים. א אנדער זאך איז דיא עהרענשטעלען. בכדי צו בעזעצען דיא שטעלען האלטען מיר זיך אָן פּאָלגענדען כלל. דיא, וועלכע שפּרינגען אין דיא אויגען, שטופּען מיר אָב אָן אזוייט. מיר בעמיהען זיך אויסצוגראָבען פון דיא פערבעהאלטענסטע ווינקעלעך דיא, וועלכע האָבען געאַרבייט פאַרן כלל. אזא פיהרונג איז אונז ערוב

דערפאר, אז אונזערע קהל'שע אינטערעסען וועלען ניט אריין אין דיא הענד פון בלוטצאפּערס. דארום איז איצטיגער פּרעזידענט פון אונזער געזעלשאפט א אלטער רוסישער אויגענדאָקטאָר. ער האָט דיא שטעלע אָנגענומען קעגען זיין ווילען, ווייל ער האָט ניט געוואָלט פערלאָזען דיא פּראקסיס זיינע„.

„צו איז זיא געוועזען אזא רייכע פּראקסיס?" האָט קינגסקאורט געפרעגט.

„וויא קומט! זיינע פּראקסיס איז נאָר אין דיא אָרעמסטע קווארטאלען. ער האָט זיא איבערגעגעבען דער טאָכטער. זיא איז אויך א גרויסע דאָקטאָרקע. איצט איז זיא דיא דירעקטאָרין פון א גרויסע אויגענקליניק. א וואָהלע פריילין. זיא האָט ניט חתונה געהאט, און פערשענקט איהר לעבען און איהרע געשיקטע הענד דעם אָרימען קראנקען. מען קען זיך פון איהר א ביישפּיעל נעהמען, וואָס פאר נוצען עס קענען ברייננען דיא אלטע פריילינס, ווען קהל וויס זיך וויא צו בעגעהן מיט זיי. אמאָהל האָט מען זיי אויסגעלאכט און זיי זיינען געוועזען אלע־מען צו לאסט. ביי אונז ברייננען זיי זיך, און אונז נוצען. דאָס גאנצע רע־פּארטמענט פון צדקה־אנגעלעגענהייטען ליעגט אין דיא הענד פו אזעלכע אל־טע פריילינס. און דאָס האָבען מיר אויך ני אליין אויסגעטראכט. מיר האָבען גאָר דערין אריינגעבראכט א בעסערן סדר, מיר האָבען דאָס בעסער צענטראלי־זירט, פערפעכטיגט. שפּיטאָלען, באָנאָדעלניעס, קינדערגערטנער, זומער קאָלאָ־ניעס פיר שוהל קינדער, ביליגע קיכען, אלע דיא צדקה־זאכען, וועלכע זיינען שוין געוועזען אין איירָאפּא לענגסט בעוואוסט — זיינען פערבונדען ביי אונז אין איי־נעם און געהערען צו איין דעפּארטמענט. דורך אזא סדר פאלט אונז ניט שווער, צו העלפען איטליכען קראנקען און נויטהבעדירפטיגען. מען קען ניט זאָגען, אז מען בענוצט זיך אָפּט מיט דער וואָהלטהעטיגקייט ביי אונז, ווייל דער מצב אונזערער אין פערגלייך צום פריהעריגען איז גאָר ניט דער ערך א בעסערער. אָבער נויטבעדירפטיגע איז ביי אונז אויך פאראנגען,ווייל מיר קענען דאָך ניט אוממאכען דיא מענשליכע נאטור. קראנקהייטען, לייכטע פוסטע קעפּ. אלערליי אונגליקען וואָס מען מאכט זיך אליין אָן, אָדער וואָס דער מזל שיקט אָן, געפי־נען זיך ביי אונז אויך. דעם קראנקע קורירען מיר, דעם געזונדטען פערשאפען מיר ארבייט. ניט מיר האָבען דאָס ערפונדען, מיר האָבען דאָס נאָר פערבעסערט און ברייטער אָנגעווענדעט אין אונזער נייער געזעלשאפט. איהר מוזט דאָך וויסען, אז פאר צוואנציג יאָהר האָט מען אויך געהאָלפען דאדורך וואָס מען פלעגט גע־בען ארבייט, אָדער פערמיטלען דעם הונגעריגען ארבייטער א בעשעפטיגונג. ביי אונז האָט איטליכער דאָס רעכט צו פאָדערן ארבייט, אָבער אויך א חוב צו אר־

בייטען. בעטלעריי איז ביי אונז פערבאָטען. א געזונדטער וועלכער בעטעלט ווערט בעשטראָפט מיט די שווערסטע ארוויים. א אונבעמיטעלטער קראַנקער דארף זיך נאָר מעלדען אין א קאנטאָר פון צדקה־אנגעלעגענהייטען. קיינעם זאָגט מען ניט אָב. דיא איינצעלנע שפּיטאָלען זיינען דורך טעלעפאָנען פערבונדען מיט דעם הויפּט־ביוראָ פון אלע שפּיטאָלען, און מען זאָרגט שוין אין פאָראויס, עס זאָל זיין גענוג פּלאַטץ פאר אלע קראנקע. מיר וואָלטען זיך געמוזט שעהמען, ווען א קראנ־קער זאָל דארפען וואנדערן פון א שפּיטאָל צו א שפּיטאָל וויא דאָס פלעגט פאָר־קומען א מאָהל. איז איין שפּיטאָל פול, שטעהען שוין אויף'ן הויף קראנקע קאָ־רעטעס, בכדי אָבצופיהרען דיא נייע פּאציענטען אין א בקור־חולים, וואו עס זיינען דאָ פרייע בעטען

„אָבער דאָס איז דאָך א מורא'דיגע הוצאה", האָט פריעדריך בעמערקט.

„נאָר ניט אזוי גרויס. איהר מוזט זיך בעדענקען, אז וואָס מען פיהרט מיט מעהר סדר, קאָסט אלץ ביליגער, און אלץ עקאָנאָמישער. דיא אלטע געזעלשאפט איז שוין אין פאָהריגען יאהר־הונדערט געוועזן גענוג רייך; דיא צרה איז נאָר גע־וועזן, וואָס אלץ האָט זיך געפיהרט אָהן א סדר. עס איז געוועזן עשירות, עס האָט אָבער געפעהלט בעל־הבית'שקייט. זיי זיינען ניט געוועזן ערגער אָדער נארישער פאר אונז; אָדער, ווען איהר ווילט, מיר זיינען ניט בעסער און קליגער פאר זיי. דער טעם פאר וואָס האָט זיך אונז איינגעגעבען מיט איין קלאַפּ צו פערבעסערען דעם מצב פון אונזערע חברים איז גאָר אנאנדערער. אמת, מיר האָבען ניט צוריי־סען אונזער בונד מיט דער פערגאנגענהייט, מיר האָבען דאָס ניט געקענט טהון: מיר זיינען א אלטעס פאָלק, און דאָס לאַנד אונזערע האָט א טויזענדיעהריגע היי־סטאָריע. מיר האָבען נאָר אין דיא אלטע ארדנונגען אריינגעבראכט א נייע פריש־קייט, יונגע געדאנקען. פעלקער, ביי וועמען דער פאָדעם פון זייער לאנגער געשיכטע האָט זיך קיינמאָל ניט אָבגעריסען, שלעפּען מיט זיך דיא משא, וואָס פריהערדיגע דורות לאָזען זיי איבער. דאָס קען מען גענוי זעהען, ווען מען קוקט זיך צו — צו דיא הוצאות און הכנסות פון בעקאנטע אייראָפּעאישע נאציאָנען. מיליאָנען ריבעל צינזען ווערען געצאָהלט, פאר פערצייטיגע חובות, און דיא יעהר־ליכע אָבצאָהלונגען אויפ'ן חשבון פון אלטע הלואות צווינגען דיא רעגירונגען צו פערגרעסערען דיא אָבגאָבען (פּאָדאטקעס) פון זייערע אונטערטהאַנען. נאָר צוויי וועגען האָט מען געקענט אויסקלייבען, אום אָבצופטר'ן דיא חובות: אָדער זיך פערמיאוסען מיט א באנקראָט, אָדער ארויפצולייגען אויף דיא אונטערטהאנען שווערע אָבגאָבען. דיא נייע געזעלשאפט איז פון אָנפאנג אָן געוועזן אין א בעזונ־

דער גוטע לאגע. איך וועל אייך דאס נאך ווייזען גענויער. איצט וויל איך פער־ענטפערען אייער פראגע וועגען דיא הוצאות אונזערע. האטש אלע אונזערע יסוד'ען (ארגאניזאציעס) און צדקה־אנגעלעגענהייטען קלעקען פאר אלעמען וואס נויטהיגען זיך אין זיי, קלעקען פאר אלע שוואכע און קראנקע, דערנאך קאסט אינז דאס א סך וואלוועלער. דיא בנינים און דיא איינריכטונגען פון דיא שפיטא־לען ווערען געמאכט אויף חשבון הקהל, אויב עס קלעקען ניט דיא עולמות־געלד און דיא געלד פון דיא חברות און דיא בתי מדרשים, וואס מען שענקט דערויף נאך א אלטען מנהג נאך. דיא ארבייטען אין דיא בקור חולים'ס און אין אנדערע אנשטאלטען נעהמען אויף זיך חברים פון אונזער געזעלשאפט. אלע מיטגליעדער פון דער נייער געזעלשאפט זיינען פערפליכטעט, צוויי יאהר צו ארבייטען פאר קהל, געוועהנטליך פון 18 ביז 20 יאהר, דערנאך, וויא זיי ענדיגען לערנען. דער־ביי מוז איך אייך זאגען, אז דיא לומדים אין אלע שוהלען, וויא אוניווערזיטעטען, ווערען פאר דיא קינדער פון אונזערע מיטגליעדער געלערענט אומזיסט. צוליעב דעם, וואס צוויי יאהר ארבייטען פאר אונז דיא יונגע לייט און פרויען אומזיסט, שפארען מיר איין א מאסע הוצאות. דיא השגחה אויף דיא ארבייט ווערט אי־בערגעגעבען געניטע בעאמטע, וועלכע ווערען דערפאר בעצאהלט.

„איך פערשטעה שוין", האט פריעדריך געזאגט, „אייער ארמעע בעשטעהט פון געדונגענע אפיצערען און פרייוויליגע סאלדאטען".

„גוט, זאל זיין אזוי וויא איהר זאגט, אבער ס'איז מעהר ניט וויא א פער־גלייכענעס, מיר האבען ניט קיין קריעגס־ארמעע. אונזער געזעלשאפט דארף ניט קיין חיל צו מלחמות".

„אי, אי!" האט קינגסקאורט אבגעחוזק'ט.

דוד האט געשמייכעלט:

„וואס זאל מען טהון, מיסטער קינגסקאורט, ניטא א זאך אויף דר'ערד אהן חסרונות, און אונזער געזעלשאפט האט זיך אויך איהרע פעהלערען. מיר האבען דאך ניט אזא גאסודארסטווא (שטאאט), וויא דיא אייראפעער אין אייער צייט. מיר זיינען א חברה פון בירגער, וואס פערשיינען דאס לעבען דורך ארבייט און בילדונג. מיר בילדען אויך אויס דיא קערפערליכע קראפט פון אונזערע קינדער. מיר פערנאכלעסיגען ניט דעם קערפער ניט וויניגער וויא דעם גייסט. גימנאס־טיק און איבונגען אין שיעסען וויא ביי דיא שווייצער מאכען פון אונזערע יונגען לייט פלינקע און געשיקטע מענשען. ביי אונז שפיעלט מען אויך ענגלישע שפיע־

לען; קריקעט, פוספילקעס, שפיאָנענעס, אלע דיא ניצליכע שפיעלען: האָבען מיר איבערגענומען, און פאר אונז זיינען זיי אויך געווען פון גרויסען נוצען. פריהער זיינען דיא יודישע קינדער געווען שוואכע אונפדחנים. גיט א קוק אויף זיי היינט! דיא ערקלעהרונג דער פאר איז לייכט צו געפינען. מיר האָבען פון פערשטיקטע קעלערס, פינסטערע הייזלעך און ענגע ארבייטסשטונדען זיי ארויסגעצויגען אויף דער ליכטיגער וועלט. פלאנצען געהן צו גרונד, ווען דיא זון שיינט ניט אויף זיי. דאָס אייגענע איז מיט דעם מענשען אויך. פלאנצען קען מען ראטעווען דאדורך, וואָס מען בעזעצט זיי אין אזא ערד, וואָס פאסט פאר זייער טבע, דאָס אייגענע זעהן מיר ביים מענשען אויך. און אזוי איז אויך געווען מיט אונז!"

פריעדריך לעווענבערג האָט געזאָגט פערקלערטערהייד:

„אז מען הערט אייך צו רעדען, און ווען מען זעהט דאָס אלצדינג מיט דיא אויגען, — א סך זאכען האָט איהר אונז שוין אויך געוויעזען, — ווילט זיך גלויבען, אז מיר האָבען דאָ צו טהון מיט פאקטען, און ניט מיט א אוטאָפיע, מיט א פאנטאזיע. און אונדערסטוועגען פעהלט מיר נאָך עפּעס. דיא וויכטיגקייט און דיא גרויסקייט פון אייער נייען געזעלשאפט הויב איך שוין אָן צו פערשטעהן. מיט דער צייט וועט נאָך א סך קלענער ווערען, איהר וועט אונז נאָך מעהר דערצעהלען. מיר ווילט זיך עפּעס גאָר אן אנדער זאך בעגרייפען. איך בין אייך מודיעה, אז אלץ וואָס איהר דערצעהלט אונז דארף אונז גאָר ניט אזוי פערוואונדערען, ווייל דאָס אלץ האָבען מיר שוין געקענט זעהען אין אייראָפּא, האָטש אָהן א סדר, אָהן א ריכטיגען פּלאן. איך הער און זעה און קען דאָס אָנטאפּען מיט דיא הענד, אָבער איך הייב ניט אָן צו בעגרייפען, וויא איז דאָס געוואָרען. וויא זאָל איך מיר אויסדריקען? דאָס וואָס איהר דערצעהלט מיר פערשטעה איך אויסגעצייכענט, מיין מוח בענעהמט נאָר ניט, וויא איז דאָס צושטאנד געקומען, וואו האָט זיך דאָס ענטוויקעלט? דער איבערגאנג פון אלטען מצב אין דעם נייעם איז מיר ניט פערשטענדליך. ווען איהר וואָלט היינט דאָ געבאָרען געוואָרען, וואָלט איך אפשר קיין קשיות ניט געפרעגט און דאָס אָנגענומען פאר א פארטיגע זאך, וויא איך האָב זיך ניט געוואונדערט אויף טויזענדער זאכען אין אייראָפּא. אָבער איך וואָלט זיך דאמאָלסט אויך געוואונדערט, ווען איך וואָלט אויף אלע פערענדערונגען געקוקט מיט דעם בליק פון א מענשען, וועלכער איז געווען צוואנציג יאהר אין דער פרעמד, ווען מיר וואָלטען, צום ביישפּיעל, פון 1880 — 1900 געלעבט וויים פון אייראָפּא, און פּלוצלים דערזעהן אלע דיא נייע ערפינדונגען, דעם טעלעפאָן, דיא

עלעקטרישע לאָמפּען א. ז. וו. אײגענטליך קײן גרױסע נײעסען הער איך דאָ ניט, און דערנאָך דאכט זיך מיר, אז דאָס איז עפּעס א חלום, איך פערשטעה ניט דעם איבערגאנג".

„איך װעל אײך דאָס גענױ ערקלערען", האָט דוד געענטפערט, „איך װעל אײך דערצעהלען מײנע אײגענע ביאָגראפיע, װאו איהר האָט געשפּיעלט אזא גרױסע ראָלע. אָבער ניט דאָ װעל איך אײך דערצעהלען, און ניט איצט. איהר זײט מיד פון דער רײזע. רוהט זיך ערשט אוים. אָװענדס װעלען מיר געהן אין א טהעאטער, אויב איהר האָט חשק דערצו. מיר קענען א אָפּערא הערען, אָדער געהן אין א דײטשען, ענגלישען, פראנצױזישען, איטאליענישען, שפּאנישען טהעאטער".

„אַי װעה מיר ניט געשעהן!" האָט קינגסקאורט אױסגערופען, „אזוי פיעל טהעאטערס איז דאָ פאראנען? פּונקט, װיא צו מײנער צײט אין אמעריקא. דאָרטען זײנען אויך געװען אקטיאָרען פון אלע לענדער. אָבער אז דאָ קען מען זיך דאָס אלץ אָנזעהן..."

„עס איז גאָר קײן חדוש ניט. פון אײראָפּא איז דאָך דאָ נעהנטער, װיא קײן אמעריקא. אויסער דעם, דיא װאָס האָבען פּחד פאר דיא ים־קראנקהײט פאָהרען שוין גיכער קײן פּאלעסטינא. דאָס נעץ פון באהנען, װאָס מען האָט אָנגעהױבען בױען אין קלײן־אזיען צום סוף פון פאָהריגען יאהרהונדערט, איז שוין לאנג פאַרטיג. מען פאָהר איצט פון קאָנסטאנטינאָפּעל דירעקט קײן דמשק, חיפה ירושלים אָדער באגדאד. װען ניט דאָס שטיקעל ים, װאָס מען דארף פאָהרען איבער'ן באָספאָרוס, װאָלט מען געקענט פון פּעטערסבורג אָדער אָדעסא, פון בערלין אָדער װיען, פון אמסטערדאם, קאלעע, פּאריז, מאדריד און ליסאבאָן ניט בײטענדיג דעם װאגאָן דירעקט פאָהרען קײן ירושלים. דיא גרױסע אײראָפּײאישע שנעלציגע האָבען אלע א אנשלוס מיט דער באהן, װאָס געהט קײן ירושלים, אקוראט װיא דיא פּאלעסטינא־באהנען האָבען א אנשלוס מיט דיא ציגע, װאָס געהן קײן מצרים און נאָרד־אפריקא. דיא נאָרד־זיד־אפריקאנישע ליניע, װעלכע האָט שוין דעם דײטשען קײזער אינטערעסירט אין דיא נײנציגער יאהרען פון פאָהריגען יאהרהונדערט, און דיא סיבירישע באהן ביז צו דיא גרענעצען פון חינא, געהערען אויך צו דעם אײזענבאהנעץ פון דער אלטער װעלט".

„א רוח זאָל מיך נעהמען! אויף אזוינס האָב איך מיך שוין ניט געריכט!"

„איהר װעט זיך דאָך ניט חדוש'ען אויף אײזענבאהנען, דאָס איהר האָט אלײן געזעהן, מיסטער קינגסקאורט? עס איז קײן נפלאות'ען דאָ נישטאָ! דיא רוסיש־חינעזישע באהן איז שוין פאר צװאנציג יאהרען געװען פארטיג, דיא באַנ־

דאר־באהן האט מען דאמאלסט געבויט, דיא טיל־קאפ־באהן איז נאך געווען אין פלאן. עס וואלט געווען אײנפאך א משונה'דיגער וואונדער ווען פאלעסטינא, וואס ליעגט אין געאגראפישען מיטעלפונקט פון דיא צוזאמען־טרעפענעשען פון דיא באהן־ליניעס צווישען אייראפא, אזיען און אפריקא זאל אויסגעשלאסען ווער־רען און ניט ווערען א הויפטסטאנציע פאר דיא דורכפאהרבאנען".

„ניין, דאס איז פאר מיר ניט קיין וואונדער, מיין ליעבער בעל הבית. מיר איז א פלא, אויב מען מעג דאס דא זאגען, דאס דיא יודען האבען דאס געקענט צו שטאנדע ברייננגען! איהר האט דאך קיין פאראיבעל ניט?"

פריעדריך האט נאך צובעמערקט:

„צווישען אונז רעדענדיג, דאס איז מיר אויך א פלא. אונזערע יודען וואלט איך דאס קיינמאהל ניט צוגעטרויט".

דוד האט געלאסען געענטפערט:

„דוקא יודען האבען דעם בכח אויסצופיהרען. דוקא נאר מיר אליין, נאר מיר זיינען געווען אימשטאנד צו בעשאפען אזא געזעלשאפט און אזא מיטעלפונקט פאר דיא וועלטסבאהנען. איינס איז פערבונדען מיט'ן צווייטען און נאר צוליעב אונזערע צרות איז דאס אלץ געווארען. מען האט בעדארפט אזא פאלק וויא מיר, וואס איז געווען מאראליש אונגליקליך, וואס האט געהאט גרויסע סוחרישע ער־פאהרונגען און וואס איז געווען דורכגעדרונגען מיט ליעבע און אכטונג צו אלע פעלקער. אבער לאז שוין זיין גענוג פאר היינט. רוהט זיך איצט אויס, געהט נאכ־דעם אין טהעאטער. מארגען אין טבריה וועל איך אייך ווייטער דערצעהלען.

IV.

עס איז שוין גאר ניט געווען צו דענקען וועגען דיא ווייטערדיגע רייזע אין אייראפא. פריעדריך האט פון איידעלקייט וועגען געמיינט, אז ער מוז זיין פריינד מאכען אזא פארשלאג, וויל קינגסקאורט האט זיך דאך ניט געקענט אזוי פאר־אינטערעסירען וויא ער מיט'ן שיקזאל פון יודישען פאלק. אבער דער אלטער האט פעסט ערקלערט, אז ער רעכענט דא צו בלייבען, וויא לאנג מען וועט איהם נאר לאזען. עס איז דאך עפעס א ווילדע מעשה, וואס דא האט זיך מיט יודען אבגע־טאהן. און ווען דער הערר דאקטאר לעווענבערג אינטערעסירט זיך ניט מיט זיין אייגענער נאציאן, קען ער איהם ניט צווינגען דערצו. ער אבער איז ניט אזא אונמענש.

בקצור, בשעת עס איז געקומען דער שטייערמאַן פון יאַכט־שיף האָט מען איהם געזאָגט, אז מען בלייבט אין חיפה. קליידער און וועש זאָל מען ברייננען קיין פריעדריכסהיים און דיא מאַטראָזען זאָלען זיך אויף עטליכע טעג אַנטהון וואהלטאָג.

זייערע צימערען אין פריעדריכסהיים האָבען זיך געגרענעצט נעבען איינאנדער. קינגסקאורט איז געשטאַנען אָהן א ראָק ביי דער טהיר, וואָס האָט פערבונדעןביידע צימערען, און האָט געמאַכט זיינע פרושים אויף אַלעס וואָס ער האָט ביז איצט געהערט און געזעהען.

פריעדריך איז געזעסען פער'חלומט אויף א לענזעסעל און האָט געקוקט דורך דיא אָפענע גאָרטענטהיר אויף'ן בלויעם ים. א שעהנערען אָרט וויא דאָ האָט מען זיך ניט געקענט פאָרשטעלען. און וואָס פאַר פרעכטיגע מענשען זיינען דאָס, וועלכע לעבען אין אזא רייכטהום און אין אזא רוהיגקייט. דוד איז א פריילעכער ענערגישער מענש, פעסט ביי זיך און פון דעסטוועגען א געמעסיגטער. זיינע פרוי — א בילד פון א יונגע צופריעדענע מוטער, און פריילין מרים, ערדעל און שעהן, בעשעפטיגט און אָבגעגעבען פאַר יענעמס נוצען, וויא אמאָל פערצייטען אין רייכע יודישע הייזער.

אין לאַנגע יאָהרען ארום האָט ער ווידער געמוזט טראַכטען וועגען ערנעסטינע לעפלער, אין וועלכע ער איז געוועזען אזוי נאריש פערליעבט, און וועלכע עס האָט איהם דאָס אָבגעזעגנען זיך פון לעבען אזוי לייכט געמאַכט. און אפשר איז מרים ניט בעסער פאַר ערנעסטינען און וועט אויך חתונה האָבען פאַר אזא מאַן וויא זיא? ער האָט אליין ניט פערשטאַנען, וויא ער איז געקומען צו דער פראַגע. ניין, מרים איז פון העבערען זאָרט, און אלע מענשען מיט וועלכע ער האָט זיך דאָ בעקענט זייַנען אנדערע, גאָר ניט צו פערגלייכען מיט לעפלערס הויזגעסט. ווער ווייס, אפשר איז דאמאלסט ריכטיגער געוועזען ניט צו פערליערען דעם מוטה, צו זיין א מענש, צו שטרייטען מיט דיא אומשטענדע, איידער צו ענטלויפען פון קאַמפען, כעדיגען לעבען?

„קינגסקאורט", האָט ער אָבגעזיפצט — „איך קלער איצט, צו האָט ניט געקומען אונזער שיף א פאַלשען וועג דאמאלסט, בעת מיר האָבען געזוכט דיא גליקליכע אינזעל. אין וואָס האָב איך דיא צוואַנציג יונגע יאָהרען פערבראַכט? אין יאגד, אין פיש האפען, אין עסען, טרינקען, שלאָפען און שאכשפיעלען...."

„און דערצו נאָך מיט א אלטען חמור?", וואָס? האָט קינגסקאורט מיט א פעראיבעל געברומט.

„פון חמורים האָב איך שוין ניט דערמאָנט", האָט פריעדריך זיך פערנאָכ־רערגעלאכט. „אָהן אייך וואָלט איך שוין ניט געקאָנט, ניט געוואָלט לעבען. אָבער עס איז פאָרט א שאָד, וואָס מיר האָבען קיינעם קיין נוצען ניט געבראכט. די וועלט איז א שטיק וועג געגאנגען פאָרוועדטס און מיר האָבען זיך דערביי ניט בע־טייליגט, מיט קיין זאך ניט מיטגעהאָלפען".

„געהערט א ביסעל! אָבגעלערענט אין מיין חדר צוואנציג יאהר און האָט נאָך אזעלכע געדאנקען! שעמט זיך ניט און זאָגט שוין, אז איהר ווילט ווערען א מיטגליעד פון דער נייער געזעלשאפט".

„איך קען דאָס ניט זאָגען, ווייל איך קען זיא נאָך צו ווייניג. אָבער זיא שיינט מיר צו זיין א סך ווייניגער אָבשטויסענד וויא דיא פריהערדיגע".

„ווייניגער אָבשטויסענד? ווייניגער אָבשטויסענד? האָט געשוימט דער אל־טער, „אדרבה, טרעט אריין אין דיא נייע געזעלשאפט. איך קען אליין אויך אָב־פאָהרען און וועל מיך שוין מיין וועלטעל בעגעהן אליין".

„רעגט זיך ניט אויף, קינגסקאורט. איך בלייב דאָ ניט א מינוט לענגער פאר אייך.

„א וואָרט!

„מיין עהרענוואָרט. און איך וועל אויך אין דוד'ס נייע געזעלשאפט ניט איינטרעטען.... סיידען...."

„סיידען וואָס?".

פריעדריך האָט געשמייכעלט ביי דעם געדאנקען:

„סיידען, אז איהר וועט אויך איינטרעטען".

און קינגסקאורט האָט שוין א צייט לאנג אזוי זיך ניט פערנאנדערגעלאכט:

„פריטצע, הא—הא—הא! וואָס פאר א פודעל־נארישע איינפאלען איהר האָט. אָה־אָה, הא—הא—הא, קוקט זיך נאָר איין אויף מיר וויא אויף א מיט־גליעד פון א יודישער געזעלשאפט. אויף מיר, אדאלבערט פון קעניגסהאָף, א פרייסישען און א קריסטליכען בּאראָן. יא, פריטצע, דאָס איז צו גוט, צו גוט".

„אזוי רעדט א יונקער".

„ער האָט זיך שוין בעליידיגט געפונען. אין מיינע אויגען זייט איהר דאָך א אויסנאהמע. איינער איז קיינער".

„און מיט וואָס געפעלט אייך ניט דוד ליטוואק?"

„דערווייל געפעלט ער מיר. ווייזט אוים צו זיין א יונג מיט ביינער".

זייער געשפּרעך איז אונטערבראָכען געוואָרען פון דוד'ן, וועלכער איז געקר־מען פרעגען, צו פעהלט זיי עפּעס נאָך? צו האָבען זיי זיך שוין עגטשלאָסען צו

געהן אין א קאָנצערט אָדער אין א טהעאטער? ער האָט זיי דערלאַנגט א צייטונג, וואו עס זיינען געוועזן אויסגערעכענט אלע פערגעניגענדען פון היינטיגען אָוועגד. קינגסקאורט האָט אָנגעוויעזען אויפ'ן בלאַט מיט'ן פינגער.

„וואקסען נאָך אלץ דיא ליגנער אין דער וועלט?"

„ גענוי אזוי פיעל, וויפיעל דיא לעזער פערלאנגען".

„הייסט עס, א גאנצע מאסע?" האָט קינגסקאורט צוגעשמאָקצעט מיט דיא ליפּען.

„דאָס הענגט אָב פון דער צייטונג. בכלל גערעדט, זיינען דיא שותפישע בלעטער אנשטענדיג און האָבען ליעב דעם אמת צו שרייבען".

„וואָס פאר בלעטער?"

„דיא שותפישע. ביי דעם מוטואליסטישען סדר פון אונזער געזעלשאפט האָבען, נאטירליך, אויך דיא צייטונגען געמוזט ענדערען זייער כאראקטער"....

„ווארט! ווארט! ניט אזוי גיך! וויא רופט זיך אָן אייער נייער סדר?"

„דער מוטואליסטישער, שטעלט זיך אָבער דערונטער ניט פאָר א סדר פון א קאזארמע מיט אייזערנע כללים, מיט הארטע הנהגות, בקיצור א הארטען שטייפען סדר, זאָנדערען א סדר, וואָס גיט איטליכען דיא מעגליכקייט צו לעבען און פערלעבען פריי און לויט וויא ער פערמאָגט. דאָס איז שוין אויך געווען צו אייער צייט, וויא אלצדינג וואָס איהר זעהט היינט ביי אונז. עס זיינען געווען שותפישע פאבריקען און געשעפטען, עס זיינען געווען ארטעלען און שותפישע קלייטען פאר לעבענסמיטעל. אלע דיא מינים פון אונזער נייע געזעלשאפט בעשטעהט נאָר אין דעם, וואָס מיר האָבען זיך בעמיהט מיט אלע קרעפטען צו פערמעהרען און צו פערשטארקען דיא שותפישע אונטערנעהמונגען. מיר האָבען געשאפט פאר זיי א ביליגען קרעדיט, און דיא מאסע פון פאָלק האָבען מיר געוויעזען דיא מיטעל און דיא וועגען, וויא צו גרינדען שותפישע אונטערנעהמונגען. שוין אין פאָהריגען יאהרהונדערט האָט דיא וויסענשאפט דערקלערט דעם נוצען און דיא וויכטיגקייט פון שותפישע אונטערנעהמונגען. אין פראקטישען לעבען האָבען זיי אָבער קיין תקומה ניט געהאט. דיא שותפישע אונטערנעהמונגען זיינען אין פיעלע הינזיכטען געווען צו שוואך, און איידער זיי האָבען זיך דערוואָרט אויף דיא רוחים פלעגען זיי שוין מוזען פאלען. זיי האָבען ניט געקענט אויסהאלטען דיא אָפענע און פערבאהאלטענע קאָנקורענץ. דיא קרעמער פון לעבענסמטעל זיינען, פערשטעהט זיך, ניט געווען אוהבים נאמנים פון דיא שותפישע קלייטען פאר לעבענסמיטעל (קאָנסום פעראיינע). דיא מעבעל־פאבריקאנטען האָבען ניט געקליבען נחת דערפון, וואָס סטאָלערס און צעסלערס האָבען געמאכט ארטעלען צווישען

זיך. אלטע פיהרונגען, איינגעוואָרצעלטע פאלשע מיינונגען האָבען ניט דערלאָזען, אז דיא שותפישע ארבייטען זאָלען זיך קענען ענטוויקלען. דיא שותפישע ארבייט איז דער מיטעלער וועג צווישען קאָלעקטיוויזמוס און קאפיטאליזמוס. ביים קאָלעקטיוויזמוס האָט קיינער ניט קיין אייגענעם פערמעגען. צוליעב דעם קאפיטאליזמוס קען זיך דער ארבייטער, דער בעל מלאכה, ניט וועהרען אקעגען דעם גרויסען קאפיטאליסטען. ביי שותפישע אונטערנעהמונגען אָבער איז דער בעל מלאכה, דער ארבייטער וואָס ארבייט אין קאָמפּאניע מיט טויזענדער זיינע גלייכען און האָט א ביליגען קרעדיט, שטארק גענוג צו קאָנקורירען מיט'ן קאפיטאליסטען, און דאָס וואָס עס בלייבט איבער פיעל יאהר ביים טהיילען זיך איז זיין אייגענער פערמעגען. דיא שותפישע ארבייט ברייננט דערצו, אז דער ארבייטער קריעגט בעסער בעצאָהלט פאר זיינע ארבייט, און צוליעב דיא שותפישע קלייטען פון לעבענסמיטעל איז ער ניט געצוואונגען צו צאָהלען טהייערער וויא דיא רייכע. ביי אונז קאָסט דעם אָרימאן דאָס לעבענסמיטעל ניט טהייערער פאר'ן רייכען. אין דער אלטע געזעלשאפט וואָלטען ביי אזא סדר צעהנדליגע טויזענדער קרעמערס געגאנגען צו גרונד. ביי אונז אָבער האָט מען פון אָנפאנג אָן ניט צוגעלאָזען אזוינע קרעמער. מיר האָבען באלד איינגעפיהרט שותפישע קלייטען פאר לעבענסמיטעל (קאָנסום פעראיינע). און דארין זעהט איהר ווידער, וואָס פאר א מעלה דאָס איז, ניט צו טראָגען אויף זיך דיא משא פון אלטע פאלשע הנהגות. אלס נייע געזעלשאפט זיינען מיר געוועזען דערפון פריי פון אָנפאנג אָן, מיר האָבען ניט קיינעם געדארפט אונטערדריקען, בכדי אונזערע ארבייטער און בעלי־מלאכות זאָלען קענען געהאָלפען ווערען".

„אָבער דיא צייטונג?" האָט פריעדריך געפרעגט, — „מיר האָבען ד'אָך גערעדט פון צייטונגען, וויא קען מען ארויסגעבען א צייטונג אויפ'ן שותפישען אופן? צו געהערען אזעלכע צייטונגען צו אלע רעדאקטאָרען, אָדער וויא איז דאָס?"

„זעהר איינפאך. דיא שותפישע צייטונג געהערט צו דיא אבאָנענטען. בכדי צו ווערען א שותף פון א אונטערנעהמונג וויא א צייטונג דארף מען נאָר איינצאָהלען דאָס געלד פאר דעם אבאָנירען. וואָס מעהר אבאָנענטען — קריעגט אזא צייטונג אלץ מעהר רעקלאמעס און פערשיעדענע מודעות. אָט דער רוח פון דיא רעקלאמעס ווערט אלץ מעהר פערטהיילט אונטער דיא שותפים דיא אבאָנענטען, ווייל דיא איבריגע הוצאות קען שוין אָפט געדעקט ווערען מיט דיא געלד פון דיא אבאָנענטען, ביי געוויסע פעלע, ווען דיא צייטונג האָט א סך לעזער קענען דיא

אבאָנענטען סוף יאהר אָבקריעגען דאָס וואָס דאָס בלאט האט זיי געקאָסט. עס איז שוין פאָרגעקומען, אז זיי פלעגען קריעגען נאָך מעהר וויא פיעל זיי האָבען אריינגעלייגט אין דעם שותפישען בלאט“.

„פשוט ניט צו גלויבען !“, האט קינגסקאורט אויסגערופען, „עס קומט אויס, אז פאר לייענען א בלאט קריעגט מען נאָך א צוגאָב ?“

„כמעט. צו האט איהר ניט געהערט, וואָס פאר רוחים עס האָבען דיא גרויסע צייטונגען אין אייראָפּא און אין אמעריקא ? מיט איטליך יאהר פלעגען זיי ווערען ביליגער, האָץ פאר טעלעגראַמעס און פאר שרייבערס און מיטאַרבייטער פלעגען זיי אויסגעבען הונדערטע טויזענדער. דיא גרויסע בלעטער פלעגען קריעגען פון אבאָנענטען ניט מעהר, וויא דאָס פאַפּיער איז ווערט, און פון דעסטוועגען פלע־גען זייערע רוחים שטייגען מיט איטליכען יאהר. שוין דערפון וואָס זיי פלעגען צו דיא אבאָנענטען צולעגען זעהט מען, אז דיא בלעטער פלעגען אויסגעבען א טהייל פון זייערע רוחים דעם לעזער. דאָס אייגענע איז אויך ביי אונז, נאָר מיט דעם חילוק, דאָס דיא אבאָנענטען-שותפים קריעגען ניט א טהייל נאָר דעם גאַנצען רוח פון זייער בלאט. דיא רעדאקטאָרען זיינען דיא פיהרער פון דער שותפישער אונטערנעהמונג און איהר מעגט עס גלויבען, אז אָט דיא רעדאקטאָרען, דיא הויך געבילדעטע ארבייטער, וועלכע הויבען אויף דורך זייער גייסט דיא ווערדע פון דאָס בעדרוקטע בלאט פאַפּיער, פיהלען זיך אין א סך א בעסערע לאגע, וויא דיא רעדאקטאָרען אין דער אלטען געזעלשאפט. זיי פערדיענען דאָס געלד פאר'ן אבאָ־נענטען, און דער געוועהנליכער מענש פערשטעהט דאָס גיך צו שעצען. צוליב דעם קומט נאָך צו דיא דאנקבארקייט פאר דיא גוטע און שעהנע אַרטיקלען, דורך וועל־כע עס פערגרעסערט זיך מיט יעדען טאָג די אלגעמיינע בילדונג פון לעזער. אונ־זערע רעדאקטאָרען זעהען צו פערפאָלקאָמענען דיא בילדונג פון לעזער, זיי גיעבען ידיעות און צערשטרייאונגען, זיי בעשעפטיגען זיך מיט פּראַקטישע פראַגען, מיט האנדעל און פאַבריקאַציאָן ניט וועניגער, וויא מיט קונסט און וויסענשאפט. און מיט וואָס פאר א פרייליך הארץ ארבייטען זיי, וויסענדיג פאָראויס דיא וויכטיג־קייט פון זייער ארבייט פאר'ן כלל, זייענדיג איבערציינגט, אז זיי האָבען פאר זיך א דאנקבארען לעזער. און מיט וואָס פאר א ערנסט נעהמען זיי זיך צו א ארבייט, פאר וועלכע מען מוז איטליכע רגע פעראַנטוואָרטליך זיין !“

„ דאָס איז אלץ גאַנץ שעהן“, האט פריעדריך געזאָגט, —„נאָר שיינט מיר, אז אזעלכע שותפישע צייטונגען זיינען פערקויפט ביי דיא מיינונג פון לעזער. אזוי ווי די רעדאקטאָרען זיינען אין גאַנצען אבהענגיג פון דיא אבאָנענטען, וועלען

זיי אייביג חנפ'נען, שטענדיג נאָכגעבען דעם לעזער און ניט זיך דערוועגען א אמת וואָרט צו שרייבען".

„און ווען יאָ אזוי?" האָט דוד געענטפערט — „צו איז דאָס ביי אייך אזא נייעס? צו איז דאָס פריהער ניט אזוי געוועזען? עס זיינען געווען, דאכט זיך, געווען, דאכט זיך, געגוג רעדאקטאָרען, וואָס האָבען נאָר געטראכט און געקלערט וויא צו געפעלען דעם פובליקום. וועלכע האָבען געשוויעגען, ווען עס האָט געלויהנט, און געשריבען ווילדע גוזמאות, ווען דאָס פובליקום האָט דאָס נאָר געפאָדערט. דערצו האָבען זיי נאָך דאמאָלסט שטענדיג געלעבט אין ספק, צו האָבען זיי טאקע באמת דערטאפט דאָס, וואָס דער לעזער פערלאנגט. איצט איז אָבער אנדערש. אין דיא יעהריגע אסיפות ווערט אָבגעגעבען א חשבון, און דאָס פובליקום, וואָס בעשטעהט פון שותפים, שרייבט פאָר דעם וועג פאר דעם קינפטיגען יאָהר".

„עס האפט אָן א איבלונג", האָט קינגסקאורט זיך פערקרימט, — „אסיפות פון הונדערט טויזענד אבאָנענטען!"

„וואָס א מענשען קען איינפאַלען! דיא אבאָנענטען קלייבען אויס פון זיך 100 אָדער 200 שלוחי צבור, וואָס בעזאָרגען דאָס אַלץ אין שעהנסטען אופן. דאָס איז זעהר פשוט. דיא קאנדידאטען מעלדען זיך אליין אָן צו אזא שליחות. דיא אבאָנאָמענטסקוויטונג גיט דאָס רעכט אימיצען אויסצוקלייבען אָדער אליין אויסגעקליעבען צו ווערען. 500 אָדער 1000 אבאָנענטען גיעבען איבער זייערע קוויטונגען א וויכטיגען פארשוין, וועלכער זאָל רעדען אין זייער נאָמען אויף דער יעהרליכער הויפט אסיפה. געוויינטליך פלעגט אזא קאנדידאט אליין מודיע זיין אין דער צייטונג: איך רעכען אין דער הויפט־אסיפה דורכצופיהרען אזא און אזא געדאנקען. ווער עס האלט מיט מיר זאָל מיר אָנטרויען זיין צעטעל".

„גאנץ פיין", האָט פריעדריך געזאָגט — „פאר'ן פובליקום איז שיין געגוג פערזאָרגט. איך זעה נאָך אָבער דערפון ניט איין דיא גליקען פאר'ן פאָלק. נייע געדאנקען און פערלאנגעם קריעגען זעלטען א סך אנהעגנגער. זיך פערלאָזען אויף דאָס פובליקום, אז זיא זאָל אליין פערבעסערען איהרע פיהרונגען, אליין אָננעהמען נייע געדאנקען און טיעפער איינוואָרצלען, איז כמעט אזוי קלוג, וויא מען זאָל זיך פערלאָזען אויף קינדער. דיא שותפישע צייטונגען, וואָס לעבען נאָר מיט דעם געוועהנליכען קהל'שען מיינונג, קענען ברייגנגען דערצו, אז דאָס פאָלק זאָל ווערען ערגרעבט, אז דאָס פאָלק זאָל שטענדיג בלייבען ביי דיא אלטע פיהרונגען, און ניט וועלען וויסען פון נייע געדאנקען און נייע שטרעבונגען. דאָס פובליקום וועט מיט טויבע אויערן זיך גוט צוהאָרכען צו די פאָדערונגען פון; ער

נייער צייט, און דיא איינציגע וואָס וועלען דאָס יאָ וועלען דורכפיהרען, וועלען טרעטען מיט דיא פיס דיא אלטע גוטע איינפיהרונגען. צוליעב אייער שותפישע ציימונגען, וועט דער בעגאבטער מענש קיינמאָל ניט קענען קריעגען דיא פיהרונג בייא איך,און אייער געזעלשאפט וועט ווערן רעגירט פון מיטעלמעסיגע קליינע קע־פעליך, וואָס לעקען און חנפה'נען דאָס פּובליקום".

„איהר האָט מיר ניט געלאָזט אויסרעדען, הערר דאָקטאָר, איך האָב ניט געזאָגט, אז אלע צייטונגען ביי אונז זיינען שותפישע. דיא שותפישע צייטונגען זיי־נען נאָר דיא גרויסע בלעטער, וועלכע קאָסטען אָב הונדערטער טויזענדער און וואָס פאָדערן גרויסע קאפּיטאלען ביי דער בעגרינדונג און וועלכע זיינען ניט מינדער קאפּיטאליסטישע אונטערנעהמונגען, וויא דאָס גרינדען פון א גרויסע פאבריקאציע. מיר האָבען אויך צייטונגען וואָס געהערען איינצעלנע מענשען, און ווערען געפיהרט פון אונאבהענגיגע רעדאקטאָרען. איך אַליין האָב אויך אזא צייטונג. איך דארף זיא האָבען, בכדי דורכצופיהרען א שטיקעל מלחמה אין אונ־זער געזעלשאפט. מיין הויפּטגעגנער ד"ר ראבינער גייער האָט אויך א איינענע צייטונג. איך וועל מיין צייטונג ארויסגעבען ניט לייגנער, וויא דער שטרייט וועט דויערען. גייער, מן הסתם, וועט זיין צייטונג ניט אזוי גיך צומאכען, ווייל ער לעבט נאָר פון שטרייט און אזוינע וכוחים, און אזעלכע צייטונגען, וואָס האָבען פערשידענע צוועקען, זיינען נאָך דאָ א סך, בעווייזען זיי נייע מיינונגען, נייע אנזיכטען, איז דאָ גענוג מעגליכקייטען זיי ארויסצורײדען עפענטליך און צו שטרייטען פאר זיי. אמת, אָהן א ביטערען קעמפף וועלען זיי ניט אָנגענומען ווע־רען, אקוראט וויא אין דער פריהערען צייט. און דאָס איז גאָר ניט אזוי שלעכט, צוליב דעם קאמפף פערטיפען זיך די איבערצייגונגען, שטארקט זיך דער מוטה און מען געוועהנט זיך איין צו געדולד און צו פעסטיגקייט. גלויבט מיר, צוליעב אונזערען שותפישען לעבען זיינען מיר ניט אָרעמער, נאָר רייכער געוואָרען מיט בעגאבטע און שטארקע מענשען. דער איינצעלנער מענש ווערט ניט ביי אונז צו־מאָהלען אונטער דעם מיהלשטיין פון קאפּיטאליזמוס, און ווערט ניט דערנידער־ריגט פון סאָציאליזמוס, וואָס וויל אז אלע זאָלען זיין גלייך, אז אלע יונים זאָלען האָבען איין פּנים. מיר ווייסען דיא ווערדע פון דעם פרייען מענשען און מיר שע־צען דעם גייסט אין מענשען, ניט ווענינער וויא מיר שעצען זיין פערמעגען און דאָס וואָס ער האָט זיך אליין דערוואָרבען".

„נאָ, גאָט צו דאנקען" האָט קינגסקאורט געזאָגט —, „איך האָב שוין גערע־כענט, אז מען ווייס שוין ביי איך ניט קיין חילוק פון מיינס און דיינס".

„ווען מיר וואָלטען ניט געוואוסט דעם חלוק, וואָלט אלצדינג וואָס איהר האָט געזעהען און וועט נאָך זעהן, ניט געקענט בעשאפען ווערען“, האָט דוד ווייטער דערקלעהרט. — „ניין, אזוי משוגע זיינען מיר ניט געווען. דעם חשק צו אויבייטען, זיך צו מיהען, צו מאכען ענטדעקונגען און ערפינדונגען האָבען מיר ביי קיינעם ניט אָבגעשוואכט. דיא גרעסערע בעגאבונג מוז אויך א גרעסערע רענטע קריעגען; דיא גרעסערע אנשטרענגונג מוז ווערען גרעסער בעצאָהלט. מיר דארפען דאָס רייכטהום, אָנצולאָקען דערמיט דעם שטרעבזאמען, צו קענען דערנעהערען דערמיט דיא זעלטענע קונסט. איך אליין געהער אויך צו דיא גוט בעמיטעלטע איך בוי שיפען. מיין עסק איז אזוינער, וואָס קען נאָר גוט געפיהרט ווערען פון א איינציגען אונטערנעהמער, אָדער פון א אקציענגעזעלשאפט. דאָס איז דאָך דיא מעלה פון אונזער געזעלשאפט, אז זיא לאָזט צו אלערליי ארטען פון סוחרישע אונטערנעהמונגען, סיי שותפישע, סיי אויפ'ן אייגענעם רעכנונג. ביי מיר צו הויז וועט איהר זעהן א מאָדנע מישינינג פון פערשיעדענע עקאָנאָמישע פאָרמען. איך בין דער בעל־הבית פון דער פירמע. מיינע ארבייטער האָבען געמאכט צווישען זיך א ארטעל, וועלכע ווערט מיט יעדען טאָג זעלבסטשטענדיגער און שטארקער, און דוקא מיט מיין ווילען און מיין אונטערשטיצונג. צום אָנפאנג פון מיין אונטערנעהמונג האָבען זיי נאָר געהאט א שותפישע קלייט פאר לעבענסמיטעל, וועלכע האָט זיך אויסגעארבייט אין א שפאָרקאסע. איהר דארפט ניט פערגעסען, אז אונזערע ארבייטער זיינען סיי וויא סיי פערזיכערט געגען אלע אנפעלע, וויא קריינקהייט, אלטסקייט און פריהען טויט. זיי קענען דעריבער א סך אָבשפאָרען. איך האָב נאָך זייער שפארקאסע געשטארקט דערמיט, וואָס א טהייל פון מיינע רווחים שענק איך פאר דיא קאסע. איך האָב דאָס ניט פון גוטסקייט געטהון, נאָר צוליעב א פשוט'ן רעכנונג. ווייל חוץ וואָס צוליעב דעם זיינען מיר דיא ארבייער געטריי, זיכער איך מיר דיא מעגליכקייט, גוט צו פערקויפען מיין געשעפט אין דער צייט, וואָס איך וועל זיך שוין וועלען אָברוהען. איך פערוואנדעל דאמאָלסט מיין שיפסבוי־געשעפט אין א אקציענגעזעלשאפט, און פיר דעם פאל זיינען מיינע שותפישע ארבייטער דיא ערשטע, וואָס האָבען א רעכט אויף אָבצוקויפען דיא אקציעס, דעריבער זיינען מיר מיינע ארבייטער דיא בעסטע פריינד. מיר קריעגען זיך ניט וועגען לוין געלד, מיר האָבען בכלל ניט קיין שטרייטיגקייטען. עס געהט צו ביי אונז אזוי שטיל וויא אין אברהם־אבינו'ס צייטען, און דערביי העכסט אייראָפעאיש. ווען עס זאָל קומען צו מיינע ארבייטער איינער בונטעווען, דארף איך זיך נאָר ניט אריינמישען, זיי וועלען איהם אליין אויסלאכען און ארויסווארפען.

זיי ווייסען גוט וואָס זיי האָבען פאר זיך צו טהון, און דיא אונקלאָרע סאָציאליס־טישע געדאנקען האָבען פאר זיי קיין ממשות ניט".

קינגסקאורט האָט פריינדליך צוגעברומט:

„איהר זייט נאָך אזוי יונג, און איהר האָט שוין אזוי ווייט געבראכט".

„ווייל איך האָב פריה אָנגעהויבען. איך בין געוועזן פון דיא ערשטע וואָס האָ־בען איינגעוואנדערט אהער. זיך האָב איך גאָר ניט צו פערדאנקען, אָדער כמעט גאָר ניט. דיא גרויסע ארומיגע אונטע־נעהמונגען האָבען מיך ארויפגעבראכט אין דער הויך. אָבער דערפען וועלען מיר רעדען אין טבריה".

„פאר וואָס גראָד אין טבריה? האָט פריעדריך געפרעגט.

„נאָר דאָרט קענט איהר פערשטעהן דעם טעם דערפון, ווייל דאָרט וועט איהר דערגעהן וואָס פאר א יום טוב מיר האָבען היינט.... איצט אָבער קלייבט זיך אויס א צערשטרייאונג אויף חיינטיגען אָוועגד. אָדער צו ווילט איהר בעסער הערען דאָס פראָגראם פון דיא צושטרייאונגען פון א רעדעדיגע צייטונג?" ער האָט ארונטער־גענומען פון דער וואנד צוויי קאָרכרעהרען און האָט זיי אָנגעבאָטען דיא געסט.

קינגסקאורט האָט געלאכט:

„ליעבער שרה, דערמיט וועט איהר מיר ניט אָב'חדוש'ען. דעם קונץ קען איך שוין. אזא טעלעפאָנצייטונג איז שוין געוועזן פאר 25 יאהרען אין בודאפעסט".

„איך מיין גאָר ניט אייך צו ווייזען נייעס. איבריגענס, איז דיא רעדעדיגע צייטונג אויך א שותפישער עסק".

„אזא צייטונג קען אָבער ניט האָבען קיין פיעל איינקינפטע, ווייל זיא קריגט דאָך ניט קיין רעקלאַמען".

„טאקע גראָד פערקעהרט. פאר רעקלאמען צאָהלט מען דאָ דיא גרעסטע פרייזען. דיא מודעות און רעקלאמען אין דיא געדרוקטע צייטונגען קען דער לע־זער אריבערהיפען. דאגען אָבער איז ער געצוואונגען אויסצוהערען דיא רעקלאמען, וואָס קומען צו זיין אויער דורך אזוינע רעהרלעך. האָרכט נאָר א ווייל ע,אפשר לייי־ענט מען גראָד א רעקלאמע".

זיי האָבען צוגעלעגט דיא האָרכרעהרען צום אויער. צוערשט האָבען זיי גע־הערט דיא ידיעה, אז אין יאָקאָהאמא איז אָבגעברענט א דאָק (א אָרט, וואו שיפען האַלטען זיך אויף), דערנאָך וועגען א טהעאטערשטיק אין פאריז, דיא לעצטע פרייזען פאר קאָרן, און באלד דארויף האָט זיך נאָך דייטליכער געהערט, וויא דיא פריהערע בעריכטען:

„ביי שמואל קאָהן קריעגט מען דיא טייערסטע עדעלשטיינער, עכטע וויא פאלשע, צו גאראנטירט וואונדערליכע פרייזען. ביי שמו—אל קאָהן, גרויסע נאָ-לעריגאס נומר 47".

זיי האָבען זיך פערנאנדערגעלאכט.

דוד האָט נאָך געזאָגט:

„מען מאכט דאָס אָפט אויף א גנבישער ארט, בכדי דער הערער זאָל ניט בעמערקען, וויא מען איז איהם מכבד מיט א רעקלאמע. דיא רוחים פון דער צייטונג זיינען מורא'דיג. צום אָנפאנג האָבען דיא אבאָנענטען געצאָהלט א שקל א חודש און פלעגען אָבקריעגען א סך מעהר צוריק. דיא צייטונג האָט דאָך ניט קיין הוצאות אויף פאפיער, דרוק און פאָסט געלד. די טעלעפאָן צייטונג איז פערפליכטעט צו צאָהלען א יעהרליכע אָבגאבע דער שטאָדט חיפה און דער נייער געזעלשאפט. דיא צייטונג געפינט זיך איבריגענס אונטער א בעזונדערע השגחה. אין דעם הויפט ביורא פון דער רעדאקציע קוקען בעאמטע פון דער געזעלשאפט, אז מען זאָל ניט אריינרעדען אין אפאראט קיין נבול פה, קיין שקרים, קיינע פאלשע ידיעות און דאָס גלייכען".

פריעדריכען איז עפעס א פלא געוועזן:

„איך הויב ניט אָן צו פערשטעהן, וויא קען מען פון א פריוואטען עסק, וויא א טעלעפאָנצייטונג, וויא באלד דער עסק גיט גוטע רוחים נעהמען א אבגאב. אזוי וויא איהר האָט אונז נאָך ניט דערצעהלט נאָך וואָס פאר א שולחן-ערוך איהר לעבט, וועלכע רעגיערונגס-פיהרונגען איהר האָט איינגעפיהרט, איז מיין פראגע, דאכט זיך, ניט קיין נארישע".

„מיט דער טעלעפאָנצייטונג איז א בעזונדערע מעשה. דיא טעלעפאָנצייטונג מוז דאָך וואו עס איז דורכציהען א אייגענעם קייבל. אונטער אונזערע גאסען האָבען מיר טונעלען, וואו מיר פיהרען דורך דיא רעהרען פון גאז, וואסערלייטונג און קאנאליזאציע, אין דיא טונעלען ליגען אויך דיא לייטונגען פון טעלעפאָן אין טעלעגראף; עס איז נאָך געגנוג דאָ פלאץ אויפצונעהמען נייע דראָט-לייטונגען. אויבען פאָהרט מען און אונטען ציהט זיך דער טונעל, וועלכער איז פערבונדען דורך רעהרען מיט איטליכען הויז. אין איטליכען הויז איז דאָ א גאנג אונטער דר'ערד פאר אלע מיני רעהרען און דראָטלייטונגען. מען דארף ביי אונז ניט אויפרייסען דעם ברוק, אויב מען וויל דורכפיהרן א נייע רעהר א. ז. וו. איהר קענט אין דעם, מיינע טייערע, זעהען א צוגלייכענעס צו אונזער נייער געזעלשאפט: מיר זיינען ניט מחויב צו צוברעכען, ווען מיר ווילען איינפיהרען עפעס נייעס. דיא

אמאָלינע גרויסע שטעט זיינען אויפגעוואקסען דורך א צופאל און זיינען געוועזן גע בויט אָהן א פּלאַן. גאז־בעלייכטונג, וואסער־לייטונג, קאנאליזאציע, עלעקטרישע לייטונג, איטליכע נייע איינפיהרונג האָט געפאָדערט, אז מען זאָל אויפשניידען דעם בויך פון דער שטאָדט. חוץ דעם האָט מען קיין מאָל ניט געוואוסט געגוי, אין וואָס פאר א צושטאנד עס געפינען זיך דיא אלטע לייטונגסרעהרען; ערשט ווען עס פלעגט טרעפען א שאָדען אָדער א אונגליק, פלעגט מען זיך האפּען דערצו, אז ס'איז עפּעס מכולה געוואָרען. מיר האָבען אָבער אויסגעמיידט דיא אלע חסרונות, און דאַריבער האָבען מיר לכתחילה געבויט דעם טונעל אין מיטען פון דיא גאסען. דאָס האָט געקאָסט גוזמאות געלד, דערפאר פערשפּאָרען מיר אָבער גוזמאות אונקאָסטען. אז איהר וועט פערגלייכען דיא שטאָדטיגע הוצאות פון חיפה מיט דיא הוצאות פון א וויען, אָדער א פאריז, וועט איהר זעהן וויפיעל מיר שפּאָ־רען איין א יאָהר צוליעב דיא טונעלען אונטער דר'ערד. אין דיא טונעלען ליעגען אויך דיא טעלעפאָנדראָטען פון דער רעדעריגען צייטונג, און דיא אייגענטהימער זיינען מחויב דעריבער צו צאָהלען לויט זייער פערדינסט נאָך מיעהעגעלד פאר דעם פלאץ, וואָס דיא שטאָדט פערדינגט זיי. סוף כל סוף געהען דאָך אָבגאבען פאר טובת הכלל".

קינגסקאורט איז זיך מודה געווען:

„הערענדיג אייער רייד קריעגט מען בושה פאר אייער נייער געזעלשאפט: עפּעס א קלייניגקייט, איהר פערוואונדערט דאָך שמואל קאָהנס ערעלשטיינער לטובת הכלל. איהר זייט א פערדאָרבענעס, ממזר'ש פאָלק! אויף אזא געדאנקען וואָלט איך קיינמאָל ניט געפאלען".

„אייערע שמייכעלווערטער שמעקען ביטער, חשר קינגסקאורט", האָט דוד פריינדלאָך געזאָגט,—„נאָר אפשר וועט איהר אייער מיינונג בייטען, בשעת איהר וועט זיך מיט אונז נעהענטער בעקענען".

„פון מיינער זייט בין איך מודה, אז איך בין א אלטער חמור, — איך פער־לאַנג אָבער, אז איהר זאָלט דאָס בעווייזען שווארץ אויף וויים... און איצט פיהרט אונז, צו אלע טייוואָלים, אין טהעאטער".

„אין וואָס פאר א טהעאטער איהר ווילט, הערר ליטוואק", האָט פריעדריך נאָך צוגעלעגט.

„אזוי וויא איהר קענט זיך אליין ניט ענטשליסען, רעכען איך, מיר וועלען זיך בעסער פערלאָזען אויף דעם וואָס אונזערע דאמען וועלען זאָגען".

דערמיט זיינען אלע געווען איינפערשטאנען.

V

די דאמען זיינען שוין געווען אנגעטאהן אין אוהנדרטואלעטע. מאדאם ליט־וואק האט געזאגט:

„די הערען וועלען דאך מן הסתם ניט וועלען זעהן אזוינס, וואס מען קען דאס אויך זעהן אין בערלין, אין לאנדאן אדער אין פאריז, האטש אין חיפה זיינען איצט דא די בעסטע פראנצויזישע און איטאליענישע טרופעס. איך מיין, אז מעהר פאר אליץ וועט זיי אינטערעסירען דאס יודישע־טהעאטער“.

„צו זיינען דען פאראנען יודישע טהעאטערשטיק?“, האט פריעדריך זיך פרעוואונדערט.

„צו האט איהר, בחור מיינער, ניט געהערט און געלייענט שוין פון כמה יאהרען, אז דאס טהעאטער איז „פעריודעט“, האט קינגסקאורט געזאגט.

מאדאם ליטוואק האט א ווארף געטהון א בליק אין די צייטונג:

„מען שפיעלט היינט אין נאציאנאלטהעאטער א טהעאטער־שטיק פון דער ביבלישען צייט מיט'ן נאמען משה“.

„דאס איז א גרויסארטיגעס פאעטישעס ווערק“, האט דוד ערקלעהרט די געסט.

„אבער צו ערנסט. אין אפערנטהעאטער שפיעלט מען „שבתי־צבי“. אין עט־ליכע פאלקסטהעאטערען שפיעלט מען זשארגאנישע קאמעדיעס. זיי מאכען אפילו לאכענדיג, אבער זיי האבען ניט קיין טעם. איך וואלט פארשלאגען צו געהן אויף א אפערע. היינט שפיעלט מען „שבתי צבי“.

מרים איז אויך געווען פאר די אפערע. „שבתי צבי“ איז די בעסטע יו־דישע אפערע אין די לעצטע יאהרען, האטש אין דער לעצטער צייט זיינען בע־שאפען געווארען גרויסארטיגע מוזיקאלישע ווערק. די מוזיק פון די אפערע איז א געטליכע. מען מוז זיך אבער איילען, ווייל ביז צום טהעאטער וועט נאך דויערען דאס פאהרען א גוטע האלבע שעה.

„צו וועלען מיר נאך קריגען א פלאץ?“ האט קינגסקאורט געפרעגט.

דוד האט געענטפערט:

„אין דער קאסע וועט איהר אזוי שפעט ניט קריגען קיין בילעטען, ווייל דער מעהרסטער טהייל שותפים האבען מן הסתם זיך בענוצט היינט מיט זייערע

פלעצער. איך האָב אָבער זייט דאָס טהעאטער איז געגרינדעט געוואָרען מיין אייגענע לאָזשע״.

„דאָס אָפּערענטהעאטער איז אויך א שותפישע אונטערנעהמונג?״ האָט לעווענבערג אויסגערופען.

„אבאָנעמענט, פּריטצע! זיי רופען דאָס א שותפישע יאָך. מן הסתם דאָס אייגענע וויא מיט דער צייטונג״.

„דאָס אייגענע״, האָט דוד געלאכט, — „איהר זאָלט זיך גאָר ניט חדוש'ן, הערר קינגסקאורט. ביי אונז געפינט איהר ניט קיין שום נייעסען. עס דאכט זיך נאָר״. ער האָט גענומען א פּאָר ווייסע האנדשוה און אָנגעהייבען זיי ארויף צו ציהען אויף דיא פינגער.

האנדשוה! און ווייסע נאָך דערצו. מיט קינגסקאורט מיט פריעדריך האָבען דאָס איצט געהאט ביי זיך. אויף זייער שטיעלען אינזעל האָבען זיי אזעלכע נארישע זאכען זייט 20 יאהר ניט בענוצט. אָבער איצט, אז מ׳ען איז געקומען אין אזא פערצווייפעלטער לאגע, בשעת מען מוז געהן מיט דאמען אין טהעאטער, מוז מען דאָך האָבען א אויסזעהן פון א צוויליזירטען מענשען. קינגסקאורט האָט געפרעגט, צו געהט מען אונטערוועגס ביז צום טהעאטער ניט פערביי א קראָם פון הענדשקעמאכער. ניין, אזעלכע קראָמען זיינען ביי אונז לחלוטין גאָר ניט דאָ. און דער אלטער קינגסקאורט איז כמעט ניט געוואָרען אין כעס.

איהר לאכט פון מיר? אָט טראָגט איהר דאָך אליין דיא לעדערנע גילזען אויף דיא פינגער. אָדער אפשר מאכט איהר דאָס אליין? איהר מוזט מן הסתם זיין א חברה־מאן פון דער שותפישער חברה הענדשקע־מאכער?״

מען האָט זיך דאָ ניט צוזאמענגערעדט, און אלע האָבען געלאכט, בעת דוד האָט דערקלערט זיין אנטוואָרט. עס איז בכלל ניט געוועזען קיין בעזונדערע קראָמען פאַר הענדשקעס, ווייל אלע קליידער און טואלעטען־געגענשטענדע ווערען פערקויפט נאָר אין דיא גרויסע קויפגעשעפטען.

פאר דיא פאראדנע טרעפּ זיינען געשטאנען צוויי קארעטעס־אויטאָמאָבילען, וועלכע האָבען שוין געווארט אויף דיא געזעלשאפט, זיי אָפּצופיהרען אין אָפּערענטהעאטער. אין דיא ערשטע קארעטע האָבען זיך אריינגעזעצט מאדאם ליטוואק, פריילין מרים און לעווענבערג, און דיא צווייטע—קינגסקאורט און דוד. עס איז געווען א שעהנער אָווענד, וואָס האָט דערמאָנט אָן דיא מילדע נעכט פון ריוויערא. אונטער זיי איז געלעגען חיפה, בעגאָסען מיט א ים פון ליכט. אין האַפען און אויף דעם שיפסבויפלאץ האָט עס געפינקעלט פון טויזענדער גליהענדע שטערענדליך, וועלכע האָבען זיך אָבגעשפּיעגעלט אין וואסער; האָבען געלויכטען דיא טויזענדער עלעקטרישע לאָמפּען פון דיא שיפען.

בשעת זיי זיינען פערבייגעפאָהרען פאר דאָס הויז פון רעשיד־ביי האָבען זיי געהערט דעם געזאַנג פון א וואונדערליך שעהנער שטימע.

מרים האָט געזאָגט:

„דאָס זינגט רעשיד־ביי'ס פרוי. זיא איז אונזערע פריינדין. זעהר א ערנסט־ליכע און א געבילדעטע ווייבעלע. מיר טרעפען זיך מיט איהר אפט צוזאמען, אָבער נאָך ביי איהר אין דער היים. דיא מאהאָמעדאנישע פיהרונגען, פון וועלכע רעשיד־ביי וויל זיך ניט אָבזאָגען, דערלאָזען ניט, אז זיא זאָל קומען צו אונז".

„אָבער איהר דאַרפט ניט טיינען, אז פאטמא ליידט דערפון און פיהלט זיך דעריבער ניט גוט", האָט מאדאם ליטוואק צוגעלעגט פון איהר זייט, און זיך אָב־שטעלענדיג א ווײלע האָט זיא ווייטער גערעדט:

„דאָס איז א אמת גליקליכער זווג. זיי האָבען פראכטיגע קינדער. איינס נאָר, וואָס זיא שיידט זיך ניט מיט דעם פריעדליכען צוריקגעצויגענעם לעבען. פאר געוויסע מענשען איז אָבער אזא לעבען דער גרעסטער נחת. איך קען דאָס גאַנץ גוט פערשטעהן, האָטש איך בין א מיטגליעד פון דער נייען געזעלשאפט. ווען מיין מאן וואָלט נאָר דאָס פערלאַנגען, וואָלט איך פיהרען אזא לעבען, וויא פאטמא".

„איך קען אויף דעם ערות זאָגען", האָט מרים מיט א ליעבפולען שמייכעל געזאָגט און האָט א גלעט געטהון דיא שוועגערינס צארטע האנד.

פריעדריך האָט מיט א פערטראַכט פנים געזאָגט, וויא פאר זיך:

„איך פערשטעה שוין. אין אייער נייען געזעלשאפט קען איטליכער נאָך איי־גענעם פאסאָן גליקליך זיין".

„אזוי שטעהט עס ביי אונז", האָט מאדאם ליטוואק געענטפערט, — „איטליכער און איטליכע".

אונטערדעסען זיינען זיי שוין געפאָהרען דורך דיא ליכטיגע קאָכעדיגע גאַ־סען פון רעכטען מיטען שטאָדט. זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט פאר א געוואלטיג גרויסען מויער, שעהן וויא א פאלאץ, וועלכעס איז געווען פיעל בעלויכטען. דאָס איז אָבער ניט געווען דאָס טהעאטער, נאָר א גרויסעס געשעפט, אויף'ן בערלינער און פאריזער אופן.

„עס זעהט דאָך אויס וויא באָן־מארשע אין פאריז, אָדער וויא ווערטהיים'ס און טיעץ'ס מאגאזינען אין בערלין!" האָט קינגסקאורט אויסגערופען.

דוד האָט געשמייכעלט:

„אין דעם אופן אונגעפעהר, ביי אונז זיינען נאָר דאָ אזעלכע מאגאזינען. קליינע קראָמען זיינען ביי אונז ניט פאראַן".

„וואס? איהר האט זיי אלע אויסגעקוילעט? צו האט איהר דיא ארעמע קליינע שווינדלער אויסגעסמ'ט וויא דיא מייז?"

„צו וואס סמ'ען! מיר האבען זיי ניט געדארפט קוילען, ווייל מיר האבען קיינמאל אזוינע קרעמער נימ געהאט".

פריעדריך, וועלכער האט מיט דיא דאמען בעקוקט דיא אויסגעלייגטע נייע מארעס, האט זיך איצט אויך ארייגעמישט אין געשפרעך:

„וואס? איהר האט פערבאטען דעם האנדעל אין קליינעם אופן? צו דעם דארפט איהר פרייהייט?"

„ביי אינז איז איטליכער פריי און קען טהון וואס ער וויל, בעשטראפט ווערען נאך דיא חטאים און פערברעכענס, פאר וועלכע מען רודפ'ט אין אלע ציווי־ליזירטע אייראפעאישע לענדער. ביי אונז איז קיין זאך ניט פערבאטען, וואס מען זאל דארטען מעגען, און אויף דעם קליינהאנדעל קוקען מיר ניט וויא אויף א חטא, נאר וויא אויף א שענדליכע זאך פאר דיא בעל־הבית'שקייט פון א לאנד. עס איז געווען פאר אונז איינע פון דיא שווערסטע פראגען, וויא פטור צו ווערען פון א אונניציגען קליינהאנדעל. און בעזאנדערס וויכטיג איז דאס געווען אין אנפאנג, ווייל עס זיינען דאך געקומען צו אונז דאמאלסט מאסען קליינע קרעמערס און אלערליי סוחרים'לעך. מיין גוטער פאטער אליין — אויב איהר האט ניט פערגעסען, הערר דאקטאר — פלעגט פערדיענען זיין טרוקענע שטיקעל ברויט דורך פעדלעריי. און פעדלעריי איז דיא ארעמסטע אונגליקליכסטע ארט פון קרע־מעריי. ער האט זיך ארומגעטראגען מיט זיין קעסטעל סחורה פון שענק צו שענק".

זאגט מיר אקארשט, הערר ליטוואק", האט קינגסקאורט א ברום געטהון, — „וויא עס ווייזט אויס שעהמט איהר זיך גאר ניט דערמיט?".

„וואס? עס פאלט מיר גאר ניט איין זיך צו שעהמען דערמיט! איך זאל מיך שעהמען מיט מיין פאטער, פאר וועמען ער האט זיך אזוי געקוואלען און געפייניגט? איך וואלט דאך געווען דאמאלסט דער פערדארבענסטער מענש!"

„לאזט מיר אייך דריקען דיא האנד דערפאר", האט קינגסקאורט גע־ריהרטערהייט געזאגט און האט א ענערגישען שאקעל געטאהן ליטוואקס רעכטע האנד.

און בשעת זיי זיינען צוגעקומען צו דער אבטהיילונג פון אלערליי הענדש־קעס, האט פריעדריך ווייטער געפארשט:

„זאגט מיר אבער, וויא זייט איהר פטור געווארען פון דער קליינער קרעמע־ריי, צו האט איהר ארויסגעגעבען אזוינע געזעצען, אדער דאס גלאט געאסר'ט?"

„נאָר פשוט! דורכדעם וואָס איהר זעהט דאָ, דורך דיא גרויסע מאגאזינען. אזעלכע ריעזענקראָמען און עקספּארט געשעפטען מיט זייערע הונדערטער פיליא־לען האָבען נאָר געקענט געבאָרען ווערען אין דער צייט פון דאמפמאשינען און אייזענבאהנען. דאָס האָט מען ניט צו פערדאנקען דעם צופאל, אדער א גאוני'שען איינפאל פון א קאָפמענש א סוחר. עס האָבען געמוזט זיך ענטוויקלען אזעלכע ריעזענמאגאזינען. ווען מען פּראָדוצירט סחורות מאסענווייז, מוזען זיי מאסענ־ווייז פערקויפט ווערען. נאטירליך זיינען צוליעב דיא גרויסע געשעפטען דיא קליינע קרעמערס געגאנגען צו גרונד, וויא עס זיינען צו גרונד געגאנגען דיא בעלי העגלות אין דיא ערטער, וואו דיא באהן האָט זיך בעוויעזען. דער חלוק איז נאָר דער, דאָס דער פוהרמאן האָט גיכער פאַראויס געזעהן זיין סוף, וויא דער קורצ־זיכטיגער קרעמער. איבריגענס איז זייער לאַנגע געווען א סך א ערגערע, ווייל איי־דער זיי האָבען זיך געכאפּט זעהן דיא געפאהר איז שוין צוקראָכען דאָס ביסעל מזומנים, מיט וואָס זיי האָבען געקרעמערט. דיא נארישע קרעמערליך זיינען גע־ווען ריין אונשולדיג אין אונגליק זייערען. דיא צייט איז זיי איבערפאלען וויא א גזלן פון הינטען. ביי אונז אָבער — און דאָס איז איינע פון דיא סבות פארוואָס מיר זיינען אזעלכע מוצלחים — איז גאָר ניט געקומען דערצו, איינצופיהרען אזעלכע אופנים פון מחיה'ס, וואָס האָבען שוין קיין ממשות ניט. מיר האָבען באלד אָנגעהויבען צו טהון, וויא דיא נייע צייט האָט אונז געבאָטען. קיינער איז ניט געווען אזא שוטה צו עפענען א קרעמעל נעבען א גרויסען ווארענמאגאזין. קיינער איז ניט געגאנגען מיט'ן פאַק אויף'ן פּלייצע פון הויז צו הויז, פון דאָרף צו דאָרף, ווייל ער האָט געוואוסט, אז דיא גרויסע עקספּאָרט־געשעפטען האָבען שוין אומעטום אויסגעשיקט זייערע פּרייזליסטען, מוסטערקאָלעקציאָנען און שי־קען צו דיא קלענסטע קלייניגקייט גלייך אין שטוב אריין. דיא קליינע קרעמעריי און דיא פעדלעריי האָבען ניט געקענט געבען קיין רוחים, דעריבער האָט פון אָנ־פאנג אָן זיך קיינער דערצו ניט גענומען. אין איירָאפּא, וואו מען האָט זיך גע־מוזט רעכענען מיט א גאנצע קלאַס פון קליינע קרעמער„ האָט מען דיא פראגע ניט געקענט אזוי לייכט פערענטפערען.

דיא סוחרים פון מיטלען אופן האָבען דערשפּירט, וויא געפעהרליך עס זיינען פאר זיי דיא גרויסע מאגאזינען. צו זאָל מען דיא גרויסע מאגאזינען מיט געוואלט צומאכען? הויבט זיך אָן דיא פראגע, וואָס הייסט ביי א געשעפט „גרויס". זאָל מען פון זיי נעהמען גרויסע אָבגאבען? וואָס קענען דערמיט געהאָלפען ווערען די קליינע קרעמערס! דאָס פּובליקום דערוויייל וויל און דאַרף דיא גרויסע מאגאזי־

נען, וואו עס קויפט איין אין א קורצע צייט אלץ וואס עס דארף צו בעסטע אָגול־נע פרייזען. דער פאבריקאנט ליפערט דעם גרויסען וואַרעמאַגאזין ביליגער, וויא דעם קליינעם סוחר. קורץ, דיא היינטיגע פאבריקאציע, וואס פאבריצירט מאַ־סענװײז, מוז האָבען אזעלכע געשעפטען, וואס זעצען אָב דיא סחורה מאסענוויז. איינס איז געבונדען מיט'ן צווייטען. ביי אונז אָבער האָבען מיר קיינעם ניט גע־דאַרפט רואינירען, ווייל דאס סוחר'ישע לעבען האט ערשט אויפגעבליהט. דאס איינפיהרען פון גרויסע מאגאזינען איז נאָר געװען ביי אונז פערקניפּט מיט דעם צוועק צו בעפרייען דעם גוף און דיא נשמה פון אונזערע קלענערע בעלי־הבתים פון אזעלכע סוחרי'שע אונטערנעהמונגען, וואס קענען ניט געבען קיין רוחים און ברייגען נאָר שאדען פאר'ן כלל".

בשעת דוד האט אזוי בריטלעך גענומען ערקלעהרען, זיינען דיא דאמען גע־וואָרען אונגעדולדיג. מען וועט פערזאמען דעם אָנפאנג פון דער אָפּערע. אָבער קינגסקאורט איז געוועזן נאך אלץ ניט צופריעדען, און בעת ער האט אויסגע־שטרעקט זיינע גרויסע רויטע הענד צו דער פערקויפערין, וועלכע האט זיך געמאַ־טערט איהם אָנצופאסען א פאר הענדשקעס, האט ער געפרעגט:

„מיר איז דאָ עפּעס ניט קלאר אין אייערע רייד, שררה'לע מיינער! אמת, היינט זעה איך ביי אייך א סוחרישען לעבען, וואס קאכט. אָבער דאס איז דאָך ניט געקומען אויף א מאָל. מען האט דאך ניט אויפגעבויט אט דיא ווארענפּאלא־צען אויף א נאקעטער ערד און פלוצלים זיינען אָנגעפאלען דיא קונדען, וויא דיא היישרעקען! אזעלכע מעשות קענט איהר דערצעהלען אייער קליינעם פריץ, אָבער ניט אזא אלטען מענשען, וויא מיר".

„ניין, מיסטער קינגסקאורט, אזוי מיט א מאָל איז דאס ניט געוואָרען. אלץ־דינג האט זיך ביי אונז ענטוויקעלט פאמעליך און אויף'ן נאטירליכען אופן. בשעת מען האט אָנגעהויבען מאסענוויז איינצוואוואנדערען אהער זיינען מיט איטליכען טאָג געוואקסען דיא פאָדערונגען אויף אלערליי ווארענארטיקעל. מיר האָבען נאך דאמאָלסט נאָר ניט פאבריצירט און אלץ געדאַרפט קויפען. דער מצב אונזערער איז אלעמען געוועזן בעקאנט, ווייל דיא יודישע קאָלאָניזאציע פון פאלעסטינא איז ניט געוועזן קיין סוד־מעשה און עס האט געקלונגען דערמיט דיא וועלט. דעריבער האָבען זיך דיא גרויסע אייראָפּעאישע ווארענמאגאזינען געאיילט צו עפענען דא פיליאלען (ברענטשעס). ניט נאָר יודען האָבען בענוצט דיא געלעגענהייט אָבצו־זעצען זייערע לאגער־סחורה; אפילו דייטשע, פראנצויזישע, ענגלישע און אמע־ריקאנישע מאגאזינען זיינען בעשאפען געוואָרען וויא מיט'ן קוש. צוערשט האט

מען גאָר אויפגעבויט באראקען (הילצערנע בנינים). שפּעטער, בשעת דיא פאָדע־רונגען אויף אלערליי ארטיקלען זיינען נאָך גרעסער געוואָרען, בשעת דיא אָנגע־פאָהרענע האָבען ביסלעכווייז אָנגעהויבען זיך פעסט צו בעזעצען און זייער מצב האָט גענומען שטייגען, האָבען זיך אומגעוואנדעלט דיא באראקען אָט אין דיא שטיינערנע ווארענפּאלאצען, וועלכע איהר זעהט היינט. דיא נייע געזעלשאפט האָט זיך שטארק געהיט זיי צו דריקען און צו מאכען זיי שווער דיא לייזונג. גע־ראד פערקעהרט, מען האָט זיי נאָך געשטיצט, ווייל זיי האָבען אונז געבראכט א דאָפּעלטען נוצען. ערשטענס האָבען מיר צוליעב זיי דיא מאסענארטיקלען געקרי־גען גיך און ביליג, צווייטענס האָבען דיא ריעזענמאגאזינען ניט דערלאָזען, אז עס זאָל זיך ענטוויקלען דיא קליינע קרעמעריי און פעדלעריי. מיר האָבען ניט גע־וואָלט זיין א פאָלק פון קרעמערס".

„אין דער אמת'ן? חוץ דיא ווארענמאגאזינען איז גאָר ניט דאָ ביי אייך קיין הענדלערס?"

„עס געפינען זיך שוין אזעלכע. דיא מענשען לעבען דאָך ביי אונז ניט לויט בעשטימטע רעגעלען. מיר טיראניזירען קיינעם ניט. איטליכער טהוט וואָס ער וויל. דיא טהייערסטע און דיא וואָלוועלסטע ארטיקעל, וויא למשל, שמוקזאכען און אלטווארג, ליעגען אין דיא הענד פון מיטעלערע און קלענערע הענדלער. אָבער דיא הענדלער זיינען ניט לויטער יודען. גרעקען, לעוואנטינער, ארמעניער, פּערזער בעשעפטיגען זיך מעהרסטענטהיילס מיט דעם קליינעם האנדעל, מעהר א סך פאר דיא יודען, וועניגסטענס פאר דיא יודען וואָס געהערען צו אונזער נייען גע־זעלשאפט."

„וואָס? צו זיינען דאָ אזעלכע יודען, וועלכע געהערען ניט צו א־יער גע־זעלשאפט?".

„יא.... אָבער איצט ווערען מיר שוין געהן". דוד האָט געפרעגט דיא פער־קויפערין: „וואָס קאָסטען דיא הענדשקעס פון דיא ביידע הערען?"

„זעקס שקלים".

קינגסקאורט האָט פערוואונדערט געפרעגט:

„דער טייוועל זאָל דאָס נעהמען! וואָס איז דאָס?"

דוד האָט געשמייכעלט:

„אונזערע געלדמינצען. מיר האָבען דיא אלטע יודישע מינצע ניי טאקסירט און איינגעפיהרט. א שקל האָט דיא ווערדע פון א פראנצויזישען פראנק. אזוי ווי איהר האָט ניט קיין היגע געלד, וועט איהר מיר ערלויבען צו בעצאָהלען פאר אייך".

ער האָט א וואָרף געטהון א גאָלדענע מינצע אויף'ן קאסע־טיש, געקראָגען עטליכע זילבערנע מטבעות רעשט, דערנאָך האָט זיך די גאנצע קאָמפּאניע גע־לאָזען צו דעם אויסגאנג.

קינגסקאורט האָט מיט א ממזר'שען ווינק א קניפּ געטהון דוד'ן אין אָרם און האָט פריינדליך א זאָג געטהון: — „דאָס געלד האָט איהר ניט אָבגעשאפּט אין אייער געזעלשאפט. איך וואָלט דאָס אויף אייך טאקע גאָר ניט גערעכענט“.

דוד, וועלכער האָט זיך שוין צוגעוואָהנט צו דעם אלטענס ארט רעדען, האָט געענטפערט אין דעם אייגענעם אָן:

„ניין, מיין טהייערער קינגסקאורט, ווי קען מען זיך דאָס מיט געלד שיידען? ערשטענס, זיינען מיר דאָך עפּעס יודעלעך קמצנים, וועלכע פּגר'ן פאר א סענט, און צווייטענס איז געלד טאקי א גאנץ גוטער מיטעל. ווען מען וואָלט דאָס ניט לאנג אויסגעראכט, וואָלט א יושר געוועזן דאָס צו ערפינדען“.

„יונגערמאן, אייערע רייד זיינען ביי מיר וויא פון הארצען גענומען. איך האָב אלע מאָל געזאָגט: דאָס געלד איז א וואוילע זאך. די מענשען האָבען דאָס נאָר פער'מיאוס'ט“.

VI

די אָווערטורע (א פאָרשפּיעל) איז שוין געוועזן געענדיגט, בעת זיי זיינען אריין אין די לאָזשע. די דאמען האָבען זיך האסטיג געזעצט אויף זייערע פּלע־צער, ווייל מען האָט שוין אָנגעהויבען צו קוקען אויף זיי פון פּארטער. פריעדריך און קינגסקאורט האָבען געקוקט אויף דעם געפּוצטען פּראכטיגען טהעאטער מיט גרויס התפּעלות. און עס איז געוועזן אויף וואָס! דאָס טהעאטער האָט מען געבויט פינף יאהר, און די נייע געזעלשאפט האָט געשטיצט מיט מיטלען. א געוועהנלי־כעם טהעאטער ווערט פארטיג אין א יאהר צייט, אויב עס קלעקען נאָר די צאָהל שותפים ביי דער אונטערנעהמונג.

אין דער לאָזשע דערביי זיינען געזעסען צוויי געפּוצטע דאמען, מיט א גרויסא שמוק. איינע שוין א בעיאהרטע, די אנדערע א יונגע און צווישען זיי א עלטערער הער. זיי האָבען זעהר הכנעה'דיג זיך פערנייגט פאר דוד'ן און פריעדריכען האָט זיך אויסגעדאכט, אז דוד איז ניט שטארק צופריעדען געוועזן מיט דער בעקאנט־שאפט. די עלטערע דאמע און דער הערר האָבען איהם זיך אויסגעדרוקט בעקאנט; ער האָט זיי פאר א יאהר צוואנציג געמוזט עפּעס ערגעץ וואו זעהן.

„ווער זיינען דאָס ?" האָט פריעדריך שטיל געפרעגט.

דוד האָט געצוקט מיט דיא אקסלען :

„א הער לאשנער מיט דער פרוי און טאָכטער".

לאשנער ! דער רייכער בערזענסוחר פון וויען ! פריעדריכען האָט פּלוצליך זיך אויסגעמאָלט דער אָווענד פון ערנעסטינע׳ס לעפלערס תנאים. דיא עראינערונג האָט איהם געפייניגט און זיך אויסגעדראכט אזוי נאריש.

„איך מוז אייך זאָגען, אויף דיא האָב איך מיך דאָ ניט גערעכט".

„זיי זיינען טאקע געקומען דאמאָלסט, ווען אלץ איז שוין געווען פאַרטיג", האָט דוד געענטפערט, — „מען געפינט היינט דאָ אלע בעקוועמליכקייטען, וויא אין דיא גרעסטע שטעדט אין איירָאָפּא ; מען קריעגט אָבער אויך דיא זעלבע אונכבוד וויא דאָרטען, ווען מען איז אזא פויגעל, וויא לאשנער. מיר האָבען ניט אָבגעשאפט דאָס געלד, מיסטער קינגסקאורט, אָבער געלד שפּיעלט שוין היינט ניט דיא הויפּטראָלע. דיא מיטגליעדער פון דער נייער געזעלשאפט זיינען אין עקאָנאָמישער הינזיכט אונאבהענגיג, און ביי זיי איז ניטאָ דער רעספּעקט פאר רייכקייט און רייכע לייט. הערר לאשנער קען רייך זיין וויא קורח, קען ווארפען מיט געלד אויף אלע זייטען, קיינער ציהט פאר איהם דאָס היטעל ניט אראָב. אָבער וואָלט ער נאָר געווען א אנשטענדיגער מענש, דאמאָלסט וואָלט מען איהם שוין געאכטעט. מיר פאָדערען פון איטליכען, אז ער זאָל פיהלען מיט׳ן כלל און טהון פאר׳ן כלל. ער אָבער איז אפילו ניט געוואָרען קיין מיטגליעד פון דער געזעלשאפט. ער האָט ניט געוואָלט נעהמען אויף זיך דיא חובות, ער וויל ניט וויסען פון קיין פליכטען. דעריבער לעבט ער ביי אונז וויא א פרעמדער. ער קאָן טהון וואָס ער וויל, וויא א אנדער גר, אָבער צו דיא חשובים געהערט ער ניט ביי אונז. דאָס דאַרפט איהר אליין פערשטיין".

„צו איך פערשטעה דאָס !" האָט קינגסקאורט געברומט און ער האָט מיט א שטעכענדיגען בליק א קוק געטאָהן אויף דיא דערבייאיגע לאָזשע.

עס האָט זיך אויפגעהויבען דער פאָרהאנג. אויף דער סצענע האָט מען געזעהן דעם טומעל פון פראָסטען חמון און דעם פאלשען נביא, ארומגערינגעלט פון זיינע שבתי־צבי׳ניקעס. קינגסקאורט האָט געבעטען מרים׳ען, אז זיא זאָל איהם דערצעהלען דיא היסטאָריע פון שבתי־צבי, בכדי ער זאָל קענען פערשטעהן דיא אָפּערע.

דאָס יונגע פרייליין האָט איהם שטילערהייט דערצעהלט :

„שבתי צבי איז געווען א פאלשער משיח, וועלכער האט זיך בעוויזען אין אנפאנג פון זיעבעצעהנטען יאהרהונדערט אין דער טערקיי. עס איז איהם געלונגען צוציהען צו זיך מאסענהאפט דיא יודען פון מארגענלאנד. שפעטער אבער האט ער אנגענומען א אנדער גלויבען און האט געהאט א מיאוס׳ן סוף“.

קינגסקאורט האט צוגעשאקעלט מיט׳ן קאפ:

„ער איז געווען, הייסט עס, א גוטער שקץ. ער האט טאקע כשר פערדיענט, אז מען זאל מאכען אויף איהם א אפערע“.

אויף דער סצענע האט מען געוויזען דעם פלאץ פאר דעם בית־המדרש. די פארטיי, וואס האט ניט געהאלטען פון שבתי צבי, איז געווען שטארק צוקאכט און א כאר האט שטארק פערבייזט געזונגען זלזולים אקעגען איהם. א יונג מיידעל, וואס איז געווען מיט לייב און הערץ איבערגעבען דעם פאלשען משיח, איז ארויסגעטרעטען קעגען זיי מיט א אריע. דער המון איז נאך צוקאכטער געווארען און איז ש׳ין בערייט געווען זיך אנצוווארפען אויף דאס מיידעל. ווער ווייסט וואס פאר א פינסטערען סוף עס וואלט געגומען, ווען שבתי צבי וואלט זיך פלוצים ניט בעוויזען. אפילו דיא געגנער זיינע האבען געפיהלט, אז דאס איז ניט קיין געוועהנליכער מענש און האבען זיך מיט פחד אבגעטראגען. דאס מיידעל האט זיך איהם געווארפען צו דיא פיס. ער האט זיא אויפגעהויבען און זיי האבען צוזאמען געזונגען א דועט, וויא עס פיהרט זיך אין איטליכע אפערע. וויא באלד דאס האט זיך געענדיגט זיינען געקומען דיא רבנים דיא געגנער און האבען איהם אין חרם אריינגעלעגט. שבתי צבי האט הויך ערקלערט, אז ער, דער משיח, פערלאזט צוזאמען מיט זיינע פריינד דיא שטאדט סמירנא. דאס יונג קינד האט זיך געבעטען ביי איהם זיא מיטצונעהמען, זיא וועט איהם נאכגעהן אויף שריט און טריט און איהם דיענען, וויא א שקלאווין. דער ערשטער אקט ענדיגט זיך און עס לאזט זיך ארונטער דער פארהאנג.

אין ליטוואקס לאזשע האט מען ווייטער געגומען שמועסען וועגען דעם תעלדען פון דער אפערע.

„דער שווינדלער וועט נאך אמאל ארויף זעהר הויך“, האט קינגסקאורט געזאגט, „דאס קען מען זיך לייכט פארשטעלען“.

פרוי ליטוואק האט א בעמערקונג געמאכט:

„אין אנפאנג האט ער אליין געגלויבט, אז ער איז דער משיח. ער איז געווען א בעל חלומות. שפעטער אבער, אז עס האבען אנגעהויבען צו קומען דיא טויזענדער אנהענגער, איז ער געווארען א שווינדלער“.

מרים האט זיך דערמאנט ג ע ט ה ע ס א ווארט, און מיט א שמייכעל האט זיא געזאגט:

„איטליכען בעל־חלומות זאלט איהר ניט לאזען דערלעבען ביז'ן דריי־סיגסטען יאהר. ווערט ער עלטער און בעקאנט זיך מיט דער וועלט, ווערט דער פערנארטער א שווינדלער.

„וואונדערבאר איז אבער", האט פריעדריך געזאגט, — „אז דיא האלב פערנארטע שווינדלער קריעגען שטענדיג א המון, וואס גלויבט אין זיי".

אויף דעם האט דוד געזאגט:

„מיר דאכט זיך, אז דארין איז פאראן א וויכטיגער טעם. ניט אין דעם גלויבט דאס פאלק וואס זיי זאגען, נאר זיי זאגען דאס אין וואס דאס פאלק גלויבט. דאס פאלק בענקט נאך בעסערע צייטען און זיי קומען און פערשפרעכען צו בעפרידיגען דאס בייגקענעש. אדער נאך בעסער: דאס בייגקענעש פון פאלק האט ארויסגערופען אזוינע העלדען. דאס איז דער טעם. דאס בייגקענעש בע־שאפט דעם משיח. דערביי מוזט איהר זיך פארשטעלען, וויא פינסטער און ארעם איז געוועזן דאל לעבען פון פאלק צו דער צייט פון פאלשען משיח. אונזער פאלק איז נאך ניט געוועזן מסוגל צו פערשטעהן וואס עס טהוט זיך מיט איהם און דא־ריבער האבען איהם געצוויגען צו זיך אזוינע געשטאלטען. ערשט שפעטער אין ניינצעהנטען יאהרהונדערט, בעת אלע געבילדעטע פעלקער האבען געקראגען א קלאהרען בילד פון זייער אייגענע נשמה, האט אויך אונזער אונגליקליך פאלק אנ־געהויבען צו פערשטעהן, אז דיא איינציגע ישועה ליעגט אין אונזערע אייגענע כחות און ניט אין דיא שווארצע קונצען פון א בעל־שם.

דיא גאולה קומט ניט פון א איינצעלנעם מענשען, נאר פון דעם גאנצען פאלק, וואס פעראייניגט זיך וויא איין מענש, אום דערלייזט צו ווערען פון לאנגען גלות. דיא פרומע האבען צום סוף אויך איינגעזעהן, אז דאס איז דיא איינציגע ארט, וויא זיך צו בעפרייען. „גאטס ווערק ווערען אויסגעפיהרט דורך פראנקרייך". האבען אמאל דיא פראנצויזען געזאגט. גאטס ווערק ווערען אויסגעפיהרט דורך דיא יודענס הענד, האבען געהזר'ט דיא אמת'ע פרומע, ניט קוקענדיג אויף דיא העצעס פון פערבלענדעטע רבנים. מיט וואס פאר מיטלען דער אויבערשטער ווע אונז ביישטעהן קענען מיר קליינע מענשעלעך ניט וויסען פאראוים — אזוי האב געטראכט אונזערע פרומע ברידער בשעת זיי זיינען מיט א פלאמענדיגען הערצ צוגעשטאנען צו אונזער נאציאנאלען ווערק".

„בראוואָ“, האָט קינגסקאורט געברומט.

אין דעם אויגענבליק האָט מען אָנגעקלאפּט אין טהיר פון דער לאָזשע. און אויף דוד'ס „הערייִן“ האָט זיך אריינגעשטופּט א הערר מיט א גרויסען באָרד און א פראַק, און האָט זיך מיט א הכנעה'דיגען שמייכעלע בעגריסט מיט דיא ליטוואַ־וואקס. דאָס איז געוועזן דער אייגענער, וועלכען פריעדריך האָט געזעהן אויפ'ן האפּענדאמבע. הערר שיפמאַן פון קאפע הויז בירקענרייז.

„איך האָב מיר דערוועגט, הערר ליטוואק“, האָט ער געזאָגט זיך ענטשולדי־גענד — „איך האָב פון אונטען געזעהן ביי אייך א אלטען בעקאנטען. איך ווייס ניט אויב דער הערר דאָקטאָר וועט זיך דערמאָנען“.....

„געוויס, הערר שיפמאַן“, האָט פריעדריך געשמייכעלט און האָט איהם גע־רייכט דיא האַנד.

„מערקווירדיג, זאָל איך אזוי לעבען! איהר זייט משמעות ניט געשטאָרבען?“

„דאכט זיך אז ניט, און איהר האָט מיך באלד דערקענט?“

„אויף מיין נאמנות, אז ניט. מען האָט מיר אביסעל געהאָלפען. א דאמע, וועלכע איהר האָט אמאָל געקאָנט. טרעפט נאָר, ווער קען דאָס זיין?“ און ער האָט ממזריש געשמייכעלט.

פריעדריך האָט זיך דערשראָקען. ער האָט באלד געשפּירט וועמען ער מיינט, ער האָט זיך אָבער ניט דערוועגט, איהר נאָמען אויסצורעדען.

„נו? איהר קענט ניט טרעפען? צו האָט איהר שוין גאָר אין גאנצען פערגע־סען אייער אמאָליגע פריינד און פריינדינען?“

פריעדריך האָט זעהר גראָבליך געענטפערט: „איך האָב דאָ ניט קיין פריינד, חוץ דיא וואָס זיינען אין דער לאָזשע“.

„זיא הויבט זיך אָן מיט דעם אלף־בית: ערנעסטינע!“ האָט שיפמאַן נאריש געשמייכעלט.

„וויא? פרייליין לעפלער?“

„ניין, פרוי וויינבערגער! איהר וועט דאָך מן הסתם וויסען? איהר זייט דאָך געוועזן ביי דיא תנאים. אמת, דאמאָלסט האָב איך אייך געזעהן צום לעצטען מאָל. באלד נאָכדעם זייט איהר פערשוואונדען“.

„יא, יא, איך הויב זיך אָן צו דערמאָנען, און פרייליין... פרוי וויינבערגער וואָהנט אויך דאָ?“

„אוודאי. דאָ אונטען זיצט זיא נעבען מיר. איך וועל זיא אייך ווייזען“. ער

האָט זיך נאָהענט צוגעבויגט צו פריעדריכס אויער, בכדי דיא איבריגע אין לאָזשע זאָלען ניט הערען וואָס ער רעדט: „צווישען אונז רעדענדיג, איהר מערכה איז ניט קיין געהויבענע. איהר מאַן איז דאָך א שלימזל'ניק. אין ברין האָט ער געמאכט א באנקראָטעל; דערנאָך איז ער געוועזן א אגענט אין וויען און סוף כל סוף איז ער געקומען אהער, אָבער אלץ דער אייגענער שלימזל'ניק. אז איך זאָל איהר צוי־טענוויז ניט אויסהעלפען, וואָלט זיא א שהנעם פנים געהאט. און איהר געדענקט דאָך, וויא זיא איז געוואָהנט געוועזן צו זיידענע קליידער, בעלער און לאָזשען אין טהעאטער. אז איך זאָל איהר היינט ניט צושיקען אמאָל א בילעט אין טהעאטער, וואָלט זיא דיא אָבענדען קיין מאָל פון שטוב ניט ארויס, אָט אזוי דרעהט זיך דאָס רעדעלע".

פריעדריכען האָט אָנגעהויבען אָבעקלען שיפמאנס באָלבעריי, און ער האָט געוואָלט מאכען דערפון א־נ־עק: — „עס וואָלט זיך מיר גריילעך וועלען זעהען פרוי ערנעסטינע. וואו זיצט זיא?" האָט ער געפרעגט.

„אין דער הינטערשטער שורה שטוהלען. דערלאנגט זיך א בויג אויף פאַ־רענט, ועט איהר זיא זעהן. איך געה איצט ארונטער. נעבען מיר זיצט איהר טאָכ־טער און דערנאָך זיא.... איך האָב א אמת'ע הנאה געהאט אייך נאָך אמאָל צו זעהן. איהר בלייבט דאָך דאָ, מן הסתם?.... אויף לענגערע צייט?

„איך וויים נאָך ניט, הערר שיפמאן, דאָס ווענדעט זיך אָן דיא אומ־שטענדען".

„זעהר שעהן. אויב איהר וועט מיר דארפען, רופט מיר צום טעלעפאָן.... איך עמפפעלע מיך, מיינע דאמען און הערען".

ער איז ארויס וויא ער איז אריין מיט א זייט, דורך דיא פּחיר פון דער לאָזשע.

„אָט דער איז מיר זעהר אונסימפאטיש", האָט קינגסקאָורט שטילערהייט געזאָגט צו פריעדריכען, וועלכער האָט געצוקט מיט דיא אקסלען.

עס האָט זיך אָנגעהויבען ־ער צווייטער אקט. שבתי צבי איז אין מצרים. אין זיין פּאלאץ זיינען צונויפגעקומען מונדערטער געסט. דיא טישען זיינען געגרייט, מען הוליעט, מען טאנצט און מען זינגט. פריעדריך אָבער האָט גאָר ניט געקוקט, וואָס טהוט זיך אויף דער סצענע. ער איז געוועזן פערטראכט. נעבען שיפמאנען איז זיא געזעסען, און צום אנפאנג האָט איהם זיך אויסגעדאכט, אז ערנעסטינע איז די אייגענע פון פאר 20 יאָהרען, דיא אייגענע פיינע ליניען פון געזיכט, דיא אייגענע

צארטע געשטאלט. צו איז דאס מעגליך אז דיא צוואנציג יאהר זאלען זיא גאר ניט פערענדערט האבען? באלד אבער האט ער איינגעזעהן זיין טעות. דאס יונגע פריילין איז ניט ערנעסטינע, דאס איז איהר טאכטער. פרוי וויינבערגער איז געװען דיא פעטע פערבליהטע יודענע, אויסגעפוצט אין אלערליי קוויטען, וועלכע איז געזעסען נעבען דעם יונגען פריילין, איהר טאכטער. זיא האט אויך געקוקט אין דער הויך און בשעת פריעדריך האט זיך פאר איהר פארנויגט האט זיא לע־בעדיג געענטפערט און איהם אנגעוואונקען, ארונטער צו געהן שפעטער.

אין דער רגע איז דאס, וואס האט 20 יאהרען געדויערט, צופאלען אין שטויב. אין דער אבגעזונדערטקייט אויף קינגסקאורט'ס אינזעל פלעגט ער אפטמאלס קלערן וועגען ערנעסטינען מיט א לייכטען טרויער. זיין ערשטער כעס איז באלד פערביי, ער איז געווארען מילדער צו איהר, און צום סוף האט דיא ליעבע זיינע געקראגען דיא טרויעריגע בלייכע פארבען פון פערוועלקטע רויזען. שטענדיג אבער, ווען ער פלעגט טראכטען וועגען איהר, פלעגט זיא זיך איהם פארשטעלען אין דער געשטאלט יויא זיא האט אויסגעזעהן ביי'ן לעצטען אווענד. די ווירקונג פון דיא 20 יאהרען האט ער מיט א מאהל פלעצליך דערזעהן און ער איז אויף א ווילע א פערשטיינערטער געווארען. דערנאך האט ער זיך געפיהלט וויא פער־שעהמט און עפעס א וואונדערליכע דערלייכטערונג האט ער דערשיפיערט. צוליעב אזא ווייב האט ער זיך אפגעגעסען דאס הארץ! צו איז דאס מעגליך?

א ווארימע ליעבליכע שטימע האט איהם אויפגעוועקט פון זיינע געדאנקען.

„וויא איז אייך געפעהלען? האט איהם מרים געפרעגט.

„גאט צו דאנק, אז דאס האט שוין געגומען אנ'עק," האט ער צושטרייטער־הייד געענטפערט.

„וואס? אזוי שלעכט איז אייך געפעהלען דער צווייטער אקט?"

ער האט זיך געפיהלט אין א פערלעגענהייט: „—ניין. איך האב גאר ניט געמיינט דעם צווייטען אקט, פריילין מרים! איך האב זיך דערמאנט אן עפעס א אלטע זאך, וואס איך האב געמיינט אז ס'לעבט נאך. איך האב אבער א טעות געהאט, עס איז א אבגעשטארבענע זאך"....

מרים האט געווארפען אויף איהם א פערוואונדערטען בליק. און האט זיך ווייטער ניט נאכגעפרעגט.

א פרעמדער הערר איז אריין אין דער לאזשע. מען האט איהם פארגע־שטעלט: הערר דאקטאר ווערקין, סעקרעטאר פון פרעזידענט. דאס איז געװען

א דארער מענשעלע מיט א קורצען גרוי־ברוינען בערדעלע. דורך דיא גלעזער פון דיא ברילען האָט געקוקט א קלוגער פערשטענדיגער בליק. הערר ווערקין האָט איבערגעבען א גרים פון פרעזידענטען, וועלכער בעט דיא הערען קינגסקאורט און לעווענבערג צו זיך אין זיין לאָזשע.

קינגסקאורט איז געווען שטארק פערוואונדערט:

„אונז? וואָס איז דאָס פאר א פרעזידענט? און פון וואנען קען ער אונז ארעמע מדבר־מענשען?"

דוד האָט מיט א שמייכעל געענטפערט:

„דער פרעזידענט פון אונזער נייען געזעלשאפט. ער זיצט דאָרטען אויבען אין דער ערשטען לאָזשע, אָט דער אלטער מאן מיט'ן שניי־ווייסען באָרד".

זיי האָבען ארויפגעקוקט אין דער הויך.

„א דונער זאָל מיך דערשלאָגען! מיר דאכט זיך אויך, אז איך האָב איהם א מאָהל געקענט. פון וואנען אָבער?"

פריעדריך האָט זיך דערמאָנט: „דער אויגענדאָקטאָר פון ירושלים, דאָק־טאָר"....

„דר. אייכענשטאם", האָט דוד געענדיגט—„דאָס איז דער פרעזידענט, וועל־כען מיר האָבען אויסגעקליבען".

„און ער האָט אונז אין 20 יאָהר ארום דערקענט?" האָט זיך קינגסקאורט נאָך אלץ ניט געקענט אָבוואונדערן.

דאָקטאָר ווערקין האָט געזאָגט: „זיינע טאָכטער האָט דערקענט דיא הערען און האָט דעם פאָטער אָנגעוויזען אויף אייך".

דוד האָט זיך געווענדעט צום סעקרעטאָר:

„צו ווערט מיר ערלויבט זיין מיטצוגעהן?"

„אוראי, הערר ליטוואק. דער פרעזידענט וויל עפּעס הערען וועגען אייער וכוח מיט דעם הערר גייער".

און דר. ווערקין האָט זיי געפיהרט צו דער לאָזשע פון פרעזידענטען.

אין א שעהן געפוצטען קליינעם זאַל, וועלכער איז געווען מיט א פאָרהאנג אָבגעטהיילט פון דער אָפענער לאָזשע, האָט זיי ערווארטעט דער אלטער פרע־זידענט, שטעהענדיג, זיך אָנשפּארענדיג אויף א שטאָק.

„אין וואָס פאר א צייטען מען זעהט זיך ווידער, מיינע ליעבע הערען, וואָס פאר א פערענדערונגען!" האָט ער געזאָגט מיט א שטימע, וואָס האָט

שוואך געציטערט, און ער האט אלעמען כסדר געגעבען דיא האנד.

„אמת, הערר פרעזידענט, זאל מיך א דונער האפען אויב איך האב דאס גאר אנגעהויבען פאראויס צו זעהן".

„לאמיר זיך זעצען, מיינע ליעבע הערן. איך בין שוין ניט ביי דיא אמאליגע כחות, וויא איהר זעהט", האט דער פרעזידענט געשמייכעלט און האט זיך אריינ־געזעצט אין א לעהנשטוהל, וואס האט גיך צוגעטראגען דער דיענער,— יא, יא, פיר אונזער פאלק איז היינט געקומען דיא בעסטע צייט; פאר מיר אבער איז יע־נע געווען א בעסערע. איהר ווייסט דאך, אלטקייט איז א קראנקהייט.... מילא. וויא עס קומט און וואס עס קומט מוז זיך שוין דער מענש צופריעדען שטעלען".

דערנאך האט ער אנגעוויעזען אויף א דאמע, וועלכע איז נעבען איהם גע־שטאנען, געקליידעט אין שווארצע זייד: „מיינע טאכטער, דאקטאר סאשא, האט אייך דערקענט און מיך דערמאנט אן אונזער בעגעגניש ביין כותל המערבי. אי, דערפון זיינען מיר שוין ווייט, מיינע ליעבע הערן... דער אמאליגער כותל המערבי!".....

„דער אמאליגער?" האט פריעדריך געזאגט, „צו איז פון איהם גאר ניט גע־בליעבען? שוין דער לעצטער זכרון אויך ניטא?"

דער פרעזידענט האט איהם בעטראכט צושאקלענדיג מיט'ן קאפ: „איהר זייט נאך מן הסתם אין ירושלים ניט געווען, ווען איהר קענט אזוינס פרעגען".

דוד איז צוגעגאנגען נעהענטער:

„ניין, הערר פרעזידענט, דיא הערן זיינען אקארשט געקומען אהער. זיי האבען נאך ווייניג וואס געזעהן".

דער פרעזידענט האט פריינדליך ארויפגעלייגט דיא האנד אויף דוד'ס ארעם:

„איך פרעה זיך מיט אייך, מיין ליעבער הערר ליטוואק; איך האב א מאהל הנאה ווען איך זעה אייך, און בעזאנדערס איצט. זייט נאר פעסט אין אייער קאמפף. איהר זייט גערעכט, און גייער איז אונגערעכט. מיין לעצטעס ווארט צו מיינע אידישע ברידער וועט זיין: דער פרעמדער, דער גר זאל פיהלען ביי אונז גוט. און דער אויבערשטער זאל קיין מאהל ניט אבשטעהן פון אייך, ליטוואק... איהר האט נאך ווייניג וואס זיך אנגעזעהן, מיינע ליעבע הערן? גאר ניט אזוי ווייניג. איהר זייט בעקאנט מיט איינעם פון אונזערע בעסטע מיטגליעדער. איך בין שטאלץ אויף דעם ליטוואק, אקוראט וויא איך וואלט עפעס אליין רייכער גע־ווארען דערפון, וואס ער איז אזא טיכטיגער און אזא וואהלער מענש".

דוד איז רויט געוואָרען ביז צו אויערן. וויא א קליין אינגעל האָט ער ארונ־טערגעלאָזען דיא אויגען און האָט געשטאַמעלט: הערר פּרעזידענט!....

„נעהמט מיר ניט פאר אומגוט, ליטוואק, וואָס איך לויב אייך אין דיא אוי־גען. איך בין א אלטער מאַן, וואָס דארף זיך שוין ביי קיינעם ניט איינשמייכלען. זעהט איהר, מיינע ליעבע הערען, איך בין צוגעגליכען צו א וועלע וואָס געהט אוועק און ער—צו דיא וואָס קומט נאָך... גיב מיר אויך א טאַסע טהעע, סאשא".

דעם טהע האָט מען פערקאָכט אויף דעם רוסישען אופן. בשעת דיא הערן האָבען אין לויף פון געשפרעך זיך ארויסגערעדט, אז זיי זיינען שוין 20 יאָהר ווייט פון דער ציוויליזירטען וועלט, האָט דר. סאשא געפרעגט:

„פערדריסט אייך ניט, וואָס איהר האָט פערזאַמט אזוי פעל צייט? איהר וואָלט זיך דאָך געקענט בעטהייליגען אין אזעלכע גרויסע טהאטען, איהר וואָלט דאָך טויזענדער מענשען געקענט אָנטהאָן אזוי פיעל גוטס!....

„עס הויבט גאָר ניט אָן צו פערדריסען, פריילין דאָקטאָר!" האָט קינגסקאורט געענטפערט.—„מיר ביידע זיינען צוויי פערברענטע מענשענפיינד. מיר ווילען קיינעם ני טאָהן קיין גוטס, אויסער זיך. אָט אזא פיהרונג האָבען מיר זיך גע־נומען. אפשר ניט, פריטצע?"

„איך פערשטעה אז איהר שפּאסט נור אזוי. טאָן גוטעס איז דאָך א גליק, מיט וואָס עס קען זיך קיין זאך פערגלייכען".

„איהר מיינט דאָס אין א געלעכטער" האָט סאשא דערויף געענטפערט—

דוד האָט געזאָגט: — „פריילין סאשא רעדט אויס פּראַקטיקע. זיא האָט אונטער איהר השגחה דיא גרעסטע אויגענקליניק פון דער וועלט. אויב איהר וועט מיר ערלויבען, פריילין דאָקטאָר, וועל איך דיא הערען פיהרען אין ירושלים וויזען אייער קליניק. מען האָט שוין דאָרטען טויזענדער מענשען געזונד געמאַכט אָדער פון בלינד זעהענדיג געמאַכט, דיא קליניק איז א גליק פאר גאַנץ מאָר־גענלאַנד. עס קומען צו אונז פאציענטען פון אזיען און צפון־אפריקא. וויא א שטראָם האָט זיך צוגאָסען דער זעגען פון אונזער קליניקע, און צוליעב זיי האָבען מיר נאָך געקראָגען מעהר איבערגעבענע פריינד, וויא צוליעב דיא טעכנישע איינפיהרונגען אין דעם סוחרישען לעבען, וואָס מיר האָבען דאָ ענטוויקעלט.

פריילין סאשא האָט פיינד, אז מען לויבט צו פיעל:—„הערר ליטוואק מאַכט שוין א צוגרויסען פּירוש פון מיינע דאָקטאָריי. איך האָב קיין נייעס ניט אויפ־געטאָהן. אָבער מיר האָבען אין דער אמת'ן א גרויסען מענשען אין אונזער לאַנד, דאָס איז שטיינעק, דער באַקטעריאָלאָג. מיט שטיינעקס אינסטיטוט וועט איהר זיך בעקאָנען, מען קריעגט א ריכטיגע עהרפורכט"....

„צו האָט איהר זיך שוין געמאַכט אַ רייזעפּלאַן, מיינע הערן?" האָט דר. אייכענשטאַם געפרעגט.

„פריהער פאַר אַלץ וועל איך מיינע אורחים פיהרען קיין טבריה, הערר פּרע־זידענט. מיר פאָהרען מאָרגען צו מיינע עלטערן"

„צום חג הפּסח?" האָט דער פּרעזידענט געזאָגט.—„גריסט פון מיר אייערע עלטערן, הערר ליטוואַק. און ווען דיא הערן וועלען קומען קיין ירושלים, ברענגט זיי צו מיר אין מיין הויז. איך רעכען זיכער אויף אייך". ער האָט איטלי־כען ווידער געגעבען דיא האַנד און מען האָט זיך פּעראַבשיעדעט. דיא ערשטע קלאַנגען פון אָרקעסטער האָבען געגעבען צו וויסען, אַז עס הויבט זיך אָן דער דריטער אַקט.

בשעת זיי זיינען געגאַנגען דורך דעם ליידיגען פאָיע האָט קינגסקאָורט אויס־גערופען:

„ער וויזט אויס אַ טיכטיגער מענש צו זיין, אייער פּרעזידענט, אָבער אַ ביסעל צו אַלט און שוואַך. צו וואָס האָט איהר גראָדע אַזוינעם אויסגעקליבען?"

„דאַרויף קען איך אייך קורץ ענטפערן", דאָט ליטוואַק געזאָגט, „מיר האָבען איהם דערפאַר אויסגעוועהלט, ווייל ער אַליין האָט דאָס ניט געוואָלט".

„אַ שעהנער תירוץ, אַ האַ האַ!"

„מיר האָבען ביי אונזערע אַלטע חכמים געפונען אַ כלל: כבוד גיט אָב דעת, ועלכער ווייכט פון כבוד".

ענדע פון צווייטען בוך.

דאָס דריטע בוך.

דאָס בליהענדע לאַנד.

I.

עס איז געווען א פראַכטיגער פריהלינגס פריהמאָרגען, בשעת דיא פריעד־ריכסהיימער האָבען גענומען פאָהרען קיין טבריה. א געוואַלטיגער רייזע וואַגען, געטריעבען פון א מאָטאָר (מעכאַנישע קראַפט) איז געשטאַנען פאר דער ברייטען טרעפּ, אין וואַגען האָט געקענט אריין א טוץ מענשען.

„דאָנערוועטער“, האָט קינגסקאורט אויסגעשריען א מרח־לבנה׳דיגער, „דאָס האָט דאָך א פּנים פון נח׳ס תבה. דאָ קענען דאָך אריין אלע זינדיגע בהמות, חיות און מענשען!“

„עס וועלען אין גאנצען זיין עלף פּערזאָנען“, האָט ליטוואק געזאָגט.

„עלף? איך זעה נאָר ניין“ האָט קינגסקאורט אויסגעצעהלט. „איהר רעכענט מן הסתם פריצכען פאר דריי פּאַרשוין. אגב קען איך אייך זאָגען, עס איז א גוטער איינפאל פון אייך געווען, וואָס איהר האָט דעם קליינעם מיטגענומען“.

פריצכען אויף דיא הענד פון זיינע ניאַנע האָט, וויא עס ווייזט אוים פער־שטאַנען, אז מען רעדט פון איהם. ער האָט זיך צולאכט און מיט א „אָ—אָ“ האָט ער אויסגעשטרעקט דיא הענטלאך צו קינגסקאורטס באָרד.

„מיר וועלען נאָך אונטערוועגס מיטנעהמען צוויי גוטע פריינד“, האָט פרוי ליטוואק דערקלערט, „ראשיד־ביי און דעם ארכיטעקטען שטיינעק“.

דערווײלע האָבען דיא דיענער געבראַכט א מאַסע געפּעק און האָבען דאָס אויסגעלעגט אונטער דיא בענק. נאָר איין קאָרב, וואו עס זיינען געווען דיא מילך־פלעשער פאר פריצכען און אנדערע עססענוואַרג, האָט מען ארויפגעשטעלט אויף א אויבערשטען פּלאַטץ. פון הינטען זיינען ארויף אין דער הויך דער הייצער און א שוואַרצער דיענער. פּאַרענט האָבען זיך אוועקגעזעצט אויף דיא ווייסע פּלושענע

בענק פרוי ליטוואק, מרים און פריעדריך. קינגסקאורט האט געוואלט זיצען אין דער אבטהיילונג מיט א פערמאכטער גלעזערנער טיהר. ער האט פחד פאר די ווינדען האט ער געזאגט. דער טעם דערפון איז אבער געוועזן, ווייל ער האט גע־הערט, דאס פריצכען וועט אויך זיצען דארטען. ער איז צוערשט אריינגעקלעטערט אין וואגען און האט צוגענומען צו זיך דאס קינד. וויא באלד אבער פריצכען האט זיך געפיהלט אין קינגסקאורטס ארעם, האט ער זיך פעסט צוגעדריקט צו איהם און אויף קיין פאל ניט געוואלט געהן צו דער ניאנע. דוד, וועלכער איז אריין צולעצט, האט געפרובט בעפרייען קינגסקאורטען פון פריצכעס קאפריז. עס האט אבער ניט געהאלפען.

קינגסקאורט האט געמאכט א בייז געזיכט, וועניגסטענס האט ער בייז געזאגט:

„אזא שטיפער! צו ועסטו זיך אבצעפען פון מיר?"

דוד האט זיך געבעטען: „גיט מיר איהם נאר, זאל ער וויינען, עס שאדט ניט."

קינגסקאורט האט געמאכט א בייז געזיכט, וועניגסטענס האט ער בייז האט עס אנידער געזעצט אויפ'ן שויס און האט עס געקיצעלט ביי דער ברוסט, ביי דער מארדעצקע, ביז פריצכען איז אויסגעשאסען מיט א קינדיש געלעכטער.

„אזא שייגעץ, עס הארט איהם גאר ניט וואס גאנץ חיפה וועט אבלאכען פון אלטען קינגסקאורט, צום גליק קען מען מיך דא ניט!"

אזוי איז ארויסגעפאהרען דער וואגען דורך דעם טהויער פון פריעדריכס־היים. הינטען האט דער שווארצער דיענער אויף א בלעכענעם טרומייט געבלאזען פערשיעדענע לוסטיגע מעלאדיען. פריטצכען האט געפאטשט פאר שמחה מיט די הענדטליך.

„זעהט נאר!" האט קינגסקאורט געזאגט— „פונקט וויא א מאל אין די גוטע צייטען דער פאטשטאליאן מיט'ן טרומייט".

דוד האט דערצו בעמערקט: „ער טרומייטערט, בכדי רעשיד זאל וויסען, אז מיר קומען. מיר ווילען אונטערוועגס די צייט ניט פערליערען".

זיי זיינען געפאהרען דורך די שוין בעשריעבענע כרמל גאס צום טהאל אראב. רעשיד ביי איז שוין טאקי געשטאנען ביי'ן טיהר, פארטיג זיך אריינצוזע־צען. מען האט זיך בעגריעסט פרייליך און וויא אלטע גוטע פריינד. הינטער א הילצערנעם צוים פון א פענסטער אין ערשטען שטאק האט זיך אויפגעהויבען א שעהנע ווייסע דאמענהאנד און האט געוואונקען מיט א טאשענטוך.

מאדאם ליטוואק האט מיט א שמייכעל צוגערופען צו דיא פערבעהאלטענע
„שלום, פאטמא! מיר װעלען דיר דײן מאן צוריקברײנגען א גאנצען, מענסט רוהיג זײן“.
און מרים האט ארויפגעשריען:
„פאטמא! גיב דײנע קינדער א קוש פון מיר“.
רעשידס קלײנע געפעק איז שוין אויף אריין אין װאגען. רעשיד־ביי האט זיך געזעצט נעבען דוד'ן. צום לעצטען מאל האט מען זיך אבגעזעגענט פון דער װײטען דאמענהאנד, װאס האט אלץ געװאונקען, און נח'ס תבה מיט'ן מאטאר האט װײטער גענומען אטהעמען װיא א לאקאמאטיװ.
פריעדריך האט זיך געװענדעט צו מרים:
„דיא ארעמע נעבאך מוז בלײבען אלײן אין דער הײם“.
„זיא איז אבער אזא פרעהליכע און א צופריעדענע“, האט מרים געענט־פערט.
„איך בין איבערצײגט, אז זיא פערגינט דעם מאן דיא רײזע פון גאנצען הערצען. ער װאלט מיט אונז ניט געפאהרען, װען זיא װאלט דערפון קרענקונג גע־האט. ער און זיא זײנען אמת'ע גוטע מענשען“.
„פונדעסטװעגען, מײנע דאמען, קען איך זיך ניט אבװאונדערן, װיא די פרוי בלײבט רוהיג זיצען אין אזא שעהנעם פריהלינגס מארגען הינטערן צוים“.
„װאס זאגט איהר דערצו? צו זעהט מען דאס גאר אנדערש װאו אזעלכע פריהלינגסטעג װיא ביי אונז אין לאנד?“ האט פרוי ליטװאק געפרעגט מיט א גליקליכען שמײכעל, — „דאס לעבען דא איז אזוי גוט, גאר ניט צו פערגלײכען!“
און פריעדריך האט אויך געפיהלט, װי א שטראם פון גליק איז דורך זײנע גליעדער. ער האט אלײן ניט געװאוסט פאר װאס. ער האט זיך געפיהלט װיעדער יונג, כמעט װיא א קינד א שטיעפער, און איהם האט זיך געװאלט מי אימיצען װיצלען, אימיצען רײצין.... ער האט זיך אנגעצעפעט אן מרים'ן: „און װאס איז פון אײער שוהלע געװארען, פרײלין מרים? און װאס איז מיט אײערע לעק־ציאנען? פערגעסען מיט א מאל, אז איהר האט פפליכטען פון א לעהרערין?“
מרים האט זיך פאנאנדערגעלאכט:
„א גוי גמור, ער הײבט ניט אן צו װיסען פון אידישקײט!... מא װײסט איהר ניט, אז הײנט הויבט זיך אן דיא פסח־קאניקולעס (פעריען). דערי־בער פאהרען מיר דאך צו דיא עלטערן אין טבריה, װײל מיר װעלען דארטען אבהאלטען דעם סדר. צו האט אייך דוד גאר ניט געזאגט?“

„אייער ברודער האָט א פּאָאר מאָהל אָנצוהערען געגעבען, אז אין טבריה וועלען מיר דערגעהן געגויער וויא עס האָט זיך אָנגעהויבען דיא אידישע עמיגראַציאָן. הייסט דאָס, אז ער האָט נאָר דעם פּסח דערמיט געמיינט ? אָבער פון יציאת מצרים דאַרף מען מיר ניט דערצעהלען, איך געדענק דאָס נאָך פון דער שוהלע״.

„און אפשר האָט ער אויך עפּעס אנדערש געמיינט ?״ האָט מרים מיט א פּערקלערטען טאָן געזאָגט.

דער רייזע וואַגען איז דערווייל אָנגעקומען צו דעם אנדערן ענד פון כרמל גאַס, איז אָבער ניט געפאָהרען ווייטער דורכ׳ן מיט פון שטאָדט, נאָר ער האָט זיך פערקעהרט אויף רעכטס. זיי זיינען געפאָהרען דורך א פאָרשטאָדט, וואו עס פליסט דער טייך קישון. זיי זיינען פארביי פאר א ראמבע בעפלאנצט מיט בוימער זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט פאר א קליינעם חנו׳דיגען פּאלאץ. נעבען איהם איז געשטאנען א הערר מיט גרויע וואָנסען, וועלכער האָט שטארק געמאכט מיט דיא הענד און האָט מיט א צוריקגעוואָרפענעם קאָפּ איבער דיא קאנטען פון אראָבגעגליטשטען פענסנע בעטראכט דיא אָנגעקומענע אורחים.

„אויף אייער שטעל זייענדיג וואָלט איך בכלל שוין ניט געקומען !״ האָט ער זיך ארויסגעוואָרפען אויף זיי מיט א קול,—„צייט א האלבע שעה שטעה איך און ווארט, אז דיא פּיס זיינען מיר שוין געשוואָלען. איך זאָג אייך צו, פון היינט אָן וועל איך שוין קיין מאָל ניט זיין פּינקטליך״.

דוד האָט אָנשטאָדט צו ענטפערן איהם צוגעטראָגען זיין זייגער.

„דאָס בעווייזט גאָר ניט. אייער זייגער קריכט. איך גלויב בכלל ניט וואָס דיא זייגערס ווייזען.... נעהמט שוין חאָטשע צו מיינע פלענער ! אָבער צודריקט זיי ניט, איך בעט אייך ! מילאָ גוט, פערטיג !״ ער האָט דיא דריי פּאפּיער־מגילות, וועלכע ער האָט געהאלטען אונטערן אָרעם, איבערגעגעבען רעשיד־ביי און דוד׳ן און שווער אָטהעמענדיג איז ער ארויפגעקראָכען אויפ׳ן וואָגען׳ קוים אָבער האָט זיך דער וואָגען געגומען ריהרען, וויא שטיינעק האָט מיט א יאָמער א געשריי געטאָהן :

„האלט ! האלט ! צוריק ! איך האָב פערגעסען מיין רייזע טאש״.

„מען וועט דאָס צושיקען מיט דעם שווערען געפּעק אונזערן״, האָט דוד איהם געפּרובט בערוהיגען.—„איהר ווייסט דאָך, אז דיא שווערע געפּעק האָב איך דירעקט טראנספּאָרטירט קיין טבריה, ווייל מיר מאכען דאָך אזא אומוועג״.

„עס העלפט ניט״, האָט שטיינעק מיט א יאָמערדיגע שטימע געענטפערט. איך האָב געלאָזען אין דער רייזע טאש מיין רעדע ! מיר מוזען זיך אומקעהרען !״

מען איז צוריק געפאָהרען. מען האָט ב"ה געקריעגען דיא רייזעטאַש. שטיי־נעק האָט אָבגעאָטהעמט וויא נאָך א סכנה, און איז פּלוצים געוואָרען פרעהליך און לוסטיג. און אין וואָגען, וואָס איז פּאָרט געווען א סך קלענער וויא נח'ס תבה, האָבען זיך צוזאמינגעטראָפען צוויי פון דיא גרעסטע שרייערס: קינגסקאורט און שטיינעק. אקוראט וויא דער אלטער מענשענפיינד, פלעגט אויך שטיינעק רעדען פון דיא געוועהנליכסטע זאכען מיט געשרייען און קולות ביז'ן הימעל. אקאָרשט האָט מען זיי איינאנדער פאַרגעשטעלט און זיי האָבען שוין איינאנדער אָנגע־ברומט פולע אויערן. דוד און רעשיד ביי האָבען מיט הנאה זיך צוגעהערט. פּלוצים אָבער האָט קינגסקאורט ארויסגעליינגט זיין ציינגע פינגער אויף דיא ליפּען און האָט דאדורך שטיינעקען געצוואונגען שטיל צו ווערען.

„הערר שטיינעק", האָט דער אלטער שטיל געשעפּטשעט — „איהר האָט אפילו גערעדט זעהר הויך, נאָר פריצכען איז פּאָרט איינגעשלאָפען". און בעת אלע האָבען זיך פאנאנדערגעלאכט, האָט ער פּאָרזיכטיג אויפגעהויבען פון שויס דאָס שלאָפענדע קינד און עס אויעקגעלייגט אין דיא אָרעמס פון דער ניאַניע, וועלכע איז געזעסען מיט'ן רוקען צו איהם אויף דער ענטקעגענדיגען באנק.

„מיסטער קינגסקאורט", האָט געשושקעט שטיינעק שטארק געקרענקט,— „מיר דאכט זיך, אז איך האָב ניט גערעדט העכער פאר אייך".

דער וועג, דורך וועלכען זיי זיינען געפאָהרען, האָט זיי געגעבען געננוג גע־לעגענהייט זיך אָנצוואוואונדערן און אָנצופרעגען. עס האָט, פערשטעהט זיך, ניט אזוי געשווינבעלט און געגריבעלט וויא אין דער שטאָדט, אָבער עס איז פּאָרט געווען א לעבען. אלע ווייִלע פלעגען פערביי פאָהרען וועלאָסיפּעדיסטען (בייסי־קעלס, און מאָטאָר וואָגענס, אויף א גיט געברוקירטען שמאָלען וועג. אין ביידע זייטען פון הויפּט וועג האָט מען געזעהן רייטערס אויף פּראכטיגע אראבישע פּערד, און דיא רייטערס זיינען געווען געקליידעט אין פּעדשיעדענע טראכטען. קעמלען איינציגוויים, אָדער גאנצע קאראוואנעס, פלעגען זיך ציהען דורך'ן וועג, א שריד ופּליט פון דיא אמאָליגע צייטען, א וואונדערליך בילד, וואָס דיא צייט מעקט דאָס שוין אויס. דער וועג איז געווען גלאָט, און דיא רעדער האָבען זיך גע־קויקעלט, וויא אין א טאנצזאל. פון רעכטס און פון לינקס זיינען געשטאנען קליי־נע הייזער מיט גערטענדלעך און הינטער זיי האָט זיך געצויגען גוט בעארבייטעטע פּעלדער, בעדעקט מיט ווייכען יונגען גראָז. קינגסקאורט האָט בעמערקט, אז פון דיא דראָטען, פון דיא סטאָלבעס ביין זייט ותּעג ציהען זיך דראָטענע פּעדעם און פּערקירעווען זיך אין איטליכעס הייזעל.

„צו זײנען דאָס טעלעפאָן־דראָטהען? און וואָס זײנען דאָס פאר בעלי הבתים װעלכע װאָהנען אין דיא הײזער?" האָט קינגסקאורט געפרעגט.

רעשיד־ביי האָט געענטפערט: „דאָ וואָהנען דאָס רוב בעלי מלאכות. דאָס איז א שוסטער דאָרף. דורך דיא דראָטען קריגען זײ די אלעקטרישע שטראָם־קראַפט פאר איהרע קלײנע מאשינען. צו איז דאָס ביי אייך אזא נייעס?"

„ניין, מיר האָבען שוין אויך געוואוסט דערפון. אָבער פראקטיש האָבען מיר דאָס ניט פערווענדט דאמאָלסט. און פון וואנען נעהמט זיך דער עלעקטרישער שטראָם?"

„מיר האָבען פערשיעדענע עלעקטריציטעטס געזעלשאפטען. דער שוסטער־דאָרף בעציהט דאָס רוב דיא עלעקטרישע קראַפט אָדער פון דיא בערגטײכען פון חרמון און לבנון, אָדער פון ים המלח.

„געהערט א ביסעל? ניין!" איז קינגסקאורט פערוואונדערט אויפגעשפרונגען.

„יאָ!" האָט שטיינעק דערלאנגט, וויא מיט א דונער.

דוד אָבער האָט געזאָגט:

„אָט דיא בעלי מלאכות זײנען אויך האלבע לאנדסלייט, און ביידעס צוזאמען װערט געמאכט אין שותפישען אופן. דיא בעלי מלאכות ליפערן שותפיש אָב זײ־ערע ארבייט אין דיא גרויסע וואַרענמאגאזינען, אין דיא עקספּאָרט געשעפטען א. ז. וו. און אין דערזעלבער צייט פעראייניגען זײ זיך אין לאנדווירטהשאפטליכע חברות. מען קען ביי זײ געפינען פערשיעדענע ארטען פון חברות. נאָהענט פון גרויסע שטעדט בעשעפטיגען זײ זיך דאָס רוב צייט מיט דער מלאכה, און דיא ארבייט אויף'ן פעלד שפּיעלט שוין א קלענערע ראָלע; אזא בעל מלאכה זעהט פריהער פאר אלץ ארויסצוקריעגען פון זײן שטיקעל ערד דאָס וואָס ער דאַרף פאר זײן הויזגעזינד. ער קען העכסטענס האָבען א מותרות פון אויבס און גע־מיזען, וועלכע ער שיקט אין שטאָדט צום מארק. אין דיא דערפער, וואָס ליגען ניט ווייט פון דיא ברעגעס פון ים, וועלכע האָבען כמעט אזא קלימאט וויא דיא ריווערא, וואקסען וויא ביי ניצא טאָמאטען, ארטישאָקען, מעלאָנען, קלײנע אר־בעסלעך און דאָס גלייכען. אונזערע פריהיאָרגעמיזע שיקען מיר מיט דער באהן אין דער גאנצער וועלט, קיין פאריז, בערלין, מאָסקווא און פעטערבורג. ווייטער איז דאָ געגענדען, וואו מען בעשעפטיגט זיך נאָר מיט פעלד־ארבייט, און דיא מלאכה האָט א פנים פון א קלײנע שטוביגע ארבייט, כאָטש מען בעניצט דערצו

דיא נייעסטע און דיא בעסטע האנדוועדקצייג. דאס איז דאס בילד פון אונזערע דערפער, וואס ליגען צושטרייט איבער דאס גאנצע בליהענדע לאנד, צום ביי־שפיעל, דארט אויבען אין עמק יזרעאל. איהר זאלט נאר ניט מיינען אז איהר וועט דא קריעגען צו זעהן עטליכע צעהנדליג ברודיגע איינגעפאלענע כאטקעס, וועלכע מען פלעגט אמאל רופען מיט'ן נאמען דערפער. מיר וועלען נאך היינט האבען דיא געלעגענהייט צו זעהען א דארף, וואס איז דער געוועהנליכער מוסטער פון יעדעס דארף אין גאנץ פאלעסטינא, סיי אין מערב סיי אין אין מזרח זייט פון ירדן".

זיי זיינען אריבערגעפאהרען דעם בריק פון טייך קשון און פערביי דעם וואגען האבען זיך געצויגען אפעלסינען און ציטראנען גארטענס. דורך דיא גרינע בלעטער האבען געלויכטען דיא רויטע און דיא געלע פרוכטען.

„דער טייוועל זאל מיך נעהמען!" האט קינגסקאורט אויסגערופען, „ס'איז דאך וויא אין איטאליען!"

„דיא הויפטזאכע איז קולטור!" האט שטיינעק א געשריי געגעבען, אקוראט וויא ער פיהרט מיט אימיצען א וכוח, — „מיר יודען האבען דא אריינגעבראכט קולטור".

רעשיד־ביי האט פריינדליך געשמייכעלט:

„ענטשולדיגט, מיין טהייערער! דיא דאזיגע קולטור איז שוין פריהער אויך געוועזן, וועניגסטענס דיא סמנים איהרע. מיין פאטער האט שוין געפלאנצט אפעל־סינען־בוימער". ער האט קינגסקאורטען געוויעזען מיט'ן פינגער אויף א פארק פון דער רעכטען זייט. „דאס ווייס איך נאך בעסער פאר מיין פריינד שטיינעקען, ווייל דאס איז אמאל געוועזן מיין פאטערס גארטען. איצט געהערט ער מיר".

עס איז געוועזן א מחיה צו קוקען, וויא דיא בוימער זיינען געשטאנען פול פון זאפט און חיות. אויף דעם שטאם פון דיא ציטראנען־בוימער, וואס בליהען א גאנץ יאהר, האט מען געזעהן דיא שפראצונגען, דיא גרינע און דיא געלע פרוכטען.

„איך לייקען ניט", האט שטיינעק שרייענדיג געענטפערט, — „אז איהר האט שוין געהאט אייערע באיארעס נאך איידער מיר זיינען געקומען, אבער נאר צוליעב אונז האבען זיי אייך אנגעהויבען טראגען דיא היינטיגע רוחים".

רעשיד־ביי האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ: „וואס אמת איז אמת. אונזערע פערדיענסטען זיינען געוואלטיג געשטיעגען. אונזער אפעלסינענעקספארט האט זיך פערגרעסערט צעהנפאך, צייט מיר האבען אזעלכע גוטע פערבינדונגס־מיטלען

מיט דער גאנצער וועלט. אלץ האָט דאָך געקריעגען א ווערדע צוליעב אייער קאָ־לאָניזאציע".

„איך וויל אייך א פראגע שטעלען, רעשיד־ביי", האָט קינגסקאורט איהם אי־בערגעשלאָגען דיא רייד, — „דיא הערען וועלען אויף מיר קיין פעראיבעל ניט האָבען. זיי זיינען צו קלוג דערצו. צו האָט מען צוליעב דיא יודישע קאָלאָניזאציע ניט געמאַכט א תל פון דיא פריהערע איינוואָהנער? צו זיינען זיי ניט געוועזען גע־צוואונגען פערלאָזען זייער לאַנד? איך מיין: בכלל, איך רעד ניט פון איינצעלנע מענשען. אז יחידים קענען דערביי אָבלעקען א ביינדעל, פערשטעהט זיך פון זעלבסט".

„א מאָדנע פראגע! פאַר אונז איז דאָס געוועזען א ברכה פון הימעל. צוערשט, פערשטעהט זיך, פאַר דעם בעמיטעלטען קלאַס מענשען, וועלכע האָבען געקענט דעם יודישען גרונד פערקויפען זייערע פלעצער צו הויכע פרייזען, אָדער ווארטען ביז דיא פרייזען וועלען זיך נאָך ווייטער הויבען. איך, צום ביישפיעל, האָב איהר פערקויפט מיינע פלעצער, ווייל איך האָב איינגעזעהען, אז איך מאַך דערמיט א גוט געשעפט".

„צו האָט איהר ניט געזאָגט פריהער, אז דיא באַיארעס, פאַר וועלכע מיר זיינען פערבייגעפאָהרען, געהערען צו אייך?"

„אודאי! דערנאָך וויא איך האָב זיי פערקויפט דער געזעלשאַפט, האָב איך זיי וויעדער גענומען אויף פאַכט".

„איז דאָך גלייכער געוועזען זיי גאָר ניט צו פערקויפען!"

„מיר האָט דאָס אָבער געלוינט. אזוי וויא איך האָב געוואָלט ווערען א מיט־גליעד פון דער נייער געזעלשאַפט, האָב איך דאָך געמוזט אָננעהמען זייערע חוקים און דיא משפטים. דיא מיטגליעדער טאָרען ניט האָבען קיין אייגענע פלע־צער און קיין אייגענע ערד".

„פריעדריכסהיים געהערט גאָר ניט אייך, הערר ליטוואַק?"

„דער פלאַץ ניט. איך האַלט דאָס נאָר אויף פאַכט ביז צום קינפטיגען יובל־יאָהר, אקוראט וויא מיין פריינד רעשיד זיינע גאָרטענס".

„יובל־יאָהר? וואָס איז דאָס פאַר א אָנשיקעניעס? זייט אזוי גוט און רעדט מיט מיר קלאָרע דבורים. וויא עס ווייזט אויס האָב איך אויף מיין אינזעל א סך זאכען פערשלאָפען".

„דאָס יובל־יאָהר איז ניט קיין נייער געזעץ", האָט דוד געענטפערט, — „משה רבינו האָט אונז דאָס שוין פערזאָגט. נאָך זיעבען מאָל זיעבען יאָהר, צום

פינפציגסטען יאהר, קעהרען זיך אום אלע פערקויפטע פלעצער און פעלדער אומ־זיסט צום פריהערדיגען בעל־הבית אָדער לאנדסמאן. מיר האָבען דאָס, אמת, אביסעל פערענדערט. ביי אונז קעהרט זיך אלץ אום צו דער נייער געזעלשאפט. משה רבינו האָט איינגעפיהרט דאָס יובל־יאהר, בכדי דיא עשירות אין דער מענש־ליכער חברה זאָל זיך פערטהיילען מיט יושר און גערעכטיגקייט. איהר וועט זיך איבערצייגען אז אונזער מעטאָדע איז ניט קיין ערגערע. דיא געלד־ווערדע פון פלאץ און פעלד, וואָס פערגרעסערט זיך דורך קולטור און מענשליכע ארבייט, בלייבט ניט אין דיא הענד פון איינצעלנע מענשען, זאָנדערען געהערט צו דער גאנצער געזעלשאפט".

שטיינעקען האָט זיך אויסגעדאכט, אז ער מוז פערהאפען קינגס־קאורטס א שאלה.

„איהר ועט אפשר זאָגען, אז עס מוז אָבפאלען דער חשק צו בעארבייטען און פערבעסערען א פעלד, וועלכע קען א געוויסע צייט אריבערגעהן אין אנדערע הענד?"

„אָי ניין, דאָס וועל איך ניט זאָגען. איהר דארפט מיך שוין ניט האלטען פאר אזא בהמה. איך וויים, אז אין לאָנדאָן בויען מענשען הייזער אויף פלעצער, וועלכע וועלען געהערען זיי נאָר אינזא משך פון 99 יאָהר. דאָס איז דאָך דיא אייגענע זאך.... איך האָב אייך אָבער, מיין ליעבער רעשיד־ביי, עפּעס אנדערש גע־וואָלט פרעגען. וואָס איז געוואָרען פון דיא איינוואָהנער, וועלכע האָבען ניט גע־האט אייגענע מיטלען? איך מיין: דיא טויזענדער טויזענדער אָרעמע אראבישע מחמד־נער".

„מיסטער קינגסקאורט, דער תירוץ ליעגט שוין אין דער פראגע", האָט רע־שיד־ביי געענטפערט. — „דיא וואָס האָבען גאָר ניט פערמאָגט, האָבען אויך ניט געהאט וואָס אָנצואווערען. זיי האָבען נאָך געקענט דורך דיא עמיגראציאָן דערביי פערדיענען. און אזוי איז טאקי געוועזן: ארבייט האָט ניט געפעהלט, געלעגענהייט דערצו געגוג, און ברויט האָט זיי ניט געפעהלט און זייער גאנצער מצב איז געוואָ־רען אן אנדערער. מען קען זיך ניט פאָרשטעלען א אָרעמערען און א יאָמערדיגע־רען לעבען, וויא דאָס לעבען פון א אראבישען דאָרפסמענשען צו ענדע פון ניינ־צעהנטען יאָהרהונדערט. אין ליימענע חייזלעך האָבען זיי געלעבט, ערגער פאר בהמות. דיא קינדער זיינען געלעגען נאקעט אויף'ן גאס, פערלאָזען און שמוציג וויא דיא הינד. איצט האָט זיך אלץ געענדערט. דיא גרויסע צדקה־הייזער האָט זיי געבראכט גענוג נוצען. ס'איז קיין חלוק ניט צו האָבען זיי דאָס געוואָלט אָדער

ניט. צו זיינען זיי צוגעשטאנען צו דער נייער געזעלשאפט, צו ניט. בשעת מען האט געלאזט אויסטריקענען דיא זומפען, גענומען דורכציהען קאנאלען און אנגע־הויבען פלאנצען דיא אויקאליפטוס־בוימער, וועלכע מאכען ריין דיא לופט פון דיא פיעבער מזיקים, האט מען זיי גענומען צו דער ארבייט און זיי גוט בעלוינט. מען האט זיי געמוזט נעהמען, ווייל זיי זיינען געוואהנט געווען צום אונגעזונדען קלימאט און האבען דאס אהן סכנות געקענט אויספיהרען. קוקט נאר ארויס אין פעלד! איך געדענק נאך פון יונגעלוויז, אז דא זיינען געווען זומפען. אט אזוינע זומפיגע ערד האט דיא נייע געזעלשאפט געקויפט שפאט ביליג, און האט געמאכט דערפון דיא פעסטע פעלדער. דיא אקער־ערד געהערט צו דעם שעהנגעפוצטען דארף, וואס שטעהט דארט אויף א בערגעל. דאס איז א אראבישער דארף. — צו זעהט איהר דארטען א קליינעם מאשעע (מחמד'נישער טעמפעל)? דיא ארעמע אראבער זיינען היינט א סך גליקליכער געווארען. זיי האבען זייער חיונה, זייערע קינדער זיינען געזינטער און לערנען זיך. קיינער האט זיי ניט געשטערט אין זייער אמונה און אין זייערע פיהרונגען, נאר א בעסערן מצב האבען זיי בעקומען פון דאמאלסט אן".

„מאדנע מענשען זייט איהר, מחמד'נער! צו קוקט איהר ניט אויף דיא יו־דען, וויא אויף אזעלכע וואס האבען זיך מיט געוואלט אריינגעשטופט אין אייער לאנד?"

„קריסט, וויא משונה'דיג קלינגען מיר אייערע ווערטער", האט רעשיד פריינדליך געענטפערט. — „צו קען מען דען בעטראכטען פאר א גזלן א מענשען, וואס נעהמט קיין זאך ניט צו און ברענגט נאך עפעס א מתנה? דיא יודען האבען אונז רייך געמאכט, פאר וואס זשע זאלען מיר האבען צו זיי טענות? זיי לעבען מיט אונז וויא ברידער, פאר וואס זשע זאלען מיר זיי ניט האלד האבען? צווישען מיינע אייגענע האב איך קיין מאל ניט געהאט אזא גוטען פריינד וויא אט דעם דוד ליטוואקען. ער קען צו מיר קומען ביי נאכט וויא ביי טאג און פערלאנגען פון מיר וואס ער וויל, איך וועל זיין בקשה ממלא זיין. און איך וויים, אז איך מעג זיך פערלאזען אויף איהם, וויא אויף א ברודער. ער דאווענט אין אן אנדער טעמפעל, וויא איך, ער רעדט אבער צו דעם אייגענעם גאט, וואס איז איבער אונז אלעמען. אונזערע טעמפלען שטעהן נעבען אייגאנדער, איך גלויב אבער, אז ווען אונזער־תפלות הויבען זיך אויף צום הימעל, טרעפען זיי זיך אונטערוועגנס און שמעלצען צוזאמען אין איינעם. און אין איינעם קומען זיי פאר גאט".

אלטניילאנד.

רעשיד האט גערעדט פשוט און פון הארצען, און אלע זיינען געווען גערירט, אפילו קינגסקאורט. ער האט זיך א טרייסעל געגעבען:

„חם—הם. גאנץ שעהן און פיין. מען קען שוין גלויבען. איהר זייט אבער א געבילדעטער מענש. איהר האט געשטודירט אין איירֶאפא. ווער וויסט, וואס ווע־לען דערצו זאגען פשוטע שטאדט־מענשען און דארפסויערים"...

„נאך א סך בעסער וויא מען קאן זיך דענקען, מיסטער קינגסקאורט. איהר מעגט שוין מיר מוחל זיין, אבער פריינדליכקייט צו א פרעמדער אמונה האב איך זיך אין איירֶאפא ניט געקענט לערנען. מיר, דיא מחמד'נער, האבען זיך שטענדיג בעסער פאר אייך בעגאנגען מיט יודען. שוין אין אנפאנג, בעת עס האבען זיך בעוויעזען דיא ערשטע קאלאניסטען פאר א 20 יאהר צוריק, פלעגט פארקומען, אז אראבער וואס פלעגען האבען סכסוכים פלעגען אויסקלייבען צום ריכטער א אידען אדער זיי פלעגען געהן צו א אידישען ועד, א עצה פרעגען און דאס גלייכען. און מען קען ניט זאגען, אז דיא אראבער האבען דערביי געמאכט א שלעכטען עסק. כל זמן דאקטאר גייערס געדאנקען און פלענער ווערען ניט קריעגען קיין אנ־הענגער מעגען מיר האפען, אז דאס גליק פון אונזער פאטערלאנד וועט נאך לאנג, לאנג דויערען".

„וואס איז דאס פאר א דאקטאר גייער, וועגען וועמען איך הער אזוי אפט רעדען?"

שטיינעק איז געווארען רויט, וויא א אפאפלעקציע וואלט איהם געהאפט, און ער האט אנגעהויבען שרייען אויפ'ן קול:

„א רביל פון דיא שווארצע באנדע איז דאס, א פרום פנים'על, א צבועה'ניק, א העטצע־מאכער. דיא שנאה געגען פערשיעדענע אמונות וויל ער ביי אונז איינ־פיהרען, דער פערד־גנב. איך בין אודאי ניט קיין פאנאטיקער, אבער, אז איך דערזעה אט אזא מין פרח'לע, אזא רביל, וואלט איך איהם צוטראטען וויא א ווארם".

„אויב איהר זייט שוין דער טאלעראנטער, טא וויא זעהן שוין אויס ביי אייך דיא פאנאטישע?" האט קינגסקאורט געלאכט.

„זיי, פערשטעהט זיך, האבען ניט דעם אויסזעהן פון'א חיה רעה, וויא שטיי־נעס", האט דוד זיך געוויצעלט.

דער מאטארוואגען האט פערלאזען דאס גלאטע ברייטע פעלד און האט זיך פערקירעוועט אויף מזרח זייט, וואו דער וועג האט זיך געצווייגען אין טהאלען און אין בערגעלעך און האט אויסגעזעהן, וויא דיא אויבערפלעכע פון א ים מיט ווע־

לען. און וואו דיא בערגלעך פלעגען זיך אויפהויבען גלייך וויא א וואנד, זיינען געוועז איינגעגראבען טעראסען, וויא ברייטע טרעפ, וויא צו שלמה המלך׳ס צייטען. דא האבען געוואקסען וויינטרויבען, אתרוגים און פייגען. א סך גערטנערשולען אונטערוועגענס האבען געוויעזען, וויפיעל מיה און ארבייט עס ווענדט אן די בעפעלקערונג, בכדי צו מאכען דיא נאקעטע שטיינערנע בערג פרוכטבאר, מסוגל צו גארטענפלאנצונגען. איבער דיא שארפע קאנטען פון דיא בערג האט מען געזעהן, וויא עס הויבען זיך צום הימעל דיא פיניען און ציפרעסען.

מיט איינמאל איז דער וואגען אריין אין א ליעבליכען טהאל, וועלכער איז געוועז וויא פערשאטען פון טויזענדער טויזענדער בלומען. וויא א געשטיקטער טעפיך פון וויים, געלע, רויטע, בלויע און גרינע פארבען האט זיך אויסגעשפרייט פאר זיי דער בלומענטאהל. און עס איז זיי געוועזען צו מוטה, אקוראט וויא מען וואלט זיי אבגעטונקט אין א ים פון טויזענדער פארפומען. א זאנפטער ווינטעל האט זיי צוטראגען דיא וועלען פון דיא פארפיומען. און דיא ביידע אורחים זיינען געזעסען, וויא פערכשופט, ניט בענעהמענדיג פון וואנען עס האט זיך גענומען אט דער ־אזיגער גאטס וואונדער. מען האט זיי ערקלערט, אז דא געפינען זיך דיא בלומען־פלאנצונגען, וועלכע ווערען בענוצט צו פארפום־פאבריקאציע. זשאסמין, טובעראזען, גראניען, נארציסען, פיילכען און רויזען ווערען דא טויזענדערוויי: געפלאנצט און אויסגעהאדעוועט. דער טאהל האט אויסגעזעהן וויא איין גרויסער בלומען־גארטען. דיא גערטנער און דיא פעלדארבייטער פלעגען אפט בעגריסען דיא פארבייפאהרער, אמאל ליטוואקען, אמאל רעשידען, אמאל שטיינעקען. מען האט געזעהן בעשיינפערליך, אז זיי אלע דריי האבען צווישען דיא צופריעדענע לאנדסלייט א סך גוטע פריינד. אין סעפארים (ספרית ?), א קליין בעזעצטער ארט, האבען זיי זיך צום ערשטען מאל אבגעשטעלט, ביי׳ן פלאץ פאר דער גריכישען צערקעווע איז דוד ארויס פון וואגען און האט געבעטען צו ווארטען אויף איהם א ווילע. ער מוז דעם פאפען מאכען א קורצען בעזוך. ער איז אריין אין דאס געפוצט קליין הייזעל פון פאפ.

דיא איבריגע זיינען אויך ארויס פון מאטאר וואגען, בכדי צו צוגעהן ניט ווייט אויף׳ן שפיץ בארג צו דער חורבה פון א אלט־פערצייטיגער קירכע. פון דאנען האט מען געקענט מיט איין בליק ארומנעהמען דיא פלאכע ברייטע פעלדער ביז צום כרמל. און מרים האט זיי דערצעהלט, אז דיא חורבה איז אמאל געוועז א טעמפעל, וואס מען האט געבויט צום אנדענקען פון יהויקים און עניח (אננאס), דיא עלטערען פון מרים, וועלכע איז געוועז דיא מוטער פון ישו הנוצרי און וועל־

כע האבען דא פערלעבט זייערע יאהרען. דיא נייע גריכישע קירכע איז פאר דיא רוסישע קאלאניסטען, וועלכע האבען זיך בעזעצט ארום סעםארים. דוד איז מיט דעם פאפען זעהר בעפריינדעט און ער פערבעט איהם אין טבריה צום סדר. דער־וויל האט דוד זיך צוריקגעקעהרט צוזאמען מיט'ן חויכגעוואקסענעם שעהנען פאפ. ער האט בעדויערט, וואס ער קען ניט באלד מיטפאהרען מיט דוד'ן, ער וועט אבער נאכמיטאג פאהרען מיט דער עלעקטרישער באהן איבער נאצארעט קיין טבריה, און ער וועט אפשר אנקומען צו ליטוואקס עלטערען נאך פריהער פאר דער גאנצער געזעלשאפט.

מען האט דעריבער באלד אבשייד גענומען פון גייסטליכען מאן און דער רייזעוואגען האט זיך פערקירעוועט אין צפון־זייט, צו דיא פלאכע ברייטע פעלדער.

.II

מען האט ארונטערגעלאזען דיא גלעזערנע טהיר, וואס האט אבגעטיילט דעם מיטעלען פון פאדערען טהייל פון וואגען, בכדי אלע צוזאמען זאלען זיך קענ־נען פערברענגען. היגטער סעפארים האבען זיי זיך געמוזט עטליכע מינוט אב־שטעלען נעבען א שלאגבוים, וויל א צוג האט געדארפט פערביי געהן. באלד האט ער זיך טאקי פערביינעטראגען, גיך וויא א רוח, צו דרום זייט. דיא אורחים הא־בען זיך געוואונדערט, דאס דער לאקאמאטיוו האט גאר קיין רויך־קוימען ניט, און זיי זיינען דערגאנגען, אז אלע באהנען אין שטאדט קאנען ווערען אין פאלעס־טינא געטריעבען דורך עלעקטריציטעט. דאס איז געוועזן איינע פון דיא גרעסטע מעלות, בשעת מען האט אנגעהויבען איינפיהרען א נייע קולטור. טאקי נאר דער־פאר, וויל ביז צו ענדע פון נייצעהנטען יאהרהונדערט איז פאלעסטינא געווען ניט בעבוים, וויסט, האט מען געקענט אנוענדען דיא נייעסטע טעכנישע ערפינ־דונגען. און אקוראט וויא ביים בויען פון שטעדט האט מען אויך ביי אלע אנדערע אונטערנעהמונגען זיך געווענדעט צו דיא נייעסטע ענטדעקונגען און פראקטישע

ערפאהרונגען, סיי ביים בויען פון אייזענבאהנען, ביים דורכציהען פון קאנאלען, סיי אין פאבריקאציע און מסחור און אין פעלדארבייט. די ריכע ערפאהרונגען פון אלע געבילדעטע פעלקער האָבען געדיענט אויף שריט און טריט די טויזענדער קאָלאָניסטען, וועלכע זיינען געקומען פון אלע עקען פון דער וועלט. און די געשטודירטע, די געענדיגטע, וועלכע זיינען געקומען פון די אוניווערזיטעטען, פון אגראָנאָמישע, טעכנישע און האנדעלסשוהלען פון דער גאנצער געבילדעטער וועלט, האָבען מיטגעבראכט מיט זיך די בעסטע קענטניסען און די נויטהיגסטע ערפאהרונגען פון דער וויסענשאפט. און גראָד אָט אלע די געענדיגטע, אָט אלע די אָרעמע יונגע לייט, וועלכע האָבען צוליעב דעם אנטיסעמיטיזמוס ניט געהאט זיך וואו אהין צו טהון אין די ציוויליזירטע לענדער, און זיינען אראָבגעזונקען צו א מצב פון א פראָלעטאריאט אָהן א האָפנונג אויף ווייטער, וואָס קלערט נאָר פון מרידה, רעוואָלוציע און דאָס גלייכען — אָט גראָד מיט זיי, די פערצווייפעלטע יונגע לייט, מעג זיך פאלעסטינא בענטשען, ווייל זיי האָבען אהער געבראכט די גאנצע וויסענשאפט מיט אלע איהרע פראקטישע אָנווענדונגען. דאָס אלץ האָט זיי דוד דערצעהלט, בשעת זיי זיינען געפאָהרען ווייטער.

פריעדריך האָט זיך פלוצים דערמאָנט אָהן א וואָרט, וואָס האָט געשפיעלט אזא וויכטיגע ראָלע אין זיין לעבען, און ער האָט זיך געווענדעט צו זיין אלטען פריינד מיט א פראגע, וואָס די איבריגע האָבען דאָס ניט געקאָנט פערשטעהן.

„א געבילדעטער און א פערצווייפעלטער יונגער מאן! צו געדענקט איהר נאָך, מיסטער קינגסקאורט? עס איז קיין וואונדער, וואָס גראָד א יוד האָט זיך יונג געמעלדעט. צו יענער צייט האָבען אזעלכע געשפראָצט אין איטליכער שטאָדט, אלע זיינען מיר געוועזן אזוינע יונגע לייט“.

קינגסקאורט האָט אָבער מעהר אינטערעסירט דוד'ס ערקלערונגען, וויא פריעדריך'ס אָנצוהערענים.

„איהר זייט א ממזר'ש פערדאָרבען פאָלק! אונז האָט איהר איבערגעלאָזען די אלטע אייזענס און אליין פאָהרט איהר אויף נייע מאשינען“.

שטיינעק האָט זיך פערנגערגעשריען:

„וואָס? צו האָבען מיר זיך גלאָזט אָנשאפען אלטע שמאטעס, בעת מיר האָבען פאר דאָס אייגענע געלד געקענט קריעגען גוטע און נייע זאכען! חוץ דעם, אלצדינג וואָס איהר זעהט היינט ביי אונז איז שוין אין אייראָפא און אין אמעריקא גענוצט געוועהן, בעזונדערס אין אמעריקא. די אמעריקאנער האָבען א סך אריבערגעטראָגן אויף ... נעיאָגט די אלטע פערנארטע וועלט. פערשטעהט זיך, אז אין בויען פון עלעקט-

רישע מאשינען און אין אנדערע זאכען זיינען מיר געוועזן דיא תלמידים פון דיא אמעריקאנער“.

„פאר אונז“, האט דוד ווייטער ערקלערט — „איז געוועזן פיעל לייכטער און א סך ביליגער איינצופיהרען דיא נייעסטע מאשינען און נייעסטע טעכנישע מי־טעל און וועגען, ווייל מיר האבען גאר ניט געהאט וואס מיר זאלען דארפען אמארטיזירען. שלעכטע מאטעריאל, וויא אלטע שינעס, אלטע וואגאנעס און דאס גלייכען האבען מיר ניט געדארפט אזוי לאנג ניצען, ביז זיי וועלען אונז דעקען די הוצאות, ווייל מיר האבען זיי פשוט ניט געהאט. אונזערע וואגאנעס, האבען אלע בעקוועמליכקייטען : ווענטילאציע, א העלע בעלייכטונג ביי נאכט, ניטא דארטען קיין רויך, קיין שטויב, און כאטש מיר פאהרען א סך גיכער וויא פריהער ווערען מיר ניט אזוי אויסגעמאטערט. דיא פאסאזשירען אין דיא צוגען פאר ארבייטער זיצען ניט צוזאמענגעפרעסט וויא הערינג אין א פאס. מיר זארגען, פערשטעהט זיך, אז דיא פערבינדונגסמיטלען זאלען ניט שאדען דער געזונדהייט פון פאלק. עס וועט אייך אויך אינטערעסירען, וויא וואלוועל ביי אונז איז א נסיעה מיט דער באהן. מיר האבען פאר פאסאזשירען דעם אייגענעם טאריף, וואס איז איינגע־פיהרט געווארען אין לאנד באדען, צו צייטען פון דעם גוטען און קלוגען גראס־הערצאג פריעדריך. מיר זוכען מיט אלע מיטלען צו דערלייכטערען דעם ארבייטער דעם וועג ארבייט צו געפינען. איהר וועט ביי אונז ניט געפינען אזא ווילדען פאסט וויא, למשל,, דאס אין דער צייט בשעת מען זוכט אין איין ארט ארבייטער וויא א דארשטיגער וואסער און אין אנדערען ארט שטרעקען אויס טויזענדער ארבייטער זייערע הענד און קיינער נעהמט זיי ניט — אז אין אזא צייט זאלען לויפען הין און צוריק ליידיגע וואגאנעס, ווייל דיא באהן איז צו טייהער פאר דעם ארבייטער. פון לבנון ביז צום ים המלח און פון דיא ברעגעס פון מיטעלמעער ביז צו דשאלאן און חאוראן ציהען זיך דיא ליניעס, צו בעפרוכטען דאס לאנד מיט מענשען־קראפט. אקוראט וויא דיא קאנאליזאציאן מיט וואסער. ער פערשטעהט זיך, אז דיא פראכטען, דיא אייגענע וויא די וואס ציהען דורך אונזער לאנד, זיי־נען זעהר גרויס, ווייל מיר האבען דאך קארנקאמערען, האפענס און מיר שטעהען אין פערבינדונג מיט דיא קליין־אזיאטישען און נארדאפריקאנישען באהנליניעס.. אבער איך וויל איצט ניט רעדען פון דיא מעלות פון אונזערע באהנען און באהנ־טאריפען, וועלכע נוצען זיי ברייגגען דעם סוחרישען לעבען און דעם לעבען פון איטליכען יחיד ביי אונז. דאס קענט איהר שוין אליין בעמערקען, האטש איהר וייט שוין צייט 20 יאהרען געוועזן ווייט פון דער וועלט. דאס האבען דאמאלסט

פאר 20 יאהרען אלע געוואוסט פון דער טעגליכער ערפאהרונג".

„האטש דיא ערפאהרונג איז ניט געווען אזוי גוואלטיג גרויס" האט שטיינעק זעהר פאסםיג בעמערקט.

דוד האט ווייטער גערעדט: „איין זאך אבער האט מען נאך דאמאלסט ניט געוואוסט. קיינער האט ניט געוואוסט וויא שעהן איז אונזער טהייער לאנד. א סך זאכען זיינען נאר צוליעב אונזערע קולטור־ארבייט בעשאפען געווארען, אבער שטענדיג איז געלעגען גאטס ברכה אויף דאס לאנד, נאר הונדערטער יאהרען זיינען אוועק און קיינער האט ניט געוואוסט, וואס פאר אוצרות פון רייכקייט און שיינקייט ליעגען דא בעגראבען. וואו געפינט איהר אין דער וועלט נאך אזא לאנד וויא אונזער, וואו דער פריהלינג איז אזוי נאהענט א גאנצען רונדען יאהר? מיר האבען א ווארעמען, א מיטעלען און א קאלטען קלימאט, אין פערשיעדענע ערטער, און דיא ערטער ליעגען ניט ווייט פון איינאנדער.

אין מערב זייט פון ירדן־טהאל איז כמעט חיים וויא אין מיטעל אפריקא, א טראפיש קלימאט; ניט ווייט ביי דיא ברעגעס פון ים איז דיא לופט אזוי מילד און ווייך וויא דיא איטאליענישע און פראנצויזישע ריוויערא, און א ביסעל ווייטער זעהן מיר דיא מורא'דיגע בערג פון לבנון, אנטי־לבנון און דעם חרמון, בעדעקט מיט אייביגען שנעע. און דאס אלצדינג קען מען זעהן אין עטליכע שעה, פאהרענדיג מיט דער אייזענבאהן. גאט האט אונזער לאנד געבענטשט מיט אלע גוטסקייטען".

„יא", האט רעשיד געזאגט, — „עס איז איינע פון דיא גרעסטע פערגעניגען ביי אונז אביסעל זיך דורכפאהרען. איך זעץ מיך אפט אריין אין א צוג און פאהר זיך דורך, בכדי צו שטעהן און קוקען דורך דעם פענסטער אויף דיא פאנאראמע פון פאלעסטינא".

„מיין הויכגעשעצטער מכניס־אורח", האט קינגסקאורט בעמערקט — „צווישען אונז גערעדט, האט איהר אונז דאס געדארפט ווייזען פריהער פאר אלע. איך זאג ניט חלילה אז אייער נח'ס תבה איז ניט גוט. עס פאהרט זיך גאנץ פיין און שעהן, אבער דיא פאנאראמעס..."

דוד האט זיך ענטשולדיגט: צוליעב צוויי טעמים האב איך אייך ניט געפיהרט קיין טבריה מיט ז'ער באהן. ערשטענס קען מען זיצענדיג אין מאטאר־וואגען זעהן מעהר לאנד און מעהר מענשען. צווייטענס, פאר פסח זיינען דיא באהנען וואס געהען פון חיפה איבער נאצארעט קיין טבריה פאק און פול. אמת, ס'איז א גרויסע הנאה זיך צוצוקוקען צו דיא פאסאזשירען, וואס שטאמען אב פון אלע

פעלקער, צו זעהען דיא טויזענדער פעלקער, עולי רגלים, ועלכע פאהרען צו דיא הייליגע ערטער. איך האב אייך אבער פריהער געוואלט ווייזען דאס לעבען פון אונזער געזעלשאפט און איהר געוועהנליכען וואכענדיגען אויסזעהען".

„יא, זאגט נאר אקארסט, וויא האט איהר פותר געווען דיא פראגע מכח דיא הייליגע ערטער?" האט פריעדריך געפרעגט.

„עס איז גאר ניט גווען אזא קונסטשטיק" האט דוד געענטפערט. „בשעת אין פאחריגען יאהרהונדערט האט מען זיך אנגעהויבען צוליעב דעם ציוניזמוס דערמיט צו בעשעפטיגען, האבען א סך יודען, פונקט וויא איהר, געמיינט, אז אויף דער פראגע איז גאר ניט מעגליך צו געפינען א ענטפער. וויא איך זעה קוקט איהר נאך אויף דעם וויא פאר 20 יאהרען צוריק. ערשטענס האט פאר 25 יאהרען זיך שוין ארויסגעוויעזען, אז דער אבהאלט וועגן דיא הייליגע ערטער איז גאר ניט אזוי מורא'דיג. גרויסע פאליטיקער און שרייבערס האבען דאס שוין דאמאלסט גוט פערשטאנען. דיא קריסטליכע הייליגע ערטער זיינען דאך אלע מאל געלעגען אונטער מאכט פון ניט־קריסטען. אזוי וויא מען האט שוין צייט יאהרהונדערטען ניט געזוכט זיי צו בעפרייען פון דיא ניט־קריסטליכע הענד, האבען זיך מיט דער צייט געענדערט בכלל דיא אנזיכטען וועגען דיא פראוועס (רעכטען) אויף דיא הייליגקייטען. גאטפריעדען פון בויאן און אנדערע פערצייטיגע ריטער האט עס געקרענקט, וואס פאלעסטינא ליעגט אונטער דער מלוכה פון מוזעלמאנער. צו האט מען אזא מין געפיהל געקענט געפינען ביי דיא ריטערס און גראפען פון 19־טען יאהרהונדערט אין דיא קריסטליכע מלוכות? צו וואלטען זיי זיך גאר דערוועגט ביי דיא פארלאמענטען צו בעטען א קרעדיט, בכדי צו פיהרען מלחמה מיט דער טירקיי פאר דיא קריסטליכע הייליגקייטען? צו וואלט דען אזא קריעג געווען נאר א קריעג געגען דיא טירקיי און ניט געגען אנדערע אייראפייאישע נאציאנען, וואס וואלטען ניט צונעלאזען, אז דיא הייליגקייט זאלען געהערען צו איין נאציאן? דעריבער איז מען שוין לאנג געקומען צו דער דעה, דאס פאר אלעמען איז גלייכער, אז עס זאל בלייבען, וויא עס איז געווען, אין דיא טערקישע הענד. אבער דאס איז נאר געווען א ענטפער פאר'ן שכל חישר, פאר'ן פראקטישען פערשטאנד, וואס זוכט נאר נוצען אין דער פאליטיק. עס איז אבער געווען נאך אן אנדערער געדאנקען, פאר וואס מען האט אויפגעהערט צו שטרייטען וועגען דיא פראוועס אויף הייליגקייטען. הייליגקייטען זיינען ניט קיין קלייד, קיין הויז, וואס מען קען דאס צונעהמען וויא א שטיק פערמעגען צו אייגענעם געברויך. דער אמת פרומער איז מעהר צופריעדען ווען זיינע הייליגקייטען געהערען קיינעם

ניט, איידער זיי זאָלען אריין אין דיא הענד פון א מענשליכער מאכט. דאָס וואָס איז הייליג זאָל ניט ווערען בעשמוצט פון מענשליכע פּראָסטע אינטערעסען, זאָל קיינעם ניט געהערען. דאָס אלץ האָט געפיהרט דערצו, אז דיא הייליגע ערטער און קברים זיינען געוואָרען דאָס גייסטיגע אייגענטהום פון אלע פרומע קריסטען, אָהן א אונטערשיעד פון נאציאָן, און קיינער האָט ניט געזוכט זיי ארויסצוקריעגען פון דיא טערקישע הענד. און אויב איהר וועט זיין אין נאצארעט (נצרת) און ירושלים אָדער אין בית־לחם, וועט איהר זעהן דיא פּילגער (עולי לרגל), וועלכע קומען פון אלע עקען פון דער וועלט, און אויף זייער פרומען פּנים לויכטען דיא געפיהלען פון א אמת׳ר אחדות. אפילו איך, וואָס איך בין א יוד מיט לייב און זעעלע, ווער טיעף גערירט, ווען איך זעה דיא פערפרומטע פּילגער ביי דיא הייליגע קברים“.

„מען דערמאָנט זיך אין לורד אין דיא פּירענעען, אז מען געהט קיין נאצארעט אָדער קיין בית־לחם“ — האָט שטיינעק געזאָגט, — „קופּקעס, קופּקעס טוריסטען, פּילגער, אלערליי דורכפאָהרער, נייע האָטעלען, גרויסע אכסניות פאַר אונבעמיטעלטע מענשען און קלויסטערס אָהן א שיעור“.

אָט אזוי שמועסענדיג זיינען זיי אריינגעפאָהרען אין דאָס פלאַכע לאַנד, לאַנג האָט עס זיך געצויגען פון ביידע זייטען וועג פערפלאַנצט מיט וויין, גערשטען, מאאיס, האָפּען, מאָהן און טאבאק. ווייסע ריינליכע דערפער מיט אייגפאָהרהייזער און ווינשענקען זיינען געלעגען צושפּרייט אין טהאָל און האָבען זיך וויא אָנגעלעהנט אָן דיא ווענד פון דיא בערג. גרויסע זאפטיגע לאָנקעס, אויף וועלכע עס האָבען זיך איצט געפּאסעט רינדער און שאָף, זיינען פערביי פאַר זייערע בליקען, און מאַנכעסמאָהל פלעגט פערבלישצען דיא אויגען דיא גלאנציגע מעסערס און אייזענס פון דיא פעלד־מאשינען. דיא גאנצע פּאנאָראמע איז געווען בעלויכטען פון דער פריהלינגס זוהן און עס איז געלעגען אויף איהר א אָבשיין פון פריעדען און גליק.

זיי זיינען דורכגעפאָהרען קליינע דערפלעך, זיי האָבען אריינגעקוקט אין די ריינע פּויערשע הויפען, זיי האָבען געזעהן ווייבער און מענער ביי דער פעלדארבייט, קינדער ביי׳ן שפּיעלען זיך און אלטע לייט. וועלכע האָבען זיך געוואָרעמט אויף דער זון. דיא אורחים האָבען זיך געוואונדערט, דאָס מיט יעדער שעה פערגרעסערט זיך דיא צאָהל פון דיא פּוסגעהר. אלע, בעשיינפּערליך, האָבען געהאט אין אויג איין ציעל, און עס האָט אויסגעוויעזען, אז עס ציהט זיי צו דרום צו אין דער הויך, וואו עס האָט זיך געזעהן א גרעסערעס האָרף. דער וואָגען פלעגט אלע־

מען אריבעריאָגען, מאנכע צופוס געהער פלעגען זיך געריסען, אנדערע פלעגען בעגעגנען דעם וואָגען מיט א קלינגענדיגען „הידד". עטליכע אָבער האָבען ווי פערביטערט, קוים געצווינגען מיט'ן הוט און אנדערע פלעגען זיך אפילו אָבקעהרען אָן א זייט. וויא נאָר דער מאָטאָר־וואָגען פלעגט פארבייפאָהרען, פלעגט הינטער איהם נאָך לעבעדיגער ווערען. פון איטליכען פויערשען הויף פלעגען ארויסגעהן מענשען, איילענדיג זיך, מאנכע נאָכלויפענדיג, און נאָך אנדערע פלעגען גיך ארויף אויף א פערד און זיך לאָזען אין גאלאָפּ. וועלאָסיפּעדיסטען זיינען נאָכגעפאָהרען דעם מאָטאָר־וואָגען, זיך בעמיהענדיג איהם אריבער צו יאָגען. דוד'ס געסט האָבען אָנגעהויבען פיהלען, אז מען ערווארטעט זיי ערגעץ וואו.

און דאָס איז טאקי אזוי געווען. דאָס דאָרף, וואָס האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען דורך זיין רייכקייט, צוליעב די פּראכטיגע איינפאָהרסהייזער, דיא פעטע בהבות און דיא הויכע קולטור פון דיא פעלדער, האָט געהייסען נ י י ד א ר ף. דיא קהל'שע שטוב, א קליין פּאלאצעל, איז געווען פול, א גאנצע מחנה מענשען האָבען זיי שוין ערווארטעט און וויא באלד עס האָט זיך בעוויעזען דער וואָגען, האָבען הונדערטער שטימען אָנגעהויבען שרייען „הידד!"

זיי האָבען ניט באלד געקענט אריין אין שטוב, ווייל א חאָר פון רייגליך געקליידעטע שול־קינדער, אונטער דער השגחה פון לעהרער, האָבען זיי בעגריסט מיט א העברעאישען ליעד. זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט צו צוהערען. פריצכען איז ווידער געוואָרען מונטער און אויף'ן אָרעם פון גיאניע האָט ער געפּרובט מיטצוזינגען, א שעהנעם טעם האָט עס געהאַט....

דערנאָך איז ארויסגעטרעטען דער קהל'ס פיהרער פריעדמאַן, א קרעפטיגער פויער פון א ערך 40 יאָהר, און האָט געהאלטען א קורצע רעדע. ער האָט בעגריסט דיא געסט און נאָך מעהר ליטוואקען און שטיינעקען, וויא דיא טרייע פיהרער פון זייער פּארטיי. ער האָט גערעדט פּראָסט יודיש.

„א דונער זאָל מיר חאַפּען!" האָט קינגסקאורט אריינגעברומט דוד'ן אין אויער, „איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אז איהר זייט א פיהרער פון א פּארטייי".

„נאָר אויף א קורצע צייט, אויף עטליכע וואָכען. דאָס איז ניט מיין פּראָפעסיאָן".

א צווייטער פויער איז ארויסגעטרעטען, א שטארקער, מיט ברייטע פּלייצעס און מיט א געזיכט פערברענט פון זון. ער האָט גערעדט דעם הוט, אביסעל ניט פעסט ביי זיך, צווישען דיא ברוינע הענד און האָט זיך פערהאקענדיג אלע ווײלע געזאָגט:

„הער ליטוואַק און הער שטײנעק, איהר וועט שוין מיר מוזען מוחל זײן, ווען איך וועל עפּעס אויך זאָגען“.

עטליכע פּויסטען האָבען זיך אַ לאָז געטהון צו דעם אונגעבעטענעם בעל־דרשן. עטליכע האָבען געשריען:

„מענדיל זאָל זיך ניט דערוועגען צו רײדען! קײנער האָט איהם ניט גע־בעטען!“

מענדיל איז אָבער געשטאַנען ווי אַ עקשן, און וואָס מעהר מען האָט איהם ניט צוגעלאָזען איז ער אַלץ פעסטער געוואָרען בײ זיך.

„איך וועל רעדען“.

עס איז געוואָרען אַ מהומה: „אונטערשטעהן זאָל ער זיך!“ האָט געשריען דאָס רוב. מענדעלס אַנהענגער האָבען אָבער אויך גע'רעש'ט: יאָ! ער וועט רע־דען“. דוד האָט זײ אַלעמען בערוהיגט, דערלאַנגענדיג אַ מאַך מיט דער אויפגע־הויבענער האנד:

„אודאי וועט ער רעדען“.

מענדיל האָט מיט אַ קרים זיך געווענדעט צו זײנע געגנער: „זעהט איהר! הער ליטוואַק איז אַ גרעסערער פּקח פאַר אײך, חמורים! איך האָב געוואָלט זאָ־גען, אז פריעדמאַן האָט ניט גערעדט פאַר'ן גאַנצען קהל“.

„שקר! שקר! ער איז אונזער קהלס־פיהרער!“

מענדיל האָט דאָס אָבער ניט געאַרט:

„דיא געסט זאָל ער בעגריסען. דאָס איז זײן חוב, און דאַמאָלסט האָט ער באמת גערעדט אין נאָמען פון אַלע מענער און פרויען פון נײדאָרף. אָבער ער האָט ניט קײן (רעכט) אַנצורופען הערן ליטוואַק און שטײנעק פאַר **אונזערע פּאַרטײ־פיהרער.** בײ אונז אין נײדאָרף זײנען דאָ אַזוינע, וואָס האַלטען ניט מיט ליטוואַקס פּאַרטײ. אָט דאָס האָב איך אײך געוואָלט זאָגען, הערר ליט־וואַק און הער שטײנעק“. —

אין דער צײט פון מענדעלעס רעדע איז דער עולם אײנגעשטילט געוואָרען. עס האָט נאָר אַ פּנים געהאַט, אַקוראַט, ווי אַ פיעלע זײנען אײנשטימיג מיט מענ־דעלס ווערטער, ווײל דיא גאַסט־פרײנדליכקײט האָט ער ניט געצעפּעט, נאָך דיא פּאַרטײ אינטערעסען.

„אַ חאַ!“ האָט קינגסקאָורט זיך דערקונדיגט בײ שטײנעקען, — „מיר זײ־נען אַרײנגעפאַלען בײ'ן שונא אין דיא הענד“.

„אויפעסען וועלען זײ אונז ניט“, האָט געענטפערט דער אַרכיטעקט, —

„מיר זיינען דאָך דעריבער אהער געקומען, זיי צו מאכען פאר אונזערע פריינד. איך וועל שוין זיי קלאָר מאכען, דיא פערשטויבטע מוחות... אָבער רבונו שע עולם! וואו איז מיין רעדע?"

ער האָט דורכגעזוכט דיא רייזעטאַש, וואָס א דיענער האָט איהם צוגע־טראָגען.

„דיא רעדע איז דאָ ניטאָ!"

מאדאם ליטוואק האָט זיך פאנאנדערגעלאכט: „איהר האָט זי דאָך געהאט אין דער רייזעטאַש!"

„איצט דערמאָן איך מיך, אז איך האָב זיא פערפּאַקט אין מיין טשעמאָדאן".

מרים האָט געזאָגט: „טאַ רעדט פון קאָפּ!"

שטיינעק האָט געמאכט א פּנים פון א געהענגטען. מיט דרשות פון קאָפּ האָט ער ביי'ם עולם נאָך קיין מאָל ניט אויסגענומען.

דאָס געזעמעל מענשען האָט זיך צוטהיילט. „רב שמואל געהט!" האָט זיך געהערט און דער עולם האָט געמאכט פאר איהם א וועג.

רב שמואל איז געווען א אלטער מאן, געבויגען פון דיא יאהרען, מיט א גר־טען פריינדליכען בליק אין דיא אויגען. ער האָט אָנגענומען דוד'ן ביי דער האנד און האָט איהם בעגריסט מיט'ן גאנצע הערצען. און מען האָט באלד געקענט זעהן, אז ער האלט ניט מיט מענדעלען און דיא אנדערע עקשנים.

מרים האָט דערוויל שטילערהייט דערצעהלט דיא אורחים, וואָס פאר א מענש דער רבי איז. ער איז געווען פון דיא ערשטע וועלכע זיינען געקומען אהער נאָך צו דער צייט, בשעת אַז דיא פלאכע געגענד איז נאָך געלעגען וויסט, בשעת דאָס לאנד פון אשאָשים (עשושית?) דאָרטען אין צפון־זייט איז געווען פערטרונקען פון זומפּען און אין עמק יזרעאל האָבען נאָך געפיהרט דיא פעלאכען א אָרעמע ווירטשאפט. ר' שמואל איז געווען דער טרייעסטער און דער גייסטיגער פיהרער פון דיא קאָלאָניסטען אין ניידאָרף, דאָס רוב געבירטיגע אין רוסלאנד, וועלכע זיי־נען געקומען אויפלעבען מיט נויט און שווייס דאָס פערוויסטעטע לאנד. ער איז געווען דער רב פון דאָרף, און כאָטש ניט איין שטאָדט אין פּאַלעסטינא האָט איהם אָנגעבאָטען א שעהנערע רבנות, איז ער פערבליעבען אין דאָרף, ביי זיינע ברי־דער דיא קאָלאָניסטען. פאר זיין פרומקייט און איידעלקייט האָט מען איהם אומעטום זעהר געאכטעט און געשעצט. אין מזרח זייט, אין עק־ניידאָרף, וואו מען האָט ר' שמואל'ן אויסגעבויט א הייזעל, ציהט זיך א גאָרטען, וועלכער טראָגט אויף זיך דעם נאָמען „גן־שמואל", און ווען ר' שמואל האלט צו דיא יום־טובים

א דרשה אין שול קומען צו געהן דיא קאַלניסטען פון אלע ארומיגע דערפער, הערען דיא טיעפע הייליגע רייד פון זייער געליעבטען אלטען רב.

דער קהל'ס פיהרער פריעדמאן האָט אונטערדעסען ארויסגעטראָגען פאר די געסט ווייז און א צובייסענס. אויף דעם פלאץ הינטער דער קהל'שען שטוב האָט מען פון ברעטער אויפגעשטעלט א לופטיגען זאל. איבער דיא הויכע שטאנגען און דיא שטאמען פון דיא בוימער האָט מען אריבערגעצויגען ברייטע זעגעלטיכער, צום שוץ פאר דער זון. און דער גאנצער עולם איז אוועק אהין.

אין זאאל איז פון ברעטער צוזאמענגעשלאָגען געווען א קליינע בימה פאר'ן רעדנער. אין דער ערשטער שורה פאר דער בימה זיינען געשטאנען שטוהלען פאר ר' שמואל'ן און דיא געסט. און ווייטער האָבען זיך געצויגען לאנגע שורות בענק, אָבער דער עולם האָט געמוזט שטעהן.

צוערשט האָט פריעדמאן גערעדט. ער האָט געבעטען דעם עולם, זיך רוהיג צוצוהערען און ניט שטערען דיא רעדנער, אפילו דאמאָלסט, ווען מען איז ניט איינפערשטאנען מיט אלץ. ניידאָרף האָט א גוטען שם, און לאָמיר זעהן איהם ניט אָנצואווערען. דערנאָך האָט ער געגעבען דעם וואָרט צו ארכיטעקטען שטיינעק. שטיינעק איז ארויף אויף דער בימה, זיך א פאָר מאָל אָבגעהוסט און האָט אָנגעהויבען צו רעדען, פריהער זיך א ווילע אָבשטעלענדיג, דערנאָך אלץ גיכער און לעבעדיגער.

„ליעבע חברים! מיר איז — הם — א — הם — א אונגליק פאסירט אויף דער רייזע — הם. איך האָב, זעהט איהר — הם — מיינע אויפגעשריעבענע רע־דע פערלאָרען אונטערוועגס. איך האָב פערשטעהט איהר, א רעדע אויסגעארבייט פאר איי, דאָס איז געווען א גוטע און א שעהנע רעדע איהר מוזט שוין גלויבען אויף'ן וואָרט, ווייל הערען וועט איהר זיא שוין ניט".

עטליכע האָבען זיך פערנאנדערגעלאכט. שטיינעק האָט ווייטער גערעדט:

„מיר זיינען געקומען אין אונזער נייער געזעלשאפט צו א אָרט — הם — וואו מיר מוזען זיך פערקירעווען — הם — וואו מיר מוזען זיך פערקירעווען. איך זאָג אייך נאָר: מיר מוזען זיך פערקירעווען!"

דער רעדנער האָט זיך אָבגעווישט דעם שווייס פון שטערען.

„אין וואס בעשטעהט דאָס, וואָס מיר מוזען זיך פערקירעווען ליבע חברים?"

„איידער אָבער מיר וועלען זיך צוקעהרען צום אָרט, וואו מיר מוזען זיך פערקירעווען — הם — וויל איך ריידען — הם —וועגען אונזער פערגאנגענהייט.

וואָס איז דאָס געווען פאר א פערגאנגענהייט, אייערע, אונזערע? הם? דאָס גהעטאָ!"

פון עולם: „אמת!"

ווער האָט אייך ארויסגענומען פון גהעטטאָ? הם? ווער?"

מענדעל האָט מיט א שטארקער שטימע צוגערופען: „מיר אליין".

דער עולם שרייט: „רוהיג זיין, רוהיג!"

שטיינעק אָבער האָט זיך נאָך מעהר צוהיצט:

„ווער איז דאָס מיר אליין? הם? צו איז דאָס מענדעל אָדער א אנדערער?"

און מענדעל האָט ווייטער געשריען „דאָס פאָלק".

„איך בעט, אז מען זאָל מיר ניט איבערהאקען דיא רייד! הם. איבריגענס נעהם איך אָן מענדעלס ווערטער. דאָס פאָלק, אוודאי! וויא דען! הם, אָבער איינער אליין האָט דאָס פאָלק זיך ניט געקענט ארויסראטעווען, הם. אונזער פאָלק איז געווען צוטהיילט אין קליינע שוואכע כחות. איידער דאָס פאָלק איז אימשטאנד געווען זיך אליין צו קענען העלפען, האָט מען דאָס געמוזט צונויפ־זאמלען פון דער גאנצער וועלט".

מענדעל האָט וויעדער אָנגעהויבען צו רעש'ען:

„פערשטעהט זיך, דיא פיהרער. מיר קענען שוין דעם פזמון".

דאָ אָבער האָט פריעדמאן א דונער געגעבען מיט'ן קול:

„מענדעל! זאָלסט מיר דיא רגע שטיל ווערען! הערר שטיינעק, איך בעט אייך רעדט ווייטער".

„הם, יאָ, איך וועל ווייטער רעדען. דיא פיהרער, זאָגט מענדעל. מיר דאכט זיך — הם — אז ער האָט דאָס געזאָגט מיט א חוזק אויף דיא ליפען. אָבער עס איז פאָרט אמת, הם. וואו איז געווען דאמאָלסט דער ראבינער גייער, וועל כער העצט אייך איצט אויף? איך וועל דאָס אייך זאָגען. אייער דאָקטאָר גייער איז דאמאָלס געווען א געגנער פון ציוניזמוס. איך האָב איהם געקענט. ער איז דאמאָלסט אויך געווען אונזער דערצאָרענסטער געגנער, אָבער גאָר צוליעב אנדע־רע טעמים, אָה, גאָר צוליעב אנדערע. אין איין זאך איז ער געבליעבען, וויא ער איז געווען — הם. איך וועל אייך זאָגען, וואָס ער איז געווען, וואָס ער איז, און וואָס ער וועט זיין. דאָס איז א ראבינער וואָס רייבט זיך אָן איטליכען פעטען טאָפ. בשעת מיר ציוניסטען האָבען זיך געלאָזען אין וועג אויפצוזוכען אונזער פאָלק און אונזער לאנד האָט ער אונז געזידעלט און געשאָלטען. יאָ. נארען און מאַזוריקעס האָט ער אונז גערופען".

א יונגער קאָלאָניסט פון א ערך 25 יאהר איז צו דער בימה צוגעגאַנגען און האָט מיט סטאַטיק געזאָגט:

„זייט מיר מוחל, הערר שטיינעק! דאָס קען דאָך ניט זיין מען האָט דאָך שטענדיג געוואוסט. אז מיר זיינען א פאָלק, און אז פאַלעסטינא איז אונזער אמאָליגע לאַנד. טאָ וויא האָט ד"ר גייער געקענט זיין אקעגען דיא ציוניסטען?"

„ער איז אָבער פאָרט געוועזן אקעגען", האָט שטיינעק געשוימט פאר כעס „ער האָט פערלייקענט אונזער פאָלק און אונזער לאַנד. אליין האָט ער געלייענט אין סדור ציון, ציון, אָבער זיין עולם דיא שאָף האָט ער פערטייטשט דאָס וואָרט גאָר אויף א וואונדערליכען אופן. זאָלען זיי זיך טראַכטען וואָס זיי ווילען וועגען ציון, נאָר דעם געוועהנטליכען טייטש זאָל דאָס ניט האָבען. ציון איז געוועזן אומעטום אין דער גאַנצער וועלט, נאָר ניט אין ציון".

פון עולם האָבען עטליכע געשריען: „ניין, ניין. דאָס האָט גייער ניט געזאָגט. דאָס קען ניט זיין".

אָבער ר' שמואל איז אויפגעשטאַנען. ציטערנדיג פאר אלטקייט האָט ער זיך אָנגעלעהנט אויף'ן שטאָק און האָט מיט דער פרייער האַנד א מאַך געטהון אין דער לופט. אלע זיינען געוואָרען שטיל.

„עס איז אמת", האָט ער שטיל ארויסגערעדט. „עס זיינען געווען אזעלכע ראבינער דאַמאָלסט. אפשר האָט גייער אויך געהערט צו זייער חברה. איך ווייס דאָס ניט, אָבער איך מוז דאָס שטיינעקען גלויבען. אָבער עס זיינען געוועזן אזעלכע ראבינער, אָי, עס זיינען געווען...." און ער האָט זיך פערמאַטערט אויסגעזעצט.

שטיינעק אָבער, ביי וועמען דיא ווערטער האָבען שוין ארויסגעשפּאַרט, ווי א קוואַל, און וואָס איז שוין געוועזן שטאַרק צוהיצט, האָט שוין גערעדט אָן אן אָבהאַלט, גיך און גלאַט:

„דיא ראבינער, וואָס רייבען זיך ארום פעטע טעפּ, האָבען אונז פערבי־טערט דאָס לעבען, און היינט טהוט דאָס גייער ווייטער. דאַמאָלסט, אין דיא ערשטע שווערע צייט האָט ער ניט צוגעלאָזען, אז מען זאָל גאָר רעדען וועגען פאַלעסטינא. איצט איז ער מעהר חובב ציון, וויא מיר אלע. ער איז דער פּאַטרי־אָט, דער אמת'ער עכטער נאַציאָנאַליוד, — מיר זיינען דיא פריינד פון דיא גרים, פון דיא פרעמדע, און אז מיר זאָלען איהם לאָזען נאָך לאַנג רעדען, וועט ארויסקומען, אז מיר זיינען דיא ערגסטע יודען, אָדער גאָר וויא גרים אין זיין לאַנד פאַלעסטינא. יאָ, אָט דאָס איז מיין מיין. ער וויל אונז אָבזונדערען פון

דעם כלל. חשד־געפיהלען צושפרייט ער צווישען אונז און אייך; מאכט א פרום פּנים'על, דער צבועה'ניק, פינטעלט אָבער דערוויילע מיט דיא אויגען צום פּעד־טען טאַפּ. פריהער בשעת אין קהל'שען לעבען האָבען געדרעהט דאָס רעדעל דיא גבירים, פלעגט ער רעדען נאָך'ן געשמאַק נאָך פון דיא רייכע. פאר דיא רייכע איז דער ציוניזמוס געוועזען א דאָרן אין אויג, און ער האָט געטייטשט דיא עקרים פון יודענטהום, וויא זיי האָבען דאָס פערלאַנגט. דאַמאָלסט האָט ער געזאָגט, אז דאָס יודישע פאָלק דאַרף ניט זוכען דאָס אלטע חיים, ווייל דאָס קען פערדאָר־בען דיא רעפּוטאַציע און דיא רוהיגקייט פון פערשיעדענע אידישע באַנקיערען און קאָמערציענראַטהע. דאַמאָלסט האָט ער גע'דבר'ט פון עפּעס א משונה'דיגע זאַך, אז דיא אידען האָבען פון גאָט א שליח צו זיין און לעבען אונטער דיא פעלקער. דאָס יודענטהום איז דערצו דאָ, צו געבען דיא פעלקער לעקציאָנען אין אמונה, דרך ארץ און אָרענטליכקייט. דעריבער האָט אונז גאָט אמישנע צווייט און צושפּריים. אויב דיא פעלקער וואָלטען אונז סיי וויא סיי ניט געהאַסט און ניט פערפאָלגט, וואָלטען זיי אונז, צוליעב אזא מין נארישע פּרעטענזיע, וועניגסטענס געמוזט אויסלאַכען און אויספּעטען. און ציון האָט אויפגעהערט צו זיין ציון. אין דער'אמת'ן אָבער האָבען מיר ניט געגעבען קיין לעקציאָנען, נאָר אליין גע־קראָגען איטליכען טאָג בלוטיגע לעקציאָנען פון פיין און וועהטאָגען. ביז מיר האָבען זיך צוזאַמענגענומען און אליין געזוכט און געפונען דעם וועג פון מצרים. פער־שטעהט זיך, דאַמאָלסט איז אויך דער דאָקטאָר גייער נאָכגעקומען מיט זיינע אלטע נארישע פּרעטענזיעס און דיא פאַלשקייט אויף'ן פרום פּנים'על. דאָס יודי־שע קהל'שע לעבען האָט אויך, גאָט צו דאנקען, אן אנדער פּנים געקראָגען. ניט דיא גבירים פיהרען דאָס ראָד, נאָר אלע, אלע צוזאַמען. דיא קהל'שע פיהרערס קלייבט מען ניט אויס פאר זייערע גביר'עש, נאָר פאר זייערע מעלות פון חאַ־ראַקטער און פאר זייערע פעהיגקייטען. דעריבער מוז מען שוין חיינט שמייכלען דעם המון, דיא מאַסע. דעריבער מוז מען בעשאַפען א נייע תורה, לויט וועלכער דיא מאַסע קען עפּעס קריגען אָבצולעקען א ביינדעל, אדער אויסטראַכטען אזא מין תורה, וואָס דיא מאַסע זאָל מיינען, אז דערין שטעקט איהר מזל און הצלחה. און דעריבער האָט מען אָנגעהויבען צו רעדען וועגען דיא פרעמדע, זיך צו בער־קלאָגען דערויף, וואָס דיא גרים האָבען אלע רעכטע ביי אונז. נאָר לייט פון דער יודישער נאַציאָן זאָלען מעגען אריין אין דיא נייע געזעלשאַפט. וואָס וועניגער מענשען עס זעצען זיך צו דער שיסעל, קריגט איטליכער אלץ א גרעסערען חלק. צו מיינט איהר, אז דאָס איז א נוצען פאר אייך? דאָס איז ניט אמת. פער־

אָרעמען וועט דאָס לאַנד, און אויסטריקענען וועט עס, ווען איהר וועט אָנהויבען צו פיהרען אזא המור'שע שלעכטע פאָליטיק. ביז איצט לעבען מיר מיט דעם גע־זעץ, דאָס איטליכער מענש, וואָס האָט פערלעבט ביי אונז צוויי יאהר אין דער נייער געזעלשאפט און האָט אין פערלויף פון צוויי יאהר גענומען אויף זיך דיא פפליכטען פון דער געזעלשאפט און האָט זיך די גאַנצע צייט גוט אויפגעפיהרט — קען ווערן ביי אונז מיטגליעד פון דער געזעלשאפט מיט אַלע פראַוועס. אמונה און נאַציאָן טאָר דערביי ניט שפּיעלען קיין ראָלע. אונזער הצלחה און אונזער גליק העננט אָב פון דעם געזעץ. וויא באַלד איהר זייט איהם מבטל, צושטערט איהר דאָס גאַנצע בנין, וואָס מיר האָבען אויפגעבויט. און דעריבער בעט איך אייך, האַלט זיך טריי אָן דעם געזעץ וואָס האָט אונז גרויס געמאַכט, אונז אויסגעלערענט צו קוקען און פיהלען פריי און האָט אונז דערצויגען צו טאָלעראַנץ. נאָר דאַמאָלסט וועט ציון זיין ציון. איהר וועט אויסקלייבען א דעלעגאַט צום קאָנגרעס. קלייבט אויס אזוינעם, וואָס קלערט ניט פון א נאָהענטען רוח, נאָר פון אייביגע רוחים. ווען איהר וועט אָבער א גייער'יאַנער אויסקלייבען, זייט איהר ניט ווערט, אז דיא זון פון הייליגען לאַנד זאָל אויף אייך שיינען. און אויס! איך האָב גע־ענדיגט".

מען האָט ווענינ וואָס געפּאַטשט בראַוואָ. עטליכע שטעלען פון דער רעדע האָבען, וויא עס ווייזט אויס, געמאַכט א רושם אויף דעם עולם, אָבער דער סוף איז קיינעם ניט געפעלען. נאָר איין איינציגען זיינען דיא לעצטע ווערטער געפע־לען, און ער האָט דאָס אויך אַרויסגעזאָגט דעם אַרכיטעקטען, וועלכער האָט זיך נעבען איהם אנידערגעזעצט, אויסגעוויקיימט פון שוויים. דאָס איז געווען מיסטער קינגסקאורט, אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין שטימע ביי דיא אויסקלייבענגעש אין נייזדאָרף.

III.

„צו וויל נאָך אימיצער רעדען?" האָט פריעדמאַן געפרעגט.

„איך!" האָט מענדעל הויך אויסגעשריען, און אין דער איינענער רגע איז ער שוין געשטאַנען אויף דער בימה.

„דער הערר אַרכיטעקט שטיינעק האָט געהאַלטען פאַר אונז א רעדע. מען

קען זאָגען, אז דאָס איז געװען א שײנע רעדע, מען קען אָבער אויך זאָגען, אז דאָס איז געװען א גראָבע רעדע. איך זאָג אײך דאָס איז געװען א גראָבע רעדע".

פריעדמאַן איז איהם ארײנגעפאַלען אין דיא רײד:

„הער מענדעל, דוא זאָלסט ניט גראָב פערצעפּענען מענשען. דאָס װעל איך ניט דערלאָזען".

מענדעל אָבער האָט געענטפערט:

„פערצעפּענען? װעמען פערצעפּע איך? ער האָט אונז גראָב אָנגעריהרט. ער האָט געזאָגט, אז מיר זײנען ניט װערט, אז דיא זון זאָל אויף אונז שײנען. פאַר װאָס זײנען מיר דאָס ניט װערט? װײל מיר װילען ניט אלעמען דערנעהערען צו זיך? װער האָט בעגאָסען דאָס לאַנד מיט זײן שװײס? מיר. װער האָט ארויס־געצױגען דיא שטײנער? מיר. װער האָט געמאַכט אויסטריקענען דיא זומפּען, דורכגעצױגען קאַנאַלען, געפּלאַנצט דיא בױמער, װער האָט געשװיצט און געפּיבערט ביז אלץ האָט געקראָגען דעם הײנטיגען פּנים? מיר, מיר, מיר! און מיט אײנמאָל זאָל דאָס געהערען ניט אונז? דאָס איז דאָך אָבער א משוגעת. בשעת מיר זײנען דאָ געקומען איז דאָס געװען א מדבר, א רײנער מדבר. איצט אָבער קען מען זיך פון אונזערע װירטשאַפטען א מוסטער אָבנעהמען. דערינען געפינט זיך אונזער שװײס און בלוט און אונזערע ארבײט. װאָס מען האָט דאָ גערעדט פון נאָהענטע און אײביגע רוחים — הויבט דאָס מײן שכל ניט אָן צו בענעהמען. אפשר בענעהמט איהר דאָס. װאָס דאָקטאָר גײער אנבעלאַנגט, געפעלט ער מיר גאָר ניט. זײנע פריהערדיגע רײד געפעלען מיר נאָך װײניגער, אָבער איך װײס, אז איצט האָט ער רעכט. דאָס װאָס מיר האָבען בעשאַפען מיט אונזערע אײגענע הענד פאַר קײנער פון אונז ניט צונעהמען, מיר װעלען דאָס ניט דערלאָזען. אויס! מעהר האָב איך ניט װאָס צו רעדען".

עטליכע הענד האָבען װיא פערשעהמט געפּאַטשט בראַװאָ. מען האָט זיך בעשײנפערליך אײנגעהאַלטען צוליעב דיא געסט.

נאָך מענדלען איז ארויף אויף דער בימה דוד ליטװאַק. אויף זײן פּנים איז געלעגען א טיעפע ערנסטקײט. בעת ער האָט אָנגעהויבען מיט א קלאָהרע הויכער שטימע צו זאָגען:

„מײנע פרײנד! איהר װעט מיך אויסהערען, איהר װײסט דאָך, אז איך שטאַם אָב צוגלײך מיט אײך פון א פעלדארבײטער, צוגלײך מיט אײך האָב איך געבען מײן פאָטער געאַקערט און געדײנגט דאָס פעלד, מיר האָט אָבגעגליקט און מײן מצב האָט זיך געהויבען, איך װײס אָבער דיא שמערצען און לײדען פון

לאנדסמאן; איך וויס, וויא עס איז אייך אויף'ן הארצען, און פון דעססטוועגען זאג איך אייך, מענדעל איז אונגערעכט.

ערשטענס קלעהרט קיינער ניט עפעס צוצונעהמען פון אייך, וואס געהערט צו אייך. און ווען איינער זאל זיך דערוועגען דאס צו טהון, וואלט איך געוועזן דער ערשטער, וועלכער וואלט געשטריטען פאר אייך ביז צום לעצטען אטהעמצוג. נײן, קיינער קלערט גאר ניט צוצונעהמען פון אייך דיא רעכטען, וועלכע איהר האט פערדיענט כשר וישר. דיא פירות פון אייער ארבייט זאל בלייבען ביי אייך און זאלען זיך נאך מעהרען. די פראגע זעהט גאר אנדערש אויס, ווי מען שטעלט זיא אייך פאר.

מענדעל מיינט דאס מיט'ן גאנצען הארצען, ער לעבט אבער אין טעות, ערשטענס איז א טעות, ווען ער מיינט, אז אלע דיא עשירות וואס ער זעהט ארום זיך האט איהר דאס געמאכט מיט אייערע אייגענע הענד. אייערע הענד האבען דאס געמאכט, אבער ניט אייערע קעפ האבען דאס אויסגעטראכט. איהר זייט אפילו גאט צו דאנקען, ניט אזוי אונוויסענד, וויא דיא פויערים אין פריהערהע צייטען אין אנדערע לענדער, איהר ווייסט אבער פארט ניט דיא אבשטאמונג און דיא גע־שיכטע פון אייער היינטיגען גליקליכען מצב. וואס איז ניידארף? ווער עס זעהט דאס צום ערשטען מאהל און קען ניט דיא געשיכטע פון דער דאזיגער קאלאניע, קען זיך נאר וואונדערען אדער זיך פרעהען, דאס אויף דעם אלטען שאסעע פון די ראמער, וועלכע געהט קיין טבריה, אין וואדי רומאנע געפינט זיך אין אזא בלי־הענדער ארט. איך בין היינט ארויסגעפאהרען מיט צוויי הערען, און איך בין שטאלץ געוועזן, זיי צו קענען וויזען אונזער רייכטהום און פוך, אונזערע לאנקעס אין גערטנערשולען, אונזערע גרינע באיארעס און פראכטיגע געפוצטע הייזער. אונזערע פעטע בהמות און אונזערע מאשינען, דיא בעוואססערונג פון לאנד און דיא פעלדער אויף דעם ארט פון אמאליגע זומפען. איך האב געזאגט „אונזערע", האטש איך פערמאג דא ניט קיין איינציגע בהמה, קיין שום שטיקעל פלאץ. אלע געהערט אייך, אבער איך פיהל זיך אזוי וויא אין דער היים, און רעד בלשון רבים „אונזערע". און ווען דיא דאזיגע הערען וועלען מיר פרעגען, ווער האט דאס אלץ בעשאפען אין א משך פון צוואנציג יאהרען, וועל איך ענטפערען צו גלייך מיט אייך: מיר, מיר מיר.

אמת, אבער וויא? צו זיינען מיר, וויא מענדעל זאגט, געקומען און דאס פשוט אליין בעשאפען מיט דיא צעהן פינגער? מיט דיא צעהן אונגעלומפערטע פינגער, וועלכע זיינען פריהער גאר ניט געוועזן מסוגל צו ערדארבייט? וויא חא־

I אלטנייאנד.

בען מיר דאָס געקענט אויספיהרען, בעת אנדערע האָבען דאָס פריהער ניט גע־קענט ? ווענינגסטענס, איז דאָס ביז צום סוף 19־טען יאהרהונדערט, בעת דיא דייטשע פראָטעסטאנטישע פויערים זיינען געקומען — קיינעם ניט געלונגען צ־מאכען פרוכטבאר דיא ערד. און אזעלכע געניטע לאנד־ארבייטער האָבען מיר נאָכגעטהון און נאָך זיי אריבערגעיאָגט, וויא קען דאָס געמאָלט זיין ?

אמת, איהר האָט געארבייט מיט דיא התלהבות, אויף ועלכע עס זיינען נאָר מסוגל יודען, וואָס זיינען צוגעבונדען צו זייער היילינ לאנד. פאר אנדערע איז דאָס געוועזן א אונפרוכטבארעס לאנד, פאר אונז איז עס געוועזן א גוט פעט שטיק ערד, ווייל מיר האָבען זיא דורכנעצט מיט אונזער טרייער ליעבע צו איהר. שוין מיט 30 יאהר צוריק האָבען דאָס בעוויעזען אונזערע ערשטע קאָלאָניסטען. אָבער דיא קאָלאָניעס אלס ווירטשאפטען האָבען גאָר ניט געהאט קיין ווערדע, ווייל זיי זיינען געוועזן געבוים אויף א פאלשען יסוד. זיי אלע האָבען מיט זייערע נייע מאַ־שינען מעהר ניט געקענט עררייכען וויא דאָס וואָס דיא אלטע דערפער אין אייראָפּא. איהר אָבער האָט בעשאפען א מוסטער פון א ניימאָדנעם דאָרף, און דאָס האָט איהר ניט געמאכט מיט דיא הוילע צעהן פינגער.

איהר וועט זיך אויסלאכען, ווען איך ועל אייך זאָגען, אז ניידאָרף האָט מען נאָר ניט געבוים אין פאלעסטינא, זאָנדערן ערגעץ וואו אנדערש. עס איז גע־בוים געוואָרען אין ענגלאנד און אין אמעריקא, אין פראנקרייך און אין דייטש־לאנד. דאָס האָט זיך אויפגעבוים פון ערפאהרונגען, פון קענטניסע פון ביכער און פון פאנטאזיעס. אלע נסיונות פון פראקטישע און אונפראקטישע מענשען, וועלכע האָבען אייך געדיענט און אייך אָנגעוויעזען דעם וועג, חייבט איהר אפילו ניט אָן צו קענען און צו וויסען.

א מאָהל זיינען געוועזן פויערים, וועלכע זיינען געוועזן מתמידים אין דער אר־בייט וויא איהר, און זיי האָבען זיך פאָר ניט געקענט דערשלאָגען צו א חיונה אָהן דאגות. דער אמאָליגער לאנדסמאן האָט נאָך ניט געקענט דיא כוחות פון זיין איי־גען שטיק ערד,ער איז געוועזן פויל צו לאָזען אונטערזוכען חעמיש זיין שטיק לאנד. ער האָט נאָר געארבייט און געשוויצט, אָנגעוועגדט מעהר קראפט וויא נויטהיג איז, אָדער וואו מען האָט דאָס ניט נעדארפט, און האָט בענוצט דיא ערנ־סטע מיטלען דערצו. דער אמאָליגער פויער האָט ניט געקענט שפּאָרעוודיג אר־בייטען, ווייל ער איז געשטאנען אין א נעדיכטען טומאן, בעת מען זעהט ניט דריי טריט ווייט פון זיך. צו האָט ער געדארפט קרעדיט אויף פערבעסערונגען, פלעגט ער אריינפאלען אין דיא הענד פון דיא וואָכערניקעס, און דאָס געועטעניש

האָט ניט געקלעקט אויף אָבצוצאָהלען דעם חוב, וואָס איז שטענדיג געוואָקסען. ער איז ניט געווען פערזיכערט ביי דער אסעקוראַנץ קעגען האָגעל־וועטער און אנדער שלעכטע סבות. צו בעוואסערן אָדער אויסצוטריקענען זיין לאנד האָבען ניט געסטייעט זיינע מיטעל. אין א ניט געראָטענעם יאָהר פלעגט ער פערארעמט ווערען, און ווען דאס גערעטעניש איז געווען גרויס, איז ער דערפון ניט רייכער געוואָרען ווייל ער האָט ניט געהאט פערבינדונגס מיטעל, צו ברענגען אליין דיא תבואה אויפ׳ן וועלט־מארק. ער האָט געהאט אָדער צופיעל אָדער צו וועניג העלפערס ביי דער ארבייט. זיינע הונגעריגע קינדער האָט ער ניט געקענט געבען לערנען, און זיי פלעגען אויפוואקסען פערחמור׳ט וויא ער און זיינע אבות, און בשעת עס האָבען זיך בעוויזען די נייע גרויסע פערבינדונגס מיטלען, וויא באהנען, עלעקטרישע און אנדערע, האָט זיך אויסגעראכט, אז זיי זיינען נאָר דערצו דאָ צו מאכען א תל פון דעם קליינעם לאנדסמאן. אין מאנכע לענדער איז דער אקערבוי צוזאמענגעשמאָלצען אין איינצעלנע גרויסע גיטער. דיא מאשינען פלעגען בערייכערען דעם גרויסען גוטסבעזיצער (פּאָמיעסטשיק) און דעם קליינעם נאָך אָרעמער מאכען. א נייע פאנסטשינע (קנעכטשאפט) איז בעשאפען געוואָרען. דער פרייער פויער איז געוואָרען א פעלד־קנעכט ביים גרויסען גוטסבעזיטצער און זיינע קינדער פלעגען זיך פערדינגען פאָר לאָהן אין דיא פאבריקען.

דיא אמאָליגע געזעלשאפט מיט איהרע פיתרונגען איז געשטראָפט געוואָרען מיט דעם אונגליקליכען מצב פון איהרע פויערים, און א סך עהרליכע און טיעפבליקענדע מענשען האָבען דערויף געזיפצט, געזוכט צו דערנעהן נענויער דיא סבות פון דעם מצב,געפרובט אָנוועגדען פערשיעדענע מיטלען. אלץ וואָס דיא ווי־סענשאפט און דיא ערפאהרונג האָט נאָר געוואוסט האָט מען אָנגעווענדעט. און איין זאך זיינען אלע געווען איינפערשטאנדען, אז אין א דור פון מאשינען, אייזענבאהנען און עלעקטריציטעט מוז מען זיך סטארען צו בייטען דיא בעדינגונגען פון דער מענשליכען ארבייט, לויט דעם נאָך, וויא עס פאָדערן אונזערע נייע קענטניסע פון דיא קרעפטען אין דער נאטור. דאָס ניינצעהנטע יאָהר־הונדערט האָט אויפגעצויגען א הינקעדיגען דור.

אין אָנפאנג פון דעם 19־טען יאהרהונדערט האָט מען אָבגעגעבען כבוד דיא גרעסטע בעלי־חלומות און דיא פראקטישע ערפינדער האָט מען געהאלטען פאר משוגע. נאפאָלעאָן דער גרויסער האָט ניט געגלויבט, אז פולטאָנס דאמפף־שיף קען ברענגען א מאָהל אימיצען א נוצען. דערפאר אָבער האָט אזא צומישטער מוח וויא פוריע געקראָגען א סך אָנהענגער פאר זיינע פלענער, וואָס האָבען ניט גע־

האָט קיין שום ווערדע. סטעפענזאָהן, דער, וועלכער האָט איינגעפיהרט די אייזענ־באהן, און קאבעט, וועלכער האָט גע'חלומ'ט פון אי קאריען, האָבען געלעבט אין איין צייט. איך קען אייך אָנרופען נאָך א סך אנדערע נעמען, פון וועלכע איהר הערט אפשר צום ערשטען מאָל".

אלע האָבען זיך צוגעהאָרכט צו דוד'ס ווערטער, וואָס איז מעהר געווען א בילדונגס לעקציאָן ווי א פּאָלקסרעדע, רוהיג און שטיל. איצט אָבער, בעת דוד האָט אויף א רגע אָבגערוהט, האָט זיך מענדעל אויפגעהויבען און האָט מיט א סטאָטיק אָבער הויך געזאָגט:

„רעד צו דער זאַך! וואָס פאר א שייכות האָט דאָס מיט ניידאָרף?"

דוד האָט געלאסען געענטפערט:

„א גאנץ גרויסע, מיינע פריינד! איטליכע נייענטדעקטע מאשינע פלעגט בעשאפען א נייעם סאָציאליסטישען חלום. דאָס פאָריגע יאהרהונדערט דאכט זיך מיר אויס וויא א גרויסע פאבריק, וואו שכל'דיגע מאשינען זיינען געלעגען אין די הענד פון אונגליקליכע מענשען. פון דיא פאבריק קוימענס פלעגען זיך אויפהויבען געדיכטע וואָלקען פון רויך צום הימעל, וואָס איז א מאָהל געווען בלוי. וויא דיא וואונדערליכע, משונה'דיג אויסזעהענדיגע רויכוואָלקענס, וואָס פלעגען צו־פליסען און ווערען פערוועהרט אין דער לופט, האָבען א פנים געהאט דיא נבואות פון דיא דאמאָלסטדיגע סאָציאליסטען, און ווען דיא מענשען פלעגען אויפהויבען זייער בליק אין דער הויך, פלעגען זיי שוין ניט זעהען דעם אמאָליגען הימעל, זאָנדערן דיא רויך וואָלקענס פון סאָציאליסטישע משיח'ס צייטען.

עס זיינען אויך געווען וואָלקענס אין רויזענפארב וויא, למשל, דער בע־ריהמטער וואָלקען פון אמעריקאנער ב ע ל א מ י, וועלכער האָט אין זיין בוך „א בליק פון יאָהר 2000 צוריק אויף דאָס יאָהר 1887" אונז פאָרגעשטעלט א ערעלע קאָמונסיטישע געזעלשאפט: אין דער געזעלשאפט קען איטליכער עסען פון זיין שיסעל וויא פיעל דאָס הארץ געלוסט. וגר זאב עם כבש (שעפּס און וואָלף וואָהנען צוזאמען), שעהן, גאנץ שעהן. נאָר דאמאָלס זיינען דיא וועלף שוין מעהר קיין וועלף ניט, און דיא מענשען זיינען שוין מעהר ניט קיין מענשען. נאָך ב ע ל ל א־מ י איז געקומען דער בעל חלומות ה ע ר צ ק א און האָט געשריעבען זיין חלום וועגען א גליקליכע צוקונפט פאר אלע מענשען אין דעם בוך „פריילאנד". זיין פלאַן איז א פראַקטישע קונצשטיק, פון דעם סאָרט וואָס מען קען פערגלייכען מיט דיא געניטקייט פון א כישוף מאכער, וועלכער ציהט ארויס פון היטעל בלומען, טויבען, אייער, זייד, קופער און מעש. דאָס זיינען שעהנע חלומות; אויב איהר

ווילט, זיינען דאָס לופט־באלאָנען, וואָס לאָזען זיך ניט קירעווען. ווייל דיא ווערק פון דיא ערדלע בעלי חלומות, דורכגעדרונגען פון מענשענליעבע, האָבען איין חסרון: זיי בעווייזען דיא ריכטיגקייט פון זייערע ווערק מיט אזעלכע טעמים, וואָס דארפען נאָך אליין בעוויעזען ווערען. זיי בויען אויף דעם געדאנקען, דאָס דיא מענשען זיינען שוין גענוג דערוואקסען און גענוג פריי אין זייערע מיינונגען, בקיצור אז דיא מענשען פערמאָגען אלע מעלות, וועלכע עס זיינען נויטה׳ג ביי דער גרינדונג פון א נייער בעסערער געזעלשאפט. און אפשר האָבען זיי געוואוסט זיינע פעהלער נור זיי האָבען אומישנע אָנגענומען א פעסטען פונקט, אויף וואָס זיי זאָלען קענען בויען דיא פאָרשטעלונג פון א געזונדער, עהרליכער, איידעלער, פרייער מענשליכער חברה? זיי האָבען געמיינט, אז דיא מאַשינע איז דיא הויפּטזאכע, בכדי צו בעשאפען א נייעס. ניין, דיא הויפּטזאכען איז דיא קראפט, נאָר דיא קראפט, וויא אמאָל אזוי איצט. עס פערשטעהט זיך, אז ווען מען בעזיצט שוין דיא קראפט, ווער איך צוליעב דיא נייעסטע ערפינדונג זיא קענען אָנווענדען אין א העכערן גראד. מיר אָבער האָבען בעזעסען אָט די קראפט. פון וואַנען האָט זיא זיך ביי אונז גענומען? פון דער גערעכטיגקייט, אין וועלכע מיר זיינען שטענדיג געווען און וועלכע האָט געדריקט אויף אונז פון אלע זייטען, פון אונזערע צרות, נויט און רדיפות. דיא רדיפות האָבען צוזאמענגעפּרעסט דיא צושפּרייטע און צוזייטע, זיינען געווען דיא סבה פון אונזער אחדות און אונז שטארק געמאכט, ווייל ניט נאָר דיא אָרעמע זיינען געקומען, נאָר אויך דיא רייכע; ניט נאָר דיא יונגע לייט נאָר אויך דיא חכמים דיא זקנים; ניט נאָר בעלי חלומות נאָר אויך דיא געלערענטע; ניט נאָר דיא הענד נאָר אויך דיא קעפּ. א פאָלק, א גאַנץ פאָלק האָט זיך צונויפגעקליעבען, אָדער נאָך בעסער, האָט זיך ווידער צוזאמענגעטראָפען. און מיר האָבען בעשאפען דיא נייע געזעלשאפט ניט דעריבער, ווייל מיר זיינען געווען בעסערע מענשען, נאָר דערפאַר ווייל מיר זיינען געווען פּשוטע מענשען מיט דיא געוועהנליכע מענשליכע בעדערפעניסען, וואָס פאָדערן לופט און ליכט, א געזונדען גוף, א לעבען בכבוד, סוחרישע פרייהייט און דיא אחריות, אז דאָס וואָס איך האָב — געהערט מיר. און אזוי וויא מיר האָבען געמוזט בויען א נייעם בנין, האָבען מיר ניט געבויט נאָך דיא פּלענער פון 1900 און ניט נאָך דיא פּלענער פון 1800, אָדער 1600, אָדער נאָך עפּעס אנאנדער פּלאן פון פערצייטיגע דורות. מען דארף אונז דערפאַר ניט גלעטען איבער׳ן בעקיל, מיר האָבען ניט געטהון קיין נסים, מיר האָבען נור געטהון דאָס, וואָס אונזער דור, אונזער מצב האָט געפאָדערט פון אונז מיט געוואלט, מיט נויטווענדיגקייט“.

מענדעל האט פערלארען דיא געדולד און האט ווייטער אנגעהויבען צו רעש'ן:

„רעדט צור זאך צור זאך!"

דוד האט פריינדליך געענטפערט:

„איך בין באלד פערטיג, ווייל איך ועל אייך נאך ווייזען דעם אנהויב פון אייער היינטיגען מצב. אייער קאלאניזאציע אין אנפאנג וואלט גאר א אנדער פנים געהאט, ווען ניט דיא ערפאהרונגען און דיא חברה'שע ארבייטען פון 19־טען יאהרהונדערט. אייגצעלנע יודען האבען א אנטייל גענומען ביי דיא שינוים פון חברה'שען לעבען אין איירָאפא, אבער ניט דיא יודען אליין. דאס וואס איז ארויסגעקומען צליעב אלעמענס אנשטרענגונגען צוזאמען טאר קיין נאציאן דאס ניט אנרעבענען נאר זיך אליין. דאס געהערט אלע מענשען. דיא וועלכע האבען א דאנקבאר הארץ און א תשוקה אלץ צו דערגעהן, וועלען אפשר ועלען וויסען, ווער זיינען געוועזען דיא קאפ מענשען וועלכע האבען געפונען דיא נייע שטעגען פאר דעם מענשליכען כלל. דיא אנגלאזאקסען, מיינע פריינד, זיינען געוועזען דיא ערשטע, פאר זיי דארפען מיר זיך בוקען, ווייל ביי דיא ענגלענדער געפינען מיר דיא ערשטע פראבען פון שותפישע אונטערנעהמונגען, וואס מיר האבען דאס אי־בערגענומען און ווייטער אויסגעברויט. דיא דייטשע וויסענשאפט האט אונז גע־געבען טיפע ביאורים און הגהות דערצו. און אויב איינער פון אייך וויל זיך דער־מיט גענויער בעקאנען, ועל איך איהם אנווייזען אויף דיא ביכער וועגען דיא געשיכטע פון שותפשע און חברה'שע אונטערנעהמונגען אין ענגלאנד, דייטשלאנד און פראנקרייך".

א יונגער פויער האט אויפגעהויבען דיא האנד, וויא ער וואלט וועלען עפעס זאגען.

פריעדמאן האט דאס דערזעהען און הויך געפרעגט:

„וואס ווילסט דו יעקב?"

דער בחור איז געווארען רויט, ווייל ער האט זיך באלד אליין דערשראקען צו וואס ער דערוועגט זיך, און ער האט מיט א עניו'שע שטימע געזאגט:

„איך האב נאך געוואלט זאגען הערען ליטוואק, אז מיר האבען אין אונ־זערע קהל'שע ביבליאטהעק „דיא געשיכטע פון פיאנערען אין ראקדעל".

„ניט דאס מענדלען דורכצולייענען", האט דוד געענטפערט.—„דאס איז א שעהנע און א ניצליכע געשיכטע. דיא לייטישע פיאנערען פון ראקדעל, וויא מען רופט זיי, האבען א סך געטהון פאר אייך. דאס הייסט, זיי האבען דערביי געהאט

נור זיך אין זינען. ווען איהר געהט היינט אריין אין דיא חברה'שע קראָמען פון לעבענסמיטעל און איהר קריעגט דיא בעסטע סחורה צו דיא וואָלוועלסטע פּריי־זען, האָט איהר דאָס נאָר דיא פּיאָנערען פון ראָקדעל צו פערדאנקען. און אויב אייער ניידאָרף איז היינט דיא רייכע חברה אויף אויסאַרבייטען און פערקויפען פון אלערליי לאנד־פּראָדוקטען. — האָט איהר דאָס צו פערדאנקען דיא אָרעמע פעכטערס פון רעהעליין אין אירלאנד. זיי האָבען אויך ניט פערשטאנען, וואָס פאר א וויכטיגע טהאט זיי זיינען בעגאנגען, בשעת זיי האָבען אין 1831 געגרינ־דעט דאָס ערשטע נייע דאָרף אין דער וועלט, מיט דער הילף פון זיינע גוטסבעזיצער וואנדעלער. נאָך מעהר יאהרען זיינען פערביי, איידער דיא געלערענטע און דיא חכמים האָבען פערשטאנען דיא נייע אידעע פון רעהעליין. ראָקדעל מיט דיא חברה'שע קראָמען פאר לעבענסמיטעל האָט מען א סך פריהער פערשטאנען, ווי דיא וויכטיגקייט פ.ון דאָרף רעהעליין, וואָס האָט אין שותּפישען אופן אויסגעאַר־בייט און פערקויפט דיא אייגענע לאנדפּראָדוקטען. בשעת מיר האָבען אָבער געגרינדעט אונזער נייע געזעלשאפט, האָבען מיר, פערשטעהט זיך, איינגעפיהרט דיא יסודות פון נייעם דאָרף, איידער זיך אָנצוקוועלען מיט דיא יסודות פון אלטען פערצייטיגען דאָרף אליין וואָס איהר זעהט דא אין ניידאָרף, איז שוין געווען אין רעהעליין. דער חילוק איז נאָר דער, דאָס אָנשטאָט מיסטער וואנדעלער שטעהט איהר אונטער דער השגחה פון דער גרויסער חברה, וואו איהר זייט אויך מיט־גליעדער; אונטער דעם שוץ פון דער נייער געזעלשאפט".

נאָך אמאָל האָט יענער יונגער פויער אויפגעהויבען דיא האנד, און בשעת דער רעדנער האָט פערוואונדערענדיג זיך אָבגעשטעלט האָט ער מיט עניות געזאָגט:

„צו וועט איהר אפשר אזוי גוט זיין, אונז דערצעהלען דיא געשיכטע פון רעהעליין און וואנדעלער, הערר ליטוואק?"

„מיט דעם גרעסטען פערגעניגען, מיינע פריינד!.... צו יענער צייט איז איר־לאנד געווען א אָרעמע לאנד מיט אונגליקליכע איינוואָהנער. דיא פעכטער פון לאנד זיינען געווען אָרעמע שלעפּערס, גנבים און גזלנים. עס איז געווען דאמאָלסט א גוטסבעזיצער מיט'ן נאָמען וואנדעלער. ביי איהם אויף דיא גיטער זיינען דיא פעכטער געווען פשוטע רוצחים. אין אָנפאנג פון 1831 איז דיא נויט געווען זעהר גרויס. דיא דאָרפסלייט האָבען פאר הונגער אָבגעטהון עטליכע שרעקליכע רציחות. וואנדעלער האָט געהאט א עקאָנאָם, וועלכער איז געווען זעהר שטרענג אין בע־נעהמען זיך מיט דיא ארבייטער, און זיי האָבען געטראָגען אויף איהם א שרעקלי־

כע שנאה. פון פערצווייפלונג האבען זיי איהם אוועקגעהרגה'ט. וואס האט געטהון וואנדלער? א העלדענטהאט. אנשטאט דיא ארבייטער נאך ערגער צו בעהאנדלען איז איהם איינגעפאלען א געדאנק זיי גוטעס צו טהון. ער האט צוזאמען גערופען דיא פערארעמטע שלעפערס, זיי פעראייניגט צו איין ארבייטער חברה, און האט זיי אוועקגעגעבען זיין גוט רעהעליין אויף ארענדע. דער צוועק פון דער חברה איז בעשטאנען דארין, דאס זיי זאלען שותפיש בענוצען איין קאפיטאל, זיי זאלען זיך איינער דעם אנדערען העלפען, זעהן בעסער צו לעבען, זייערע קינדער בעסער צו ערציהען. די זאפאסען (פאראטהען) און די געווערקצייגען געהערען אזוי לאנג צום גוטסבעזיצער ביז דיא חברה וועט זיי אויסצאהלען. דעריבער זאל דיא חברה דיא רייכע רוחים קלייבען אין א בעזונדערען פאנד. דיא חברה קלייבט אוים פון זיך אייגענע משגיחים און פיתרערס. דיא חברה האט אויסגעקליבען צווישען זיך זייערע חברים א קאמיטעט פון 9 מענשען. איטליכער פון דיא 9 האט געהאט אונטער זיך א אייגענע קאמיסיע: איינער פאר לאנדווירשאפט, דער אנדערער פאר פאבריקאציע, דער דריטער פאר דיא האנדעלם עסקים, דער פיערטער א שול־קאמיסיע א. ז. וו., דאס קאמיטעט האט בעשטימט דיא טעגליכע ארבייטען. איטליכער האט געמוזט ארבייטען לויט זיינע קרעפטען. דער לוין, וואס דיא חברה־לייט פלעגען קריעגען, איז געווען דער געוועהנליכער לוין אין דיא ארומיגע דערפער. פון זייער לוין פלעגט מען קלייניגקייטען אבציהען פאר דיא קראנקענקאסע און דאס גלייכען. פון אויסען געזעהן זיינען דאס געווען לוינארבייטער ביי א רענדאר, אין דער אמת'ן אבער זיינען זיי געווען זייערע אייגענע רענדארעס, וואנדעלער האט נאר גענומען פאר זיך דאס רעכט, צו האבען אויף דיא חברה דיא אויבערשטע השגחה. און דיא פראבע האט משונה'דיג גוט געלונגען. וואנדעלער האט ארוסגעצוגען פון זיין גוט מעהר ארענדע געלד און צינזען, וויא פריהער, און דיא ארבייטער, וועלכע האבען פריהער געלעבט אין נויט און שמוץ, האבען געקראגען פלעציליך גאר אחן א איבערגאנג א נייע אויסזעהן. גאר ניט צו דערקענען. זיי האבען געקריעגען חשק צו דער ארבייט, און דיא פרנסה פון איטליכען בעזונדער און געוואקסען פון טאג צו טאג. זיי האבען געוואוסט, אז זיי ארבייטען פאר זיך און דאס האט זיי צוגעגעבען נאר וואונדערליכע כחות. דיא אייגענע ארבייטער פון רעהעליין, וועלכע האבען גע'חרג'ט זייער עקאנאם, האבען איצט געמאכט דיא שווערסטע ארבייטען, אן עמיצענס השגחה דערביי. ווייל אלע זיינען געווען אונטער אלעמענס השגחה. מען האט געפיהרט א בוך, וואו עס זיינען געווען פערצייכענט איטליכענס ארבייטס־צייט און דיא סארט ארבייט פון איטליכען בעזונדער

נאָך דיא ווערדע פון דער ארבייט. און צום סוף וואָך האָט יעדער געקריעגען גענוי אזוי פיל, ווי פיל ער האָט אין דער אמת'ן פערדינט. ניט אלע האָבען גלייך פערדיענט. דער געניטערער, דער וואָס האָט מעהר געארבייט האָט מעהר פערדיענט, וויא דער פוילער און לאנגזאַמערער".

„בראוואָ!" האָט עמיצער פון עולם א געשריי געגעבען. מען האָט זיך פער־נאנדערגעלאכט.

דוד האָט אָבער ווייטער גערעדט:

„מען האָט באלד בעמערקט, אז א ארבייטער פון רעהעליין ארבייט דורכ־שניטליך אויס דאָס דאָפּעלטע פון דיא לוין־ארבייטער אין דער ארומיגען געגענד און דאָס איז דאָך געווען דיא איינענע סאָרט ערד, דיא איינענע מענשען. זיי אָבער האָבע געפונען דעם ריכטיגען פתרון; דעם געדאנקען צו גרינדען א חברה, וועלכע זאָל שותפיש אויסארבייטען און פערקויפען זייער לאנד און אנדערע ארבייטס־פּראָדוקטען. דיא לוין האָט מען ניט געצאָהלט מיט געלד, נאָר מיט צעטלעך, וועל־כע האָבען נאָר געהאט א ווערדע פון געלד אין קראָם פון רעהעליין, אָבער אלץ, וואָס זיי האָבען געוואָלט פלעגען זיי קריגען אין זייער קראָם, וועלכע איז אויך גע־ווען א חברה'שע זאך. אין קראָם זיינען נאָך געווען דיא בעסטע סחורות, צו אָנלגע פּרייזען. דיא געשיכטס־שרייבער דערצעהלען אונז, אז דיא ארבייטער פון רעהע־ליין האָבען אלץ געקויפט אין זייער קראָם מיט 50 פּראָצענט ביליגער, וויא אר־מעטום. יעדער חברה־מאן איז שטענדיג געווען זיכער צו קריעגען ארבייט, און איטליכער האָט געמעגט זיכער רעכענען צו קריעגען אויסגעצאָהלט דאָס גאנצע יאהר אין צייטען פון קראנקהייט זיין געוועהנליכען טעגליכען לוין פון דעם אויס־האלטונגספאָנד. קראנקע און אלטע פלעגט מען קורירען און שטיצען. און ווען א פאמיליען־פאָטער פלעגט שטארבען, פלעגט מען זאָרגען פאר זיינע קינדער....

אָבער צו וואָס זאָל איך דערצעהלען זאכען, וואָס איהר קענט דאָס געפינען בעסער בעשריעבען אין פערשיעדענע ביכער? איך וועל אייך גלייכער שיקען דיא ביכער פון אועב־ספּאָטער, אָפּענהיימער, זייפערט, הובערט און נאָך פון א סך אנדערע קעפּמענשען".

צו דריטענמאָהל האָט יעקב ליטוואקען איבערגעשלאָגען דיא רייד:

„הערר ליטוואק, וויא האָט זיך רעהעליין ווייטער ענטוויקעלט?"

דוד האָט געענטפערט:

„אין א משך פון צוויי יאהר האָט רעהעליין געבליהט מיט איטליכען טאָג אלץ מעהר און מעהר. דיא וואָהנונגען, דאָס מעבעל, דאָס עסען, דיא קליידער,

דער ארם לעבען און וויא מען האָט דיא קינדער ערצויגען, אלצדינג האָט געוויזען
אין וואָס פאר א הויכען מצב עס געפינען זיך דיא פויערים פון רעהעליין. דיא
יאהריגע רוחים זיינען אריבערגעוואקסען דאָס ארענדע געלד, און דיא חברה־לייט
פון רעהעליין וואָלטען געווים אין א קורצע צייט אויסגעקויפט דאָס גוט, — ווען
מיסטער וואנדעלער וואָלט זיי ניט געלאָזען אין שטיך. וואנדעלער האָט אין דוב־
לין ביים קאָרטען־טישעל פערלאָרען זיין גאנצעס פערמעגען, און ער איז ענטלאָ־
פען אין אמעריקא. דיא גליקליכע אינזעל איז ווידער פערזונקען אין א ים פון
צרות און נויט... אָבער דער מוסר, וואָס מען האָט זיך אראָבגענומען פון רעהעליין
איז ניט געגאנגען לאבוד. דיא וויסענשאפט האָט פערצייכענט דיא געשיכטע פון
רעהעליין, און בשעת מיר האָבען אונזער פאָלק צוריק געבראכט אין דאָס געליעב־
טען לאנד פאלעסטינא, האָבען מיר בעשאפען טויזענדער רעהעליינס דערפער.
אויף א וואנדעלער, אויף א יחיד האָט מען זיך ניט געטאָרט מעהר פערלאָזען, א
גאנצער כלל האָט זיך דערצו געמוזט נעהמען, און דער כלל איז אונזער נייע גע־
זעלשאפט. זיא איז אייער פריץ, וועלכער האָט אייך געגעבען לאנד, געווערקציי־
גען דעם היינטיגען מצב אייערען. דיא נייע געזעלשאפט האָט דאָס אויך ניט בע־
שאפען פון זיך אליין, מיט'ן אייגענעם שכל פון איהרע פיהרער און דיא מיטלען
פון דיא גרינדערס. דיא געזעלשאפט איז געבוים אויף דיא יסודות פון געדאנקען
און אידעען, וועלכע זיינען בעשאפען געוואָרען פון אלע געבילדעטע נאציאָנען אין
איינעם. צו פערשטעהט איהר איצט, מיינע פריינד, וואָס איך מיין דערמיט?
עס וואָלט געווען א מדה רעה, ווען מיר וואָלטען פערוועהרען עמיצען, פון וואָס
פאר א נאציאָן און אמונה ער מעג זיין, אנטהייל נעהמען אין דיא גוטסקייטען,
וואָס מיר האָבען פערזיים און פערפלאנצט אין אתזער נייעם לאנד. מיר שטעהן
אויף דיא פלייצעס פון אנדערע פעלקער. וויל זיך עמיצער פון זיי צו אונז בעהעפ־
טען, וויל ער אויף זיך נעהמען דיא פליכטען פון אונזער געזעלשאפט, טאָ זאָל ער
אויך האָבען דיא אייגענע רעכטען וואָס מיר. דאָס וואָס מיר בעזיצען פערדאנקען
מיר נאָר דער פריהערדיגען ארבייט פון מענשען, פון אנדערע נאציאָנען. דעריבער
זיינען מיר מחויב אָבצוצאָהלען א אלטען חוב. און דאָס קענען מיר טהון אין איין
אופן: ניט זיין קיין קנאים, טאָלעראנט זיין. מיר מוזען זיך מיטץ איינחזר'ען אין
הארצען: איטליכער מענש איז מיין ברודער!"

דער אלטער ר' שמואל האָט זיך אויפגעהויבען און מיט ציטערדיגע הענד
האָט ער געפאטשט „בראוואָ" ליטוואקען פאר זיין רעדע. דער עולם איז אויך
ארויס פון דיא כלים. מיט גליקליכע פנים'ער האָט מען דוד'ן ארומגערינגעלט,

בעת ער האָט געוואָלט אראָבגעהן פון דער בימה. אָבער מענדעל האָט א געשריי געגעבען, אז ער האָט פערהילכט דיא אויערען:

„דאמאָלסט וועלען אָבער דיא פרעמדע לייט קומען און אויפעסען אונזער לעצטען שטיקעל ברויט".

דוד האָט זיך אומגעקעהרט צום עולם און געגעבען א וואונק, אז ער וויל נאָך עפּעס זאָגען:

„ניין מענדעל. דאָס איז א טעות. דיא פרעמדע לייט וועלען אייך ניט מאכען אָרעמער, נאָר רייכער. דיא רייכקייט פון א לאנד העננט אָב פון דער צאָהל מענ־שען וואָס ארבייטען. וואָס מעהר עס וועלען קומען ארבייטער, אלץ מעהר עשירות וועלען אייך צוקומען, אויב עס וועלען זיך נאָר ניט ענדערען דיא הויכע סדרים און פיהרונגען פון דער נייער געזעלשאפט. עס פערשטעהט זיך, אז איהר טאָרט ניט אויסליפערען דיא שפעטערקומענדיגע אייערע פעלדער און אייערע רעכטע, וואָס איהר האָט זיך דערוואָרבען. אָבער אקוראט, וויא עס איז ניצליך פאָר נייר־דאָרף, ווען עס בילדען זיך ביי זיי קאָנטען נייע דערפער, אזוי איז דאָס אויך ניצ־ליך פאר אונזער געזעלשאפט. איטליכער מוז אויסארבייטען דיא גוטסקייטען, וואָס ער וויל געניעסען. און וואָס מעהר גוטסקייטען, פראָדוקטען פון ווערדע ווע־רען אויסגעארבייט, ווערט דיא חברה אלץ רייכער און רייכער. דיא עלטערע לייט. וועלכע האָבען אליין דורכגעלעבט דיא ערשטע צייטען פון אונזערע גרינדונגען, ווייסען דאָס פון אייגענער ערפאהרונג. צו ערשט זיינען דאָ געוועזען עטליכע און צוואנציג פאמיליען. איך פרעג, צו איז דאָס געוועזען פאר זיי א רעה וואָס עס זיינען צוגעקומען נאָך 30, 50, נאָך הונדערט פאמיליען? איך פרעג אייך: צו זיינען דאדורך דיא אָרעמע קאָלאָניסטען אָרעמער געוואָרען, אָדער רייכער?"

דער עולם, וואָס האָט ערשט איצט אָנגעהויבען דוד'ן אין גאנצען צו פער־שטעהן, האָט אָנגעהויבען צו רעש'ען און שטורמען:

„ליטוואַק איז גערעכט, אלעמענס מצב האָט זיך פון דאמאָלסט פערבעס־סערט! אודאי בעסער געוואָרען!"

דוד האָט געענדיגט: „איהר האָט איהר דיא אנטוואָרט אויף מיין פראגע. וואָס איז נאָך נעכטען געוועזען גוט, איז נאָך היינט ניצליך. וואָס מעהר מענשען עס וועלען קומען ארבייטען אהער, אלץ בעסער וועט ווערען אייער מאטעריעלער צושטאנד. דעריבער זאָלען מיר ניט נאָר צוליעב דעם פערזאָג: ואהבת לרעך כמוך (האָב ליעב דיין אייגענעם וויא זיך אליין) זאָגען: איטליכער מענש איז מיין ברודער! נור אויך צוליעב אונזער אייגענעם גראָבען נוצען מוזען מיר זאָגען:

פרעמדער, זיי ביי מיר וויא א ברודער! דיא עלטערע צווישען אייך געדענקען נאָך, וויא ניידאָרף האָט ביי אייך אויסגעזעהן פאר 20 יאהר צוריק. דיא ערשטע קאָלאָניסטען האָבען פערנומען דאָס בעסטע לאנד. דיא ווייטערע האָבען שוין געקריגען א מיטעלע לאנד און האָבען אויך ניט צוגעלעגט דערצו. און וואָס ווייטער האָט מען צוגענומען אלץ ערגערע פאסען פון לאנד, מען האָט געמאכט פרוכטבאר, זומפען זיינען געוואָרען טרוקען און דיא שטיינינגע ערד איז געוואָרען מסוגל צו פלאנצונגען. ווייל ביי דיא גרעניצען פון א בעזעצטען אָרט ציהט אָן צו זיך אפילו דאָס שלעכטע לאנד דיא מענשליכע ארבייטסקראפט. דאָס מענשליכען אונטערנעהמונגס־גייסט. און היינט איז פון ניידאָרף געוואָרען א גאָרטען, א גרויסער, ברייטער, פּראכטיגער גאָרטען, וואו עס איז א מחיה צו לעבען. אָבער אלע אייערע פלאנצונגען זיינען א שמעק טאבאק ניט ווערטה, ווען עס זאָל גיט וואקסען ביי אייך א פרייער גייסט, א ברייטער יושר און א ליעבע צום מענשען. אָט דיא מדות טובות דארפט איהר זעהען טיעף ביי אייך איינצוואָרצלען, אָט דיא פלאנצונגען זאָלען ביי אייך וואקסען און בליהען, און אזוי וויא ביי מיר איז ניט קיין ספק, אז איהר טהוט דאָס פון זיך אליין, ניט ווארטענדיג אויף מיין עצה, רוף איך אויס פון גאנצען הארצען: ניידאָרף זאָל לעבען! הידד! הידד!"

דעם עולם האָט אָנגעכאפּט א התלהבות. „הידד ליטוואק! הידד ניידאָרף!" האָבען געשריען מענער און ווייבער. זיי האָבען ארויפגעזעצט דעם רעדנער אויף זייערע פּלייצעס, און כאָטש ער האָט זיך לאבענדיג געוועהרט אקעגען, האָבען זיי געמאכט מיט איהם עטליכע הקפות.

אין דעם טאָג האָט דאָקטאָר גייער פערלאָרען דיא שטימען (גאלקעס) פון די אויסקלייבערס אין ניידאָרף.

IV.

דוד'ס קאָמפּאניע האָט נאָך בעזוכען דיא בנינים און דיא אָרטען פון לאנד־ווירטשאפט אין ניידאָרף. מיסטער קינגסקאורט האָט זיך שטארק אינטערעסירט מיט דעם כעמישען לאבאָראטאָריום אויף צו מאכען פערשיעדענע נסיונות אין פּרובען אין דער לאנדווירטשאפט, אויך פון דעם בנין מיט דיא נייעסטע מאשינען איז ער שטארק נתפעל געוואָרען. פריעדריך לעווענבערג האָט א לענגערע צייט

פערבראכט אין דער פאקסשולע און אין דער ביבליאטהעק, וואו עס זיינען געווען א גרויסע צאהל פון פאפולער וויסענשאפטליכע ביכער. מרים, וועלכע האט וויא א לעהרערין גוט געוואוסט דיא סדרים פון שולען, האט איהם א סך זאכען ערקלערט. צוערשט האט ער זיך אויף אלץ געוואונדערט מיט א פרעהליכען הארצען, אבער שפעטער, אז ער איז דערנאנגען וויפיעל מיה און מיטלען עס ווערען אנגעווענדעט צו דערהייבען דעם גוף און דעם גייסט פון דעם אויפוואקסענדעם יונגען דור — איז ער געווארען אלץ אומעטיגער און אומעטיגער. לסוף האט ער שווער אבגעזיפצט.

„וואס איז מיט אייך געשעהען, הערר דאקטאר ? האט מרים פריינדליך געפרעגט.

„עס ווערט מיר שווער צו מוט, פריילין מרים ! איך זעה, אז איך האב פערגעסען אבצוטהון מיינע פליכטען. איך האב אויך געהאט דעם חוב מיט צו טהון, מיט צו העלפען, בשעת עס איז געקומען דיא צייט פאר אונזער פאלק אויפגעריכט צו ווערען. איך בין געווען איינער פון דיא געבילדעטע אוון האב געדארפט פערשטעהן, דאס וואס דיא צייט האט פארגעברייט. איך אבער בין געווען פערנומען מיט מיינע אייגענע נארישע וועהטאגען. איך בין אנטלאפען געווארען פון לעבען און האב פערבראכט 20 יאהר פון מיין לעבען נאריש און אהן א שום נוצען. איך קען אייך גאר ניט איבערגעבען, וויא מיר איז איצט צום מוט. איך — איך שעם זיך וויא א גנב"

זיא האט געמאכט א מינע, וויא צו וועלען איהם בערוהיגען.

„ניין, פריילין מרים,הויבט גאר ניט אן מיך צו טרייסטען. איהר מיט אייער ניצליכען לעבען קענט נאך פון רחמנות וועגען זוכען פאר מיר א טרייסט. איך שעם זיך, וואס איך בין געזעסען מיט דיא הענד אין שויס, וואס איך בין געווען אזא עגאאיסט. איטליכער געבילדעטער יוד צו מיין צייט האט געהאט אויף זיך א חוב צו ארבייטען פאר זיין אונגליקליך פאלק. וויא א אנטלאפענער זעלנער בין איך געוועז, וואס ענטלויפט פון דער מלחמה, בעת עס גיסט זיך דאס בלוט פון זיינע חברים. איהר מעגט מיך בעקלאגען, פריילין מרים, אבער האלט מיר ניט פאר א בזוי".

„אייך !" וויא קען דאס מיר גאר איינפאלען ?" האט זיא געענטפערט מיט איהר ווייכע שטימע, — „אייך, דעם, וואס האט גליקליך געמאכט אונזער גאנצע פאמיליע ?"

„איך בעט אייך, רעדט מיר ניט דערפון" האט ער געזאגט, — „איהר ווארפט

מיך נאָך מעהר ארונטער אין מיינע אויגען, בשעת איהר הויבט מיך אָן צו לױ־בען. איך ווייס שוין ביי זיך, אז איך פערדין ניט דיא שבחים אייערע. דיא גע־בילדעטע האָבען איצט געוויסע פליכטען, וויא פערציימען דיא ערעלליים. דאָס איז דיא פליכט מיט צו העלפען דעם כלל מענשען זיך צו דערהויבען צו א העכע־רער מדרגה, און וויא גוט איהר זאָלט ניט זיין צו מיר, איהר וועט מיר ניט ארויס־נעהמען פון הארצען, אז איך האָב זיך גענוג גענוג זאכען פאַרצואוואָרפען“.

„צו איז שוין צו שפעט פאר אייך א נייעס לעבען אָנצוהויבען? איהר קענט דאָך איינטרעטען אין די נייע געזעלשאפט. מען וועט אייך שוין אָנווייזען א פּלאַץ, וואו איהר זאָלט קענען ארבייטען. מיר נעהמען צו איטליכען מענשען, וואָס קען אונז נאָר העלפען אין דער ארבייט. איהר האָט דאָס אויך היינט גע־הערט פון מיין ברודער. און מיט וואָס פאר א פערגעניגען וועט מען אייך דאָ צונעהמען!“

„מיינט איהר דאָס אין דער'אמת'ן, פרייליין מרים?“ האָט ער געפרעגט מיט א גליקליכער מינע, — „איהר רעכענט, אז עס איז נאָך ניט צו שפעט? איך קען נאָך ווערען א ניצליכער מענש?

„אודאי“, האָט זיא געשמייכעלט.

א קוואל פון האָפנונגען האָט זיך ביי איהם געעפענט. ער האָט זיך פּלעצליך געפיהלט מיט 20 יאָהר אינגער. ער האָט געזעהן ארויסשפּראָצען א נייעס לעבען פאר זיך. מיט איינמאהל איז איהם עפּעס איינגעפאלען און ער האָט נאָך שטאר־קער אָבגעזיפצט:

„ניין, פרייליין מרים. עפּעס צו גוט וואָלט דאָס געווען. איך קען אָבער ניט טהון וויא איך וויל, איך טאָר דאָ ניט בלייבען, איך בין ניט פריי“.

א לייכטע בלאַסקייט האָט זיך בעוויזען אויף איהר ליעב געזיכט, און איהר שטימע האָט א ביסעל געציטערט:

„איהר זייט ניט פריי?“

„ניין, איך בין מיט איינעם א מענשען פערבונדען אויף'ן גאנצען לעבען“.

איהר שטימע האָט שוין פערלאָרען אין גאנצען דעם קלאנג: — „צו קען מען וויסען, וואָס איז דאָס פאר א מענש?“

„מיסטער קינגסקאורט“ און ער דערצעהלט איהר, וואָס פאר א בונד זיי האָ־בען צווישען זיך אָבגעמאכט. ער האָט זיך פערפליכטעט מיט זיין עהרענוואָרט, אז ער וועט קינגסקאורט קיין מאָל ניט לאָזען אליין. ער קען נאָר דאָ בלייבען, ווי

לאנג עס װעט געפֿעלען זײן פֿרײנד, און דער װעט מן הסתּם באַלד װעלען פֿאָה־רען צוריק.

מרים׳ס געזיכט איז נאָך דיא װערטער ליכטיגער געװאָרען. זיא האָט גע־פֿרעגט:

„און װען מיסטער קינגסקאָורט װעט אײך פֿרײ מאַכען פֿון דעם געגעבע־נעם װאָרט?"

„ער װעט מיר מײן װאָרט ניט צוריק געבען, סײדען אַז איך זאָל מיך בײ איהם בעטען. אָבער אַזאַ בקשה װאָלט שױן געװען אַ אונדאַנקבאַרקײט און אַ ניט־געטרײשאַפֿט אַקעגען אַזאַ פּראַכטיגען מענשען. איך האָב אױף דער גאַנצער װעלט ניט קײן בעסערען פֿרײנד פֿאַר איהם, און ער האָט אױך קײן אַנדערען, חוץ מיר. װאָס װעט פֿון איהם װערען, װען איך זאָל איהם פֿערלאָזען?"

„זאָל ער אױך בײ אונז בלײבען!" האָט מרים געענטפֿערט.

„אַזױנס איז אָבער אונמעגליך לױט דעם װיא איך קען איהם ביז יעצט", האָט פֿריעדריך ערקלערט. אין בעסטען פֿאַל קען זײן, קינגסקאָורט זאָל נאָך אַרומפֿאָהרען עטליכע װאָכען, בכדי צו בעזעהען דיא װאונדער פֿון לאַנד, דערנאָך װעט איהם מיט אַלע כּחות ציהען קײן אײראָפּאַ.

בעת זײ האָבען געפֿיהרט דעם דאָזיגען געשפּרעך האָבען שױן דיא איבריגע געענדיגט צו בעזעהן דיא סדרים און דיא בנינים פֿון נײדאָרף. אין הױז פֿון קהל׳שען פֿערטרעטער פֿריעדמאַן האָט מען אָנגעבאָטען דער גאַנצער קאָמפּאַניע אַ אײנפּאַכען מיטטאָג. מען איז נאָך געזעסען אַ ביסעל בײן טיש און געשמועסט פֿון דעם אַמאָליגען און צוקינפֿטיגען נײדאָרף. נאָר אַ קלײנע צאָהל מענשען, װעלכע זײנען שטענדיג געזעסען אין נײדאָרף, זײנען געקומען בעלײטען דיא געסט. און בשעת דער מאָטאָרװאָגען האָט זיך גענומען ריהרען האָבען געפֿלאַ־טערט דיא טיכלעך און עס האָבען זיך געהױבען דיא היט פֿון בעגלײטערס.

רעכטס און לינקס פֿון דעם לאַנדװעג האָבען זיך געצױגען גוט בעבױטע פֿעל־דער, װײן־און טאַבאַקפֿלאַנצונגען, גערטנערשולען, און אין ערגעץ האָט מען ניט געזעהן אַ פּאַס ערד, װאָס זאָל שטעהן װיסט. אין אַ קלײנעם מרחק פֿון אַ גרױ־סען פֿאָהרװעג האָבען זײ געזעהען פֿאָהרען אַ שנײדמאַשינע איבער אַ קלעװערנעם פֿעלד. פֿון צײט צו צײט איז פֿערבײגעפֿאָהרען, זיך שאָקלענדיג װיא אַ שכּור, אַ װאָגען בעלאָדען מיט הײ. מרים האָט פֿריעדריכען, װעלכער האָט װעניג װאָס גע־װאוסט פֿון פֿעלדאַרבײט, דערקלערט װאָס עס טהוט זיך אָב אין אַ געװעהנליכען טאָג אױף דיא פֿעלדער, װעלכע זײ פֿאָהרען איצט פֿערבײ. אָט דאָרטען שפּראָצען

שוין ארויס פון דער ערד דיא זאט פון זומער: מאאיס, זעזאם, לינזען א. ז. וו. אויף פארעווע פעלדער ארבייטען איצט דיא עלעקטרישע אקערמאשינען, וועלכע צואקערען איצט דיא פייכטע ערד, כדי זיא פארצובערייטען פאר דיא ווינטער זאט צו סקומענדינגען ווינטער. דעם טאבאק האט מען גראד איצט איבערגע־פלאנצט פון דיא זאטבעעטען, און דיא לייט אויפ'ן פעלד זיינען איצט געווען פערטהון דערמיט פון דיא צווי פלענצלעך, וועלכע דער פלאנצער פעראייניגט צוזאמען, דאס שוואכערע אויסצולאזען. דיא האפענשטעק האבען שוין ארויסגע־טריעבען זייערע שפראצונגען, און דיא פויערים האבען געבראכט צווייגען פון אויקאליפטוסבוימער, בכדי זיי זאלען זיין א שטיצע פאר דיא האפענשטענגליך בייז'ן ווינדרעווען זיך. אנדערע האבען צו דעם איינענעם צוועק בענוצט געפלאכ־טענע דראהטען. דיא, וועלכע האבען אבער גענומען צווייגען פון אויקאליפטוס, האבען דיא זייטיגע צווייגלעך נים ארומגעשניטען, כדי דיא געווינדרעוועטע שטענגליך זאלען זיך גוט קענען פערפלעכטען און כדי זייערע שפראצונגען זאלען האבען א בעהעלטעניש פאר דער זון.

דער ארכיטעקט שטיינעק האט זיך אריינגעמישט אין געשפרעך און האט אנגעהויבען זינגען א שיר השירים אויף דעם אויקאליפטוסבוים, אויף דעם בוים פון אויסטראליען, פון וועלכען מיר קענען הונדערטע סארטען, מיט וועמען מען האט הונדערטער שיפען בעלאדען און לעבעדיגערהייט זיי געבראכט קיין פאלעס־טינא, בשעת עס האט זיך אנגעהויבען דיא גרויסע קולטור־ארבייט. אהן דעם אויקאליפטוס, וועלכער וואקסט אזוי גיך, און וועלכער טריקענט אויס דיא זומ־פען וויא מיט א כשוף, און וועלכער האט נאך אנדערע ניצליכע און שעהנע מעלות, — אהן איהם וואלט מען אפשר בכלל גאר נים געקענט אנהויבען צו טהון אין פאלעסטינא, ווענינסטענס נים געקענט האבען אזא גיכע הצלחה אין אונזער קולטור־ארבייט.

„דעריבער האט טאקי שטיינעק פון דאנקבארקייט אונזער גוטען פריינד אויקאליפטוס געשטעלט א אייביגע מצבה", האט פרוי ליטוואק לאכענדיג געזאגט.

„אלע דיא צאצקעס־ארנאמענטען, מיט וואס ער פוצט אויס דיא הייזער, גיעבען איבער דיא פערשיעדענע פארמען פון אויקאליפטוס־בוים".

אזוי זיינען זיי אלע ווייטער געפאהרן, און דיא גרינע לעבעדיגע פאנאראמע ארום האט פרעהליך געמאכט זייערע הערצער. א ליעבער פריהלינג האט דאך געבליהט ארום און ארום. דיא לאנקעס און דיא קאנטען ביים וועג זיינען געווען

בעדעקט מיט א שלייער פון בלומען. דיא קליינע בלויע אַריסבלום, דיא הויכע רויזענפארביגע ליליען האָבען זיך אויסגעמישט מיט דיא פלאמענדיגע טולפען און דיא שעהנסטע ארכידעען. ערטערווייז זיינען געשטאנען אין דיא פעלדער די פלאנצונגען פון מאנדעלאפריקאָזען און קופקעס ריטלעך מיט יאגעדעס. דער לאנדוועג האָט זיך איצט אראָבגעלאָזען צווישען צוויי פעלזען, וואָס זיינען גע־שטאנען נאָהענט נעבען איינאנדער. אין דיא הויהלען פון דיא פעלזען האָבען אין ענגע צייטען געשטריטען אמאָל דיא העלדען פאר דאָס יודישע לאנד. דאָ האָבען זיי זיך פערבאָרגען געהאלטען ביז צו דער לעצטער מלחמה.

דוד האָט מיט ריהרענדע ווערטער גענומען ריידען פון דער דאָזיגער צייט. א קורצע שטרעקע זיינען זיי געפאָהרען צווישען דיזע מרה־שחורה'דיגע פעלזען, דערנאָך אָבער האָט זיך דער מאָטאָרוואָגען פערקירעוועט און פאר זייערע אויגען האָט זיך פלעצליך אויסגעשפרייט דאָס ליעבליכע פלאציגע לאנד פון גענעצארעט (כנרת). פאר זייערע בליקען האָט זיך געשפיגעלט דער זעע (אָזערא). פון פרי־עדריך'ס מויל האָט זיך פאר התפעלות ארויסגעריסען א געשריי, דערזעהענדיג פאר זיך אונפערהאפט אזא פראכטיגעס בילד.

אויף דער ברייטער אויבערפלעכע פון ים כנרת האָבען זיך געקייקעלט לויכ־טיגע וועלען פון דיא קליינע און גרויסע שיפען אויף איהם. עס האָבען געפלאַ־טערט דיא ווייסע זעגלען און דאָס מעער פון דיא עלעקטרישע שיפלעך האָט גע־בליצט אין דער זון. אויף'ן אנדערען זייט פון ברעג און אויף דיא בערגלעך צווי־שען דיא גרינע וועלדער האָט מען געזעהן ארויסשיינען דיא ווייסע ווילען (זומער־וואָהנונגען). אָט האָט זיך געזעהן מגדלה, א שפּאָגעל־נייע שטעדטעלע מיט שעהנע גערטנער און פערפוצטע הייזלעך, אָבער דיא רייזענדער זיינען געפאָהרען דירעקט קיין טבריה, דרום־זייט צום שטראנד־צו. פאר זייערע אויגען האָט זיך אָבגעשפּי־עלט א טהעאטער שטיק, וואו מענשען פרייען זיך און הולענען. מאנכמאָל האָט זיי זיך אויסגעדאכט, אז זיי געפינען זיך אין דער ריוויערא צווישען קאַן און ניצא אין סיזאָן פון דיא קורגעסט. פרעהליכע קאָמפּאניעס אויף רייכע וואָגענס פלעגען פערבייפאָהרען. דאָס רוב זיינען דאָס געוועזען שעהנע מאָטאָרוואָגענס פאר צוויי, דריי פערזאָנען. עס פלעגען אָבער אויך פערבייפאָהרען פערצייטיגע וואָגענס, בעשפּאנט מיט פערד אָדער קעמלען, און מיט זיי אין איינעם פלעגען זיך אויס־מישען דיא וועלאָסיפעדען, דיא רייטערס אויף פערד און שפאציערגענגער ביים ברעג פון וואסער.... דאָס זיינען געווען דאָס איינענע פובליקום פון דיא בעדער, וואָס פאָהרען געראָד אין דיא קורפלעצער, וועלכע זיינען דעם יאהר אין דער

מאָדע. קינגסקאורט און פריעדריך זיינען באלד דערגאנגגען, אז טבריה איז צוליעב דיא ווארעמע בעדער און דער שעהנער נאטורלאגע געוואָרען א בעריהמטער קור־אָרט, דאָס אלע פון אייראָפּא און אמעריקא, וועלכע פלעגען פריהער אנטלויפען פון הארטען ווינטער אין סיציליען און מצרים געהען איצט קיין טבריה, וואו דער פריהלינג הערט קיין מאָל ניט אויף. באלד, וויא עס זיינען נאָר געבויט געוואָרען דיא ערשטע רייכע האָטעלען האָבען שוין זיך א שטראָם געלאָזען צו אונז . א קורגעסט פון אלע לענדער. געניטע שווייצערישע דירעקטאָרען פון האָטעלען האָבען פריהער פאר אלעמען פערשטאנען, וואָס פאר וואונדערליכע מעלות עס בע־זיצט דיא אומגעגענד פון טבריה, זיי האָבען אָנגעהויבען באלד צו שפּעקולירען און האָבען געמאכט דיא בעסטע געשעפטען.

דער מאָטאָר איז איצט פערבייגעפאָהרען פאר עטליכע אזעלכע האָטעלס. אויף דיא באלקאָנען זיינען געזעסען דאמען און הערען און האָבען זיך מיט פער־געניגען צוגעקוקט, וויא עס האָט געשוויבעלט אויף'ן לאנדוועג אין אלערליי קאָ־ליערען, זיך צוגעקוקט וויא עס האָט געשוועבט און געלעבט אויף'ן ברייטען זעע. הינטער דיא האָטעלען זיינען געווען לאָנקעס אָבגעצוימט, צו שפּיעלען אין קראָ־קעט, טענים און ז. וו. מיידלעך און יונגע בחורים אין ווייסע קליידער האָבען גע־שפּיעלט פּילקעס (באל). אויף עטליכע גרויסע טעראסען האָבען געשפּיעלט מוזיק: אונגארישע, רומענישע און איטאליענישע אָרקעסטער אין זייערע נאציאָנאלטראכ־טען. דאָס אלץ האָבען דוד און זיינע געסט נאָר געזעהן פערבייאיילענדיג, ווייל זייער ציעל איז געלעגען ווייטער. זיי זיינען דורכגעפאָהרען דיא שטאָדט טבריה אין דער לענג פון צפון קיין דרום, אריינקוקענדיג אויף א רגע אין דיא שטילע געסלעך, וואָס האָבען זיך געצויגען פון דער הויפּטגאס, ווארפענדיג א קורצען בליק אויף דיא פלעצער מיט דיא שטילע פיינע פּאלאצלעך אויף דעם קליינעם לעבעדיגען האפען, זיי האָבען געזעהן גרויסארטיגע מאָשעען, קירכען מיט א קאָ־טוילישען אָדער א פּראוואָסלאווּנעם צלם און סינאגאָגען פון שטיין פּראכטיג גע־בויט. דערנאָך זיינען זיי אָנגעקומען צום עק שטאָדט, וואו מען האָט ווידער גע־זעהן ווילען און האָטעלען, ארומגערינגעלט פון גאָרטענס, און פּראכטיגע בנינים האָבען זיך געצויגען אין א לאנגער גלייכער שורה ביז צו א קופּקע פון געביידען: דאָרטען זיינען געווען דיא הייסע קוואלען און דיא גרויסע באָד־אנשטאלט.

אין מיטען, א ערך, צווישען דער שטאָדט און דיא בעדער, פאר א צוים פון א ווילע, וואָס האָט זיך וויא בעהאלטען הינטער דיא בלעטער פון דיא בוימער, האָט זיך אָבגעשטעלט דער מאָטאָרוואָגען.

„מיר זײנען געקומען צופאָהרען“, האָט דוד מודיע געװעזן, און האָט זיך אויפגעהויבען פון זײן פּלאַץ.

דער אײזערנער צוים האָט זיך געעפענט. א אלטער מאַן האָט זיך בעװיעזען אויף דער שטײנערנער שװעל, האָט מיט א גליקליך פּנים אראָבגענומען די יאַרמעלקע און האָט געפרעגט:

„דוד, מײן קינד, װאו איז ער?“

פריעדריך איז װיא א צוטומעלטער געשטאַנען. אויך דאָ, אין שטוב פון אלטען ליטוואק, האָט מען איהם שוין ערװאַרט, װיא א אײגענעם. און עס איז זיך ניטאָ װאָס צו װאונדערען, װײל דיא פרעהליכע בשורה, אז פריעדריך קומט, האָבען דוד און מרים שוין פון פריעדריכסהײם פער טעלעפאָן מודיע געװעזן זײערע עלטערען.

און דער אלטער מאַן מיט דער אָסאָבע איז א מאָהל געװעזן דער פעדלער, װאָס פריעדריך האָט אמאָל געװאָלט אין קאפּעהויז א נדבה אָנבאָטען! װאָס פאַר א װאונדערליכע און א גליקליכע פעראַענדערונג. און דערנאָך איז דאָ קײן נסים ניט געשעהען. דיא ליטוואקס זײנען געװעזן פון דיא ערשטע, װעלכע זײנען געקומען צום אָנהויב פון דער קולטורארבײט אין פּאלעסטינא. זײ האָבען געזאַמעלט דיא פּורות פון דיא זוימען, װאָס זײ האָבען עהרליך אלײן צוזאַמען מיט אנדערע פער־זײט און װאָס האָט באַלד געגעבען אזא גרױס גערעטעניש.

נאָר אין שטוב איז געװעזן א צרה. און מיט דיא צרה האָט זיך אויף פריעדריך באַלד בעקענט. מרים'ס און דוד'ס מוטער איז געװעזן קראַנק. אויבען אין ערשטען שטאָק אויף דער װעראַנדא, פון װאַנען מען האָט געקענט זעהען דעם גאַנצען זעע דאָרטען איז זיא אין איהר לעהנזעסעל מעהר געלעגען װיא געזעסען. און בעת פריעדריך איז צוגעגאַנגען צו איהר האָט זיא איהם אויסגעשטרעקט א אָבגעצעהר־טע געלבליכע האַנד, און איהרע אויגען, פול פון שמערץ און װעהטאָג, האָבען גע־קוקט אויף איהם פון א געזיכט, געל װיא װאַקס, מיט א טיעפער דאַנקבאַרקײט.

„אמת“, האָט זיא געזאָגט צו איהם דערנאָך, װיא מען האָט זיך בעגריסט, אָנגעװינשעװעט אײנאַנדער און דאָס גלײכען, — „אמת, ליעבער הערר דאָק־טאָר, טבריה איז שעהן, און דיא בעדער זײנען גוט, אָבער קומען זאָל מען דאָ בעת עס איז נאָך צײט. איך בין שוין צו שפּעט געקומען. צו שפּעט!“

מרים איז געשטאַנען נעבען דער מוטער און האָט זיא געגלעט:

„מוטער, דו זעהסט בעסער אויס, צײט דו ביסט דאָ, דיא קור האָט דיר

געבראכט נוצען. דוא ועסט ערשט דאמאלסט זעהן, ווען דוא ועסט שוין זיין אין דער חיים".

פרוי ליטוואק האט ביטער געשמייכעלט:

„מיין טהייער קינד, איך בין שוין סיי וויא סיי צופריעדען. איך פיהל זיך מאנכעסמאל דא וויא אין א גן־עדן. קוקט נאר ארונטער, חערר דאקטאר, צו איז דאס ניט א גן־עדן?"

פריעדריך איז צוגעגאנגען צום עק ווערענדע און האט ארויסגעקוקט אויף דיא פאנאראמע. דער זעע פון גענעצארעט (ים כנרת) האט געגלאנצט. דיא ליניען פון דיא ברעגעס און פון דיא ווייטע בערג האט דער פריהלינג געמאכט ווייך און מילד, וויא א הויך. דארטען זעהט מען דיא בערג פון גולן, גלייך וויא א וואנד זיך אבשפיעגלען אין וואסער. ביי'ן ברעג פון צפון זייט פאלט אריין דער ירדן; הינטען גרויסארטיג, וויא א מלך אין א מאנטעל פון שנעע, שטעהט דער בארג חרמון, און וויא אלטע ועכטערס אויך וויא עוג־מלך הבשן'ס שטעהען דיא קלע־נערע בערג און קוקען אויף דאס לאנד, וואס דער פריהלינג האט עס איצט אבגעד פרישט און געמאכט אזוי יונג.

און פון דער לינקער זייט זעהט מען אלץ נעהענטער די מילדע בוכטען, די ליב־ליכע גרינע לאנקעס, דאס פלאכע לאנד פון גענעצארעט, מגדלה, טבריה, דער ניי־ער שטיינערנער בריליאנט איבער ועלכען עס ציהען זיך דיא פינסטערע מויערען פון א אלטער גרויסארטיגער חורבה אויף א בארג. און פון אלע זייטען שפראצט עס און בליהט עס, אומעטום א יונגע שמעקעדיגע וועלט.

„עס איז א גן־עדן", האט פריעדריך שטיל געזאגט, וויא צו זיך, און דערפיה־לענדיג נעבען זיך מרים'ן האט ער אומגערען גענומען איהר ביי דער האנד און האט דאס איידעל געדריקט, אקוראט וויא ער וואלט איהר געוואלט דאנקען דער־פאר, וואס דאס לעבען איז אזוי שעהן.

דיא קראנקע האט דאס בעמערקט. א פרייד איז אריין אין איהר זעעל, און איהר הארץ האט שטארק אנגעהויבען קלאפען.

„קינדער", האט זיא קוים געמאכט מיט דיא ליפען, און זיא איז פערזונקען אין זיסע חלומות.

V

אין דער קליינער זומער־וואהנונג, וועלכע דיא אלטע ליטוואקס האבען גע־דונגען אויף דיא צייט פון באד סעזאן, האבען דיא אורחים ניט געהאט וואו זיך אהינצוטהון. נאר מרים איז געבליעבען ביי דיא עלטערען. דוד האט פאר זיך און זיינע פריינד בעשטעלט צימערן אין א האטעל נעבען דער באדע אנשטאלט.

דאס געפעק האט מען שוין לאנג אריבערגעשיקט אין האטעל. און דערנאך ווי זיי האבען אבשיעד גענומען פון ליטוואקס עלטערען און זיינען אוועק אין האטעל זיך צו רייניגען פון שטויב, האבען זיי שוין אלץ געפונען איינגעארדענט מיט אלע בעקוועמליכקייטען. אין דעם גרויסען זאאל פון האטעל, וואו עס קומען זיך צו־נויף אלע אורחים, האבען שוין געווארט אויף זיי א עלטערע פרוי און צוויי הע־רען. דוד האט אלעמען פארגעשטעלט. דיא עלטערע פרוי איז געוועזן א יודישע דאמע פון אמעריקא, מיסטרים גאטלאנד. אויף איהר געזיכט איז געלעגען א וואונדערליכע מילדקייט, און אלע פלעגען ווערען פון איהר שטארק איינגענומען. פון אונטער דיא גרויע האר האט געשראהלט א געזיכט, וואס איז געוועזן מילד, גוט און נאך שעהן. פון דיאביידע הערען איז דער מיט דעם צוגעקנעפטען שווארצען ראק אהן קלאפעס געוועזן אן ענגלישער גייסטליכער, רעווערענד וויליאם ה. האפקינס, דער גייסטליכער פון דער ענגלישער קירכע אין ירושלים. ער האט גע־האט א זילבערווייסען ברייטען בארד פון א פערציייטיגען מאור הגולה און בלאע שעהנע פערקלערטע אויגען, און צו קיינגסקאורט'ס פערוואונדערונג האט ער זיך זעהר געפרייט בעת קענגסקאורט האט איהם אנגענומען פאר א יודען. דער אנ־דערער הערר נעבען מיסטרעס גאטלאנד איז געוועזן דעם ארכיטעקטענס ברודער. דער באקטעריאלאג פראפעסאר שטיינעק. דאס איז געוועזן א פערעהליכער, האס־טיגער, פערשמע'יעטער מענש, וועלכער האט גערעדט אזוי הויך, אקוראט וויא ער וואלט אייביג געהאלטען לעקציאנען פאר טויבע תלמידים. אין פינף מינוטען ארום, וויא דיא ברידער פלעגען זיך צוזאמענטרעפען, פלעגט שוין אדוים צווי־שען זיי א קריעג און א לאנגער וכוח, און האלד האבען זיי זיך איינאנדער געהאט, וויא דאס לעבען. איצט האט פאסירט דא אייגענע. דער ארכיטעקט האט פארגע־שלאגען צו בעזעהן דאס אינסטיטוט פון שטיינעק, דעם בעריהמטען אדט, וואו זיין ברודער ארבייט אין זיין וויסענשאפט.

דער פראפעסאר איז געוועזן מיט אלע כחות אקעגען דעם פלאן און האט קנייטשענדיג דעם שטערען געשריען:

„איך בין מוכן ומזומן, פערשטעהט איהר? אבער עס איז ניטא וואס צו זעהען ביי מיר. ניט ווערט אייער מיה. א בנין מיט א סך חדרים, און שטאלען פון קראליקעס. אין איטליכען חדר שטעהט א מענש, וואס מאכט עקספערימענטען. דאס איז אלץ, פערשטעהט איהר? מיין ברודער מאכט שטענדיג אזעלכע חכמה־דיגע פלענער".

מיסטרים גאטלאנד האט געשמייכעלט:

„דיא הערדען וועלען אייך סיי וויא סיי ניט גלויבען. אייער אינסטיטוט איז בעקאנט אין דער וועלט און איטליכער וויל עס בעזעהען“.

פראפעסאר שטיינעק האט זיך פערנאנדערגעלאכט, אז דער זאל האט געדונערט.

שקר! מיקראבען ווילט איהר זעהען? דאס איז דאך דאס אונגליק מיט דיא מיקראבען אז מען קען זיי ניט זעהן, וועניגסטענס מיט׳ן פשוט׳ן אויג זיינען זיי ניט צו זעהן. א שעהנען פנים ועט איהר האבען, אויב איהר ועט זיי וועלען דורכאוים זעהען. און בכלל ווייסט איהר דאך מיינע אנזיכטען דאריבער. איך גלויב ניט אין מיקראבען. מיט איין האנד האדעווע איך זיי און מיט דער אנדערער פער׳סם איך זיי. איהר פערשטעהט?“

„ניין“, האט קינגסקאורט א ברום געטהון, האבענדיג שטארק הנאה, — איך פערשטעה ניט א ווארט. איהר מוזט עפעס האבען א מין כעמישען קאכעלאויוועו. וואס קאכט איהר דארטען, הערר פראפעסאר?“

דער פראפעסאר האט פרעהליך געצויגען מיט דיא ליפען:

„פעסט, האלערע, דיפטעריט, שווינדזוכט, קרחת פאר קינפעטארען, פראסטע קרחת, און הינטישע משוגעת“....

„א קלאג צו מיר!“

מיסטרים גאטלאנד האט געזאגט:

„ער מיינט מן הסתם דיא רפואות געגען דיא אלע אויסגערעכענטע קרענק. לאמיר איהם בעסער ניט פרעגען, און אליין געהן בעזעהען זיין אינסטיטוט. אנשטענדיגע אורחים לאזט מען אריין. מען וועט אונז שוין דארטען אלצדינג ווייזען אהן איהם“.

„ווארט!“ האט דער פראפעסאר אויסגערופען, — „אויב אזוי וועל איך שוין אליין מיט אייך מיטגעהן. אז ניט פאלט איהר גראד אויף דעם גרעסטען עםהארץ פון מיינע אסיסטענטען, ועלכער וועט אייך דיא סטרעפטאקאקען פארשטעלען פאר דיא כאלעראבאקצילען. פערשטעהט איהר?

„א אות אויך ניט, האט קינגסקאורט זיך מודה געווען.

דיא קאמפאניע האט זיך צושיידט. דער ארכיטעקט האט מיטגעבראכט פאר מיסטער האפקינס דיא פלענער צו א נייעם ענגלישען שפיטאל, וואס האט געדארפט ווערען געבויט אין קורצען, און זיי האבען געהאט זיך עפעס דורכצורעדען. פרוי ליטוואק איז געגאנגען זעהען, וואס עס הערט זיך מיט פריצכען; דוד האט זיך ענטשולדיגט. ווייל ער האט געמוזט פאהרן אין דעם פראנציסקאנער־קלויס־

טער, בכדי מיטצונעהמען דעם קסאָנדרז איגנאַץ, וויא איינעם פֿון דיא געלאדענע צו דעם היינטיגען אָווענד. מען האָט אָבגערעדט אלע צונויפצוקאָמען צום אָווענדעסען אין דער ווילע פֿון דיא אלטע ליטוואקעס. פֿרוי גאָטלאנד האָט איבערגענומען אויף זיך. דיא העררן פֿינקעליך מיטצוברייגגען, און דערנאָך איז זיא אוועק געפֿאָהרען צוזאמען מיט פֿריעדריכען, קינגסקאורט, רעשיד־ביי און דעם פּראָפֿעסאָר צום אינסטיטוט, וואָס איז געווען א פֿערטעל־שעה וועג צו פֿאָהרען.צ דאָס איז געלעגען אין דרום זייט פֿון ברעג, הינטער א בארג, איז געווען מיטעלמעסיג גרויס און האָט געהאט א פּשוט'ן אויסזעהען. ,

דער פּראָפֿעסאָר האָט זיי דערקלערט :

פֿאר אונזערע צוועקען דארפֿען מיר ניט קיין גרויסען בנין. מיקראָבען פֿערנעהמען ניט קיין פֿיעל אָרט. מיינע שטאַלען געפֿינען זיך אין דיא זייטיגע בנינים, וועלכע איהר זעהט דאָרטען. איך דארף האָבען א סך פֿערד און אנדערע חיות. פֿערשטעהט איהר ?"

„אהא ! איהר רייט אָפּט אויס ?" האָט קינגסקאורט געזאָגט. — „איך קען בעגרייפֿען — אזא שעהנע געגענד".

„וואָס ווילט איהר פֿון דער געגענד ?", האָט דער פּראָפֿעסאָר א געשריי געטהון. — „איך דארף האָבען מיינע פֿערד, אייזלען און הינד, קורץ, מיין גאנצען זייערינעץ, וויל איך מאַך פֿון זיי דיא בלוטוואסערלעך קעגען אלערליי אָנשטעקענדע קראנקהייטען. מיין אינסטיטוט ארבייט אויס טויזענדע אזוינע פֿלעשער מיט רפֿואות. מיינע שטאַלען ציהען זיך ווייט ארָאב. ביז צו דער לופֿט־פֿאבריק".

„וואָס ? איז קינגסקאורט נתפּעל געוואָרען, — „מיין טהייערער פֿערד'סםער, איהר וועט דאָך מיר ניט איינריידען, אז איהר פֿאבריצירט דיא לופֿט. עס איז דאָך ביי אייך געניג לופֿט צום איינאָטהעמען, און טאקי פֿון דעם בעסטען סאָרט".

„פֿערשטעהט זיך, אז איך מיין פֿליסיגע לופֿט, מיסטער קינגסקאורט ! איהר פֿערשטעהט שוין ?"

„אזוי, דאָס פֿערשטעה איך שוין, דערמיט האָב איך זיך שוין בעקענט נאָך איידער איך בין אוועק פֿון דער געבילדערט געשמילדערטען וועלט. הייסט עס, דיא פֿאבריקאציע האָט איהר אויך איינגעפֿיהרט ביי אייך ?"

„דאָס און נאָך א סך אנדערע זאכען, בקצור, אלץ. וואָס אנבעלאנגט אין אָבצוקיהלען כעמישע קערפּער ביז צו 100 גראד פֿראָסט און נאָך מעהר, האָבען אונזערע כעמישע פֿאבריקען שוין א שם געקראָגען. וויל מיר האָבען א ווארעם לאנד, וועניגסטענס פֿון ירדן ארונטער פֿיהלט מען זיך א גאנץ יאהר וויא אין א

איינגעהייצטען צימער, דעריבער האבען מיר זיך אזוי בעמיהט, דיא פאבריקאציע פון אבקיהלונגסמיטלען צו ענטוויקלען. פערשטעהט איהר שוין? אקוראט, וויא דיא בעסטע אויוענס געפינען זיך אין דיא קאלטע לענדער, בעת אין דיא ווארע־מע פריהרט מען ווינטער וויא דיא הינד, אזוי האבען מיר אויסגעטראכט דיא בעסטע מיטלען, וויא דיא האבען שטענדיג אייז. ווען איהר וועט, למשל, אין דיא הייסע צייט אריינגעהן אין הויז פון מיטעלען בעל־הבית'שען שטייגער, וועט איהר אלע מאל געפינען א קלאץ פון אייז אין מיטען פון חדר, וועלכער פערברייט ארום זיך א פרישע קיהלקייט. ווער עס וויל מעהר בעצאהלען, קויפט זיך א בלו־מענשטרויס פון אייז און שטעלט אוועק אויפ'ן עסטיש".

„אויך קיין נייעס נים"" — האט קינגסקאורט געזאגט, — „דיא חכמה מיט'ן אייזקלאץ און דעם בלומענבוקעט האב איך שוין געזעהן אויף דער פאריזער אויסשטעלונג אין יאהר 1900".

„איך וויל אייך גאר נים דערצעהלען קיין נייעס'ן. מיר האבען, פערשטעהט איהר, מאקי אלע ניצליכע זאכען פון אנדערע פעלקער איינגעפיהרט ביי אונז. דיא קאלטע מיטלען זיינען ביי אונז א בעדערפניש פאר'ן גאנצען פאלק, און ווע־רען צוליעב דיא קאנקורענץ פערקויפט שפאט בילינ אין גרויסע מאסען. דיא ווע־ניגער בעמיטעלטע קענען דאך נים, וויא דיא רייכע, פאהרען אין דיא הייסע צייט־טען אין דיא בערג פון לבנון. ביי דיא גוט־בעמיטעלטע אייראפייער זעהען מיר דאס איינגע. אבער דיא וויסענשאפט האט אונז געלערענט, וויא מיר קענען זיך איינריכטען אומעטום אויף דער וועלט־קוגעל אין א געזונדען און א אנגענעהמען אופן. פערשטעהט איהר שוין? צוליעב אונזערע לייט מיט טעכנישע קענטניסע און צוליעב טויזענדער אונטערנעהמער האבען מיר דא פערפלאנצט אלע ארטען פון האנדעל און פאבריקאציע. אז דער האנדעל איז נים געוועזן א מאנאפאל פון איין נאציאן האט מען שוין קלאר געזעהן נאך אין אייער צייט. פאר וואס זאלען מיר דאס אויך נים בענוצען, ווען עס ברענגט אונז נאר עפעס איין? אין אונזער לאנד זיינען געלעגען פארבאהאלטען אוצרות; מען האט נאר געדארפט זיי קענען געפינען. דער האנדעל מיט כעמישע ארטיקלען האט זיך פריהער פאר אלע ענט־וויקעלט. מיסטער קינגסקאורט, צו האט איהר אפשר אין אייער יוגענד געלערענט אין א אוניווערזיטעט כעמיע?"

„ניין".

„א שאד, איהר וואלט שוין דאמאלסט געקענט הערען, וויא ביי דיא געלע־רענטע כעמיקער האט מען געערדט פון פאלעסטינא, וויא פון א לאנד, וואו עס

ליגען אוצרות בעגראבען. רעשיד־ביי, וועלכער איז א דייטשער האקטאר פון כע־מיע, מעג אייך דאס דערצעהלען".

רעשיד האט מיט עניוות געזאגט:

„איהר ברענגט מיר אריין אין פערלעגענהייט, ווען איהר צווינגט מיך, פאר אייך אין דיא אויגען צו רעדען וועגען כעמיע. איבריגענס האט דאס פאר צוואנציג יאהרען געוואוסט איטליכער יונגער סטודענט פון כעמיע, אז אין פאלעסטינע ליגען אוצרות; אז דער טהאל פון ירדן און דער ים המלך האבען אין זיך פערשי־דענע טייערע זאלצען — האט געוואוסט כמעט שוין א חדר־איינגעל. א דייטשער כעמיקער האט געשריעבען צום סוף פון יאהרהונדערט וועגען ים המלח: דער דא־זאגער וואסער־טהאל, וואס ליעגט טיעפער וויא אלע אנדערע אונטער דער אויבערפלעכע פון ים, איז כמעט וויא אנגעזעטיגט פון אזעלכע זאלצען, וואס עס וויינען אין ערגעץ ניט צו געפינען, און עס ליגען דארטען אזעלכע מאסען אס־פאלטען, וועלכע קומען אין אזא ארט אין ערגעץ ניט פאר. אז איהר וועט זיך בעקאנט מאכען מיט אונזערע וואסער־קרעפטען, וועט איהר זעהן, וויא מיר האבען בענוצט צו אונזערע צוועקען דעם גרויסען אונטערשיעד צווישען די טיעפע לאגע פון ים המלח אין פערגלייך צו דיא אויבערפלעכע פון ים. אבער דאס איז א אנדער זאך, איהר וועט דאס נאך שפעטער זעהן. איך וויל אייך נאר זאגען, אז דער ים המלח איז כמעט אנגעזעטיגט מיט זאלצען, און מען געפינט אפשר אין שטראספורט, דערצו נאך א צוגלייכען צו איהם. איהר האט דאך מן תסתם געהערט פון דיא שטראספורטער קאליזאלצגריעבער, וועלכע האלטען אין דיא הענד דעם גאנצען וועלטמארק. פון ים המלח מעג מען דאס היינט אויך זאגען..."

„וויא א בבא מעשה קלינגט דאס", איז קינגסקאורט נתפעל געווארען.

„פאר וואס?" האט רעשיד ביי געשמייכעלט— „דאס איז אזוי נאטירליך וויא נאר מעגליך. דאס וואס מען האט געקענט מאכען אין שטראספורט קען מ'ן אויך מאכען ביים ים המלח. געוויס, אונזער וואסער איז נאך א סך רייכער מיט זאלצען, ווי ערגעץ וואו אנדערש אין דער וועלט. מען דערמאנט זיך אן דיא אלטע בבא מעשיות, וואו עס דערצעהלט זיך, אז מען האט אמאל אראבגעלאזען אין וואס־סער א גרויסען שאץ (אוצר). קליינע קינדער מיינען, אז דאס איז א שאץ פון גאלדענע רינגען, ארעמבענדער, קייטען און גאלדענע מטבעות. אבער פון דיא זאלצען פון ים המלח שמידט מען אויך גאלד. אין זיינע וואסערן געפינען זיך מאסענהאפט בראם־זאלצען, און איהר ווייסט דאך, וואס פאר א טהייערער אר־טיקעל דאס איז דער בראם. היינט וואס פאר א טויזענדער אנדערע פאבריקאטען

ציהען מיר ארויס פון אונזער פרוכטבארסטען אָרט, וואָס איז א מאָל געווען טוידט און וויסט וויא אין א מדבר. אין טאָהל פון ירדן און ביין ים המלח געפינען זיך אזוינע קאלך, פון וועלכע מען מאכט היינט דעם בעסטען אספאלט פון דער וועלט. דער דייטשער חעמיקער על‌שנער האט שוין דאמאָלס פאָראויס געזאָגט, אז לויט דעם געבוי פון אונזער ערד מוזען זיך אויך איינגעפינען קוואלען פון פעטראָלעאום (קעראָסין). מען האָט טאקע אזוי לאנג געבויערט, ביז מען איז צוגעקומען צו זיי. שוועבעל און פאָספאָרזאלצען געפינען זיך אויך ביי אונז גענוג און איבערגענוג. וואָס פאר א ראָלע דיא פאָספאָר זאלצען שפּיעלען ביי דעם קינסטליכען מיסטינגען פון פעלדער—ווייסט איהר אזוי גוט, ווי איך. און אין דער׳אמת׳ן קאָנקורירען אונזערע פאָספאָרזאלצען מיט דיא פון טוניס און אל־זשיר, און מיר קריגען זיי ארויס פון דער ערד לייכטער און וואָלוועלער, ווי למשל, דיא אמעריקאנער זייערע פאָספאטען פון פלאָרידא. און אזוי, וויא צוליעב דעם קאָסט דאָס קינסטליכע מיסטינגען פון פעלדער א סך וואָלוועלער וויא אומעטום, האָבען דיא קאָלאָניעס געקענט לייכטער און גיכער אויפבליהען און זיך ענטוויק־לען.... איך רעכען אָבער, אז מיסטריס גאָטלאנד הייבט שוין אָן גענעצען פון אונ־זער פּראָפּסט בעל־הבית׳שען שמועס“.

„וואָס פאלט אייך איין!“ האָט זיא פּראָטעסטירט מיט א פריינדליכען שמיי־כעל.

דער פּראָפעסאָר האָט פון זיין זייט געזאָגט:

„אין היינטיגען לעבען זעהען מיר, וויא דיא לאנדווירטהשאפט איז אָפט פערקניפּט מיט האנדעל און פאבריקאציעס. פערשטעהט איהר? אלצדינג איז אויסגעבונדען מיט אייןאנדער. מען מוז נאָר זיין אָן אונטערנעהמער און מען מוז האָבען דיא קענטניסע, דערמיט מען זאָל וויסען וויא דאָס צו פערבינדען. איך אליין, וויא איהר זעהט מיך, האָטש איך בין א שטיק אייזעל פון א פּראָפעסאָר, איך ברענג אויך נוצען דעם האנדעל און דער לאנדווירטהשאפט“.

„וויא אזוי?“ האָט זיך קינגסקאָורט פערוואונדערט, — „אפשר וועט איהר מיר דאָס ערקלעהרען, מיין מיקראָבען האָדעווער!“

„איך וועל אייך שוין טאָהן דיא טובה!“ האָט שטיינעק פרעהליך געענט־פערט, „עס איז געוועזן שוין פון לאנג אָן בעקאנט, אז דער ריח פון פערשיעדענע קרייטער... קעזען, אז דער אראָמאט פון פערשיעדענע טאבאקען קומען צוליעב אזעלכע קליי־נע בעשעפענישלעך, מיקראָבען, מיט וועלכע איך וואָיעווע שטענדיג. מיר האָבען זיך דעריעבער אין דעם אינסטיטוט בעמיהט, ארויסצוגעפינען דיא קליינע חברה־

לייט און זיי אויסצוליפערן אין דיא הענד פון קעז־פאבריקאנטען און טאבאק־פלאנצער דיא פערשיעדענע קעזען אונזערע קענען איצט גוט קאנקורירען מיט די שווייצערישע און פראנצויזישע פאבריקאנטען. און אין ווארעמען ירדן־טהאל קריגען מיר ארוים אזעלכע קריימאכצען, וועלכע מעגען זיך ניט שעהמען פאר די פיינסטע האוואנאבלעטער".

און ער האט אריינגעפיהרט זיינע געסט אין דיא לאבאראטאריען פון זיין אינסטיטוט, וועלכער איז געווען נאכגעמאכט דעם פאריזער אינסטיטוט פון פאסטהער.

דיא פיעלע אסיסטענטען זיינע האבען זיך ניט געלאזט שטערען פון דער ארבייט, און האבען ווייטער געהאט צו טאהן מיט זייערע פראבעגלעזער און מיקראסקאפען ביי דיא קאלאניעס פון דיא מיקראבען, און ווען מען פלעגט זיי עפעס פרעגען, פלעגען זיי ענטפערן פריינדליךאון קורץ. זיי זיינען שוין געוואהנט געווען צו זעהן ביי זיך געסט פון פערשיעדענע לענדער. איינער אבער איז פשוט אנגעפאלען אויף זיין לעהרער און האט אויף א גראבען אבער א פריינדליכען אופן געזאגט:

„לאזט מיך צורות, חערר פראפעסאר! איך האב איצט ניט קיין צייט פאר אזעלכע קשיות. דער שייגעץ וועט זיך ווייטער ארויסגליטשען פון אונטער מיינע הענד".

שטיינעק האט באלד אוועקגעצויגען זיינע געסט פון דעם צימער און האט געזאגט:

„ער איז גאנץ גערעכט! דער שייגעץ זיינער איז א באציל, פערשטעהט איהר שוין?"

ער האט זיי באלד דארויף געפיהרט אין זיין אייגענעם לאבאראטאריום, וועלכעם האט געהאט דעם איינענעם פשוט'ן אויסזעהן, וויא דיא פון זיינע העלפערס דיא אסיסטענטען.

„אט דא ארבייט איך".

„אין וואס בעשטעהט איצט אייער ארבייט?" האט פריעדריך געפרעגט.

„צו עפענען פאר דיא מענשען גאנץ אפריקא".

דיא געסט האבען געמיינט, אז זיי האבען זיך פערהערט, און אפשר איז דער פראפעסאר גאר א שטיקעל משוגענער? קינגסקאורט האט איבערגע'חזר'ט מיט א חשד־בליק אין דיא אויגען:

„איהר זאגט: צו עפענען גאנץ אפריקא?"

„יאָ, מיסטער קינגסקאורט. מיר דאכט זיך, אז איך וועל געפינען א מיטעל קעגען מאלאריא. דאָס האָבען מיר צו פערדאנקען דעם אויקאַליפּטוס בוים, דער קאנאליזאציע און דיא ארבייטען אויסצוטריקענען דיא זומפען. אין אפריקא זיינען דיא פערהעלטניסע אָבער גאָר אנדערע. דאָרטען קען מען דאָס אלץ ניט בענוצען, ווייל דיא הויפּטקראפט, דיא מאסען־איינוואנדערונג איז ניטאָ. דער ווייסער מענש, דער קאָלאָניסט געהט דאָרטען אונטער. אפריקא קען נאָר ; א־מאָלסט ווערען געפענט פאר דיא קולטור, ווען מען וועט געפינען א זיכערן מיטעל קעגען מאלאריא. ערשט דאמאָלסט וועלען געעפענט ווערן גאנצע לענדער פאר דיא אייראָפּייאישע בעפעלקערונג, וועלכע געפינען זיך שוין ניט קיין אָרט פאר ענגשאפט; ערשט דאמאָלסט וועט פאר דיא מאסען איבערפליסיגע ארבייטער זיך בעווייזען א נייער וועג, וואו אָנצוואווענדען זייערע קרעפטען. פערשטעהט איהר שוין ?"

קינגסקאורט האָט זיך פאנאנדער געלאכט.

„וואָס, איהר כשוף־מאכער ! איהר ווילט פארטראנספּאָרטירען דיא ווייסע מענשען אין דעם שווארצסטען טהייל פון ערד קוגעל ?"

שטיינעק אָבער האָט ערנסט געענטפערט :

„ניט נאָר דיא ווייסע ! דיא שווארצע אויך. עס איז נאָך פאראנען איין צרה־דיגע פראגע ביי דיא פעלקער, און נאָר א איד קען אויסמעסטען דיא גאנצע בי־טערקייט פון דער פראגע. דאָס איז דיא ניגערפראגע. לאכט נאָר ניט, מר. קינגס־קאורט ! דערמאָנט זיך נאָר אָן דיא שרעקליכע אכזריות פון שקלאפענהאנדעל. מענשען, האָטש שווארצע מענשען, האָט מען געפאנגען וויא ווילדע חיות, אוועק־געשלעפּט און זיי פארקויפט פאר שקלאפען. און זייערע קינדער און קינדס־קינדער זיינען אויפגעוואקסען אין דער פרעמד, און אלע האָבען זיי פיינד געהאט און פער־אכטעט, ווייל זיי האָבען געהאט איין אנדער הויט־פארב, וויא מיר. איך שעהם זיך ניט צו זאָגען, מען מעג פון מיר לאכען, אז נאָכדעם, וויא איך האָב דערלעבט, דאָס אידען זיינען צוריקגעקעהרט אין זייער לאנד, וואָלט איך וועלען פאָרבער־רייטען א וועג אין אפריקא, כדי דיא נעגער זאָלען אויך קענען צוריקקעהרען אין זייער אלטער היים".

„איהר זייט אין טעות", האָט קינגסקאורט געזאָגט, — „איך לאַך גאָר ניט. אומגעקעהרט, מיר געפעהלט דאָס מורא'דיג, — א רוח זאָל מיך נעהמען ! איהר שפּרייט אויס פאר מיינע אויגען א בילד, פון וואָס עס האָט זיך מיר אין לע־בען ניט געחלומ'ט אפילו".

„דעריבער ארבייט איך צו עפענען א וועג אין אפריקא, אלע מענשען זאלען האבען א היים. דאמאלסט וועלען זיי זיך בעסער און עדלער פערטראגן מיט איינאנדער. דאמאלסט וועלען זיי זיך בעסער פערשטעהן, און מעהר ליעב האבען איינאנדער. פערשטעהסט איהר שוין?“

און מיסטרים גאטלאנד האט מיט איהר מילדער שטימע הויך ארויס געזאגט דאס, וואס אלע דריי האבען געטראכט:

„הערר פראפעסאר שטיינעק — דער אויבערשטער זאל אייך בענשען“.

יז׳

מיט יום טוב'דיגע פנים'ער האבען זיי פערלאזען שטיינעקס אינסטיטוט. אונטערוועגס זיינען זיי גאר געווארען מונטער און פרעהליך, דען בשעת זיי זיינען פערביי פאר דער באדעאנשטאלט האט רעשיד ביי געמאכט דעם פארשלאג: אריינצוגעהן אויף א האלבע שעה אין קורהויז און פערברייננגען א ווילע ביי דער מוזיק. זיי זיינען ארויס פון מאטארוואגען און זיינען אריין אין דעם שעהנעם פארק, וואו א סך מענשען זיינען איצט געזעסען, ארומשפאציערט און זיך צוגעהערט צו דער מוזיק. דאס איז געוועזען דער געוועהנליכער עולם פון דיא קורערטער: לעדיגגעהער, אויסגעפוצטע דאמען; אונטער פאלמען זיינען זיי געזעסען אויף שטוהלען פון ווייכען אייזענבלעך, בעקוקט דיא פערבייגעהערס, געפאטשט בראוואָ און געקאקעטירט, בקיצור, זיך אויפגעפיהרט, וויא אומעטום אין דער גאנצען וועלט. קיננגסקאורט האט דאס מיט א בייזער הנאה בעמערקט און געזאגט:

„גאט צו דאנקען, אט זיינען זיי דיא אידינעס מיט זייערע בריליאנטען. איך האב שוין א צייט געבענגט דערנאך. מיר האט זיך אויסגעדאכט, אז אלץ וואס מען האט מיר דערצעהלט, איז מעהר ניט וויא א מעשה, און מיר זיינען גאר ניט אין א אידיש לאנד. איצט זעה איך אבער, אז אלץ איז אמת. אט זיינען זיי דיא שוועבענדע פערדרהים, דיא זיידענע קליידער און מיתה־משונה'דיגע פארבען דיא בריליאנטענע אידענעס. נעהמט ניט פאר אומגוט, פרוי גאטלאנד. איהר געהערט ניט צו דער באנדע“.

פרוי גאָטלאנד האָט גאָר ניט געהאט קיין פאראיבעל, און פּראָפעסאָר שטיי־
נעק האָט הויך געלאכט אויפ'ן קול.

„מיר עסען זיך ניט אָב דאָס הארץ, מר. קינגסקאורט. אזעלכע בעמערקונגען
האָבען אונז א מאהל געקרענקט, אָבער איצט ניט א האָר. פערשטעהט איהר שוין?
אמאָל האָט מען דיא יודענעס מיט דיא בריליאנטען, דיא פּראָמענאַדע פראנטען
און דיא אויפגעבלאָזענע אויפגעקומענע גבירים געהאלטען פאר דיא פאַרשטעהער
פון אונזער פאָלק. איצט ווייס מען אָבער, אז עס זיינען אויך פאראן אנדערע
אידען. איצט מעגט איהר אָט דיא פוילע פירות זידלען וויא פיעל איהר ווילט,
מיין עדלער אורח. אז עס וועט פינסטער ווערען, וועל איך אייך מיטהעלפען צו
זידלען זיך".

דיא קליינע לאבערדינגע קאָמפּאניע האָט צוגעצויגען צו זיך אלע בליקען, בעת
זיי זיינען דורך דיא הויפט אלעע. דעם פּראָפעסאָר, וויא עס ווייזט אויס, האָבען
אלע געקענט, און דעריבער האָבען זיי אלע אויסגעצויגען דיא העלזער, קוקענדיג
אויף דעם פרעמדען, וועלכער איז געגאנגען מיט איהם. שטיינעק האָט געוואָלט
אויסווייכען דיא ניינעריגע בליקען און האָט זיך פערקירעוועט אין א זייטיגע
אלעע. אָבער גראָד דאָ זיינען זיי אריינגעפאלען צווישען א קאָמפּאניע, פון וועלכע
זיי האָבען געוואָלט ווייכען וויא פון ווייהרויך. אויף א רונדען פּלאַטץ, ארומגעריני־
געלט פון בוימער, זיינען געזעסען דאמען און הערען און האָבען לעבעדיג גע־
שמועסט. איינער פון דיא הערען איז אויפגעשפּרונגען, איז צוגעפלויגען מיט א
שמחה צו פריעדריכען, נאָך פון ווייטען שרייענדיג אויפ'ן קול:

„הערר דאָקטאָר! הערר דאָקטאָר! פון ווענען מיינט איהר האָבען מיר
גערעדט איצט דיא גאנצע צייט? נו? טרעפט אקאָרשט! פון אייך! איך בין
מלא שמחה!"

דער פרעהליכער הערר איז געווען שימאָן. ער האָט פריעדריכ'ן אריינ־
געצויגען אין עגול פון רונדען פּלאַץ, האָט איהם מיט א שאָק ווערטער פאָר־
געשטעלט פאר דיא אנדערע, האָט איהם אונטערגערוקט א שטוהל און איהם
כמעט אליין אנידערגעזעצט. דאָס אלץ איז געמאכט געוואָרען אזוי גיך, אז פריעד־
ריך, ווען ער וואָלט אפילו ניט פערטויבט געוואָרען, וואָלט זיך אויך ניט גע־
קענט ווערען אקעגען. וויא פערטויבט אָבערוויז ער געוואָרען דאדורך, ווייל ער
איז פּלעצליך געשטאנען נעבען זיין אמאָליגער ליעבע, ערנעסטינע לעפלער. זי האָט
איהם בעגריסט מיט א בליק און א שמייכעל, נאָך איידער זיא האָט געזאָגט א
וואָרט, און ער האָט ניט געוואוסט פון וואָס אנצוהויבען. דערווייל איז שיפמאן

צוגעלאָפּען צו שטײנעקען און צו דיא אנדערע, װעלכע ער האָט שױן פון פריהער געקענט. האָט זײ אױך װיא געגױט נאָהענטער צוצוגעהען, אקוראט װיא א קרע־מערקע נױט דעם סוחר, צו זעהען איהר ביסעל רומעל. דער פּראָפעסאָר האָט ניט געהאט קײן טראָפּען חשק צוצוגעהן צו דער קאָמפּאניע, אָבער קינגסקאורט האָט גע׳טענה׳ט, מען קען דאָך ניט לאָזען פריעדריכען אלײן: אין אײנעם אין דער תפיסה, אין אײנעם צו דער תליה. שיפמאן האָט זיך פערנאַנדערגעלאכט איבער אזא מאָדנעם קאָמפּלימענט, דערנאָך האָט ער געבראכט שטוהלען און אָנגערופען די נעמען פון דער געזעלשאפט.

הערר, פרוי און פרײלין שלעזינגער, הערר און פרוי דאָקטאָר װאָלטער, פרוי װײנבערגער, פרײלין װײנבערגער, דיא הערערן גרין און בלױ, הער װײנ־בערגער.

פריעדריך האָט דאָס אלץ געהערט און געזעהען, װיא דורך א טומאן. װיא אין א װאָלקען איז אױפגעשטאנען פאר איהם דיא אלטע צײט. ער האָט זיך װיע־דער דערזעהן ביי דיא תנאים אין לעפּלערס הױז. דיא גאנצע עקעלדיגע חברה, פאר װעלכע ער איז אנטלאָפען מיט פערצװײפלונג אין הערצען, איז װידער נעבען איהם געזעסען. אלע זײנען זײ עלטער געװאָרען, אָבער פאָרט דיא אײגענע, װאָס פריהער. נאָר דיא בײדע יונגע פרײלײנס געהערען שױן צו אן אנדער דור. אײנע קוקט אױף איהם מיט פרעמדע אױגען אין צאַרטען געזיכט, א קאָפּיע פון דיא אמאָליגע ערנעסטינע. פון דעם גאנצען געשפרעך ארום האָט ער נאָר געהערט א רעש׳ען אָהן װערטער, אזױ פערזונקען איז ער געװען אין אלטע זכרונות. ערשט שפּעטער, בעת מען איז אױף איהם װיא אָנגעפאלען, האָט ער זיך אױפגעכאפּט פון זײן פערקלערטקײט.

הערר גרין, דער װערטעל־זאָגער, האָט איהם געפרעגט:

„נו, הערר דאָקטאָר לעװענבערגער, װיא געפעהלט אײך דאָ? װאָס, איהר האָט קײן דבורים ניט? אפשר געפעלט אײך ניט, װאָס דאָ זײנען צופיעל יודען?"

אלע האָבען זיך פערנאנדערגעלאכט. פריעדריך האָט פאמעליך געענטפערט:

„אָפען גערעדט, איהר זײט דער ערשטער, װעלכער האָט מיר געבראכט אױף דעם געדאנקען".

„אױסגעצײכענט, הע — הע — הע!" האָט שיפמאן געהירזשעט װיא א פערד. דיא איבריגע האָבען זיך אױך פערנאנדערגעלאכט. דערפון ערשט האָט פריעדריך פערשטאנען, אז זײן ענטפער האָט מען אָנגענומען פאר א װיץ, אפילו ניט קײן פרײנדליכען, אָבער װאָס פאסט זיך גאנץ גוט אין אזא געזעלשאפט.

הערר גרין, וועלכער איז שוין צוגעוואָהנט געווען צו אנדערע זאכען, האָט זיך ניט שטארק אָבגעגעסען דאָס הארץ. הערר בלוי אָבער, דער אנדערער וויצלינג, האָט מיט א פערקרימטען געלעכטעריל אָנגעהויבען רודף'ן זיין קאָנקורענטען:

„גרין איז אפילו אָט דאָ בכח צו מאכען פון דיא איינוואָהנער אנטיסעמי־טען".

„אייערע חכמות זיינען שוין אביסעל פערשימעלט, הערר בלוי", האָט זיך ד"ר וואלטער אריינגעמישט. — „עס זיינען שוין ב"ח אויסגעגאנגען דיא אנטי־סעמיטען אין דער גאנצער וועלט".

„ווען איך וואלט דאָס געוואוסט זיכער" האָט בלוי זיך געחכמה'ט, „וואלט איך אפשר געמאכט דערמיט א שטיקעל עסק".

קיננסקאורט האָט זיך איינגעבויגען צו פּראָפעסאָר שטיינעק און איהם שטיל איינגערוימט אין אויער:

„מיין ליעבער פּראָפעסאָר, מיר דאכט זיך, אז איהר דארפט זיך חלילה ניט אויסרעדען פאר דער קאָמפּאניע וועגען אייערע ליעבשאפט צו דיא נעגער. מען וועט דאָ פון אייך גוט חוזק מאכען!"

„וואָס בעווייזט דאָס אקעגען מיין אידעע?", האָט שטיינעק געענטפערט, „אָט דיא קאָמפּאניע האָט אויך אין אָנהויב זיך אויסגעלאכט פון דעם יודישען נאציאָנאלען געדאנקען. וועגען גרויסע געדאנקען רעדט מען זיי ערשט דאמאלסט, ווען קינדער אין דיא וויעגען הויבען שוין אָן דערפון צו פערשטעהן".

פריעדריך אָבער האָט זיך אָבגעשטעלט ביי דאָקטאָר וואלטערס בעמערקונג.

„צו איז טאקע אמת", האָט ער געפרעגט, „דאָס דער אנטיסעמיטיזמוס האָט זיך פערקלענערט?"

„וואָס הייסט: פערקלענערט?", האָט שלעזינגער אויסגערופען — „זאָגט בעסער: פערשוואונדען".

„מכח דער פראגע וועט אייך געבען דיא בעסטע ידיעות ד"ר פּייגעלשטאָק" איז בלוי ארויסגעשפרונגען מיט א חוצפה, — „ער האָט זיך בענומען וויא א שיפסקאפּיטאן. ער איז געווען דער לעצטער, וועלכער האָט פערלאָזען דאָס שיף. דעם אדוואָקאט האָט דאָס פערדראָסען.

„הערט נאָר בלוי, איך וועל אייך נאָך אמאָל אָנגעהמען ביי דיא אויערען און אייך איינדרומלען דעם נאָמען מיינעם! וואלטער איז מיין נאָמען. איהר זאָלט זיך דאָס איינ'חזר'ן איינמאָל פאר אלע מאָל. חאָטש איך האָב זיך קיינמאָל ניט גע־שעמט מיט מיין פאָטערס נאָמען. נאָר אין פריהעריגע צייטען האָט מען שוין גע־

מוזם עפּעס נאָכגעבען, אויב מען האָט ניט געוואָלט זיך לאָזען פון דיא אנטיסע־מיטען שינדען דיא הויט״.

„און איצט איז דאָס שוין ניט נויטהיג מעהר?״ האָט פריעדריך ווייטער גע־פאָרשט.

„ניין. איבריגענס איז בלוי מיט זיינע נארישע חכמה׳לעך חיינטיגעס מאָל גערעכט, וואָס איך בין ערשט פאר קורצען געקומען אהער. דערפון אָבער קען מען זעהן, אז איך האָב דאָס ניט געטהון פאר נוים, נאָר מיט׳ן אייגענעם פרייען ווילען״.

„ענדע יוד. אלעס יוד״, האָט דער מאכל׳דיגער גרין געמעקעט וויא א ציג. בלוי, וואָס האָט זיך שוין ניט דערוהעגט דעם אדוואָקאטען ווייטער אויפצורייצען, האָט שטיל איינגערוימט אין עמעצענס אויער, אז דעם אדוואָקאט׳ס קליענטען זיינען צורונען וויא וואסער.

ד״ר וואלטער האָט געמאכט א ערנסט פּנים און גענומען מיט גדלות דער־צעהלען, וואָס פאר ווירקונגען עס האָט אָנגעמאכט דיא גרויסע יודישע אויסוואנ־דערונג. ער האָט שוין פון ערשטען טאָג קלאָהר איינגעזעהן, אז דיא ציוניסטישע בעוועגונג איז פון גרויסען נוצען, סיי פאר דיא עמיגראנטען, סיי פאר דיא וואָס בלייבען איבער אין פערשיעדענע לענדער. ער איז געווען פון דיא ערשטע, וועלכע האָבען פערשטאנען דיא גרויסע ווערדע פון ציוניזמוס, און האָטש זיין דאמאָליגע פּאָלאָזשעניע (לאגע) האָט איהם ניט דערלויבט ארויסצוּווייזען זיינע געפיהלען און פריי ארויסצוזאָגען זיינע איבערציינגונגען, האָט ער אין א שטילען פערבעהאל־טענעם אופן ניט אויפגעהערט צו ארבייטען פאר דעם נאציאָנאלגעדאנקען; א ראיה, דאָס ער האָט אין זיין קאנצעלאריע געהאלטען ביי זיך דאמאָלסט א אָרע־מען שטודענטען פאר א שרייבער און האָט ביי איהם ניט צוגענומען דאָס שטיקעל ברויט, ער האָט איהם ניט ארויסגעיאָגט, כאָטש ער האָט גוט געוואוסט, אז דער יונגער מאן קומט אויף ציוניסטישע אסיפות. פאר דעם נאציאָנאל־פאָנד האָט ער אויך געגעבען געלד דאמאָלסט, בעת דער פאָנד האָט שוין געהאט עטליכע צעהנ־דליג מיליאָנען רובעל, און מען האָט שוין געמענט ערוב זיין פאר איהם אָהן ד״ר וואלטערס פּאָר גראָשען.

בלוי, דער וויצלינג, האָט געזוכט א קליינע נקמה אויף וואלטערן פאר דיא פריהערדיגע גראָבהייטען:

„זייט נאָר מוחל, הערר דאָקטאָר, צו האָט איהר מגרב געווען אוים׳ן נאציאָ־נאל־פאָנד נייע מטבעות, אָדער אָבגעריבענע?״

ד״ר וואלטער האָט זיך געמאכט ניט פערשטעהענדיג. ער האָט נאָר א קוועטש געגעבען מיט דיא פּלייצעס און מיט א קאלטען בליק אָבגעמאָסטען בלוי פון קאָפּ ביז דיא פיס. אז דיא עמיגראנטען האָבען אין פּאלעסטינא געפונען א געבענשטעס היים, ווייסט היינט א קינד אין וויעג. אָבער אויך דיא יודען, וואָ זיינען געבליעבען זיצען אויף אָנ׳אָרט, האָבען פרייער אָבגעאָטהעמט. צייט דיא יודישע קאָנקורענץ איז שוואכער געוואָרען, אָדער אין גאנצען פערשוואונדען, האָט מען זיי מעהר ניט געצעפּעט. אין דיא לענדער, וואָס זיינען געוועזען פול מיט יודען, זיינען געקומען לייכטערע צייטען פאר דיא גאנצע בעפעלקערונג. עס האָבען אפילו אָבגעפלייצט צוערשט דיא אונטערע קלאסען, דיא אָרעמע און דיא ארבייטער, דאָס פּראָלעטאריאט, אָבער דאָס האָט אויך געהאט א גרויסע ווירקונג אויף דיא מיטעלערע און אויבערע קלאסען. פריהער פאָר אלעמען זיינען אוועק דיא, וועלכע האָבען גאָר ניט געהאט צו פערליערען און האָבען נאָך געהאט א האָפנונג אויף א בעסערע צוקונפט. אזוי וויא דיא עמיגראציע איז געוועזען א פרייע, זיינען נאָר געגאנגען דיא, וואָס האָבען געהאָפט אויף א בעסערען מזל. דיא פערצווייפעלטע און דיא ארבייטער אָהן א שטאָף ארבייט האָבען זיך געלאָזען אין א לאנד, וואו עס האָט זיך געעפענט פאר זיי א קוואל פון ארבייט און האָפנונגען. עס פערשטעהט זיך, אז נאָר אויף דעם אופן האָט זיך געמוזט אָנהויבען דיא קאָלאָניזאציע. אין דער גאנצער וועלט האָט מען געוואוסט, אז צוליעב דיא טויזענדער אונטערנעהמונגען אין פּאלעסטינא, וועלכע האָבען זיך געמעהרט וויא גראָז אויפ׳ן פעלד, קען מען לייכט פערדיענען זיין שטיקעל ברויט, קען מען אויך זיך אפשר דערשלאָגען צו א ביסעל נגידות. היינט דיא פריְהייט, וואָס האָט געצויגען. אמונה און נאציאָן האָבען ניט געשפּיעלט קיין ראָלע. שוין דאָס אליין וואָלט געקלעקט. דערצו איז נאָך צוגעקומען, וואָס אלע גרויסע יודישע צדקה־חברות האָבען זיך פעראייניגט מיט דעם צוועק, צו שטיצען א ברייטע יודישע קאָלאָניזאציע. פריהער האָבען זיך זייערע פּאָרשטעהער געבראָכען דיא קעפּ מיט אלערליי פּלענער, וויא צו העלפען זייערע ברידער, וועלכע ווערען צוליעב דיא רדיפות און צוליעב זייער אָרעמקייט געיאָגט פון לאנד צו לאנד וויא חיות־רעות. אמאָל פּלעגט איטליכע אָרטיגע יודישע נויט ווערען א צרות־הכלל. ווען דיא אָרימע יודען האָבען שוין ניט געקענט אויסהאלטען אין איינע פון דיא לענדער אין מזרח־אייראָפּא און פּלעגען זיך לאָזען אין וועג אריין, געטריעבען פון נויט און פּיין, פּלעגט עס מאכען ארושם אויף אלע יודישע קהילות. מען האָט געגעבען און געגעבען און קיינמאָל האָט ניט געקלעקט פאר אלע דיא נע־ונד־ניקעס מיט דער בעטלערשער טאָרבע אויף דיא

פלייצעס. מיליאָנען רובעלס האָט מען אויסגעטהיילט, ניט האָבענדיג דיא מענ־ליכקייט חוקר ודורש זיין ועטמען מען דאַרף און וועמען מען דאַרף ניט געבען.

אין אהרי ככלות הכל האָט מען דיא נויט קיינמאָל ניט געקענט לינדערען, און דיא צדקה־חברות האָבען נאָך אויפגעהאָדעוועט א גאנצע מחנה פון געבאָרענע שלעפּערס מיט שלעפּערשע עסקים און רוחים. צוליעב דעם ציוניסטישען געדאנ־קען איז בעשאפען געוואָרען א פלאַץ, וואו אלע ערעלע שטרעבונגען ביי יידען האָ־בען זיך געקענט פעראייניגען, זיך און דעם ציוניזמוס צום נוצען. דיא יודישע קהילות פון דער גאנצער וועלט האָבען אונטערשטיצט דיא אָרעמע קאָלאָניסטען אין פּאלעסטינא. דאדורך האָבען זיי זיך בעפרייט פון דיא פיעל אָרעמע לייט, און דאָס איז אויסגעקומען א סך וואָלוועלער וויא דיא פריהערדיגע מעטהאָדע זיי צו פערשיקען אין פרעמדע לענדער; דערצו האָבען זיי נאָך געקענט ערוב זיין פאר זיך, אז זיי שטיצען נאָך אזעלכע, וואָס ווילען ארבייטען, וואָס פערדיענען אז מען זאָל זיי העלפען. איטליכער, וועלכער האָט נאָר געוואָלט כשר פערדיענען זיין שטיקעל ברויט, האָט אין פּאלעסטינא געפונען פאר זיך א פלאַץ צו ארבייטען. און דער, וואָס האָט נע׳מענה׳ט, אז מען קען אין פּאלעסטינא ניט לעבען, האָט זיך דערמיט ארויסגעשטעלט פאר א פוילען און פאר א שלעפּערשע נאטור: אזעלכע האָבען ניט פערדיענט, אז מען זאָל אויף זיי רחמנות האָבען. אין דיא ערשטע צייטען האָבען מאנכע געמיינט, אז אזעלכע קאָלאָניעס פון אָרעמע ארבייטער קע־נען ניט האָבען קיין קיום. וויא נאריש און אונגעבילדעט דאָס איז אזוי צו טראכ־טען, דאָס האָט ד״ר וואַלטער און אלע, וואָס האָבען געהאט א ווייטען קוק, באלד פערשטאַנען, פון אָנהויב אָן. צו האָבען ניט שטענדיג בעזעצט דיא נייע קאָלאָני־עס אָרעמע הונגערליידער? דיא רייכע און דיא זאטע האָבען נאָר ניט געהאט קיין גרונד, צו פערלאָזען דיא איינגעלעבטע ערטער. דיא זאטע ריהרען זיך ניט; דיא הונגעריגע אָבער נעהמען איין דיא וועלט. דיא ענגלישע פּוריטאנער פער־פאָלגט פאר זייער גלויבען האָבען בעזעצט נאָרד־אמעריקא. דיא וואָס יאָגען זיך נאָך רייכטהום און גליק געהן קיין אינדיען און זיד־אפריקא. און צו איז נאָך גע־וועזן אזא קאָלאָניע, וואָס איז בעשאפען געוואָרען פאר א ערגערע סאָרט מענשען, וויא אויסטראַליען? און הייגט איז אויסטראַליען גרויס ביי זיך, בליהענד וויא א גאָרטען און רייך. צום אָנפאנג פון 19־טען יאָהרהונדערט איז דאָס געווען א קאָלאָניע פון קאטאָרזשניקעס און אין עטליכע צעהנדליג יאָהר איז דאָס געוואָרען א שטארקע געזונדע מלוכה. צום סוף פון 19־טען יאָהרהונדערט איז זיא געווען

אײנע פון דיא שעהנסטע דימענטען אין קרוין פון דער ענגלישער װעלט־מלוכה.

ד"ר װאלטער און זײנסגלײכען, װיא געזאגט, האבען זיך אויסגעלאכט פון דיא, װאס האבען ניט געגלויבט אין דעם קיום פון דיא נײע יודישע קאלאניעס. אויב קאטארזשניקעס אין אויסטראליען האבען געהאט הצלחה אין זײער ארבײט, פאר װאס זאלען דאס ניט האבען דיא פיאנערען (חלוצים) פון יודישען פאלק, װען זײ װערען נאך דערצו פון כל ישראל אונטערשטיצט אין זײער הײליגער ארבײט פאר דיא פרײהײט און דעם כבוד פון דער נאציאן? מיט גרויס עניות דערצעהלט ד"ר װאלטער, װיא זײנע נביאות זײנען מקוים געװארען. דען דיא גרויסע ארבײטען אין דיא קאלאניעס האבען געפאדערט א מאסע געשטודירטע אינזשענירען, ארװאקאטען און געבילדעטע סוחרים. דאדורך האבען פלוצלונג בעקומען א בעשעפטיגונג מאסען פון געשטודירטע יונגע לײט, װעלכע זײנען פריהער צוליעב דעם אנטיסעמיטיזמוס ארומגעגאנגען אהן שטעלען. בעת פריהער פלעגען דיא געענדיגטע ארומגעהן פוסט און פאס מיט א שרעקליכע פערצװײפלונג אין הארצען, — האבען זײ איצט געקריעגען אין פאלעסטינא ארבײט ביז איבער'ן קאפ, געקראגען שטעלען בײ דיא קהל'שע און פריװאטע אונטערנעהמונגען. דער פועל יוצא דערפון איז געװען, אז זײ האבען שוין ניט קאנקורירט מיט זײערע קריסטליכע חברים. מען האט שוין אויפגעהערט צו קוקען אופן יודען, װיא א פגע רע, און דאדורך זײנען אויך בטבע קלענער געװארען דיא שנאה און דיא קנאה צום יודען אין סוחרישען און אין מאטעריעלען לעבען. מען האט אנגעהויבען צו זעהען דיא יודישע מעלות, װיא באלד מען האט זיך שוין ניט געריסען װעגען שטיקעל ברויט. װאס זעלטענער מען באט זיך אן, אלץ העכער שטײגט דיא װערדע פון דעם אנבאטען זיך. דאס װײסט שוין חײנט א קינד אין װיעג. און דאס אײנענע איז אויך אנגעפאסט פאר דעם יודען, װאס האט אויפגעהערט אין מאטעריעלען לעבען צו זײן פאר דעם קריסטען א דארן אין אויג. און אזוי האט זיך פון אלע זײטען געבעסערט דעם מצב פון דיא אידען. אין די לענדער, װאו מען האט ניט געװאלט, אז ס'זאלען אויסװאנדערן צופיעל יודען, האט זיך שטארק אומגעביטען בײז כלל די מײנונג װעגען זײ; מען איז זײ שוין נעגאנגען אנטקעגען ניט נאר אויף פאפיער האט מען זײ גענעבען אלע רעכטע, נאר אויף צו דער־אמת'ן, מיט'ן גאנצען פולען הארצען. מיט געװאלט קען מען דיא יודען ניט נויטען, אז זײ זאלען זיך מיט א פרעהליכען הארצען בעשעפטיגען מיט קונסט און װיסענשאפט, מיט האנדעל און פאבריקאציע אין דיא לענדער, װאו מען האלט זײ

ניעדעריגער פאר זיך. נאָר ליעבשאפט און פריינדשאפט קען דאָס ברענגען דערצו. דאמאָלסט ערשט, בעת דיא געפייניגטע יודען האָבען אויפגעהערט צו זיין נע־ונד'ניקעס און האָבען זיך בעזעצט אין זייער אייגענעם לאנד, ערשט דאמאָלסט האָבען דיא יודען אומעטום געקראָגען דיא אמת'ע עמאנציפאציאָן. דיא גלייכע רעכטען וויא אלע בירגער פון לאנד. און דיא, וועלכע האָבען זיך געוואָלט צומי־שען, זיך אסימלירען מיט אן אנדער פאָלק, האָבען דאָס געמעגט טהאָן אָפען, אָהן פשט'ליך און אָהן גנבת הדעת. עס האָבען זיך איינגעפונען אזעלכע, וואָס האָבען געוואָלט אָננעהמען דיא אמונה פון זייער לאנד, און זיי האָבען דאָס געמעגט אָפען טהון, און זיך ניט שרעקען דערפאר, אז מען וועט זאָגען זיי טהוען דאָס צו־ליעב געלד, אָדער א שטעלע צו קריעגען, ווייל אותקצונגען פון יודענטהום האָט אויפגעהערט עמיצען א נוצען צו ברענגען. דיא איבערגעבליבענע יודען, וועלכע זיינען געווען אין אלע, חוץ גלויבענס זאכען, איינס מיט דיא אנדערע בירגער פון לאנד, האָבען אויך אין אמונה אנגעלעגענהייטען ניט געהאט דאָס מינדעסטע צו ליידען. דען טאָלעראנץ מוז זיין אויף ביידע צדדים, און ערשט בעת דיא יודען האָבען זיך בעוויעזען פאר טאָלעראנטע מענשען צו פעלקער פון אנדערע נאציאָ־נען דאָרטען, וואו זיי זיינען דאָס רוב פון לאנד, האָט מען זיי אָבגעצאָהלט מיט דער אייגענער מדה טובה.

„דארום“ האָט ד"ר וואלטער געענדיגט זיין קליינע דרשה, ווארפענדיג א חניפה'לע־בליק אויף פראָפעסאָר שטיינעקען, — דארום בין איך א אנהעננגער און א טרייער סנגור פון דיא אידעען פון דער ליטוואק־שטיינעק'שען פארטיי, און איך וועל מיט לייב און זעעל ביז מיין לעצטען טראָפען בלוט שטרייטען פאָר דיא דאָ־זיגע אידעען“.

הער בלוי פון זיין זייט האָט געזאָגט מיט א שטאָך:

„איך בעט אייך, הערר פראָפעסאָר, איהר זאָלט חלילה ניט פערגעסען דאָס צו זאָגען אייער ברודער. ווען איהר האָט אויף אייער זייט ד"ר וואלטער, האָט איהר דאָס רוב שטימען פאר זיך“.

דער אדוואָקאט איז א אָנגעצונדענער געוואָרען:

„וואָס מיינט איהר דערמיט איהר... איהר.... ?“

„גאָר ניט“ האָט בלוי זיך גע'חכמה'ט מיט א פערשטעלטע רוהיגע מינע. „איך האָב קיין מאָל ניט געזעהען האלטען פאר אן אנדער זייט, וויא פאר דער וואָס האָט פאר זיך דאָס רוב שטימען (גאלקעס). דעריבער מעג מען שטענ'דיג

גראטולירען דיא מענשען פאר ועלכע איהר האלט".

„אויב איהר ווילט מיט אייערע פערשימעלטע וויצען זאגען, אז איך פלעג ענדערען אפט מיינע אנזיכטען, קען איך זיך נאר אויסלאכען פון אייך. איטליכער בר דעת ווערט מיט דער צייט קליגער. דיא הויפטזאכע איז, דאס וויא באלד איך האלט פון עפעס האלט איך שוין דערפאר מיט אלע כחות".

„אודאי", האט זיך ארייגגעמישט גרין, וועלכער האט געהאלטען זיין „ניט געוועלגערטען" אויער צווישען דעם גראבען פינגער און דעם צייגעפינגער, — „עס פערשטעהט זיך, וען דר. וואלטער האלט שוין פון עפעס, האלט ער זיך דערפאר פעסט מיטביידע הענד. וען ער פערליערט אבער זיינע איבערצייגונג, וואלט דאך פיר איהם א נארישקייט געווען צו האלטען מיט ביידע הענד א זאך, וואס ער האט שוין לאנג אנגעווארען".

הערר שלעזינגער, וועלכער איז נאך אלץ געווען א געשעפט־מענש ביי באראן גאלדשטיין, און פאר וועמען מען האט נאך אלץ בושה געהאט אין דער קאמפאניע, האט ברייטליך א סוף געמאכט צווישען דיא שטרייטערס.

„וואס איז מיט אייך געשעהען ? צו זיינען מיר אויף א פאלקס־פערזאמלונג? וואס ארט אונז איבערצייגונג ! איך וויים נאר צוויי זאכען : „געשעפטען און פערגעניגען".

„בראוואָ !" האט קיננסקאורט אויסגערופען, — „און קודם כל דאס עסק'ל"

„איהר זעהט, דער הערר האט אויך דיא אייגענע מיינונג. צו איז איצט א צייט פון געשעפטען צו רעדען ? ! טא לאזט אונז צו רוה !".

„איהר טרעפט אלע מאל אין פינטעל אריין, הערר שלעזינגער", האט זיך שיפמאן צוגע'חנפ'ט צו איהם, און זיך ווענדענדיג צו קינגסקאורט און פריעדריכען האט ער האלב הויך, נאר אזוי, אז אלע זאלען קענען הערען, געזאגט : „ניט אומ־זיסט האבען דיא באראנען פון גאלדשטיין אזא צוטרויען צו איהם. ער איז אין יפוי דער פערטרעטער פון אט דער בעקאנטער פירמע".

„וואס איך הער !" איז קינגסקאורט אויף א געלעכטער שטארק נתפעל גע־ווארען, דערוויל האבען זיך דיא דאמען וויטער גענומען פאר'ן אלטען שמועס מכח פאריזער הים. פרוי לאשנער האט גערעדט העכער פון אלעמען. זיא שרייבט אוים איהרע פוצזאכען דירעקט פון פאריז.

פרוי ערנעסטינא וויינבערגער האט פריעדריכען אנצוהערען געגעבען, אז ער מעג זיין זעסעל נעהענטער צורוקען און זיא האט מיט א שטיל קול אנגעהויבען :

„יאָ, און דאָס איז מיינע טאָכטער. וויא דיא צייט פערגעהט! וויא געפינט איהר זיא? שעהן, מיאום?“

„אין גאנצען אין דיא מוטער“, האָט ער געענטפערט אָהן אינטערעסע, וויא א מאשינע.

„מיאום, הייסט דאָס? אךְ, וואָס פאר א בייזער מענש איהר זייט!“ און זיא האָט קאָקעט א וואָרף געטהון מיט דיא ווימפּערען.

איהם איז געוואָרען זעהר שווער אויפ'ן הארצען, קוקענדיג אויף דיא פער־בליהטע פרוי, וואָס האָט זיךְ נאָךְ בעמיהט צו געפעלען. אָט אזא פּנים האָבען אלע סבות פון אונזערע שמערצען אין צוואנציג יאהר ארום. מען הויבט ניט אָן צו פערשטעהן, וויא האָט מען צוליעב אזוינס געקענט האָבען אזעלכע עגמת נפש. אָךְ, א רחמנות אויף דיא פערלאָרענע דאמאָליגע צייט!

זיא אָבער, וואָס האָט ניט אָנגעהויבען צו פערשטעהן, וואָס אין איהם טהוט זיךְ, האָט ווייטער געקאָקעטירט: וואָס רעכענט ער צו טהון? צו בלייבט ער דאָ, אָדער צו קעהרט ער צוריק קיין אייראָפּא? אויב ער ועט דאָ בלייבען, וועט ער דאָךְ מן הסתם טראכטען צו גרינדען א פאמיליע, צו הייראטען.

„איךְ? אין מיינע יאהרען? איךְ האָב דאָס שוין פערזאמט, וויא א סךְ וויכ־טיגערע זאכען“.

„איהר רעדט שוין וויא ניט קיין עהרליכער מאַן“, האָט פרוי וויינבערגער איהם געענטפערט דארויף... „איהר זייט נאָךְ גאָר ניט אין דיא יאהרען. איהר זעהט אוים פיעל איגגער, וויא איהר זייט אין דער'אמת'ן. אויף אייער איינזאמער אינזעל האָט איהר אייער יוגענד ניט פערברויכט... ווארט נאָר א ווײלע, איךְ ועל לאָזען טרעפען א יונג ריין קינד, וויא אלט איהר זייט... פּיפּי, טרעף אָקאָרשט, וויא אלט מוז שוין זיין דער ד"ר לעווענבערג?“

פרייליין פּיפּי, דאָס יונג ריין קינד, האָט א ווײלע איהם אָנגעקוקט, אראָב־געלאָזען דיא אויגלעךְ און דערנאָךְ געזאָגט פערשעהמט:

„אָנפאנג דרייסיג, מאמא“.

„א טעות, ליעבעם פרייליין, איהר האָט זיךְ ניט גענוי איינגעקוקט מן הסתם“.

„איךְ זעה אייךְ שוין ניט צום ערשטען מאָל“ האָט זיא געענטפערט פער־שעהמט, „איךְ האָב אייךְ שוין געזעהן אין אָפּערענטהעאטער צוזאמען מיט מרים ליטוואק“.

„גוט וואָס איךְ האָב זיךְ דערמאָנט“, האָט ערנעסטינא געזאָגט, — „וויא

געפעלט אייך מרים ליטוואק ? איך מיין ניט איהרע אויסערע געשטאלט. זיא איז דאך זעהר א שעהנע. אבער וויא זיא האלט זיך, איהר פאזע. זיא גרויסט זיך אליץ עפעס דערמיט וואס זיא טהוט איהרע פליכטען, און נאך אזעלכע נארישקייטען.

זיא שפיעלט דיא ראלע פון א לעהרערין. דאס איז איצט דיא נייעסטע מאדע".

פריעדריך איז געווארען צוקאכט :

„מיינע טייערע, לויט איך וויים, שפיעלט ניט פרייליין ליטוואק דיא ראלע פון א לעהרערין, זאנדערן איז טאקי א לעהרערין. זיא נעהמט זיך פאר איהר זאך זעהר ערנסט, וויא דאס פאדערט דיא פליכטען פון א לעהרערין".

„קוקט זיך נאר איין, וויא ער נעהמט זיך אן פאר פרייליין ליטוואק !" האט ערנעסטינא גע'חוזק'ט פון איהם.

„מיין פריינד האט מיר געגעבען א צייכען", האט זיך פריעדריך אויפגעהויבען פון שטוהל, — „מיר מוזען אבשיעד נעהמען".

ער האט אויך אבשיעד גענומען פון דיא איבריגע פון דער קאמפאניע און איז אוועק. קינגסקאורט האט איהם גענומען אונטערן ארעם און געזאגט :

„פריטץ, טרעפט אקארשט ועגען וואס איך האב געקלערט, זיצענדיג דא אין דער שיינענדינען געזעלשאפט".

„פרעגט מיר בתרם !"

„אז עס איז שוין צייט פאר אונז אוועקצופאהרען. ניט צוליעב דעם זיינען מיר געווארען אזעלכע גזלנים און רוצחים, בכדי צו נעהמען א פינסטערען סוף אין דער קאמפאניע פון פערטרעטער פון בארא גאלדשטיין. אדער רעכענט איהר אפשר זיך דא צו בעזעצען אויף שטענדיג ?"

„איהר פרעגט נאך, קינגסקאורט ? ווייסט איהר נאך ניט אז איך געהער אייך אין גאנצען און געה מיט אייך ועו נאר איהר ווילט און וואו נאר איהר ווילט ?"

דארויף איז דער אלטער קינגסקאורט געבליעבען שטעהן וויא א צועשמיד־טער און פריעדריכען שטארק געדריקט דיא האנד.

ענדע דריטעם בוך.

פיערטעס בוך.

פסח.

I.

אין דער ווילע פון אלטען ליטוואק האט מען זיך צוגערייט צום סדר. עס איז שוין געוועזן א שטיק אין אָוענד, בשעת דיא געסט זיינען אָנגעקומען. דער רוסי־שער פּאָפּ פון ספרית איז שוין געקומען מיט א שעה פריהער. צום סוף איז אויך געקומען דוד צוזאמען מיט'ן גלח איגנאץ פון פראציסקאנער קלויסטער: דאס איז געוועזן א געזונדער שעהנער מאן מיט פריש־רויטע באקען און א בלאָנדען באָרד. אין זיין ברוינעם קלויסטער מאנטעל האט ער נאָך אויסגעזעהען שלאנקער. ער איז געבאָרען געוואָרען אין קעלן ביים רהיין און האטש ער לעבט שוין זייט 25 יאָהר אין טבריא, האט ער זיך נאָך אלץ ניט אבגעוועהנט צו רעדען דייטש מיט א קעלנישער אויסשפּראכע.

דעם סדר־טיש האט מען געדעקט אין עסצימער פון אונטערשטען שטאָק. אויף דעם קלאָרווייסען טישטוך זיינען געוועזן אויסגעשטעלט געשיר פאר א ערך 20 פּערזאָנען. דוד האט אלעמען אָנגעוויזען דיא ערטער, און אליין האט ער זיך געזעצט ביים אונטערשטען ענדע טיש, געגענאיבער זיין פאטער, וועלכער איז גע־זעסען אויבען־אָן. רעכטס פון אלטען ליטוואק איז געשטאנען א לעדיגער שטוהל. דיא אלטע פרוי ליטוואק האט זיך געפיהלט ערגער און האט ניט געקענט קומען צום סדר. אין דער לינקער זייט פון בעל־הבית איז געזעסען מיסטרים גאָטלאנד.

עס האט זיך אָנגעהויבען דאס שעהנע פערצייטיגע טהעאטער שטיק, וואו עס זיינען אויסגעמישט טרעהרען און פרייד; דער סדר האט זיך אָנגעהויבען.... מען האט אָנגעגאָסען פול דעם ערשטען כוס. דער בעל־הבית האט הויך געמאכט קדוש, געבענשט דעם זאפט פון וויינשטאָק און געדאנקט פאר אלע גענאָד וואס דער אויבערשטער טהוט מיט זיין פאלק.

„ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם שהחינו וקימנו....“

מען האָט אויסגעטרונקען דעם ערשטען כוס. קינגסקאורט אָבער האָט זיך נאָר צוגעקוקט. מיסטרים גאַטלאנד האָט זיך צוגערוקט צו איהם און איהם אויף ענגליש איינגעשושקעט אין אויער: „איהר מוזט אַלע נאָכטהון, וואָס דיא אנדערע מאַכען. עס איז אזא מנהג".

קינגסקאורט האָט אראָנטערגעוואָרגען עטליכע „א רוח אין זיין"... האָט אָבער געהאט גענוג שטאָט ביי זיך, גענוג פרעהליכקייט נאָכצוטהון דיא וואונדערליכע מנהגים אין איינעם מיט אַלע געסט. דיא קריסטליכע גלחים האָבען זיך אויך ניט אָבגעשיידט פון אַלעמען.

דער אַלטער ליטוואק האָט קאָמאנדירט „ורחץ". איבער א זילבערנעם וואַשׁשיסעל האָט ער זיך געוואַשען דיא הענד, און מרים האָט איהם בעדיענט. דערנאָך האָט ער זיך גענומען צו דעם „כרפס". אַלע אורחים האָבען געקראָגען צו שטיקעל ציבעלע. ליטוואק האָט געמאַכט דיא ברכה און אַלע האָבען מקים געווען דיא מצוה פון כרפס. קינגסקאורט האָט זיך דערביי פרעהליך פערקרימט און מיסטרים גאַטלאנד האָט זיך דערביי ניט געקענט אָבהאַלטען פון א שמייכעל. ליטוואק האָט אראָבגענומען פון סדר־שיסעל דאָס איי און דיא זרוע, האָט אויפגעהויבען דעם פערדעקטען טעלער און האָט מיט א ערנסטען יום־טובדיגען פנים אָנגעהויבען: „כהא לחמא עניא".

וויעדער האָט פרוי גאַטלאנד אויסגעלייזט קינגסקאורטען פון א פערלעגענהייט. זיא האָט איהם מיט'ן פינגער אָנגעוויעזען אין זיין הגדה דיא דייטשע איבערזעצונג פון דער שטעלע „כהא לחמא" דערנאָך האָט מען אָנגעפיהלט דעם צווייטען כוס, און דוד'ן, וויא דעם יונגסטען פון אַלע מאַנסבילען ביי'ן טיש, איז אויסגעקומען צו פרעגען דיא פיער קשיות. ער האָט זיך אויפגעהויבען און געזאָגט:

„מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות? מיט וואָס האָט זיך פערענדערט דיא דאָזיגע נאַכט פון פסח פון אנדערע נעכט? דען אין אַלע אנדערע נעכט עסען מיר סיי חמץ סיי מצה און היינטיגע נאַכט נאָר מצה. אין אַלע נעכט...."

ליטוואק האָט אָבגעדעקט דיא מצות פון סדר־טישעל און אַלע אין איינעם האָבען געענטפערט:

„קנעכט זיינען מיר אַמאָל געווען ביי פּרעה'ן אין מצרים, און דער אויבערשטער אונזער גאָט האָט אונז ארויסגעצויגען פון דאָרטען מיט זיין שטאַרקער האנד און זיין אויסגעשטרעקטען אָרם".

און אזוי איז זיך געגאנגען ווייטער דער סדר, איסגעמישט מיט דער פרומ־קייט פון דער הגדה און דיא פרעהליכקייט פון א פאמיליען־יום־טוב. און איטלי־כען, וועלכער האט נאר א חוש פאר אלטע פארצייטיגע מנהגים און זכרונות, האט דער סדר געמוזט פערנעהמען ביים הערצען, ווייל דער פסח מיט זיינע מנהגים, דער טהייערסטער יום טוב ביי אידען, אין וועלכע עס שפיגעלט זיך אפ דאס גרעסטע שטיק אידישקייט, איז עלטער וויא אלע אנדערע לעבעדיגע מנהגים ביי חיינטיגע געבילדעטע פעלקער. שוין פאר פיעלע פיעלע יאהרהונדערטען האט מען דעם פסח געפראוועט מיט דיא אייגענע פיהרונגען און מנהגים. פון דא־מאלסט אן האט דיא וועלט א אנדער פנים געקריעגען, פעלקער זיינען געגאנגען צו גרונד, נייע האבען זיך בעוויזען אין דער געשיכטע, דיא ערד אליין האט זיך פערגרעסערט פאר אונזער גייסטיגען בליק, נייע לענדער האט מען ענטדעקט, טויזענדער נאטורקרעפטען זיינען געווארען אונזער קנעכט און האבען אונז דער־דערלייכטערט און פערשעהנערט דאס לעבען, — נאר איין פאלק איז נאך געבלי־בען, וויא א מאל, טריי צו זיין גלויבען און צו זיין אלטע פערצייטיגע מנהגים, טריי צו זיך אליין און צו זיין עבר און מיט א שטארקען זכרון, וואס פערגעסט ניט דיא צרות פון דיא פריהערדיגע אידישע דורות. דאס פאלק פון קנעכטשאפט און פרייהייט רעדט נאך עד היום מיט דיא ווערטער פון טויזענדיעהריגע תפילות, רעדט צום רבונו של עולם, צו דעם גאט פון זיינע אבות, צום אלהי ישראל!

ביי'ן סדר־טיש איז געזעסען איינער, וועלכער האט געזאגט דיא הגדה מיט א התלהבות פון א בעל תשובה. ער האט זיך געפיהלט וויא א פערוואגעלטער, וואס דערמאנט זיך אן זיין אמאליג היים, אונצייטענווייז האט ער געשפיערט וויא עס שטעקט איהם אין האלז א שטראם פון טרעהרען. דרייסיג יאהר זיינען אוועק, פון דער צייט בעת ער האט נאך אליין געפרעגט דיא פיער קשיות, דער־נאך איז געקומען דיא השכלה, דיא צייט, בעת ער האט זיך צושיידט מיט דער אידישקייט און פערלאהרן איטליכען צובונד סיי צו דעם אידישען, וויא צו דעם קריסטליכען לעבען. ביי'ן איצטיגען סדר איז ער זיך פארגעקומען, וויא א נע־ונד'ניק, וועלכער איז צוריקגעקומען צו זיין אלטע טהייערע משפחה.

ביי'ן עסען האט איהם קינגסקאורט צוגעשריען איבערן טיש:

„פריטץ, איך האב גאר ניט געוואוסט, אז איהר זייט אזא למדן אין לשון קודש".

„אפען גערעדט, איך האב דאס אויך ניט געוואוסט ביז איצט" — האט

ער געענטפּערט, — „אָבער עס ווייזט אויס, אז עס פערגעסט זיך ניט אזוי לייכט, וואָס מען האָט געלערענט אין דערױגענד“.

ביי'ן טיש האָט מען זעהר אָפט דערמאָהנט א נאָמען, וואָס פריעדריך און קינגסקאורט האָבען נאָך קיין מאָהל ניט געהערט. מען האָט אלץ גערעדט פון א ‚מיסטער יאָזעף לעווי‘. — דיאביידע שטיינעקס האָבען איהם פראָסט גערופען „דשאָע“, און אין זייערע מײלער האָט זיך דאָס געהערט וויא „טשאָה“.

„א ווילדע עולה, וואָס טשאָה איז דאָ ניטאָ!“ האָט דער ארכיטעקט הויך געזאָגט.

„ס'איז אין דער אמת'ן גאָר ניט כשורה, וואָס דשאָע פעהלט אונז דאָ“, האָט צוגעשטימט זיין ברודער, — „עפּעס איז גאָר דער סדר קיין סדר ניט אָהן איהם. פערשטעהט איהר שוין?“

„גאָר קיין סדר ניט“, האָט קינגסקאורט מיטגעבאָמט. — „עס הויבט מיר שוין אָן צו נוקענען. וואָס ווילט איהר אייגענטליך האָבען פון דעם אונבעקאַנטען דשאָע?“

„ער קען ניט טשאָה!“ האָט זיך צושריען דער ארכיטעקט און ער האָט זיך פאר לאכען געהאלטען ביי דיא באָקעס.

„אויב איהר קאָנט ניט טשאָה, זאָלט איהר וויסען זיין אז עס פעהלט אייך א שטיק בילדונג“, האָט דער פּראָפעסאָר פון זיין זייט געענטפערט, „טשאָה מוז איטליכער קענען. אָהן איהם, וואָלטען א סך ניט געזעסען היינט דאָ וואו זיי זי־צען. טשאָה האָט מיט דיא קלענסטע מיטלען דיא גרעסטע און וואונדערבארסטע זאכען געמאכט. טשאָה איז א זעלטענער מענש. ער האָט אין זיך אזא מעלה, וואָס איז זעלטענער וויא גאָלד, וויא פלאטין, וויא אוראן, זעלטענער פאר דיא זעלטענסטע זאכען אין דער וועלט“.

„ רוח זאָל נעהמען! איך ווער שוין נייגעריג, פּראָפעסאָר. און וויא הייסט דיא דאָזיגע מעלה?“.

„דער פּשוט'ער געזונדטער מענשענפערשטאנד! פערשטעהט איהר שוין?“

„איך הויב שוין אָן צו בעגעהמען. איך וואָלט אָבער אויך וועלען א קוק טאָהן אויף דעם זעלטענעם מאַן.“

דער ארכיטעקט האָט געמאכט מיט ביידע הענד א רעדער פאַרן מויל און האָט לוסטיג לעבעדיג א געשריי געגעבען:

„טשאָה, טשאָה!“

מיסטער גאָטלאנד האָט א וואונש געטאָהן צום שרייער, אז ער זאָל איינ־שטילט ווערען.

דערנאָך האָט זיא געזאָגט:

„מיין ליעבער פריינד, אייער קול איז שוין אויך צו שטיל, אז ער זאָל אייך קענען דערהערען,סיידען אז איהר זאָלט זיך בעמיהען צום טעלעפאָן,און דאמאָלסט איז שוין קיין קונץ נים. איהר פערלאנגט נור אז מען זאָל אייך פערבינדען מיט דער שטאָדט מארסייל. אונזער דשאָע איז היינט נאָכמיטאָג אָנגעקומען קיין מאר־סיירסייל. ער לאָזט אלעמען גריסען. איך האָב איהם פאר א ווײלע ארויסגערופען צום טעלעפאָן".

„וואָס? מיט איין מאָהל!" האָט זיך פערוואונדערט דער ארכיטעקט, — „און קיינעם א וואָרט ניט געזאָגט?"

„יא, ער האָט זיך מיט עטליכע טעג צוריק פלעצליך ענטשלאָסען". האָט פרוי גאָטלאנד ווייטער גערעדט. „איהר קענט דאָך זיין נאטור. מען האָט איהם גע־בראכט א ידיעה, אז א פאבריקאנט אין ליאָן האָט א נייע מאשינע ערפונדען. מען מוז א קוק טאָהן, האָט ער זיך געזאָגט, און איז באלד אוועקגעפאָהרען קיין איירָאפּא. און אזוי ווי די בלעטער האָבן תיכף וטיד טעלעגראפיש מיטגעטהיילט וועגען זיין נסיעה, איז ער מן הסתם איצט שוין בעלאגערט פון אלערליי פאברי־קאנטען, אגענטען פון מאשינעס און אינזשענירען. ווען דשאָע פאָהרט קיין איי־ראָפּא קומט שוין אלע מאָל אזוי ארוים".

רעשיד־ביי האָט זיך אריינגעמישט.

„עס ערווארטען איהם שוין געוועהנליך דיא פערטרעטער פון אלערליי פאב־ריקען און געשעפטספירמען. ער ארבייט מיט ענגלאנד, דייטשלאנד און פראנק־רייך און בעזאָנדערס מיט אמעריקא. מאָרגען וועט ער שוין מן הסתם זיין אונטער־וועגס נאָך אמעריקא, ווען ער וועט ניט פאָהרען קיין לאָנדאָן, אָדער זיך ניט אומ־קעהרען אהיים. ביי יאָזעף לעווי ווייס מען קיין מאָהל נים, וואָס ער רעכענט צו טאָהן מיט'ן מאָרגעדיגען טאָג. איין זאך ווייס מען נאָר, אז וואָס ער וועט נור טאָהן, וועט דאָס זיין דאָס בעסטע און דאָס ניצליכסטע, וואָס מען קען נאָר אונ־טערנעהמען. ער שליסט אָב א עסק פון 5 מיליאָנען גיכער, וויא א אנדער קויפט זיך א ראָק. דיא אמעריקאנער זיינען פאר איהם איינגענומען. ער מאכט גיך זיינע רשימות, צאָהלט גוט און לאָזט זיך קיין מאָהל ניט נארען".

דאָנערוועטער! דער מאן געפעהלט מיר!" האָט קינגסקאורט א ברום גע־טאָהן, „וואָס פאר א שטעלע האָט ער ביי אייך?"

„גענעראל דירעקטאָר פון דעפּארטמענט פאר האנדעל און פאבריקאציע" האָט דוד גענטפערט. — „עס איז אודאי ניטאָ אזא דעפּארטמענט, וואו לעווי זאָל ניט קענען זיין דירעקטאָר. דאָס איז שוין אזא מענש, וועלכער פארטינט אַ איטליכע זאך אין דער וועלט, צו וואָס עס פאָדערט זיך נאָר א געזונדטער שכל און א אייזערנער ווילען. זיין השגחה איז גיך וויא א בליץ, און אין איין רגע וועט ער אייך אויספלאָנטערן דיא פערדרעהטסטע חשבנות, וועט ער אייך קלאָהר מאכען דעם מצב פון יעדער זאך. און אויב דשאָע לעווי זעצט זיך וואָס אריין אין מוח, מעגט איהר שוין געהן שווערען, אז ער וועט דאָס אויפיהרען ביז אויף א האָאר. איך האָב שוין פריהער געטראכט, אז דער מענש, מיט אלע זיינע יעלטענע מעלות וועט אייך געווים פאראינטערעסירען מיינע העררן. איהר זאָלט א הם וועניגסטענס נאָך'ן עסען הערען ריידען, ווייל היינט קען איך אייך איהם נאָר ווייזען אין דער פאָטאָגראפיע זיינער".

„הייסט עס, מיר זאָלען צום טעלעפאָן געהן?" האָט קינגסקאורט געפרעגט.

„עס איז ניט נויטהיג", האָט דוד געשמייכעלט. „איהר קענט דאָס האָבען א סך בעקוועמער, און ניט איהר, אויך דיא שפּעטערע דורות וועלען הערען זיין דרשה. איך האָב מיר געטראכט, אז ס'וועט אלע מאָהל זיין אינטערעסאנט צו הערען די שטימע פון פעלדמארשאל, וועלכער איז געגאנגען פאראויס ביי אונזער לעצטען יציאת מצרים. דעריבער האָב איך געבעטען יאָזעף לעווי, זיינע רעדע וועגען דער קאָלאָניזירונג פון אונזער לאנד ארייננצורײדען אין פאָנאָגראפען. שוין פאר 20 יאָהרען האָט איהר געקענט דיא שכל'דיגע ערפינדונג פון פאָנאָ־גראפען. איך האָב געלאָזען נאָכמאכען עטליכע הונדערט מיט וואקס בעדעקטע וואלצען, אויף וועלכע עס איז איינגעצייכענט דיא געשפּראָכענע רעדע פון אונ־זער פיהרער. איך האָב דיא וואלצען לכבוד פסח פערשענקט פאר דיא פאָלקס־שו־לען. מיר אָבער וועלען הערען דיא רעדע פון דער ערשטען אָרגינאל־וואלצע.

קינגסקאורט איז דאָס זעהר געפעהלען.

„א מחיה! א וואָהלער געדאנקען. איך האָב שוין סיי וויא סיי געפרעגט דיא גאנצע צייט, יוויא איז דאָס אלץ בױסלעכוויז געוואָרען. דיא פארטיגע פירות האָבען מיר שוין געזעהן. אָבער ווי איז דאָס איינגעפלאנצט געוואָרען? און דאָס איז דאָך סוף כל סוף א גרויסע רעטעניש. אז עס איז דאָ אייזענבאהנען, האפענס, פאבריקען, אויטאָמאָבילען, טעלעפאָנען, טעלעגראפען, פאָטאָגראפען, פאָנאָגראפען און נאָך אזעלכע ווייס איך וועלכע גראפען, דאָס אלץ האָבען מיר, פערגרעבטע אייראָפּייער, שוין געוואוכט נאָך איידער אונזערע פיס האָבען מיט

התפעלות געטראַכטען דיא ערד פון פאַלעסטינא. אָבער וויא האָט איהר דאָס אַלץ אַריבערגעפלאַנצט ביי זיך? דעריבער וואָלט איך אייך געבעטען, זיך אביסעל טאָקע מטריח צו זיין".

„דערנאָך וויא מיר האָבען אייך געוויעזען דעם סוף, וועט אייך דשאָע ווייזען דעם אָנהויב", האָט דוד געענטפערט, — „און ביים סדר איז גערעדט דיא ריכטיגע צייט צו שמועס'ן דערפון. מיר האָבען אָקאָרשט געליעענט אין דער הגדה, וויא אונזערע חכמים האָבען זיך א מאָל צוזאמען געקליעבען צום סדר און בני ברק און האָבען א גאנצע נאכט פערבראכט שמועסענדיג וועגען יציאת מצרים. מיר זיינען איצט דיא אור־אור־אור אייניקלאך פון רבי אליעזר, רבי יהושע, רבי אליעזר בן עזריה, רבי עקיבא און רבי טרפון. און היינט האָבען מיר אזא סדר וויא אין בני ברק. אלטע צייטען וועלען זיך מחדש זיין, קריגען נייע פארבען. צוערשט וועלען מיר ענדיגען דעם סדר אין דעם איינגענעם אופן, וויא אונזערע טאַטעס האָבען דאָס געטאָהן. דערנאָך זאָל קומען דיא נייע צייט און אונז דערצעהלען וויא זיא האָט זיך אָנגעהויבען. עס איז ווייטער געקומען א צייט פון קנעכטשאפט, און סאיז ווייטער געקומען א יציאת מצרים. און דאָס צווייטע יציאת מצרים האָט אן אנדער פנים געהאט, דאָס פנים פון סוף נייינצעהנטען יאהרהונדערט. א אנדער בילדונגס צושטאנד, אנדערע טעכנישע מיטלען האָבען אונז געפיהרט דורך אנדערע וועגען צום דעמאיינציגען ציעל פון אונזער נאציאָנאלער בעפריאונג. און עס האָט געמוזט דערצו קומען. און עס האָט נים געקענט פריהער קומען. עס האָט געמוזט קומען דער דור פון נייע טעכנישע ענטדעקונגען דיא פעלקער האָבען געמוזט פריהער דערוואַקסען ווערען, בכדי צו פערשטעהן דיא וויכטיגקייט פון א קאָלאָניאלער פאָליטיק. אנשטאָט דיא זעגעלשיפען האָבען נאָך בעדארפט קומען דיא געשווינדעסטע שרויפדאמפפערס, וועלכע שווימען 22 ים־מיילען אין א שעה. בקיצור, דיא גאנצע בעל הבית'שקייט פון 20טען יאהרהונדערט האָבען מיר בעדארפט האָבען, בכדי אויסצופיהרען צום צווייטען מאָל א יציאת מצרים. א נייע הויט האָבען מיר בעדארפט קריעגען, ווערען צו היינטיגע מענשען, און דערביי בלייבען דיא געטרייע קינדער פון א אלטען פאָלק. עס האָט אויך נים געטאָרט פעהלען דערביי דער גוטער רצון פון דיא ארומיגע פעלקער און זייערע פירסטען און קעניגע, דען אָהן דעם וואָלטען מיר קיינמאָל נים דערגרייכט אונזער ציעל".

„דער אויבערשטער איז אונז ביינעשטאנען", האָט געזאָגט דער אלטער ליטוואַק.

פאסטאָר האָפּקינס האָט זיך דערמאָנט אָן דיא אמאָליגע וכוחים ועגען פסח, וויא אלץ האָט איצט גאָר א אנדער פנים, וויא שטיל און רוהיג עס לעבען צווישען זיך דיא פערשיעדענע אמונות. היינט קענען גלחים פון פערשיעדענע אמונות זיצען ביי א יודישען סדר, און קיינער פיהלט זיך ניט געקרענקט פון דעם אנדערענס אמונה, דען עס איז צוריקגעקעהרט צו דיא מענשען דער אמאָליגער פריהלינג.

„בעשיינפערליך, דער אמאָליגער פריהלינג", האָט צוגעשטימט דער פּאָפּ פון ספורית.

II.

נאָך'ן עסען און נאָך דער הגדה זיינען זיי אריבער אין זאאל, וואו עס איז שוין געשטאנען אויף א קליינעם טישעל דער פאָנאָגראף מיט דשאָעס רעדע. דאָס איז געווען פון אויסען־זעהענדיג דער אמאָליגער פאָנאָגראף, וויא קינגס־קאורט האָט איהם נאָך געקענט, אָבער ער האָט געהאט אין זיך א מאשינקע, וועלכע האָט אָבגעדרעהט דיא וואלצען איינע נאָך דער אנדערער. דאָס גאנצע געשפּרעך האָט זיך געהערט פון אָנפאנג ביז'ן סוף, ניט מערקענדיג קיין שום אָבהאלט. האָט מען אָבער געוואָלט מאכען א אָבהאלט, איז נאָר נויטהיג געווען צו טהון א קליינעם דריק און דיא וואלצע איז געגאנגען אויף א פּאָר פראזען צוריק. מען האָט זיך אויסגעזעצט אויף זעסלען און זאָפעס. דוד האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען טישעל, האָט אָנגעשטעלט דיא רעהר וואו עס פערשטארקט זיך דער קול צו דיא געסט צו, האָט אָבגערוקט א קליינעם פערהאלטער ביי'ן אפּאראט און געזאָגט:

„אונזער פריינד דשאָע לעווי האָט דאָס ווארט".

פון פאָנאָגראפען האָט זיך צוערשט געהערט א גערויש, וויא פון א פערביי־זערטער קאץ, דערנאָך איז ארויס א קלאָרע שטארקע מענשליכע שטימע, וועלכע האָט אָנגעהויבען הויך:

„הויכגעשעטצטע פערזאמלונג! איהר ווילט איך זאָל אייך אָבגעבען א בע־ריכט וועגען דיא נייע אידישע אויסוואנדערונג. דאָס איז צוגעגאנגען פשוט. מיר דאכט זיך, אז מען מאכט דערפון א צו גרויסען ועזען. איהר ווילט וויסען די פּאָליטישע הכנות דערצו, דאָס איז אָבער ניט מיין עסק. איך בין ניט קיין פּאָ־ליטיקער, איך בין דאָס ניט געווען און וועל דאָס קיין מאָל ניט זיין. איך האָב געקריעגען א אויפטראג, און איך האָב איהם מלא געווען. אונזערע געזעלשאפט איז געגרינדעט געוואָרען מיט דעם נאָמען „נייע געזעלשאפט צו קאָלאָניזירען פּאַלעסטינא". דיא געזעלשאפט האָט מיט דער טערקישע מלוכה אָבגעשלאָסען א קאָנטראקט מכח דער קאָלאָניזאציע. דיא בעדינגונגען פון דעם אָבמאָך זיינען

בעקאנט אין דער גאנצען וועלט. בשעת מען האט מיך געפרעגט, נאך איידער מיר האבען אונטערגעצייכענט דעם טשארטער, צו וועלען מיר אים שטאנדע זיין אויפצוהארעווען א גרויסע סומע געלד, וועלכע מיר פערפליכטען זיך צו צאה־לען אלע יאהר דער טערקישען רעגירונג — האט איך געענטפערט אהן א ספק: יא! ביין אונטערצייכנען פון טשארטער האבען מיר אריינגעטראגען דער טערקי־שען רעגירונג 20 מיליאנען רובעל. דערצו האבען מיר זיך מתחייב געווען אין א משך פון 30 יאהר צו צאהלען איטליכעס יאהר א אבגאבע פון 500 טויזענד רו־בעל, חוץ דעם נאך א פיערטעל פון דעם ריינעם רוח פון דער „נייעןגעזעלשאפט צו קאלאניזירען פאלעסטינא". נאך דעם דרייסיגסטען יאהר וועלען מיר, וויא ס'איז בעוואוסט, דעם ריינעם רוח פון דעם נייעם געזעלשאפט טהיילען מיט דער רעגירונג גלייך אויף גלייך. סיידען זיא זאל וועלען זיך בענוגנען מי דיא דורכשניטליכע הכנסה פון איטליכען יאהר, וואס זיא האט בעקומען פון אונז אין דיא לעצטע צעהן יאהרען, און דעם דורכשניט פעסטזעטצען אלס א שטענדיגע יאהריגע אבגאבע. דיא מיינונג וועגען דעם איז אונז מחויב דיא רעגירונג מודיע צו זיין נאך אין דעם 27-טען קאנטראקט יאהר. מיר קענען אבער שוין היינט פאר־אוים זעהען אז דיא טערקישע רעגירונג וועט גלייכער וועלען בעקומען דעם ריי־נעם האלבען רוח, ווייל דערביי וועט זיא געווים מאכען א סך א בעסערען עסק. דערפאר האט דיא געזעלשאפט דאס רעכט צו זיין דער איינציגער בעל־הבית אויף דיא שטיקעל לאנד, וואו עס וועט זיך אנהויבען דיא קאלאניזאציע. דיא אוי־בערשטע ממשלה אבער געהערט דעם סולטאן.

עס איז נים קיין קליינינקייט, צוזאמען צו ברענגען אזעלכע גרויסע קאפי־טאלען, און אין אנהויב איז מען שטארק מסופק געווען, צו וועט זיך גאר קענען דיא נייע געזעלשאפט האלטען ביי אזעלכע שווערע אבגאבען. דאס לאנד איז געווען א בעטלערשע און אונזערע קאלאניסטען האבען מיר געדארפט צונויפנעה־מען פון דיא ארימסטע קלאסען אין דער גאנצען וועלט. עס זיינען אפילו דא־מאלסט געווען א סך אידישע חברות מיט גרויסע קאפיטאלען פאר נאציאנאלע צוועקען. אין סך־הכל האט מען געשאצט דיא קאפיטאלען אויף 120 מיליאנען רובעל. אבער חוץ דיא צאהלונגען אין דיא טערקישע קאסע האט מען נאך גע דארפט האבען מיליאנען אויף אבצוקויפען ביי פריוואטע מענשען זייערע ערד אין פלעצער און בנינים, אויף צו בעזעצען דיא אונבעמיטעלטע קאלאניסטען. אויף צו בעפלאנצען, צו פערבעסערען דאס וויסטע לאנד... וואו זאל מען דאס אלצדינג נעהמען? אין אונזערען קאמיטעט האבען זיך איינגעפונען עטליכע

שרעקעדיגע מיטגליעדר. זיי האבען געציטערט און נע'טענה'ט, אז מיר ווענען מר־זען מאכען א באנקראט. מייגע פריינד און איך האבען געמאכט וייטרע נביאות צו שאנד. מיר האבען זיי איינגעוויזען, אז מען טאר ניט בויען דיא חשבונות נאר אויף דעם וואס איז דא, מען מוז זיך נאך רעכענען דערמיט, וואס וועט לויט דער מענלשיכער ערפאהרונג צוקומען פון דעם טאג אן, וויא מיר וועלען נאר אנ־הויבען אונזער ארבייט. דאס וואס מיר בויען פאר יער צוקונפט, וועט שוין פון דער צוקונפט אליין ווערען געשטיצט און בעפעסטיגט. אין צעהן יאהר ארום, ווערען פון דיא צעהן יאהריגע אינגלעך, וועלכע מיר ברענגען אהין, קרעפטיגע מענשען. און וויא באלד מיר האבען מענשען, האבען מיר שוין אלץ. דיא מענשען אבער ברענגען מיר אליין צו פיהרען, מיר האדעוען זיי אויף לויט דעם נאך וויא מיר דארפען, און בענוצען זיך מיט זיי לויט דעם נאך וויא עס איז צום בעסטען פאר אונז און פאר זיי, דאס הייסט, פאר'ן כלל. דאס איז, דאכט זיך, דיא איינ־פאכסטע חקירה פון דער וועלט. דאס איינענע פאסירט אין קלענסטען לאנד. ביי דיא אונגעבילדעטסטען פעלקער. נאר דיא אידען האבען דאס ניט געוואלט פערשטעהן

און נאך עפעס איז געווען, פאר וואס מען האט געצווייפעלט אין אונזער פלאן. דיא אידען האבען געראד פערגעסען אן דעם, וואס שפיעלט, דאכט זיך, ביי זיי אליין ניט דיא קלענסטע ראלע. איך מיין, דיא אונטערנעהמונגס־לוסט, דעם חשק צו ספעקולאציע. אט לאמיר נעהמען א פראסטען ביישפיעל. בשעת צו ענדע פון 19־טען יאהרהונדערט האט מען ענטדעקט גאלדגריבער אין קלאנ־דאיקע אין אלאסקא, האבען זיך א לאז געטאהן טויזענדער סוחרים און קרעמער אין א לאנד פון אייז, שנעע און קעלט. איך רעד דא ניט פון דיא גאלדגריבער און איך מיין דא דיא אונטערנעהמער און קרעמער, וועלכע האבען זיך בעהעפט צו די גאלדגריבער און זיי נאכגעגאנגען וויא א שאטען. מיט איין מאל האבען אנגעהויבען צו וואנדערן קיין אלאסקא בעטען, טישען, שטוהלען, העמדער, שטיוועל, רעק, געפיקעלטע פליישען, איינגעמאכטס, וויינפלאשען, דאקטוירים, לעהרערס, זינגער און טענצער, — בקיצור: אלצדינג וואס א מענש דארף און דארף ניט האט זיך א לאז געטאהן קיין קלאנדייק. און אלץ צוליב דעם, וואס עטליכע לייט האבען דארט נעגראבען געלד אליין, גאלד. נאר א קליינער טהייל פון זיי זיינען אויך געווען גאלדגרעבער. דיא אונטערנעהמער האבען זיך ניט אזוי געיאגט נאך דעם רוח, וואס ליענט נאר אין דער ערד, וויא נאך דיא גאלדענע רוחים, וואס זייי־נען שוין געלעגען אין דיא קעשענעס פון דיא גאלדגרעבער. זיי האבען געצוינען די

רוחים פון דעם גאָלד, וואָס איז שוין געווען אויסגעגראָבען".

דער פּראָפעסאָר האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען ניט א געשריי צו טאָן אין מיטען: „פערשטעהט איהר שוין?" זיין ברודער אָבער האָט אזא בייזען „טשש" דערלאנגט, אז ער איז א פערשעהמטער ענטשווינגען געוואָרען. און דער פּאַנאָגראַף האָט ווייטער גערעדט:

„איך האָב גראָד גענומען אזא ווילדען ביישפּיעל, בכדי צו ווייזען, וויא יעדע געלעגענהייט עפּעס צו פּערדינען האָט א טבע צו בעשאַפען נייע סוחרישע אונטערנעהמונגען. איטליכער פּראקטישער מענש ווייס דאָס פון זיך אליין. ער דאַרף גאָר ניט וואַרטען ביז ס'וועט קומען א פּראָפעסאָר און וועט דאָס איהם געבען צו דערקלעהרען מיט טונקעלע פּלפּול'דיגע ווערטער. אין דער אמת'ן זיינען מיר אידען געבענטשט מיט א השגחה אויסצוטראכטען דיא קונציגסטע אונטערנעמונגען. נור וואָס אָנבעלאַנג אונזערע איינענע צוקונפט האָבען מיר קיין מאָל ניט געהאט דעם ריכטיגען סוחרישען בטחון. פאַר וואָס? וועיל מיר זיינען קיינמאָל ניט געווען געזיכערט. ווי באלד אָבער מיר האָבען געקראָגען א זיכערהייט, האָבען מיר שוין געקענט ארויסווייזען אונזער אונטערנעהמונגסגייסט ניט וועניגער, וויא אין אנדערע לענדער.

דעריבער האָב איך מיך ניט געזאָרגט וועגען די קאַפּיטאלען, וואָס דאַרפען נאָך קומען. וויא באלד נאָר דאָס לאַנד וועט זיין צוגעגרייט און עס וועט זיך אָנהויבען דיא איינוואַנדערונג, וועלען זיך שוין געפינען מיטעל, וויא צונויפצוקריגען דיא ווייטערדיגע נויטהיגע קאַפּיטאלען, און דעריבער האָב איך ניט געצווייפעלט א רגע, צו וועלען מיר קענען אין גאנצען ממלא זיין דעם קאָנטראַקט וועגען דיא אָבגאבען, כאָטש מיר האָבען נאָך ניט דיא קאַפּיטאלען צו אלע איבּריגע קאָלאָניזאַציאָנס־בעדערפניסע. איך האָב דערביי זיך ניט בעגאַנגען וויא א ספּעקולאַנט, וואָס פּרובירט נאָר צו וועט זיך איהם איינגעבען זיין ספּעקולאַציע. איך האָב נאָר אָנגעווענדעט בעקאַנטע פאַקטען און ערפאַהרונגען, וואָס זיינען שוין אלט וויא די וועלט.

דער טשארטער איז געוואָרען אונטערצייכענט. מיר האָבען איינגעטראָגען דיא צאָהלונג. און אזוי וויא פון דער רגע אָן האָט מען מיר איבערגעגעבען צו פיהרען דיא גאנצע קאָלאָניזאַציע, האָב איך מיר אויסגעדונגען א תנאי, אז דער אָבמאַך אין טשארטער זאָל נאָך דערוויל ווערען געהאַלטען בסוד. איך האָב ניט געוואָלט, אז דיא קאָלאָניזאַציע זאָל זיך אָנהויבען מיט א צו גרויסען טומעל. עס וואָלט געווים געוואָרען א מהומה. דיא אָרעמסטע און דיא שנאָרערס וואָלטען צו־

ערשט געקומען, אלטע און קראנקע וואָלטען זיך אָנגעשלעפּט. א הונגערסנויט וואָלט געקומען און עס וואָלט זיך בעוויעזען אלערליי קראנקהייטען און מגפות. עס איז דאָ א אלט פראנצויזיש טהעאטערשטיק, וואָס רופט זיך אָן: דער פּחד פאר פרייד. אקוראט וויא דאָרטען האָב איך פּחד געהאט פאר דיא פרייד פון מיינע אָרעמע ברידער. איך האָב זיי געמוזט פאַרזיכטיג פאַרבערייטען. איך האָב אויך געמוזט פאַרבערייטען אונזער נאָהענטע אייגענע מענשען.

מען האָט אויסגעקליעבען דירעקטאָרען פון דער נייער געזעלשאפט, און זיי האָבען מיך געמאכט צום הויפּטפיהרער אויף פינף יאהר. דיא ערשטע הוצאות האָב איך געקראָגען א קרעדיט פון 10 מיליאָן רובעל. איינער פון מיינע אינזשע־נערען האָט געמיינט, אז עס איז צו וועניג...."

„וועניג, כאָטש צו פּלאַצען!" האָט קינגסקאורט אויסגערופען און האָט א שטארקען וואונק געטהון: „פערשטאָפּט, זייט מוחל, דיא בלעכערנע געמבע אויף א ווייל!"

דוד האָט שוין אליין אָבגעשטעלט דעם פאָנאָגראפען.

„אויב איר ווילט אין דער'אמת'ן א אלטען ים־מענשען דערקלערען אלצדינג וויא עס דארף צו זיין, מוזט איהר מוחל זיין און מיר עפּעס פערטייטשען, אז ניט הוים איך ניט אָן צו בענעהמען אייער גאנצען דשאַע, צוזאמען מיט זיין טעלע־פאָנאָגראפען... וואָס איז דאָס פאר א נייע געזעלשאפט? צו איז דאָס דיא אייגע־נע, וועלכע מען האָט אזוי אָפט דערמאָנט אין ניידאָרף? און וואָס זיינען דאָס פאר דירעקטאָרען? און פון וואנען האָבען זיי גענומען דאָס געלד, כאָטש ניט אזעלכע גרויסע?

דוד האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

„איך פערשטעה גאנץ גוט אייערע פראגען. דשאָע לעווי האָט אוודאי ניט געגלויבט, אז ער האָט געדארפט רעדען פון אזוינע זאכען, ווייל דאָס וויים היינט איטליך קינד. דיא נייע געזעלשאפט פון אמאָל און היינט איז דיא אייגענע גע־זעלשאפט, און דערנאָך איז צווישען זיי א גרויסער חלוק פאראנען. פריהער איז דאָס געווען א אקציענגעזעלשאפט און היינט איז זיא א שותפישע געזעלשאפט. דיא שותפישע געזעלשאפט איז, נאָכ'ן געזעץ נאָך, וואָס אנבעלאנגט פערמעגען דיא יורש'טע פון דער אקציענגעזעלשאפט".

„פערשטעהט איהר שוין?" האָט אויסגערופען דער פּראָפעסאָר.

„הייבט זיך ניט אָן! צו האָבען דיא אקציאָנערען זייער געלד צושענקט? אויב אזוי איז דאָס אין גאנצען א בבא מעשה.

„מיסטער קינגסקאורט“, האט דוד איתם ווייטער דערקלערט, — „איהר וועט דאס אלץ גאנץ גוט פערשטעהן, ווען איהר וועט נאר וויסען דעם חלוק צווי־שען דיא דריי ארגאניזאציעס, וואס האבען עקזיסטירט. צוערשט דיא יודישע צדקה־חברות, וועלכע האבען געהאט אין יאהר 1900 א קאפיטאל פון א ערך 120 מיליאנען רובעל; צווייטענס, דיא אקציענגעזעלשאפט, וועלכע איז געגרינ־דעט געווארען פון יודישע לאנדאנער קאפיטאליסטען מיט א קאפיטאל פון 100 מיליאן רובעל, וויא באלד נאר מען האט געוואוסט זיכער, אז דיא טערקישע מלוכה איז מושב צו געבען א טשארטער. דריטענס, די שותפישע חברה פון קאלאניסטען. דיא קאלאניסטען האבען געשיקט צו דיא קאנגרעסען זייערע איינענע דעלעגאטען. און ערשט, בשעת אט דיא דעלעגאטען זיינען איינינ געווארען מיט דער אקציענ־געזעלשאפט, אז זיא זאל ווערען פערוואנדעלט אין א שותפישע חברה, האבען זיי אנגעהויבען צו פיהרען דיא מאסען קיין פאלעסטינא“.

„איך ווער נאר שטארק נתפעל, מיין טהייערער בן־מלך“, האט קינגסקאורט זיך פערנאנדערגעלאכט, — „איהר ווילט מיר איינרעדען, אז אקציאנערען, בעד־זענשפעקולאנטען וועלען זיך אריינלאזען אין אזעלכע עסקים ? !“

„דאס זיינען ניט געווען קיין בערזענשפעקולאנטען, מיסטער קינגסקאורט“, האט דוד געענטפערט, — „דאס זיינען געווען ארענטליכע סוחרים, וועלכע האבען זיך בעגעניגענט מיט עהרליכע רוחים. דער אבמאך צווישען דיא קאפיטאליסטען, און דיא ארבייטער, דיא קאלאניסטען, איז געווען ארענטליך און גוט פארביידע צדדים. זאל דער קאפיטאליסט זיין בטוח מיט זיין געלד, און זאל דער ארבייטער געזיכערט זיין פון זיין צד. ווען מען וואלט וועגען דעם זיך ניט געזארגט פון אנ־הויב אן, וואלט מיט דער צייט זיך ארויסגעוויעזען, אז איינער פון דיא ביידע צדדים האט א עולה געליטען. אדער דאס פאלק וואלט בע'גזלט דיא רעכטען פון דיא אקציאנערען, אדער דיא אקציאנערען וואלטען געמאכט פון קאלאניסטען א שקלאווען, א עבד כנעני. מען האט געזעהען אויסצומיידען סיי דאס ערשטע, וויא דאס צווייטע דאדורך, וואס מען האט אבגעמאכט צווישען זיך א קאנטראקט, אז נאך צעהן יאהר האבען דיא קאלאניסטען דאס רעכט אבצוקויפען דיא אקציען פון דער נייער געזעלשאפט. און זיי זיינען מחויב צו צאהלען פאר דיא אקציען 20 מאל אזוי פיעל, וויפיעל עס טרעפט אן דער דיינער יאהריגער רוח אין דורכ־שניט פון דיא לעצטע פינף יאהר. דער צוואנציגפאכיגער רוח דארף אבער ניט וועניגער בעטרעפען, וויא דאס גאנצע אקציענקאפיטאל צוזאמען מיט דיא צינזען“.

דאַ האָט אויך פריעדריך, ניט פעסט ביי זיך, דערוועגט זיך צו שטעלען א פראגע:

„מיר דאכט זיך, אז דאָס איז א שווערע בעדינגונג. פון וואנען זאָלען דיא אונבעמיטעלטע קאָלאָניסטען צוזאמענהאָרעווען אזא קאפיטאל, וואָס זאָל קענען דעקען אלע אקציעס?"

„פערשטעהסטו, מיין זון", האָט קינגסקאורט פערענטפערט, — „איצט איז שוין פאר מיר דיא זאך קלאָהר וויא יויך. אויב דיא קאָלאָניזאציע איז נאָר אָבגע־לונגען, איז שוין קיין קשיא ניט, פון וואנען זיי האָבען גענומען דאָס געלד. פאר א שותּפישע חברה, וואָס האלט אין בליהען, האָט מען שוין געקענט קריגען א קרעדיט".

„אודאי", האָט דוד געזאָגט, „בשעת דיא שותּפישע קאָלאָניסטען־חברה האָט בעשלאָסען אָבצוקויפען דיא אקציעס, האָט זיא געליהען געלד אויף פיער פראָצענט, זיא האָט געמאכט א פיערפראָצענטיגע אנלייהע, און שוין דערמיט אליין האָט זיא געמאכט א גוט געשעפט. דער ריינער רוח פון פינפטען ביז'ן צעהנטען יאהר האָט בעטראָפען 10 מיליאָן רובעל. בכדי אָבצוקויפען דיא אק־ציעס האָבען זיי געמוזט האָבען לויט דעם קאָנטראקט נאָך 200 מיליאָן רובעל. וויא באלד אָבער זיי האָבען זיך פערפליכטעט צו צאָהלען דעם גאנצען ריינעם רוח פאר דיא נייע פיערפראָצענטיגע אנלייהע, האָבען זיי געקראָגען 250 מיליאָן רו־בעל. און לויט דעם נאָך איז ביי זיי איבערגעבליעבען חוץ דיא אקציעס נאָך ריינע 50 מיליאָן רובעל".

„א ממזר'שע חברה!" איז קינגסקאורט שטארק נתפּעל געוואָרען — „אָבער וויא אזוי איז דיא אקציענגעזעלשאפט געקומען דערצו, צו פערדאָפּלען איהר קאַ־פּיטאל?"

„הויפּטזעכליך דאדורך, וואָס דער מקח פון לאנדערד איז שטאַרק געשטיע־גען," האָט דוד געענטפערט — „דאָס וואָס דער מקח האָט זיך אזוי געהויבען האָ־בען מיר נאָר דיא קאָלאָניסטען צו פערדאנקען, און דעריבער האָט מען געמוזט זאָרגען דערפאַר, אז סוף כל סוף זאָל דאָס לאנדערד צו זיי געהערען. איצט זעהט איהר שוין, וויא עס איז פּאמעליך איבערגעגאנגען דיא ערד אין דיא הענד פון דעם גאנצען כלל קאָלאָניסטען. אויף דיא כלל־ערד איז דיא שותּפישע חברה געוואָרען דער איינציגער בעל־הבית, און פון דאמאָלסט אָן טראָגט זיא אויף זיך דעם נאָ־מען „נייע געזעלשאפט".

דער ארכיטעקט האָט זיך ווייטער צושריען:

„אונזערע טהייערע אורחים וועט אפשער ניט געפעלען, וואָס מיר האָבען געהאט צו טהון מיט אזעלכע מיאוסע זאכען, וויא אקציעס און דאָס גלייכען. אָבער מיר האָבען זיך אנדערש ניט געקענט העלפען".

„אויב איהר האלט מיר פאר אזא חמור, האָט איהר א גרויסען טעות" האָט קינגסקאורט געענטפערט, — „איך בין ב"ה געוועזען אין אמעריקא, און האָב געזעהען א לאָקשענבערעט. א אקציענגעזעלשאפט איז א טאָפּ, וואו מען קען אריינטהון גוטס און שלעכטס, וואָס מען וויל. מען קען דאָס אייגענע זאָגען פון א פלאַש, אז זיא הויבט ניט אָן צו טויגען, ווייל מען קען זיא אָנפּיהלען מיט סם המות אָדער מיט שלעכטען שנאפּס. אזעלכע קאָלאָניאל געזעלשאפטען האָט מען שוין אויך געקענט אין דער וועלט געשיכטע. עס זיינען געוועזען חזר'שע, אָבער עס זיינען אויך גוטע געוועזען. דיא אָסטאינדישע קאָמפּאַניע איז געוויס ניט געוועזען קיין שלעכטע חברה. אין אייער נייער געזעלשאפט געפין איך נאָך דערצו דיא מדה טובה מיט־צופיהלען מיט'ן כלל, צו ארבייטען פאר'ן כלל. אָט, למשל, וואָס אלץ כמעט איז ביי אייך א שותפישע אונטערנעהמונג... לאָמיר אָבער דערוויל הערען, וואָס איז ווייטער געוועזען. עפענט איהם, זייט מוחל, ווייטער אויף זיין בלעבערנע געמבע".

III.

דוד האָט ווייטער אָנגעשטעלט דעם פאָנאָגראפען און פון דער רעחר, וואו עס פערשטארקט זיך דער קול, האָט זיך דערהערט דזשאָע'ס שטימע, וועלכע האָט איבערגע'חזר'ט דיא פריהערדיגע לעצטע ווערטער:

„מען האָט אויסגעקליעבען דירעקטאָרען פון דער נייער געזעלשאפט, און זיי האָבען מיר געמאכט צום הויפט פיהרער אויף פינף יאהר. אויף די ערשטע הוצאות האָב איך געקראָגען א קרעדיט פון 10 מיליאָן רובעל. איינער פון מיינע אינזשע־ניערען האָט געמיינט, אז עס איז צו ווענינ. אויף א אָנהויב אָט דאָס אָבער גע־קלעקט. איך האָב אויסגעארבייט מיין פלאַן. עס איז דאמאָלסט געוועזען חשון־צייט. נאָך דיא ווינטערדיגע רעגענס האָב איך געוואָלט אָנהייבען דיא מאסענאייגוואנ־דערונג לויט דעם בעשטימטען סדר. עס איז מיר געבליעבען אין גאנצע פיער חדשים צייט, און איטליכע מינוט איז מיר געוועזען טייער.

פריהער פאר אלץ האָב איך איינגעאָרדענט אין לאָנדאָן מיין הויפטקאנטאָר פאר דיא אויסוואנדערונג, געמאכט נאָך פערשיעדענע אָבטהיילונגען און אוועק־געזעצט אויף יעדער אבטהיילונג א דירעקטאָר. דיא דירעקטאָרען האָב איך אויס־געקליעבען פון מיינע בעקאנטע פעהיגע מענשען, אָדער פון דיא, וועלכע האָבען געבראכט מיט זיך גוטע אטעסטאטען. סמיט איז געוועזען דער דירעקטאָר פון טראנספּאָרט פון דיא איינוואנדערער, ריבענץ — פון דיא פּראכטען, שטיינעק—

פון בוימאטעריאל און פאסטראַיקעס (בויאנגעלעגענהייטען), וואַרשאַווסקי האַט צו טהון געהאט מיט קניות פון מאשינען, אלאדינא — מיט קניות פון לאנד און פלעצער, קאָהן און ברוינשטאַק האָבען געדארפט זעהען, אז עס זאָל דיא ערשטע צייט קיין לעבענסמיטעל ניט פעהלען, הארבורגער איז געוועזן דער דירעקטאָר אין ענין פון זוימען און בוים־פלאַנצונגען. לעאַנקין האט געפיהרט דיא קאסא־ביכער א. ז. וו. וועלנער איז געוועזן מיין הויפט סעקרעטער, מיין ערשטער מיטהעלפער און הויפט אינזשעניר איז געוועזן פישער, וועלכער איז שוין צום אונגליק געשטאָר־בען. דאָס איז געוועזן א געהויבענער, ערנסטער און הייסער מענש. מיר וועלען קיינמאָל ניט אויפהערען צו טרויערן אויף איהם.

צוערשט האָב איך אלאדינא געשיקט קיין פאלעסטינא, אז ער זאָל אָנקויפען ערד וויפיעל ער וועט נאָר קענען. ער איז געוועזן א שפּאַניאָלישער יוד, וועלכער האט גוט געקענט אראביש און גריכיש, א קלוגער מענש, אויף וועלכען מען האט זיך געקענט פערלאָזען מיט א רוהיגען געוויסען. ער האַט אָבגעשטאמט פון יענע שטאָלצע יודען, וועלכע האָבען געלעבט אין שפּאַניען נאָך פאר דער פערטרייבונג און זיין לוח חיוחסין איז דערגאַנגען ביז צו אברבנאל'ס צייטען. איידער מען האַט נאָך פערעפענטליכט דעם טשארטער איז דער מקח אויף ערד אין פאלעס־טינא געוועזן א מעסיגער. איך האָב זיך פערלאָזען אויף דעם שטילען אלאדינא, אז קיין ממזר'שער קאָפּ וועט זיך ניט האפּען, צו וואָס ער קויפט אזוי פיעל ערד. דיא קניות זיינען, פערשטעהט זיך, געגאַנגען אויף א אנדער קאָנטאָ פון דער נייער געזעלשאפט. דארויף האַט מען פעסט געזעצט 20 מיליאָן רובעל. פאר דעם דאמאָליגען מצב אין פאלעסטינא איז דאָס געוועזן זעהר א גרויסער קאפּיטאל. און אזוי וויא איך האָב אָבגערעדט ביי'ן אָבמאך פון טשארטער מיט דער טערקי־שען רעגיערונג, אז ביז צו א געוויסע צייט זאָל דיא גרענעץ נאָך בלייבען פער־שלאָסען פאר עמיגראנטען, בין איך בטוח געוועזן, אז דיא עמיגראציע וועט זיך ינט אָנהויבען מיט דער מהומה פון צעהנדליגער טויזענדער אָנגעלאָפענע עמי־גראנטען.

אין מיין ביורא איז געלעגען א לאנדקארטע פון פאלעסטינא, וועלכע איז גע־ווען קליין געקעסטעלט און איטליך קעסטעל מיט א נומער פערצייכענט. א געגויע קאָפּיע דערפון האַט מיטגענומען אלאדינאַ. ער האט מעהר ניט וויא געדארפט טעגליך צו טעלעגראפירען דיא נומערן פון דיא שטיקער ערד וואָס ער האט גע־קויפט, און איך האָב טעגליך געוואוסט, וויפיעל און וואָס פאר א לאנד מיר האָבען שוין, און לויט דעם נאָך האָב איך שוין געקענט מאכען נייע ווייטערע ראספּאָ־ריאזשעניעס (דיספּאָזיציאָנען).

אין דער אייגענער צייט האָב איך געשיקט דעם באָטאַניקער (אַ קענער פון פלאַנצען) הארבורגער קיין אויסטראַליען, איינצוקויפען אויקאַליפּטוסבוימלעך. חוץ דעם האָט ער געקריגען אַ געהיימען אויפטראַג איינצוהאַנדלען זעץ־פלאַנצען פון געוויקסען, וועלכע געפינען זיך ביי'ן מיטעלמעער און וועלכע מען זאָל קענען בערפלאַנצען אין פּאַלעסטינא צו פערשיעדענע צוועקען. אלאַדינאַ און הארבור־גער זיינען צוזאַמענגעפאָהרען קיין מאַרסייל. דאָרט האָבען זיי זיך צושיידט פון איינאַנדער.

אלאַדינאַ איז מיט דער שיף געפאָהרען קיין אלעקסאַנדריען. הארבורגער איז געפאָהרען דורך די ריוויערא, בעשטעלענדיג ביי פערשיעדענע גערטנער און פלאַנצער זוימען און זעץ־פלאַנצען צום קומענדיגען פריהלינג. אלע זיינע בעשטעל־לונגען האָט ער אָבגעשיקט צו ריבענצען. אין אַ וואָך שפּעטער איז הארבורגער מיט אַ שיף פון נעאַפּאָל געפאָהרען קיין פּאָרט־סאַאיד, און איך האָב ערשט גע־קראָגען פון איהם אַ ידיעה, בשעת ער איז שוין געווען אין מעלבורן.

אויסער דעם האָב איך דעם מאַשינענאינזשעניער וואַרשאַווסקי געשיקט קיין אמעריקא, ער זאָל איינקויפען דיא נייעסטע מאַשינען און געצייג צו פעלד־אַר־בייט, ער זאָל איינהאַנדלען מאָטאָרען און גאַסענוואַלצען פאַר שווערע משאות א. ז. וו. וואַרשאַווסקי, צוגלייך מיט מיינע אלע אַנדערע דירעקטאָרען, האָט גע־קראָגען דעם אויפטראַג, ניט צו האַלטען זיך אַזוי גענוי אָן מיין בעפעהל, נאָר צו זעהען אלץ אויספיהרען, וויא נאָר פּראַקטישער. איך אָב ניט פערלאַנגט קיין לאַנ־גע בעריכטען. וואָס נאָר וויכטיגעס האָט מיר געדאַרפט ווערען באַלד טעלעגראַ־פירט גענוי מיט ציפערען און דאַטען. וועד נאָר פון דיא דירעקטאָרען האָט עפּעס געפונען וויכטיגעס און פּראַקטישעס, כאָטש דיא זאַך געהערט ניט צו זיין אָב־טהיילונג, איז פערפליכטעט געווען מיר באַלד דערפון מודיע צו זיין, און, נאָך גלייכער, טעלעגראַפירען. צוליעב דעם פלעג איך אָפט טאַקי קריעגען אַ זייטיגע אונערוואַרטעטע הילף: אַ נייעם איינפאַל, אַ גוטע המצאה. אונזער גרויסעס ווערק האָט אונז זיך נאָך איינגעגעבען דערפאַר, ווייל מיר האָבען ניט אויסגעלאָ־זען דיא נייעסטע און לעצטע מיטלען פון אונזער צייט. איך האָב וואַרשאַווסקי פאַר זיין אָברייזע נאָר געזאָגט: קויפט ניט קיין אלטע שמאַטעס. און ער האָט פערשטאַנען מיין וואונש.

וואַרשאַווסקי האָט נאָך געהאַט אַ זייטיגען אויפטראַג. ער האָט געדאַרפט אָרגאַניזירען דיא צוריקוואַנדערונג אין פּאַלעסטינא פון דיא יודישע עמיגראַנטען. אויף דיא דאָזיגע עמיגראַנטען האָב איך שטאַרק געבויט. דאָס זיינען געווען מענ־

שען, וועלכע האָבען זיך שוין איינמאָל ארויסגעריפען פון זייער שלעכטען מצב און האָבען זיך גענוג אָנגעלערענט אין חדר פון הארטען אמעריקאנישען לעבען. נויאָרק איז צום סוף פון 19־טען יאהרהונדערט געווען דיא גרעסטע יודישע שטאָדט פון דער וועלט. ס'פערשטעהט זיך, דאָס אזוי פיעל עמיגראנטען האָבען ניט געקענט געפינען פאר זיך א פעסטע פרנסה. מען האָט זיך איינער דעם אנדערען דאָס ביסען פון מויל געריסען, און פערלאָזענדיג איין חורבה זיינען זיי אריינגעפאלען אין א צווייטער. און אקוראט, וויא פאר מזרח־אייראָפּא וואלט אויך פאר נויאָרק געווען א גליק, ווען א טהייל פון דיא איינגעוואנדערטע וואָלט אָבגעפלייצט קיין פּאלעסטינא. וויא אין מזרח אייראָפּא, האָט מען אויך אין אמעריקא געמוזט אָרגאניזירען דיא איינוואנדערונג קיין פּאלעסטינא. ווארשאווסקי, האָט געהאט א אויפטראג, צוזאמענרופען אויף א געהיימע אסיפה דיא פיהרערס פון ציוניסטישע חברות. דערמיט, אז מען זאָל ניט צו פריה דערגעהן פון טשארטער א. ז. וו. האָט מען איהם פערזאָגט, צו רעדען מיט זיי בזה הלשון: „עס האָט זיך געגרינדעט א געזעלשאפט מיט גרויסע קאפּיטאלען, וועלכע האָט געקראָגען קאָנצעסיעס אין פּאלעסטינא, צו בעבויען דאָס לאנד און צו ענטוויקלען דאָרטען האנדעל און פאבריקאציע. צו טבת־צייט וועט מען דארפען האָבען א סך געניטע געלערענטע ארבייטער און אויך פּראָסטע ארבייטער. מאכט מיר פארטיג א בויגען מיט דיא נעהמען פון אייערע מיטגליעדער, וואָס קענען דערצו טויגען. אויפ'ן בויגען זאָל שטעהן פון איטליכען פערצייכענט זיין נאָמען, זיינע יאָהרען, דער אָרט פון וואנען ער שטאמט, זיינע בעשעפטיגונג ביז איצט, צו איז ער בעווייבט אָדער ניט, זיין מאטעריעלער מצב. פון פּראָסטע ארבייטער וועט דיא געזעלשאפט בעסער נעמען ניט בעווייבטע, פון געניטע געלערענטע בעלי־מלאכות און ארבייטער, בעווייבטע. איטליכע חברה נעהמט אויף איהר געוויסען דיא פעראנטוואָרטונג פאר דיא אויסגעצייכענטע בויגענס. דיא פעראנטוואָרטונג קריעגט נאָך א בעזונדערען טעם ווייל דיא חברה, וואָס שטעלט ארויס מענשען, וועלכע זאָגען זיך נאָכדעם אָב, אָדער וועלכע בעווייזען זיך פאר גאָרנישטען, פערליערט דערנאָך איהרע ציוניסטישע רעכטען (זכיות). דיא חברה דארף האלטען פאר איהר הייליגע פליכט, נאָר צו פערצייכענען דיא פאסיגסטע און דיא בעסטע מענשען. דאָס איז שוין איהר זאך, וויא זיי צו געפינען, צו דורכדעם, ווענען דיא חברה לייט וועלען אויסקלייבען, צו דאדורך אויף וועמען דיא קאָמיטע לייט פון דער חברה וועלען אָנווייזען. זיי האָבען אין איטליכען פאל גענוג וועגען, וויא גענוי אויסצופאָרשען, צו טויג דאָס מיטגליעד אָדער ניט פאר דיא איינוואנדערונג אין פּאלעסטינא, ווייל זיי קענען זיך איינאנדער, און וויסען וויא איטליכער לעבט און ארבייט.

דעם גלייכען צירקולאר, וואָרט ביי וואָרט, האָב איך אויך פערשיקט צו דיא ציוניסטישע חברות אין רוסלאנד, רומעניען, גאליציע און אלזשיר. צו דעם צוועק האָב איך אויסגעשיקט לעאָנקינען קיין רוסלאנד; בראָינסטאָנען, וועלכער איז אליין געוועזן פון יאסי, קיין רומעניען; קאָהן — קיין גאליציען און סמיט קיין אלזשיר. לעאָנקין איז שוין געוועזן ביי מיר אין לאָנדאָן נאָך דריי וואָכען, דיא איבריגע שלוחים אין 14 טעג. אומעטום האָבען זיי שוין איינגעאָרדענט א זיכערע קאָרעספאָנדענץ. אלץ האָט, בטבע, געמוזט קריעגען א פשוטען און א פעסטערען סדר. איך האָב דיא פערשיעדענע לענדער מודיע געווען, אז מיין ביוראָ וועט נאָך האָבען צו טהון מיט דיא צענטראלע שטעלען. ווען ניט דאָס וואָלטען מיך דערטרונקען געוואָרען אין א ים פון טינט. דיא קאָמיטעלייט פון א געוויסע צאָהל שטעדט האָבען אויסגעקליעבען פון זיך א נייעם גובערנסקען קאָמיטעט, און דיא קאָמיטעטען האָבען ווייטער פון זיך אויסגעקליעבען א לאנד קאָמיטעט, און מיין ביוראָ האָט נאָר געהאט צו טהון מיט'ן לאנד קאָמיטעט. איך האָב נאָר געדארפט האָבען דיא רשימה פון דיא חברות לויט דעם נאָך, וויא זיי זיינען געוועזן איינגעטהיילט אין גובערניעס און לאנד־קאָמיטעטען.

בכדי איך זאָל קענען שטענדיג האָבען א איבערבליק האָב איך אָנגעווענדעט פאָלגענדע המצאה: איך האָב בעשטעלט שפילקעס מיט גלעזערנע קעפּלעך פון פערשיעדענע פארבען: טונקעלבלוי, העלבלוי, געל, רויט, גרין, שווארץ, ווייס. דיא שפילקעס אָב איך ארייגעשטעקט אין דיא לאנדקארטען פון פערשיעדענע מלוכות, וועלכע זיינען געלעגען ביי מיר אויסגעשפּאנט אויף הילצערנע טאָוולען. איטליכע פארב האָט אָנגעגעבען וויא ווייט א געוויסע חברה האלט שוין אין איהרע הכנות. וויים, למשל, האָט בעטייט, אז אין דעם אָרט איז דאָ א חברה, וואָס פילט נאָך דערוייל אוים דעם בויגען מיט ארבייטערנעהמען. גרין בעטייט — פעלד ארבייטער, רויט — פאבריק ארבייטער, געל — בעלי מלאכות פאר זיך, העלבלוי דיא פערשיעדענע שותפישע חברות פאר פעלדבוי און אקערבוי, וועלכע קומען מיט א שותפישען פערמעגען און פערלאנגען נאָר, אז מען זאָל זיי פערפּאכטען א שטיק לאנד, וואו זיך צו בעזעצען. שווארץ איז געוועזן א סימן פאר דיא חברה, ביי וועמען דיא פערצייכענטע ארבייטער האָבען ניט געטויגט צו דער ארבייט. איך האָב אויך געהאט שפּילקעס מיט קעפּלעך פון עטליכע קאָליערען, וויא גרין — רויט — העלבלוי — געל, א. ז. וו. דאָס זיינען אפילו קלייניגקייטען, אָבער זיי האָבען מיר פערשפּאָרט א סך מיה. צוליעב דיא גוט איינגעאָרדענטע קאָרעספּאָנדענץ און צוליעב דיא קארטען מיט דיא קאָלירטע שפּעילקעס האָב איך

אין א משך פון יאהרען איטליכען טאָג געגוי געקענט וויסען איטליכע פיצעלע פון דעם מצב אין דער בעוועגונג. דיא לאנדקארטען און דיא טעלעגראמעם זיינען מיינע שטענדיגע בעגלייטער. שפעטער זיינען נאָך צוגעקומען שפילקעס מיט ציפער, צו בעצייכענען דיא וועגען פון שיפען און אייזענבאהנען. איך האָב צו יעדער צייט געוואוסט וויפיעל טראנספּאָרט עס געפינט זיך אונטערוועגנס און וואו זיי געפינען זיך איצט. בין איך אָבער געוועזען אליין אונטערוועגנס, פלעגט מיר מיין טרייער וועלנער צוויי מאָל א טאָג טעלעגראפירען דעם אינהאלט פון דיא אָנגעקומענע דעפּעשען.

זעהר אָפט פלעגט מען אמאָל הערען, אז וויא באלד דיא אָרעמע מענשען וועלען האָבען א אויסזיכט אין גיכען אויסצואוואנדערען, וועט דאָס ענטוויקלען אין זיי דיא ערגסטע מדות. קיינער וועט ניט האָבען מעהר דעם חשק צו אַרבייט, אָדער ממלא צו זיין זיינע פליכטען, ווען ער ווייסט, אז ער פערלאָזט באלד דאָס לאנד. מיר האָבען געראָדע געזעהן דערפון דעם היפך. אזוי, וויא דיא היימישע חברות האָבען פון אייגענעם אינטערעס וועגען פאָרגעשלאָגען נאָר דיא בעסטע און דיא אָרדענטליכסטע, האָט מען זיך אָנגעהויבען איינער דעם אנדערען ארויבערצושטייגען אין אָרענטליכקייט, בכדי נאָר ארייצוקומען אין ארבייטערבויגען. דער ארבייטערבויגען איז ממילא געוואָרען דאָס גאָלדענע בוך פון איטליכער יודישע קהילה מען האָט זיך שוין געמוזט א ביסעל אָנשטרענגען, איידער מען האָט עמיצען געפונען פאר מסוגל צו געהן קיין ארץ ישראל. און דערפון האָט זיך גענומען אזא ווירקונג, פון וואָס, איך מוז מודה זיין, עס האָט זיך מיר אפילו ניט געחלום'ט. און אייגענטליך האָט מען דאָס געקענט זעהר לייכט פאָראויסזעהען. א סך אָבגעלאָזענע, פערדאָרבענע מענשען האָבען גענומען קוקען אויף זיך און אָנהויבען צו ווערען בעסער, צו נעהמען עפּעס א ארבייט אין דער האנד. ניט איין פאמיליע האָט זיך שטארקער גענומען צו דער מלאכה, ניט איין שכור האָט אוועקגעוואָרפען דעם טרונק, און דארום האָט די אויסוואנדערונג מיט א סדר און א פּלאַן אויך געמאכט א גוטע ווירקונג אויף דיא, וואָס זיינען געבליעבען אין דער היים. און אקוראט, וויא דאָס האָט געמאכט אויף זיי א שינוי אינוועניג, האָט זיי דיא אויסוואנדערונג אויך געצוואונגען פון אויסען ממלא צו זיין זייערע פליכטען. אין דיא צירקולארען צו דיא היימישע חברות איז קלאָר אָנגעזאָגט געוואָרען, אז נאָר דיא קענען ווערען אָנגענומען, וועלכע האָבען בעקומען פון דער פּאָליטישער נאטשאלסטווא א ריכטיגע צייגנים ביי'ן פערלאָזען דאָס לאנד. ארומשלעפערס דארפען מיר ניט. דיא מלוכות, וועלכע האָבען געגוי געוואוסט פון אלץ, האָבען געהאָל-

פען מיט אלע מעגליכקייטען. איבריגענס, דאָס איז שוין געווען שפּעטער.
אין דיא ערשטע וואָכען, בעת ווארשאוסקי, אלאדינא און דיא איבריגע די־רעקטאָרען זיינען געווען צוזיים און צושפּרייט אין אלע לענדער, בין איך נאָר גע־ווען אין לאָנדאָן צוזאמען מיט מיין הויפּטאינזשעניער פישער מיט שטיינעקען און וועלנער. דאָ האָט מען צוערשט זיך אויפגעצייכענט דיא ערשטע גרויסע טעכ־נישע פּלענער. א סך פון אונזערע פּלענער זיינען שוין אויסגעפירט געוואָרען, פון עטליכע האָבען מיר זיך געמוזט אָבזאָגען; אנדערע פּלענער זיינען נאָך אויסגע־פיהרט געוואָרען פּראַקטיגער וויא מיר האָבען דאָס אליין געהאָפט. איך זאָג ניט, אז מיר האָבען אויפגעטהון חדושים. דיא אמעריקאנישע, ענגלישע, דייטשע און פראנצויזישע אינזשעניערען האָבען דאָס שוין אלץ געמאכט נאָך פריהער פאר אונז. אָבער אין מאָרגענלאַנד זיינען מיר פאַרט געווען דיא ערשטע, וועלכע האָבען אריבערגעפּלאנצט דיא איירָאָפּייאישע קולטור.
שטיינעקען האָב איך אויפגעגעבען צו מאכען פּלענער פאר ארבייטערהייזער און וואָקזאלען. פאַר'ן אָנהויב האָט מען זיך געדאַרפט בעגנוגענען מיט וואָלוועלע בנינים. דער עיקר איז געווען, זיי גיך פארטיג צו מאכען; וועגען שעהנקייט האָט מען אין דיאערשטע צייט ניט געקענט קלערען. דיא בעריהמטע, צוועקמעסיגע, געפּוצטע און אויך גרויסארטיגע בנינים, וועלכע מיר זעהען היינט אין גרעסערע דערעפער און שטעדט, האָט שטיינעק ערשט א סך שפּעטער געבויט. אין דער ער־שטער צייט האָט ער נאָר געזעהען צו מאכען וואָס מעהר פּראָסטע בנינים פאר די ערשטע איינוואנדערער. אויף זיין פאָרשלאג האָב איך בעשטעלט אין פראנקרייך 500 באראקען נאָך א נייעם סיסטעם, וועלכע לאָזען זיך צונעהמען וויא א געצעלט און קענען אין א שעה צייט ווידער אויפגעשטעלט ווערען. דיא באראקען האָבען שוין געמוזט זיין אין מארסעל אין האלבען טבת, וואו ריבענץ האָט זיי געדאַרפט וויטער טראנספּאָרטירען. נאָכדעם, וויא דיא וויכטיגסטע פּלענער זיינען שוין פארטיג געווען, האָב איך שטיינעקען געגעבען דעם אויפטראג, דאָס בוימאטעררי־אל און דיא אינזשעניערען צו קריגען וויא מעגליך באלד און וואָלוועל, לויט דעם נאָך, וויא ער פערשטעהט, שטיינעק האָט גיך געמוזט איינאָרדענען זיין אָבטהיי־לונג, און איך האָב געוואָלט, אז ער זאָל זיין זעלבסשטענדיג וויא נאָר ווייט עס לאָזט זיך. איך האָב איהם געזאָגט: פערליערט ניט א רגע און געהט אויף אייער אָרט! זיין ענטפער האָט מיך שטארק פערוואונדערט. ער האָט געזאָגט: „קודם כל פאָהר איך קיין שוועדען און פינלאנד"......
דערביי האָט זיך דער ארכיטעקט שטיינעק אזוי הויך פערנאנדערגעלאכט,

אז ער האט מיט זיין געלעבטער פערהילכט דיא לעצטע ווערטער פון פאנאגראף. ער האט זיך געמוזט אן עפעס דערמאנען, און ער האט זיך געקוויקעלט פאר גע־לעכטער. זיין ברודער האט איהם שטריינג אויסגערעדט:

„וויא קען מען זיך דאס ניט איינהאלטען! דוא לאזט דאך אונז ניט צוהער־רען".

דוד האט געמוזט וויעדער צוריקרוקען דיא וואלצע און מען האט נאך אמאל געהערט דיא לעצטע ווערטער:

„....מיך שטארק פערוואונדערט. ער האט געזאגט: קודם כל פאהר איך קיין שוועדען און פינלאנד. דורך שוועדען און פינלאנד פאהרט מען דאך אבער ניט קיין פאלעסטינא. איך האב זיך אבער טועה געווען. ער איז געפאהרען קיין שוועדען בויהאלץ צו קויפען. דערנאך איז ער געפארען קיין שווייץ, עסטרייך און דייטש־לאנד און האט צונויפגענומען פון דיא פאליטעכניקומס יונגע לייט, וועלכע האבען אקאראט געענדיגט זייער פאך.

אין זעקס וואכען ארום האט ער שוין אין יפו געעפענט זיין הויפט קאנטאר פאר בויאנגעלעגענהייטען, וואו עס האבען שוין געארבייט א ערך פון הונדערט ארכיטעקטען און צייכנערס, און צווישען וועלכע עס האבען זיך שוין ארויסגע־שטעלט עטליכע זעהר בעגאבטע און פעהיגע פאכמענשען. דיא אונפערהאפטע בשורה, אז מען זוכט יודישע טעכניקער, האט זיך דורך דיא שטודענטישע חברות באלד פערברייט אין אלע אוניווערסיטעטען. און דערביי האבען מיר וויעדער גע־זעהען דאס אייגענע, וואס מיר האבען שוין בעמערקט אין דיא הײמישע ציוניס־טישע חברות. וויא באלד עס האט זיך בעוויעזען א אויסזיכט צו קריעגען א שטעלע אין פאלעסטינא און צו מאכען דערביי אפשר א גוטע קאריערע, האט דאס אויפ־געוועקט ביי דיא יונגע לייט א חשק צום לערנען. זיי פלעגען שוין גיכער מאכען דיא עקזאמענס, און זיי פלעגען שוין ניט פערליערען דיא צייט מיט נארישע פא־ליטישע שמועסען און קארטענשפיעל. זיי פלעגען זיך בעמיהען וואס גיכער צו ווערען פארטיגע מענשען, וועלכע פערשטעהן א פאך.

דאס האלץ, וואס שטיינעק האט איינגעהאנדעלט אין שוועדען און אין פינ־לאנד, וויא זיינע בעשטעלונגען אויף אייזען אין דייטשלאנד און אין עסטרייך האט ער טראנספארטירט צו אונזערען געניטען קענער פון אלערליי טאריפען, צו ריבענצען. ריבענצ איז דערוויל אריינגעטרעטען אין פערבינדונג מיט אייזענ־באהנען, שיפסגעזעלשאפטען און דירעקטארען פון דאקען (קינסטליכע וואסערבע־קען פאר שיפען). ריבענצ איז געווען א גרויסער בקי אין טאריפען און האט אב־

געטהון זיין זאַך אין דיא ווייטערדיגע מאָנאַטען אויפ'ן בעסטען אופן . אידצט, בשעת עס געהען אזוי פיעל שיפען צווישען אונזערע אין דיא אייראָפּייאישע האַפענס, האָט מען שוין פערגעסען, וואָס פאַר א שווער שטיקעל ארבייט ריבענץ האָט גענומען אויף זיך. דאַמאָלסט האָט מען גדארפט האָבען א געשארפטען מוח, בכדי צו געפינען מיטעל, וואָלוועל צו פערשיקען פערשיעדענע פראַכטען. ריבענץ האָט ניט דורכגעלאָזען קיין קאָמבינאַציע, ער האָט בענוצט אלע געלעגענהייטען, שפאַנישע, גריכישע און נאָרדאפריקאנישע שיפען. איך האָב איהם שטענדיג חושד געווען, אז ער שפּיעלט זיך מיט זיין עקספּעדיציאָנס־געשעפט. ער האָט געמאַכט מיט זייא פראַכטען דיא משונה'דיגסטע נסיעות און אלערליי אומוועגען. אָבער אין דעם טאָג, בשעת מען האָט זיי גדארפט פלעגען זיי אָנקומען, וויא צו דער מינוט, און דערנאָך האָט זיך ארויסגעוויעזען, אז ער האָט עקסטרא אויסגעקליעבען פאַר געוויסע פראַכטען א לענגערען וועג, ווייל ער האָט געוואָלט איינשפּאָרען לאַגערגעלד. דאָס שיף האָט ער בעהאנדעלט, וויא אדאָק, וואָס שווימט. ער האָט אויך געהאט אין זיין אָבטהיילונג פערשיעדענע ארטען פון לאנדקארטען מיט קאָליערטע שפּילקעס. וועלכע נאָך'ן קאָליער נאָך האָבען בעטייט תבואה, מעהל, צוקער, קוילען, האָלץ, אייזען א. ז. וו. אויב איך האָב נאָר געוואָלט קריעגען א פאָרשטעלונג פון דיא טראנספּאָרטען, האָב איך נאָר גדארפט ארייגעהן צו איהם אין קאנצעלאַריע ; אין עטליכע מינוטען האָב איך שוין געהאט א גענויע פאָרשטעלונג און אלע ידיעות וועגען אונזערע זאפאסען (פאָרראַטהען). ריבענץ איז געווען א גרויסער איינשפּאָרער, און צוליעב דיא מעלה האָט ער אונז איינגעבראַכט הונדערטער, הונדערטער טויזענדער רובעל.

דער איינער ריבענץ איז צוערשט איינגעפאלען אויף דעם געדאנקען : זיך צונויפצורעדען מיט דיא גרויסע וואַרעמאַגאַזינעס אין ענגלאנד, פראנקרייך און דייטשלאנד, נאָך איידער עס האָט זיך אָנגעהויבען דיא וואנדערונג. אָט דיא וואַרענמאַגאַזינען האָבען געהאט מאַסען סחורות וואָס זיינען שוין ארויס פון דער מאָדע, און זייערע בעלי־הבתים האָבען זיך געמעגט פרעהען, וואָס זיי האָבען געקראָגען א אָרט וואו דאָס אָבצוזעצען. פאַר אונז, פון דער אנדערען זייט, איז דאָס געווען א דערלייכטערונג, ווייל מיר האָבען שוין ניט גדארפט אליין זאָרגען פאַר אלע נויטיגע בעדערפניסע פון דיא עמיגראַנטען. וויא האָבען מיר דאָס געקענט אליין פערזאָרגען דיא איינוואנדערער מיט בעטען, טישען, שאפען, מאטראַצען, קישענס, קאָלדרעס, שיסעל, טעלער, טעפּ, וועש, קליידער, שטיוועל א. ז. וו. ? [illegible] דאָס אליין וואָלט געווען איינע פון דיא גרעסטע ארבייטען. מיר האָבען דאָס

דעריבער איבערגעגעבען אין דיא הענד פון דיא גרויסע אונטערנעהמערס, וועלכע קאָנקורירען מיט אייגאנדער און איטליכער זוכט זיך רערבײ רוח. די אונטערנעהמער האָבען אפילו געהאט צו טהון מיט קונדען, וועלכע זיינען שוואך אין דיא מזומנים. דיא איינוואנדערער האָבען נאָר געקענט קויפען אויף אָבצאָהלונג. דיא אונטערנעהמערס אָבער זיינען געווען זיכער מיט דיא געלד, ווייל דיא נייע געזעלשאפט פלעגט אָבציהען דיא אָבגעמאכטע וועכענטליכע אָדער מאָנאטליכע אָבצאָהלונגען פון דעם ארבייטערלאָהן און עס צושטעלען צו דיא בעלי הבתים פון דיא ווארע מאגאזינען. צוליעב דעם האָבען מיר אויך געהאט א דעה צו זאָגען אויף דעם מקח פון דער סחורה פאר אונזערע איינוואנדערער. אונזער קאָנטאָר פאר געלד־חשבונות האָט זיך נאָר דאמאָלסט אריינגעלאָזען מיט א ווארעמאגאזין, ווען זיא האָט געהאט פאר זיך דיא אויסגעצייכענטע פעסטע פרייזען פון אלע סחורות. און דורך דעם האָבען מיר ניט צוגעלאָזען אָבצורייסען דיא הויט מיט דיא מקחים, און געבראכט דערצו, אז דיא ווארעמאגאזינען זיינען געווען בטוח מיט זייער געלד און האָבען געקענט מאכען דעם גרעסטען אומזאץ. יאָ, עס איז זעלטען פאָרגעקומען אין דער וועלטווירטשאפט, אז דיא ליפעראנטען זאָלען קענען אזוי אָבשאצען וויפיל א ערך און וואָס פאר סחורה עס נויטהיגט זיך אין א געוויסער צייט, וויא דאמאָלסט ביי אונז. דיא ליפערונגען זיינען געגאנגען מיט א סדר פון א ארמעע, און דערביי איז זיא געווען פריי, דיא קאָנקורענץ איז געבליבען אָפען. און צוליעב דעם איז אלץ וואָלוועלער געוואָרען. און פון דיא געשעפטען, וואָס האָבען געמאכט צווישען זיך יד־אחת, אום צו העכערען דיא מקחים, פלעגען מיר ניט אָננעהמען דיא חשבונות פון דיא אָבצאָהלונגען. זיי האָבען שוין דאמאָלסט געמעגט זיצען און ווארטען אויף קונדען. א אָרדענטליכען קונד האָט מען שוין ניט אָנגעזעהען ביי זיי.

אויף דעם אופן האָבען מיר אין צוויי דריי מאָנאטען בעשאפען א מארק מיט אלערליי סחורות פאר דיא ערשטע צייט. און בעת אין אלע לענדער האָבען דיא היימישע חברות זיך בעמיהט אויסצוקלייבען דיא בעסטע און געניטסטע ארבייטער, האָבען דיא ענגלישע, דייטשע און פראנצויזישע ווארענמאגאזינען געעפענט זייערע פיליאלען אין חיפו, יפו, יריחו און ביי דיא טהויערען פון ירושלים. דיא איינהיימישע האָבען נעקוקט אויף דיא אייראָפּייאישע ארטיקלען מיט אָפענע מיילער. פון אָנהויב האָבען זיי גאָר ניט פערשטאנען פון וואנען נעהמען זיך פלעצליך דיא פיליאלען. א וויטציגער בריעף פון ארכיטעקטען שטיינעק פון יענער צייט שילדערט דיא אמאָליגע קינדערשע התפעלות פון דיא מחמדאנער. „קעמלען מיט

פערקלערטע פנים'ער זיינען געשטאנען פאר דיא פענסטער און האָבען געשאָקעלט מיט דיא קעפ", שרייבט אונזער פריינד. דיא איינהיימישע האָבען אָבער באלד אָנגעהויבען צו קויפען פערשיעדענע ארטיקלען, און ביז צו דמשק און אלעפּאָ, ביז צו בגדד און דעם פערזישען גאָלף האָט זיך פערברייט דיא בשורה פון דיא נייע מאגאזינען. פון אלע זייטען זיינען געקומען קויפער. און נאָך איידער מיר האָבען זיך בעוויזען דאָרטען האָט שוין געגומען אויפלעבען מסחור און האנדעל. אין עטליכע מאָנאטען, וויא דיא געשעפטען זיינען גוט אוועק, האָבען פערשיעדענע גרויסע סוחרים אָנגעהויבען פאבריצירען דיא גאנגבארסטע סחורות אויפ'ן אָרט גופא, ווייל דאדורך האָבען זיי איינגעשפּאָרט דיא טראנספּאָרטקאָסטען. דאָס איז געווען דער ערשטער אָנהויב פון אונזער היינטיגער גרויסארטיגער פאבריקאציע.

מען האָט מיר שפּעטער פאָרגעוואָרפען, אז איך האָב צוגעלאָזען דיא אונטערנעהמערס נתעשר צו ווערען. מען האָט מיך דערפאר אויך געזידעלט אין דיא ציימונגען. מיר אַרט דאָס וויא דער וואנד. אנדערש האָט מען ניט געקענט מאכען, און עס לאָזט זיך ניט אלעמען צופריעדענשטעלען. איך האָב נאָר געדארפט אכטונג געבען, אז קיין בעאמטער פון דער נייער געזעלשאפט זאָל ניט מעהר פערדינען, וויא דאָס געהאלט וואָס ער קריעגט. אויף דעם האָב איך שטרענג אכטונג געגעבען, און אָהן רחמנות; דאָס וועט מיר איטליכער מודה זיין. אז איך האָב מיך ניט בערייכערט, איז אויך גענוג בעוואוסט. ווען אָבער פרייע אונטערנעהמער האָבען געמאכט גוטע עסקים, האָב איך גאָר ניט געהאט וואָס צו זאָגען אקעגען. דיא מענשען לויפען אהין, וואו עס וואקסט גאָלד פון דער ערד; וויא דאָס גאָלד איז אויסגעשפּראָצט — איז קיין חלוק ניט. איך האלט ניט פאר קיין קלייניגקייט דיא קראפט פון אידעאלען און הויכע געפיהלען, אָבער אויך דיא נשמיות'ע, מאטעריעלע געפיהלען שפּיעלען ביי מיר ניט קיין קליינע ראָלע.

איצט דערצעהל איך אייך פון א שפּעטערע ענטוויקלונג, און כאפ אביסעל פאָראויס. נאכדעם וויא שטיינעק איז אוועק האָב איך געהאט גענוג צייט, צו שטודירען דיא פלענער פון מיין געליעבטען פישער. זיינע פלענער פאר גאסען, קאנאלען, האפענס, וויא זיך מיט וואסער צו פערזאָרגען און עלעקטרישע קראפט צו קריעגען, זיינען היינט בעריהמט אין דער גאנצער וועלט. שוין דאמאָלסט האָט ער מיר אויף פּאפּיער געוויעזען זיין גאונישען פלאַן, וויא דורכצופיהרען א קאנאל פון מיטעללענדישען ים צום ים המלך און דערביי צו בענוצען דעם אומשטאנד וואָס דער ערשטער ים ליעגט א סך העכער פאר'ן צווייטען. א שווייצער אינזשעניער, א קריסט, וועלכער איז געווען א פערברענטער ציוניסט און האָט זיך דערי-

בער מגיר געווען און אָנגענומען דעם נאָמען אברהם, האָט איהם געהאָלפען ביי דער ארבייט. פישער, א גרויסער עניו, פלעגט שטענדיג זאָגען, אז אין זיין גאונ־ישען ווערק שטעקט אברהם'ס קאָפּ. דערביי האָבען מיר בענוצט דיא פּראכטיגע לאנדקארטען פון ענגלישען גענעראלשטאב און, הויפטזעכליך, ארמסטראָנגס קארטע, וואו איטליכעס בערגעל קומט ארויס בולט. אָהן דיא קארטען, ווער ווייסט וויא לאנג מיר וואָלטען זיך אָבגעמיהט אומזיסט. צו דערזעלבער צייט האָב איך גענומען ארבייטען אויף צו גרינדען דיא ערשטע אייזענבאהנגעזעלשאפטען. דיא אָרעמע קלייניגקע ליניע צווישען יפו און ירושלים האָט שוין ניט געקענט קלעקען פאר אונזערע ווייטערדיגע בעדערפניסע. צוערשט האָט מען געזיכערט דיא באהן וואָס געהט ביי דיא ברעגעס פון ים, פון יפו נאָך דרום־צו קיין פּאָרט־סאאיד, נאָך צפון־צו איבער קסריא, חיפה, צור, צידון קיין ביירוט מיט א פערבינדונג קיין דמשק. באלד דערנאָך האָבען מיר געבויט דיא נייע ליניע קיין ירושלים, דיא באהן פון ירדן־טהאָל מיט דיא זייטיגע ליניעס קיין מזרח און מערב ביי ים־כנרת, דיא לבנון באהנען. דיא קאפּיטאלען האָט ווארשאווסקי צוזאמענגעבראכט פון אמעריקא און לעאָנקין פון רוסלאנד. אין דירעקטאָריום האָב איך געהאט אויסצו־שטעהן א מלחמה וועגען דיא צינזענגאראנטיען. מען האָט מיר געהאַלטען פאר א משוגע'נעם, ווייל איך האָב געוואָלט גאראנטירען רוח פון דיא ליניעס. איך בין געשטאנען אויף מיין רצון און דיא צייט האָט בעוויעזען, אז איך האָב מיך נישט טועה געווען. דאָס האָט זיך געצויגען, פון דעסטוועגען, פינף יאהר ביז איך האָב דורכגעפיהרט אלע ליניען איינע נאָך דער אנדערער. היינט איז דאָס שוין א אַל־טע מעשה, דיא באהנען זיינען שוין אריבער אין דיא הענד פון דער נייער געזעל־שאפט.

חוץ דיא פראגען וועגען טראנספּאָרט האָט מיך שטארק אינטערעסירט דיא פראגע וועגען בהמות וואָס טויגען משאות צו שלעפּען. איך האָב דאָך געדארפט זעהען איינצואָרדענען א גרויסע פעלדווירטשאפט. דיא דאָזיגע בחמות האָט מען געמוזט קויפען אויסווערטס, זיי ברייננגען קיין פּאלעסטינא און זיי פיטערען. דאָס איז געווען ברוינסטאָנס עסק, און איך האָב אָפט מיט איהם דעריבער גערעדט. זיינע פלענער זיינען מיר ניט געפעלען. איך האָב פשוט געציטערט ביי דעם געדאנ־קען, אָנקויפען גאנצע סטאדעס (הערדען) פון טויזענדער אָקסען אין דיא דאָנויר־לענדער און זיי אויף לאנגע וואסער און לאנדוועגען אריבערטראנספּאָרטירען קיין פּאלעסטינא. ברוינסטאָן האָט מיר ניט געלאָזט אָטהעמען, עס איז שוין דער לעצ־טער טערמין, האָט ער געטענה'ט. איך האָב זיך אָבער ניט געקענט ענטשליסען.

מעהר איז מיר געפעלען דער פלאן צו ברייננגען בהמות פון מצרים. אבער צוליעב א סך זאכען האט דאס וויעדער ניט געלוינט.

אין דיא ערשטע וואכען האב איך זיך פון לאנדאן ניט געקענט ריהרען. אבער איינמאל האב איך זיך פארט אויף א טאג אויסגעריסען קיין דייטשלאנד, מיט דער דעה א קוק צו טהון אויף דעם נייעם עלעקטרישען מאטארפלוג. איך בין פשוט ארויס פון דיא כלים.דעם עלעקטרישען פלוג האלט איך פאר איינע פון דיא גרעס־טע מתנות, מיט וואס דאס ניינצעהנטע יאהרהונדערט האט אונז בעשענקט. הייגט איז ער, פערשטעהט זיך, נאך א סך פראקטישער וויא דענמאלסט. אבער שוין אין זיין אלטער געשטאלט איז ער מיר געוואלטיג געפעלען געווארען. איך האב באלד געקויפט דעם גאנצען זאפאס (פארראט) פון דער פאבריק און געמאכט א בעשטע־לונג אויף אזוי פיעל, וויפיעל זיי קענען אויסארבייטען ביז טבת־צייט און האב ווארשאווסקי׳ן טעלעגראפירט קיין נויארק: „קויפט עלעקטרישע פלוגען וויפיעל איהר קענט נאר קריעגען ביז טבת־צייט. „ער האט געענטפערט: „איך וועל זע־הען". בשעת איך בין געקומען צוריק קיין לאנדאן האב איך שוין געפונען זיין דע־פעשע: „300 מאטארפלוגען וועלען העלפט טבת זיין אין יפו".

דורך דעם צופאל בין איך בעפרייט געווארען פון עטליכע דאגות. צוריקקור־מענדיג פון דייטשלאנד האב איך געהאט א מאדנע בעגעגעניש מיט ברוינסטאנען. איך זעה נאך זיין געקרענקט און פערוואונדערט געזיכט, בשעת איך האב איהם מלא שמחה געזאגט: „מיין ליעבער פריינד, איהר זיינט אונז א איבריגער ראד אין וואגען. מיר דארפען שוין ניט קיין אקסען". ערשט, בעת דיא ארומיגע האבען אנגעהויבען צו לאכען האב איך איינגעזעהען, וויא פאלש איך האב מיך אויסגע־דריקט, האב איהם געבעטען מחילה און איהם דערקלערט דעם גאנצען ענין, וועגען דיא פלוגען. ברוינסטאן האט געטאנצט פאר פרייד, און דיא ארומיגע האבען זיך מיטגעפרעהט. ס׳פערשטעהט זיך, אז אונזער ברוינסטאן איז נאך לאנג ניט געווען ביי אונז קיין ארויסגעווארפענער. ער האט נאך געהאט גענוג פאר זיך צו טהון, כאטש מען האט שוין ניט געדארפט אזוי פיעל אקסען. מיר האבען נאך געדארפט מאסען פערד, מילכקיה, שעפסען, עופות און גענוג זאפאסען צו פיטערן אלע דיא בהמות און עופות. אט דיא מעשה האט זיך פערלאפען באלד, וויא ברוינסטאן איז צוריקגעקעהרט פון רומעניען. איך האב איהם באלד געשיקט קיין האלאנד, שווייץ און אונגארען איינצוהאנדלען בחמות.

אנשטאט אקסען האבען מיר איצט געדארפט קוילען פאר דיא פלוגען, דאס איז שוין געווען ריבענץ׳ס עסק. דאמאלסט האט מען נאך ניט געקענט אזוי לייכט

קריגען דיא אזיאטישע קוילען, וויא היינט. ריבענץ האט פשוט מיט דעפעשען אבגעשלאסען זיין געשעפט מיט ענגלאנד ועגען קוילען. און איין מעת־לעת איז דער עסק פארטיג געווארען. דאס איז געוועזן איינע פון דיא גליקליכע מינוטען, בשעת מען פיהלט אויפ'ן אייגענעם לייב דיא גרויסקייט פון אונזער קולטור. דען שוין דאס אליין האבען מיר דאמאלסט געהאלטען פאר א געוואלטיגע זאך. און עס איז טאקי אזוי געוועזן. מיר האבען נאך דאמאלסט ניט געהאט דיא וואסערקראפט פון קאנאל, וואס ציהט זיך פון ים־המלך. היינט דארפען מיר שוין ניט דיא ענג־לישע קוילען, בכדי צו בעאקערען דאס לאנד; אפילו דער לאקאמאביל, וואס פלעגט שטעהן ביים קאנט פון פעלד, זעהט שוין אויס אין אונזרע אויגען וויא א פערצייטיגע מאשינע. מיר האבען איצט דראטהען, דורך וועלכע עס צוגיעסט זיך דיא קראפט פון דיא פאליגע וואסער פון ירדן, פון ים־המלך־קאנאל און פון דיא בערגשטייכען וואס פאלען פון לבנון און חרמון, און דיא דראטהען זיינען צושפרייט אויף דאס גאנצע לאנד און גיעבען איבער זייער קראפט איטליכען עלעקטרישען פלוג. אנשטאט קוילען בענוצען מיר היינט וואסער. דאס זיינען געוועזן, קורץ גע־רעדט, מיינע ערשטע ארבייטען.

דא האט אבער פראפעסאר שטיינעק געמאכט א ליארם און געבעטען דאס ווארט. דוד האט באלד אבגעשטעלט דיא וואלצע.

„איך מוז מאכען א בעמערקונג", האט דער פראפעסאר געזאגט — „דיא בעמערקונג האט מעהר צו טהון מיט ליטעראטור, און האט קיין פאראיבעל ניט דערפאר. צו ווייסט איהר וואס בעטייט דאס, וואס מיר האבען איצט געהערט פון פערבארגענעם דשאע? א נייעם חד־גדיא. פערשטעהט איהר שוין?"

קינגסקאורט האט מן הסתם ניט פערשטאנען. מען האט איהם געמוזט געבען צו דערקלעהרען. מיט חד גדיא, א ציגעלע, א ציגעלע ענדיגט זיך דיא הגדה. דאס איז א מעשה'לע וואס איז געשריעבען געווארען האלב אין געלעכטער און האלב מיט א פערבעהאלטענעם מיין. דיא קאץ פרעסט אויף דאס ציגעלע, דער הונד צו־רייסט דיא קאץ, דער שטעקען הרגה'ט דעם הונד, דאס פייער פערברענט דעם שטעקען, דאס וואסער לעשט אויס דאס פייער, דער אקס טרינקט אויס דאס וואסער, דער שוחט קוילעט דעם אקען, דער מלאך המות קוילעט דעם שוחט און אי־בער אלעמען איז גאט, וועלכער הערשט איבער דער גאנצער וועלט, פון מלאך המות ביז צוריק צו דעם ציגעלע.

„אט אזוי", האט דער פראפעסאר געזאגט, — „געהט עס אויך צו מיט ד א

קרעפטען פון פלוג. נאָכ'ן אָקסען קומען דיא קוילען, נאָך דיא קוילען — דאָס וואסער..."

„און איבער אלעמען איז גאָט ביז צוריק צו דעם ציגעלע" האָט דער אלטער ליטוואק געענדיגט.

VI

עס איז שוין געווען שפּעט און דיא געסט זיינען שוין מיעד געוואָרען, און מען האָט בעשלאָסען דעם ווייטערן טהייל פון דער רעדע אָבצולייגען אויף א אנדער טאָג.

דיא געסט האָבען זיך צושיידט פון איינאנדער.

עס איז געווען א קלאָרע לבנה'דיגע נאכט, און עס איז געווען א מחיה'דיגער שפּאציערגאנג, צו געהן ביי'ן ברעג פון ים פון דער ווילע פון אלטען ליטוואק ביז צו דעם האָטעל. קינגסקאורט איז געגאנגען פאָר אויס מיט'ן פּראָפעסאָר שטיינעק, און ער האָט איהם בעשאָטען מיט אלערליי פראגען. בּיסלעכווייז האָט ער זיך דערוואָרעמט פאר דיא אידען מיט זייער צווייטען יציאת מצרים. ער האָט אָבער געהאלטען פאר נויטיג אלע ווילע איבערצוחזר'ן, אז ניט דאָס יודענטהום אינ־טערעסירט איהם ביי דער גאנצען מעשה, וויא דיא נייע פאָרמען פון האנדעל און פאבריקאציע. פאר מענשען אין זייער מזל, זאָלען זיי זיין אידען, קריסטען אָדער געצענדינער, קען ער זיך לחלוטין ניט אינטערעסירען. ער איז און בלייבט א מענשענפיינד און ער האלט דאָס פאר אמשוגעת, זיך צו אינטערעסירען פיר א מענשען, ווייל דער מענש איז בטבע דער גרעסטער כפוי טובה. עס געפעהלט איהם אָבער דיא גאנצע מעשה פון דער מאסענהאפטען איינוואנדערונג פון אידען, דאָס געפעהלט איהם וויא איטליכע גרויסאַרטיגע אונטערנעהמונג. ער וואָלט שוין מאָרגען וועלען הערען דעם המשך פון דעם פּאָנאָגרפישען רעדנער.

דיא איבריגע געסט זיינען געגאנגען פּאָרווייז, אָדער זאלבע דריט. צו לעצט זיינען געגאנגען פרוי שרה און פריעדריך, וועלכער איז געווען פערזונ־קען אין זיינע חלומות, און האָט מיט זיין פריינד בעגלייטערין ניט גערעדט א וואָרט.

זיי זיינען שוין כמעט אָנגעקומען צום האָטעל, בשעת זי האָט אָנגעהויבען צו חוזק'ן פאר וואָס ער שווייגט. דענסטמאָל האָט ער זיך אויפגעחאפּט פון שלאָף:

„וואָס פאר א שעהנע נאכט! דער בלייכער גאָלדענער אָבשיין פון דער לבנה אויף'ן ים כנרת — אלץ וויא פערכשוף'ט, און פּאָרט ניט קיין כשוף. עס ווילט זיך מיר איצט ווייטער פרעגען דיא קשיא „מה נשתנה": מיט וואָס אונטערשיידעט זיך דיא דאָזיגע נאכט פון אלע-אנדערע נעכט. און איך הערר שוין דעם אייגענעם תירוץ: מיט דער פרייהייט אומעטום, צוליעב וועלכע מיר ווערען ערשט צו מענשען.... יאָ, יאָ, פרוי ליטוואק, ווען עס וואָלט מיר נאָר בעשערט געווען מיטצוארבייטען, מיטצולעבען.

„צו לאָזט מען אייך ניט?"

„ניין, קינגסקאורט וויל שוין אוועקפאָהרען".

„וואָס רעדט איהר?" האָט זיא זיך פאנאנדערגעלאכט, — „מיר וועלען איהם שוין פערהאלטען א ביסעל. איהר ביידע זייט שוין אונזערע אויף שטענדיג, איהר, וויא דער רעטער פון אונזער פאמיליע און ער וויא אייער נאָהענסטער אייניצער פריינד. איך וועל שוין זעהען, אז דער הערר דאָקטאָר לעווענבערג זאָל זיך שוין ביי אונז ערגעץ וואו בעזעצען. איך בעט אייך, רעדט מיר נאָר ניט אקעגען! איך האָב דאָ אויך, דוכט זיך, צו זאָגען א שטיקעל דעה! און וואָס אָנבעלאנגט צו דעם אלטען ברומער, וועל איך שוין זעהען איהם דורך ליעבעסבענדער צובינדען איהם צו אונזער לאנד".

פריעדריך האָט זיך פרייליך פאנאנדערגעלאכט:

„וואָס? איהר ווילט איהם חתונה מאכען?"

„ווען איך וואָלט שטארק געוואָלט, וואָלט איך דאָס אויך געקאָנט", האָט זי ליטוואק געענטפערט — „איך וואָלט איהם, למשל, חתונה געמאכט מיט מיסטריס גאָטלאנד, אָדער מיט מיין שוועגערין מרים".

„עס איז שוין א שטיקעל אכזריות פון אייך, אזוי אָבצולאכען פון א אלטען מאן".

„א מאנסביל", האָט זיא דארויף געזאָגט,—„איז קיין מאָל ניט צו אלט אויף חתונה צו האָבען. ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס פרויען און מעננער האָבען היינט גלייכע רעכטען, זייט איהר אין דעם פּאָרט ווייטער פאר אונז. איבריגענס רעכען איך אייער קינגסקאורט גאָר צו בינדען דורך אנדערע ליעבעסבענדער. ער איז גאָר מיין פריטצכען אויף דיא וועלט, איך האָב שוין דאָס בעמערקט. און דאָס וואונדערט מיך גאָר ניט, וואָרום איטליכער מוז דאָך מודה זיין, אז אזא קינד, וויא מיין פריטצכען, איז גאָר ניט צוגעפינען".

פריעדריך איז איינגעגאנגען אויף דיא ליעבע נארישקייט פון א מאמען:
„יא, ער איז דאך אזא שעהן קינד“.

„ער איז נאך קליעגער וויא שעהן, נאך ווייכהערציגער וויא קלוג“, האט זיא לעבעדיג געזאגט. וואס רעכענט איהר, ווען איך וועל קינגסקאורטען לאזען אפט אליין מיט פריצכען, צו וועט ער זיך נאך קענען אפרייסען פון קינד? און דאמאלסט וועט ער שוין מוזען דא בלייבען, און איהר מיט איהם“.

פריעדריך איז געווען אמת גערירט און האט געשמייכעלט איבער דיא ליעבע נארישקייט פון א קלוגער מוטער, וועלכע לעבט אין דעם גלויבען, אז עס איז זיך פון איהר פריצכען ניט אפצורייסען. און ער איז טאקי געווען א לעבעדיג ליעבעס אינגעלע, און עס האט אפילו אויסגעוויעזען, אז פרוי ליטוואק איז גערעכט געווען דערמיט וואס זיא האט בעמערקט, אז קינגסקאורטען ציהט צו דעם קינד, וויא מיט צוואנגען. אויף׳ן אנדערען מארגען האט טאקע פריעדריך אנגעטראפען קינגסקאורטען אין אזא לאגע, אז דער אלטער איז פערשעהמט געווארען: ער איז ארומגעקראכען אויף אלע פיער אין קינדער צימער און פריצכען האט געריטען אויף איהם וויא אויף א פערד.

„דאס אינגעל וועט נאך א מאהל זיין א קאוואלעריסט“, האט ער פערשעהמטערהייד געזאגט, בשעת פריעדריך האט איהם געהאלפען אויפשטעהן — „און איצט מארש צו דיין ניאנע, פריטצקע, אויב דוא ווילסט ניט אז איך זאל דיך פערשמייסען אויפ׳ן ארט“.

אין בייזער זיינעם איז אבער געלעגען אזא פריינדליכער טאן אז דער קלייגער האט גאר קיין פחד ניט געקראגען און האט זיך נאך פעסטער אנגעטשעפעט אן איהם. דער קליינער פריטץ האט בעשיינפערליך ניט געוואוסט, אז ער האט צו טאהן מיט איינעם פון דיא פערביסענסטע מענשענפיינד. נאך מעהר, בשעת מען האט פריצכען מיטגענומען צו זיידע באבען און קינגסקאוט איז ניט מיטגעגאנגען האט ער געמאכט אזא געוואלד, אז פרוי ליטוואק האט געבעטען קינגסקאורטען זיך צו דערבארמען אויף איהר זון. וואס האט ער געזאלט טאהן? ער האט לפנים געמאכט א מינע וויא ער אפפערט זיך קעגען זיין אייגענעם רצון, האט אבער ברייט געשמייכעלט בעת אויף פריצכענס פנים׳ל האט זיך ווידער בעוויעזען דער זונענשיין פון א רוהיגע צופרידענקייט. לאזען דיא איבריגע קומען נאך איהם, ער וועט זיך נאך צום לעצטען מאהל אפפערן פארן שייגעץ, דעם שטיפער. דוד מיט דער פרוי און פריעדריך זיינען אויך אין איניגע מינוטען נאכגעגאנגען, און פון דערווייטען האבען זיי דערזעהן וויא קינגסקאורט איז געגאנגען הינטער

דער ניאַנע און וויא דער קלײנער פריטץ האָט אלץ פאַריסען צו איהם דאָס קעַ־פעל. דעם גאַנצען וועג, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דער ברעג איז פול געוועזן פון שפּאַציער געהערס, האָט זיך קינגסקאורט געשפּיעלט מיט דעם קינד און זיך צום נאַרען געמאַכט. דען ער איז אַלט געוואָרען, און האָט נאָך ניט געוואוסט וואָס פאַר א תענוג דאָס איז, צו פיהלען דעם כישוף און די עקשנות פון א קלײן קינד. עס איז איהם גאָר אין זינען ניט אײנגעפאַלען, וואָס פאַר א סכנה עס איז, צו האָבען צו טאָהן מיט אזא אינגעלע מיט רויטע בעקלעך, און ער האָט אלײן ניט בעמערקט, וויא ער איז ביסלעכוויז געוואָרען א שקלאַף פון פריצכענס קאַפּ־ריזען. פריצכען האָט איהם א נאָמען גענעבען אָטאָ. די אשפּראַכענקענער צווישען דוד׳ס בעקאַנטע האָבען ערקלעהרט, אז דאָס האָט זיך גענומען פון דעם „היה־האָטטאָה“ מיט וואָס עס האָט זיך צוערשט אָנגעהויבען דער שמועס צווישען אדאלבערט פון קעניגסהאָף, הײנט קינגסקאורט, און פריטצכען ליטוואק. וויא די מעשה איז געוועזן, מיסטער קינגסקאורט האָט בײ פריטצכען קײן אנדערן נאָמען ניט געהאַט, וויא „אָטאָ“.

כל זמן פריצכען איז מונטער געוועזן, האָט אָטאָ ניט געטאָרט זיך מיט קײנעם אָבגעבען. ערשט דאַמאָלסט, ווען דער יונגער אכזר מיט דיא רויטע בעקלעך האָט נאָך מיטאָג אײנגעדרעמעלט, האָט קינגסקאורט געקענט פערלאַנגען דעם המשך פון דשאָע׳ס רעדע. ניט אלע פון דיא נעכטיגע צוהערער זײנען געקומען. מיס־טריס גאָטלאַנד, וועלכע איז געוועזן דיא אויבערשטע פון א געזעלשאַפט פון באַ־רעמהערציגע שוועסטער, האָט געהאַט צו טאָהן ארום א קראַנקען. דער פּאָפּ פון ספּורית האָט געמוזט זײן אין דער היים. דער גלח איגנאַץ איז אויך געוועזן פער־נומען. דיא שטײנעקס האָבען געקענט קומען ערשט שפּעטער. נאָר אזוי וויא מען האָט געקענט דעם פאָנאָגראַפען צו איטליכער צײט לאָזען איבער׳חזר׳ן דיא רעדע האָבען דיא, וועלכע זײנען נאָך ניט געקומען, דיא מעגליכקייט געהאַט צו הערען דיא רעדע ווען זײ וועלען צײט האָבען.

דוד האָט געהײסען ארונטער טראָגען דאָס אפּאַראַט אין זאַל פון ערשטען שטאָק, וועלכער איז געוועזן דערבײ פון זײן מוטערס צימער, וואו זיא ליעגט צײט איהר קראַנקהײט. דיא קראַנקע מוטער האָט זיך הײנט געפיהלט עפּעס בעסער. מען האָט זיא געקענט ארײנברענגען אויף א שטוהל מיט רעדלעך. זיא איז געזעסען מיט א פרײנדליך אומעטיג שמײכעל אויפ׳ן פּנים, געל ווי וואַקס, און האָט זיך צו־זאַמען מיט אלעמען צוגעהערט. אויף א נידעריגען זעסעל איז געזעסען נעבען איהר מרים, אָננעהמענדיג פון צײט צו צײט דיא מוטערס האַנד. דער אלטער ליטוואַק

ט זיך בעקוועם געמאכט אויף א ברייטען פאָטעל. קיגנסקאורט דאָס גלייכען. שיד ביי האָט דוד'ן געהאָלפען אין אָרדנונג צו ברענגען דעם פּאַנאָגראפען, ן דערנאָך האָט ער זיך אוועקגעזעצט שטיל ביי מזייט. דער גייסטליכער מיט־ גר האָפקינס האָט צוזאמען מיט פריעדריכען זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל ן זאל. פון זיין ווינקעל האָט פריעדריך געקענט ארויסקוקען דורך דאָס פענס־ נר ווייט אין דרויסען ביז צו דיא בערג. און צווישען איהם און דאָס בילד פון ויסען האָט איהם געשעמערירט אין דיא אויגען מרים'ס פיגור, בעגאָסען פון ענשיין.

דוד האָט איינגעשטעלט דיא וואלצע און דזשאָע'ס שטימע האָט אָנגעהויבען דיא נעכטיגע לעצטע ווערטער:

„דאָס זיינען געוועזן, קורץ גערעדט, מיינע ערשטע ארבייטען. דיא גאנצע זינע איז שוין געגאנגען וויא געשמירט. אלאדינאָ האָט אונז געגעבען גוטע עות וועגען דעם, וויא עס געהען דיא קניות פון לאנד. שטיינעק האָט אונז ריע געוועזן, דאָס סוף טבת וועט ער עפענען א ציגעל פאבריק. לעאָנקין און רשאוווסקי האָבען אונז מיטגעטהיילט, דאָס דיא היימישע חברות ארבייטען ט א ווארימקייט און א לעבעדיגקייט. ברוינסטאָן און קאָהן האָבען זיך שוין רזאָרגט צו פריהיאָהר מיט ליעפערונגען פון תבואה און בהמות.

מיר האָבען אָבער ניט געדארפט האָבען אין זינען דיא אונבעמיטעלטע ר האָבען זיך אויך געמוזט בעמיהען צוצוציהען רייכערע אידישע קלאסען צו לעסטינא. ניט דערמיט וואָס מען וועט זיי צוזאָגען ארבייט אָדער שטיצע עט מען זיי קענען אריינציהען אין דער איינוואנדערונג. מען האָט געמוזט גע־ נען א אנדער אופן זיי אריינצוקריעגען. איך האָב זיך דערביי בענוצט מיט א גע־ אנקען פון עגיפּטישען חעדיוו איזמאאיל. איטליכער, וועלכער האָט זיך פערפליכ־ גט צו בויען א הויז פון 12 טויזענד רובעל א ערך, קריעגט אומזיסט דעם נויי־ גען פלאטץ דערצו. דאָס אייגענע האָב איך אויך געטאָהן, איך האָב מיר נאָר סבעדונגען, אז סוף 50 יאָהר (יובל) געהט אריבער דער פלאץ אין דיא בעל־ ית'שקייט פון דער נייען געזעלשאפט. מיר האָבען דאָך בעשלאָסען דעם יובל טער איינצופיהרען ביי אונז. עס איז דאָך בעוואוסט, ווי דער חעדיוו האָט ך דיא עצה, וואָס ער האָט זיך אליין געגעבען, געבראכט דערצו, אז עס איז שאפען געוואָרען דיא שעהנע שטאָדט קאאירא. ביי אונז האָט דאָס אויך גע־ אט דיא אייגענע ווירקונג. מיר האָבען נאָך ניט אוספייעט צו פערברייטען דיא ידיעה עגען דער הנחת, וואָס מיר גיבען, וויא עס האָבען זיך שוין פון אלע

לענדער געמעלדעט אונטערנעהמערס מיט דער בקשה, זײ צו געבען פּלאַטץ אויף צו בויען. מײן הויפּטסעקרעטאר װעלנער האָט צוזאַמען מיט דעם הויפּט־אינזשעניר פישער אויסגעאַרבייט א מיטעלען פּלאַן, נאָך װעלכען דיא בוי־אונ־טערנעהמערס זאָלען זיך קענען ריכטען א ערך. דיא שטאָדט פּלענער פון חיפה, יפו, טבריא און אנדערע ערטער זײנען שוין געװען אין דיא הויפּטפּונקטען פאַר־טיג נאָך אײדער שטײנעק איז אװעקגעפאָהרען. דערצו האָט נאָך שטײנעק גע־ליעפערט עטליכע פאָרמען פון שעהנע בעלי־חבית'שע הײזער. מיר האָבען איבער־געדרוקט דיא פּלענער צוזאַמען מיט דיא הצאות א ערך אויף יעדער בנין אין טויזענדער עקזעמפּלארען און האָבען זײ פערשיקט צו דיא בויאונטערנעהמערס. זײ זײנען אָבער דורכאויס ניט מחויב געװען אָנצונעהמען דוקא אונזערע פּלענער. זײ האָבען נאָר געדאַרפט פון אונזערע פּלענער זעהן א ערך, װאָס עס קאָסט דאָס בויען פון א מיטעלען בנין. דעם 21 מערץ האָט מען צום ערשטען מאָל געדאַרפט צוטהײלען דיא פּלעצער. ביי דיא טהײלונג האָט מען נאָר געהאט אין זינען דיא, װעלכע האָבען זיך שוין געמעלדעט פאַר דעם ערשטען מערץ. דערביי האָבען מיר געמאַכט א תנאי, אז דער װאָס װיל קריעגען א פּלאַץ, מוז בײטרעטען דער שותפי־שען חברה פון דיא אײנװאַנדערער אלס חברה־מאַן. חוץ דעם איז ער מחויב צו געבען דער נײער געזעלשאַפט א משכון א ערבות, צו אין געלד אָדער אין פּראָצענ־טנע פּאַפּיערען, װאָס זאָל אָנטרעפען א דריטעל פון דיא הוצאות פון דעם בנין, װאָס ער רעכענט צו בויען. דערצו איז ער מחויב אלײן, אָדער דורך זײן פערטרוי־טען, צו זײן אין פּאלעסטינא צו דער צײט, בשעת מען טהײלט צו דיא פּלעצער. װײבאלד ער האָט שוין אָנגעהויבען צו בויען דאָס הויז קען ער צוריק פאָדערען דעם משכון אָדער ערבות. װעלנער'ן האָב איך געהײסען אויסאַרבײטען א סדר, װיא צו צוטהײלען דיא פּלעצער. דעם 21־טען מערץ האָט א בעאַמטער פון ער נײער געזעלשאַפט אין איטליכען אָרט, װאו עס זײנען דאָ מענשען װעלכע האָבען א חלק צו בויען — געצױגען, אז עס זאָל װערען אויסגעקליעבען א קאָמיסיע פון דרײ, פון פינף, אָדער זיעבען מיטגליעדער, לויט דעם נאָך, װיפיעל בויאונטער־נעהמער עס געפינען זיך אין א געװיסען אָרט. דיא אונטערנעהמערס האָבען צװי־שען זיך אלײן אויסגעקליעבען דיא מיטגליעדער. ביים טהײלען פון פּלעצער האָ־בען דיא געהאט דיא פאָרהאַנד, װעלכע װעלען באלד אָנהויבען צו בויען, און צװי־שען דיא לעצטערע האָבען געהאט דיא פאָרהאַנד דיא, װעלכע זײנען געװען מעהר אין צאָהל. נאָך זײ זײנען געגאַנגען דיא װעניגערע אין צאָהל און צולעצט — דיא יחידים, װאו אָבער אלע בעדינגונגען זײנען געװען גלײך, האָט מען געװאָרפען א

גורל. מיר האָבען דערפאר פאָרגעצויגען דיא דאָזיגע בויאונטערנעהמער־חברות וועלכע זיינען געווען מעהר אין צאָהל, ווייל מיר האָבען זיך בעמיהט צו בעשאפען א קרעפטיגען קערן פון תושבים. חוץ דעם איז אונז לייכטער געוואָרען דאדורך צו בעשאפען א קהילה, וואָס זאָל באלד קענען נעהמען אויף זיך דיא היימישע קהל׳־שע הוצאות. צוליעב דעם האָבען זיך טאקי א סך יחידים באלד בעהעפט צו א קלענערע חברות, און דיא קלענערע צו דיא גרעסערע, נאָך איידער עס איז געקר־מען צו דער פערטהיילונג פון פלעצער. און עס איז אויסגעקומען, אז ניט דריקענ־דיג עמיצענס פריי׳הייט האָבען מיר אויסגעמיעדען א סך סכסוכים. צווישען דיא חברים פון דיא חברות האָבען מיר צוטהיילט דיא פלעצער לויט דעם נאָך, וויפיעל איטליכער נעהמט אויף זיך דיא דעקונג פון קהל׳שע הוצאות, וויא, למשל, ברו־קירען גאסען, דורכפיהרען שאָסעען, איינפיהרען קאנאליזאציע, בעלייכטונג, וואסער־לייטונג. ווער עס האָט אויף זיך גענומען גרעסערע אָבגאבען, דער האָט אויך בעקומען א בריטערען פלאץ. און דיא איינפאכע און גלייכע כללים איז אויך לייכט געווען דורכצוזעצען. דער בעאמטער אין נאָמען פון דער נייער געזעלשאפט האָט געהאט אויף זיך דיא פפליכט, צו זיין דערביי ביים צוטהיילען זיך שרייבען וועגען דעם א פראָטאָקאָל, וועלכען דיא קאָמיסיע האָט געדארפט אונטערשרייבען. נאָך אין דעם אייגענעם טאָג האָט געדארפט דער פראָטאָקאָל אָבגעשיקט ווערען אין חיפה אין דיא בית־דין קאנצעלאריע פון מיין הויפט־דירעקציע. ווען אלץ האָט זיך געפיהרט לויט דעם בעקאנטען סדר און קיינער פון דיא, וועלכע האָבען זיך געמעלדעט, האָבען ניט פראָטעסטירט אקעגען, האָט דיא פערטהיילונג פון דיא פלעצער בעקומען א שטענדיגע גילטיגקייט, אין א משך פון א וואָך צייט האָט איטליכער געקראָגען דעם טיטעל פון א בעל־הבית אויף זיין פלאץ. וויאבאלד אָבער עס איז אָנגעקומען א פראָטעסט, פלעגט מען תיכף ומיד חוקר ודורש זיין אויף אָרט און שטעל פון דיא פלעצער־פערטהיילונג. צו דעם צוועק האָב איך שוין דאמאָלסט געגרינדעט דיא קליינע בית־דין קאנצעלאריעס, וואָס פאָהרען ארום פון אָרט צו אָרט, אום חוקר ודורש זיין אלערליי פרעטענזיעס און וועלכע שטעהן אונטער דער הויפט בית־דין־קאנצעלאריע אין חיפה. אזא בית־דין קאנצעלאריע פלעגט בעשטעהן פון צוויי יוריסטען און איין שרייבער א סעקרעטאר. זיא פלעגט קריעגען אויסגעצויכענט דיא ערטער, פון וואנען עס קומען פערשיעדענע פרעטענ־זיעס, און זיי האָבען געהאט דעם אָנזאָג, גיך פארטיג צו ווערען און זיך ניט לאנג צו פערזיצען אויף איין אָרט. דיא הוצאות פלעגט פאלען אויף דעם, וועלכער פלעגט זיך ארויסשטעלען פאר אונגערעכט. קיין אפעלאציעס און קאסאציעס האָב

איך ניט צוגעלאָזען. צו דעם צוועק און נאָך אנדערע צוועקען פון אונזער הויפּט־קאנצעלאַריע פאר יוריסטען אנגעלעגענהייטען האָב איך געבעטען וועלכער, וועלכער איז געווען דער דירעקטאָר דאַרויף, אז ער זאָל מיר שאַפען א ערך 50 יונגע געענדיגטע אדוואקאטען און דאָקטוירים־יוריסטען און זאָל זיי נעהמען פון פערשיעדענע לענדער. מיר האָבען געדאַרפט דיא פיעלע שפּראַכען, ניט נאָר פאר אונזערע אדוואָקאטסקע זאכען, נאָר אויך פאר אונזער קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע איז דאָך געפיהרט געוואָרען אין אלע שפּראַכען.

דער וויכטיגסטער טהייל פון אונזער קאָרעספּאָנדענץ איז בעשטאַנען דאַרין, וואָס מיר האָבען פערשיעדענע פאבריקאונטערנעהמער געגעבען אלערליי אויס־קינפטע. האנד אין האנד מיט דער יוריסטישער קאנצעלאַריע פון וועלכער האָט געארבייט דיא טעכנישע קאנצעלאַריע פון פישערען. מיר האָבען מודיע געווען אין דיא וויכטיגסטע בלעטער פון אלע לענדער, אז איטליכער אונטערנעהמער, וועלכער וויל גרינדען מיט א מיטעלען קאפּיטאל פאבריקען אין לאנד, וואָס גע־פינט זיך ביים ברעג פון מיטעללענדישען ים — קענען קריגען ביי אונז פּראַק־טישע עצות, אלערליי אויסקינפטע מכח ארבייטער און אומזאַץ און, אין געוויסע פעלען, אויך קרעדיט אויף מאשינען. מיט איטליכער פּאָסט פלעגען מיר קריגען הויפענס בריעף פון דיא צייטונגס־עקספּעדיציעס, וואו מיר האָבען געדרוקט אונ־זער מוזעת. אנפאנגס איז געווען לייכט צו ענטפערען אויף דיא בריעף, ווייל מען האָט נאָר אנגעפרעגט דעם נאָמען פון לאנד. און אין דער ערשטער צייט האָט מען געקענט אבדרוקען א געוויסע צאָהל בריעף, וואָס האָבען פאר אלעמען געפּאַסט. אין דער קאנצעלאַריע האָט מען נאָר געדאַרפט אויספיהלען דיא אדרעסען. באלד אבער האָבען זיך צווישען דיא טויזענדער אנפרעג־בריעף בעוויזען הונדערטער בריעף מיט וויכטיגע פּראָיעקטען. און ניט נאָר יודען אליין האָבען זיך געווענדעט צו אונז. צום אנהויב זיינען אפילו אנגעקומען מעהר בריעף פון קריסטען, בעזונ־דערס פון פּראָטעסטאנטישע דייטשען און ענגלענדער, ווייל זיי זיינען דאָך צווי־שען דיא פעלקער דיא גרעסטע אונטערנעהמערס אין פערשיעדענע קאָלאָניעס. אונ־זער ענטפער האָט זיך ניט געקימערט וועגען אבשטאמונג אין אמונה. איטליכער, וועלכער האָט נאָר חשק געהאט צו קומען בעארבייטען דאָס יודישע לאנד, איז גע־ווען ביי אונז פערעכענט פאר א גוטען פריינד. אונזערע טעכנישע קאנצעלאַריע האָט געליפערט דיא רעעלסטע אויסקינפטע. מיר האָבען, בטבע, זיך ערקונדיגט פריהער וועגען איטליכען בעזונדער, איידער מיר האָבען זיך אריינגעלאָזען מיט עמיצען אין א וויכטיגען עסק. און דער, וועלכער איז געווען א אמת'ער בטוח,

פלעגט קריגען ביי אונז ניט נאר אומזיסט די בעסטע אויסקינפטע, נאר אויך א סך פערלייכטערונגען. דיא אונטערנעמער וועלכע פלעגען אונז אנקומען פלעגען אויך צאהלען א סך וויינינגער צינזען פאר געלד, וויא ערגעץ אין א אנדער ארט. מיר פלעגען זיי אפילו מודיע זיין אין וועלכער בראנזשע איז שוין גרוים געווארען, דען פאר דיא נייע געזעלשאפט איז געווען אטובה, אז דיא נייע אונטערנעהמונגען זאלען האבען א זיכערען יסוד און זאלען קענען שטייגען און וואקסען, און דערי־בער האבען מיר דיא פרייע אונטערנעהמערס בעהאנדעלט וויא אייגענע מענשען. פון דיא אנפרעג בריעף און ענטפער'ס פון לאנדאנער קאנצעלאריע פאר אלערליי אויסקינפטע האט זיך שפעטער ענטוויקעלט דיא קאנצעלאריע פאר ארבייטער־סטאטיסטיק און אונטערנעהמער־סטאטיסטיק. און דער דאזיגער קאנצעלאריע האט אונזער היינטיגער האנדעל און אונזערע פאבריקאציע א סך צו דאנקען. צו־ליעב איהר האבען מיר דערגרייכט צו אונזער היינטיגען מצב, וואס לאזט צו א פרייע קאנקורענץ און פערהיטעט אונז דערביי צו פאבריצירען מעהר וויא מיר דאר־פען, וואס אלץ פיהרט זיך מיט א סדר, און דערביי איז דער יחיד ניט געדריקט אויף א האר.

דערנאך ווי איך האב דאס אלצדינג איינגעפיהרט און נאך א סך הארבע זאכען, האב איך פאר פאסיג געפונען זיך צו נעהמען צו א ענין, וואס האט גאר א אנדע־רען, א תרעהליכען כאראקטער".

אין דעם אויגענבליק אבער האט דיא אלטע פרוי ליטוואק געמאכט דעם זון א צייכען. דוד האט זיך אבגעשטעלט דיא וואלצע און איז צוגעלאפען צו דער מו־טער. זיא האט זיך געפיעלט מיעד, און האט געבעטען מען זאל זיא צוריק אוועק־לייגען אין בעט. ד"ר און מרים האבען פאמעלעך ארויסגערוקט איהר זעסעל אין איהר צימער. דיא אונגליקליכע קראנקע פרוי האט מיט דיא אויגען אבשיעד גע־נומען פון דיא געסט. מען האט צוגעמאכט הינטער איהר דיא טהיר. דער אלטער ליטוואק האט שיעף אבגעזיפצט, און אויך דיא געסט זיינען געווארען אומעטיג.

V

אין א ווייל ארום איז דוד צוריק געקומען. ער האט געפרעגט, צו ווילען דיא געסט ווייטער הערען דשאס ריידע. אלע האבען געוואלט הערען דעם המשך, און

דוד האָט ווידער אָנגעשטעלט דעם פּאַנאָגראַפען. און דער פערבאָרגענער דשאָע לעווי האָט גערעדט:

„האָב איך פאר פאסיג געפונען זיך צו נעהמען צו א ענין, וואָס האָט גאָר א אנדערען, פּרעהליכען כאראקטער. צום אָנהויב האָט מען דאָס אָנגענומען פאר א שפּיעלכעל און פאר א צייטפערברייננגעניש, און מען האָט דאָס קריטיקירט. איך האָב צוגעבריינגט א רייזעשיף פאר דיא מאורי הדור, פאר דיא וועלט-חכמים. איך האָב געוואָלט אז אזא שיף זאָל וויא דער אמאָליגער פּייערזייל פאָראויס געהן פאר דיא יודען, וואָס קעהרען צוריק אין זייער אַלטען און נייעם לאנד. שוין דאָס אליין, ווען אזא שיף זאָל זיך בעוויזען אין מיטעללענדישען ים, וועט שוין זיין א בשורה, אז עס הויבט זיך אָן א נייע צייט.

דיא הוצאות זיינען ניט געווען אזוי שווער. איך האָב זיך געווענדעט צו א ענגלישען בעאַמטען פון א גרויסע קאנצעלאריע, וואָס גיט אויסקינפטע וועגען אלערליי נסיעות און האָב איהם דערצעהלט פון מיין פּלאַן. און אין א משך פון צוויי וואָכען האָב איך שוין געוואוסט דיא הוצאות פון דעם ענין, און וויא מען דארף דאָס פאַרבעררייטען ביז אויפ'ן האָר. דער הויפּט-סארוועד פון אזא רייזע-שיף האָט מיר פאָרגעשלאָגען, צו דינגען ביי א איטאליענישע שיף-געזעלשאפט דאָס שיף „פוטורא" (צוקונפט), וואָס געהט געוועהנליך צווישען נעאפּאל און אלעק־סאנדריע. דעם 15-טען מערץ האָט דאָס שיף געדארפט ווערען צוגעשטעלט אין גענוא, און אין א משך פון זעקס וואָכען האָט עס געהערט צו אונז. ווייטער האָב איך דורך אונזער הויפּט-סארוועד געלאָזט בעזאָרגען פאר 500 פּארשוין דיא פיינ־סטע בעקעסטיקונג אין דיא שעהנסטע האָטעלען פון דיא איטאליענישע, עגיפּטי־שע, קליינאזיאטישע און גריכישע שטעדט. דיא רייזענדער האָבען געקענט, לויט וויא זיי האָט בעסער געפּאסט, זיך זעצען אויפן שיף אין נעאפּעל, צו אין גענוא. דיא בילעטען האָבען זיי געגעבען דאָס רעכט, פריי צו פאָהרען אויף אלע איטא־ליענישע אייזענבעהנען און פריי זיך צו בעקעסטיגען אין דיא בעסטע האָטעלען. לפנים האָט אויסגעזעהן אונזער עקספּעדיציע, וויא עטליכע געוועהנליכע נסיעה, וואָס מען מאכט פון פערגעניגען וועגען קיין מאָרגענלאנד. אין דר'אמת'ן אָבער איז דאָס ניט געווען קיין געוועהנליכע רייזע שיף. דיא פרויען און די העררן, וועלכע מיר האָבען פערבעטען צו זיין אונזערע געסט און מאכען א שפּאציערפאָהר אויף זעקס וואָכען קיין מאָרגענלאנד, זיינען געווען דיא געהויבענסטע מענשען פון יענער צייט, זיינען געווען דער אדעל פון דער דאמאָליגער געבילדעטער וועלט. א קאָמיטעט פון ליטעראטען און קינסטלער האָט זיך געגרינדעט, אויף אויסצו־

קלייבען און אויסצוארבייטען א בויגען מיט די נעמען פון דיא געסט, וואָס זאָלען ווערען איינגעלאדען. דיא גרעסטע מענשען פון דער וועלט האָט מען איינגעלאדען ניט מאכענדיג דערביי, פערשטעהט זיך, קיין חלוק צווישען נאציאָנען און גלויבענס. דיא מאורי הדור, דיא געהויבענסטע האָט מען גערופען, און זיי זיינען באלד געקומען ניט דעריבער, ווייל מיר האָבען זיי אָנגעבאָטען א שיינע פריהלינגס רייזע, נאָר דער עיקר צוליעב דעם, ווייל דאָס האָט זיי געגעבען א זעלטענע געלעגענהייט זיך צונויפצוטרעפען מיט דיא גרעסטע מענשען, מיט דיא צושפּרייטע ברידער פון דעם אייגענעם הויכען גייסט, פון דעם אייגענעם טיעפען בליק. אויפן „פוטראָ" האָבען זיך צונויפגעטראָפען פּאָעטען און פילאָזאָפען, ערפינדער און ענטדעקער, אלערליי חכמים, פאָרשער און קינסטלער, פּאָליטיקער און זשורנאליסטען. פאר'ן גוף און פאר דער נשמה איז געווען גענוג געזאָרגט. די געסט פון פוטוראָ האָבען אין דיא גאנצע זעקס וואָכען ניט געזעהען קיין איינציגען וואָלקען אויפן הימעל. פון דער מוזיקקאפעלע אָן, וועלכע פלעגט אויפשפּיעלען צום עסען, ביז צו דער צייטונג, וואָס פלעגט זיך דרוקען אויפן שיף, — איז אלץ געווען וואָס נאָר א מויל קען אויסרעדען.

און וואו עס געפינען זיך אזעלכע פּאסאזשירען קען שוין דיא צייט ניט זיין לאנגווייליג. מען איז פיעל געפאָהרען ביי דיא ברעגעס פון ים און אין אלע האפענס האָבען שוין געווארט פאר פוטוראָ דיא נייעסטע דעפּעשען פון דער גאנצער וועלט. ווען דאָס שיף פלעגט זיך אויף א נאכט אויסרוהען אויף דער רהעדע, פלעגט מען שוין אויף מאָרגען אין בלאט לייענען דיא בעקומענע דעפּעשען. אָבער א אמת'ר תענוג איז געווען צו לייענען דעם ליטעראטישען טהייל פון בלאט. דען דאָס וואָס איז פאָרגעגאנגען דעם טאָג איז בעשריעבען געוואָרען מיט דיא געבענטשטע פעדערם פון דיא גרעסטע זשורנאליסטען און ליטעראטען. א בעזונדערער תענוג איז געווען צו לייענען אין דער צייטונג פון פוטראָ דיא טישגעשפּרעכען, וואָס פלעגען ווערען פערצייכענט פון טאָג צו טאָג. מען האָט דאָס שפּעטער אָנגערופען : דיא נייע פלאטאָנישע געשפּרעכען. אין דיא געשפּרעכען האָט מען בעריהרט דיא העכסטע און טיעפסטע פראגען. דיא געהויבענסטע גייסטער האָבען זיך דורכגעשמועסט, און זייערע ווערטער האָבען אָפטמאָלס געלויכטען וויא פּערעל, וועקענדיג דיא טיעפסטע רעיונות, דערקלעהרענדיג דיא פערבאָרגענסטע רעטענעשען. איך וויל נאָר אויסרעכענען א קליינעם טהייל, פון וואָס מען האָט דאָרטען גערעדט. מען האָט אָפט געשמועסט וועגען דיא געזעלשאפטליכע שטרעבונגען ביי דעם היינטיגען מענשען, וויא עס דארף זיין איינגעאָרדענט דאָס חברה'שע

לעבען, וויא מען זאָל אויף שעהנקייט און קונסט אויפהאָדעווען דיא מענשהייט, וויא מען זאָל רעפאָרמירען דיא פערטהיילונג פון לאנד־ערד צווישען מענשען, ווי מען זאָל אָרגאניזירען דיא צדקה־חברות, ווי מען זאָל פאַרזאָרגען דעם ארבייטער און דעם בעל מלאכה. מען האָט גערעדט פון דער היינטיגער פרוי און וואָס פאַר א ראָלע זיא שפּילט אין דער געבילדעטער וועלט, וויא דיא טעכנישע ענטדעקונגען פיהרען צו נייע וויסענשאפטען און צו א נייער פּראַקטיקע, און פון נאָך אנדערע זאכען האָט מען גערעדט, פון וואָס דיא מענשען וועלען ציהען א אייביגען נוצען. דאָס בוך „דיא מישגעשפּרעכען פון פוטורא" געהערט היינט צו דיא געצעהלטעסטע ביכער פון דער וועלט. איך אליין קען דיא געשפּרעכע נאָר פון לייענען, ווייל עס איז מיר ניט בעשערט געווען דאָס צו הערען מיט מיינע אייגענע אויערען. איך האָב קיין צייט ניט געהאט מיטצומאכען דיא זעלטענע רייזע, ווייל איך בין געווען פערנומען ביז'ן האלז מיט אלערליי ארבייט. אָבער געלייענט האָב איך דיא פוטורא־צייטונג מיט אזא תענוג און אזא דאנקבארקייט, וויא נאָך קיין מאָל ניט אין מיין לעבען. איך בין ניט קיין פילאָזאָף און צו יענער צייט האָב איך זיך נאָך וועניגער געקענט בעשעפטיגען מיט פילאָזאָפישע געדאנקען. אָבער דאָס נאָר, וואָס מען האָט געקענט פון דיא טישגעשפּרעכען א נוצען האָבען אין דער פּראַקטיקע, האָב איך זיך שוין בעמיהט ארויסצוקריגען און אָנצו־ווענדען. מיר האָט זיך דאָמאָלסט אויסגעדאכט, אז דער גייסט פון דער גאנצער מענשהייט האָט גערעדט פון שיף פוטורא צום יודישען פאָלק, וואָס איז געגאנגען גרינדען א נייע נאציאָנאלען לעבען. דאָס איז געווען א וויכטיגע תורה, וואָס מען האָט זיך גערארפט גוט איינחזר'ן. און נאָך רייכער און פּרוכטבארער איז זיא געוואָרען, בשעת אונזערע אוירחים האָבען בעטראכט דאָס לאנד פון פּאַלעסטינא.

דאָס שיף פון דיא וועלט־חכמים איז געשוואומען אין דער לענג פון ברעג, דיא געסט האָבען זיך צוטהיילט אויף דעם לאנד קופּעסווייז. דער הויפּט־סארוועער מיט זיינע בעהעלפערס האָבען שוין געזאָרגט פאַר אלע בעקוועמליכקייטען. ניט אלע האָבען געהאט פאַר אליין דאָס אייגענע אינטערעס. דיא געלאָגנע האָבען געוואָלט אנדערע זאכען זעהען, וויא דער עלעקטראָטעכניקער; דיא באָטאניקער האָבען אנדערע זאכען בעטראכט, וויא דער ארכיטעקט, און דיא קונסטמאָלער האָבען אנדערש געקוקט וויא דער פאָלקס עקאָנאָם. זיי, וועלכע האָבען געהאט אינטערעסען, האָבען זיך צונויפגעפאָרעט, געגאנגען אין דאָס לאנד און צוריקגעקומען צום שיף, ווען זיי האָבען געוואָלט. דיא פרעהליכקייט און אנגענעהמע אונטערהאלטונג אויף דיא פוטורא האָט אויף אנדערע אזוי געווירקט, אז זיי האָבען

זיך גאָר ניט געוואָלט שיידען פון איהם. עטליכע פון דיא האָבען אין גאנצען גע־וועהן פון פאַלעסטינא דיא ליניע וואָס ציהט זיך קיין ירושלים, און דיא שטאָדט פון דער וויטען. מען דערצעהלט פון איינעם א גרויסען ליטעראטען, איך וויים ניט, וויא ווייט דאָס איז אמת, — אז ער איז בכלל ניט אראָב א רגע פון שיף. ער האָט גע׳טענהט: „אין מיינע אויגען איז דאָס שיף „ציון". דער איינענער לי־טעראט האָט דערנאָך גענוי בעשריעבען דאָס לאַנד און דיא לייט פון פאַלעסטינא.

ער האָט געקענט, בטבע, דערצו בענוצען דיא בעסטע קוועלען. דען דיא געסט וועלכע זיינען געגאנגען אין דאָס לאַנד, האָבען צוריקגעבראכט אין פוטורא דיא בעסטע ידיעות מכח פאַלעסטינא, בעקוקט מיט דיא אויגען פון פאכלייט און גע־שילדערט מיט דיא קלאָרסטע פארבען. דיא טישגעשפרעכען האָבען געקראָגען א נייע ווענדונג, און עס האָבען זיך אָנגעהויבען א גאנצע רייהע פון שמועסען ווע־גען פאַלעסטינא, און וואָס פאר אונטערנעהמונגען מען קען דאָ מאכען. אָט ז׳עם דאָזיגען טהייל פון דיא טישגעשפרעכען פלעג איך לייענען מיט דער גרעסטער כונה, לייענען און לייענען אָהן א אויפהער. איך געדענק זיי נאָך היינט אויף אויס־ווענדיג כמעט אות ביי אות. דעם טיעפסטען רושם האָבען אויף מיר געמאכט דיא פערשיעדענע עצות פון דיא קינסטלער, אפשר דערפאר, ווייל איך האָב דארין א קליינע השגה, וואָס פראקטישע פראגען אנבעלאנגט, האָט מען גאָר ניט געדארפט האָבען א פשוט׳ן געזונדען מענשענפערשטאנד, בכדי איינצופיהרען דיא זאכען, וואָס זיינען שוין פאראנען אנדערסוואו — אויך ביי אונז. דיא קינסטלער אָבער פון פוטורא דאנק איך פאר דעם וויכטיגען געדאנקען, אז אונזער לאַנד מוז מען נעהמען אין זיין נאטירליכער שעהנקייט און דיא שעהנקייט אין נאטירליכען אופן ווייטער ענטוויקלען. שעהן זאָל אלץ ווערען, שעהן אומעטום, ווייל דיא שעהנקייט מאכט ברייט דאָס מענשליכע הארץ און פיהלט עס אָן מיט פרייד.

עס וועט אייך א פלאַן זיין ווען איך וועל אייך זאָגען, אז איך האָב אויף פו־טורא ניט איינמאָל א קוק געטהון, וויא עס דארף צו זיין. איך האָב פאַרבערייט דיא נסיעה, איך האָב גע׳דעגה׳ט, אז אלץ זאָל זיין כשורה, איך האָב אָפט גע־טראכט וועגען פוטורא און האָב זיך צוגעהאָרכט צו דיא רייד פון דיא וועלט־חכמים פון שיף. אָבער איך האָב דאָס שיף ניט געזעהען, וועניגסטענס ניט גענוי זיך איינגעקוקט אויף איהם. און דאָס איז צוגעגאנגען אויף אזא אופן:

בשעת פוטורא האָט זיך דערנעהערט צו אונזער ברעג בין איך גראָד געוועזן טיעף אין פאַלעסטינא. פישער, שטיינעק און אלאדינא האָבען מקבל פנים געווען דאָס שיף אין נאָמען פון דער נייער געזעלשאפט, בשעת דאָס שיף האָט געאנ־

קערט אין יפו. איך האָב געוואָלט זיך פאָרשטעלען פאר אונזערע אורחים, וויא באלד איך וועל אָבטהון דיא נויטהיגסטע ארבייטען. דען גראַד דאמאָלסט איז גע־ווען פאר מיר א צייט, בשעת איך פלעג טאָג און נאכט זיין אונטערוועגענס, און איילען פון איין ארבייטסשטעלע צו דער אנדערער. איך פלעג אָפט שלאָפען אין מיין גרויסען מאָטאָרוואָגען וועלכער פלעגט מיך ארומשלייֿדערען טאָג וויא נאכט. פון דיא היינטיגע בעקוועמליכקייטען איז נאָך דאמאָלסט קיין זכר ניט געווען. אויב איך פלעג יאָ אמאָל וויסען, וואו איך וועל איבערנעכטיגען, פלעג איך פריי־הער חייסען אויפשטעלען א געצעלט. אָבער איך האָב דאָס ניט געקענט שטענדיג וויסען פאָראויס. חוץ דעם איז געווען זעהר נויטיג, אז איך זאָל אומעטום קומען אונעפּרהאָפט, בכדי צו קענען קאָנטראָלירען דיא וועג־ארבייטען, דיא פערטהיי־לונג פון לאנד, דעם פעלדבוי א. ז. וו.. עס איז אפילו געווען פארטיגע פּלענער און גענויע צירקולארען וועגען אלץ; איך האָב אָבער געוואָלט מיט מיינע אייגענע פערזאָן זיך איבערצייגען, אויב אלץ געהט כשורת. מיט מיין הויפּטקווארטיר אין חיפה בין איך געשטאנען אין א שטענדיגער פערבינדונג, און פון דאָרטען פלעג איך אלע ווייטלע קריגען ידיעות, וועלכע פלעגען מיר נויטהיגען צו אלערליי נסיעות, וועלכע פלעגען מיר פערשלייֿדערען אויף אלע זייטען. וויא גענוי דער סדר אזוי ניט געווען אויסגעארבייט, פלעגען דאָך אלע ווייטלע פאָרקומען אונפערהאָפטע זאכען, וויא סכסוכים מיט ארבייטער, אָדער א אונאָרדנונג אין לעבענסמיטעל־טראנספּאָרט. און ביי אלצדינג האָט מען געדארפט אליין זיין, זעהען צו ענדערען, וואו מען קען, בייטען דעם פערזאָג, אויסטראכטען נייע פערזאָנען. ביי דיא צו־טהיילונג פון לאנד פלעגען מאנכמאָל זיך אזוי דיא זאכען פערפּלאָנטערען, אז נור איך אליין האָב געקענט צורייסען דעם קנופּ. אויף דיא אייגענע ערד פון דער ניי־ער געזעלשאפט האָט מען שוין אָנגעהויבען צו אקערן און צו זייען. מיר האָבען אפילו איינגעריכטעט אונזערע שותפישע חברות פאר לאנדווירטשאפט נאָכ'ן מוסטער פון רעהעליין, אָבער דיא קאָלאָניסטען זיינען נאָך געווען צו אונערפאהר־רען, זיי האָבען נאָך געדארפט האָבען א אויבערשטען איבער זיך, און צייטענווייז האָט מען געדארפט זיך אריינמישען אין זייערע סכסוכים. דאָס אלץ איז אייגענט־ליך גאָר ניט אזוי שווער געווען אויסצופיהרען, מען האָט נאָר ניט געדארפט שלאָ־פען. מען האָט שטענדיג געדארפט זיין אויף דיא פיס. ס'איז קיין קונץ ניט צו זייען ווייץ, גערשטען, האָבער, מאאיס, ריבען, אָבער אויף טריט און שריט האָבען זיך בעוויזען נייע מניעות. מיר האָבען געמוזט מלחמה האלטען מיט דער הארטער

ערד. מיר האָבען געהאט דערצו דיא נייעסטע מיטעל און א אייזערנעם רצון, און דיא ערד איז געוואָרען מיט אונז גוטע פריינד.

דער עיקר איז געווען דיא אָרגאניזאציע, און דיא האָבען מיר שוין אויסגע־אַרבייט, נאָך איידער עס האָט זיך אָנגעהויבען דיא איינוואנדערונג. דיא אַר־בייטסצייט פון דיא לייט, וועלכע זיינען געווען אָבהענגיג פון דער נייער געזעל־שאפט, האָט געדויערט זיבען שעה, אָבער דיא צייט האָט מען געארבייט מיט א ווילדען חשק. א טחייל האָבען געבויט שאָסעען, א טחייל האָבען געגראָבען קאנא־לען, א דריטער טחייל האָט אויפגעקליעבען שטיינער פון דיא פעלדער, וועלכע האָבען געזאָלט בעאקערט ווערען מיט'ן עלעקטרישען פלוג, און אנדערע ווייטער האָבען געפלאנצט בוימער א. ז. וו. און איטליכער האָט געוואוסט, אז ער ארבייט פאר'ן כלל, און דער כלל ארבייט פאר איהם. מיט זינגעדיגע נגונים פלעגען זיי קומען צו דער ארבייט. מיט א ליעד אויף דיא ליפען פלעגען זיי פערלאָזען דיא ארבייט. און דיא צייט פון אונזער נאציאָנאלען תחית המתים איז בעשרענקט גע־וואָרען מיט א גיכען פריהלינג, וויא מען זעהט דאָס אין דער נאטור, בעת טרו־קענע צווייגען הויבען אָן פלעצליך זיך צו בעדעקען מיט גרינס. און מיט איטליכען טאָג איז געשטיעגען דיא האסטיגקייט פון אונזער פאָלקספריהלינג. פריהער פאר אלץ האָב איך געמוזט בויען א נעץ פון טעלעפאָנען און טעלעגראפען. פאר דער וועלט האָט דאָס נאָך וועניג נוצען געקענט האָבען, פאר אונז, אויף אָרט און שטעל איז דער נוצען געווען זעהר גרויס, פון חיפה האָבען זיך געצויגען דיא דראָטהען צו דיא הויפטפלעצער פון אונזערע אונטערנעהמונגען. אין א הינטער־שטען וואָגען איז מיט מיר שטענדיג מיטגעפאָהרען א טעלעגראפיסט, און צו איט־ליכער צייט האָב איך געקענט זיך פערבינדען מיט חיפה, און דורך חיפה מיט מיין הויפטקאנצעלאריע אין לאָנדאָן. גיכע און גענויע ידיעות איז פאר מיר שטענדיג געווען דער עיקר. נור צוליעב דעם האָב איך זיך געקענט אזוי לייכט בענוצען מיט פערשיעדענע מאטעריאלען און מיט פערשיעדענע מענשען.

פון יפו ביז ביירוט פלעגען שוין טעגליך אָנקומען שיפען מיט פינף הונדערט, טויזענד און צוויי טויזענד עמיגראנטען. דעם טאָג פון זייער אָנקומען האָט מען זיי שוין ווייטער עקספעדירט, און באלד צו דער ארבייט. צו דיא אייזענבאהן־ליניען אלין האָט מען געדארפט האָבען צעהנדליגער טויזענדער ארבייטער, און צעהנד־ליגער טויזענדער האָט מען געדארפט ביי'ן בויען דיא קהל'שע געביידען פון דער נייער געזעלשאפט, וויא שולען, שפיטאָלען, פערשיעדענע קאנצעלאריעס א. ז. וו. ביי דיא פלענער, וועלכע מיר האָבען בעזעסען, איז ניט געווען קיין קונסטשטיק

דאָס אלצדינג פארטיג צו מאכען. פאר דיא ארבייט ביי די אייזענבאהנען א. ז. וו. האָבען דיא ארבייטער ני נאָר בעקומען זייער לויחן, — דערנאָך וויא מען האָט אָבגערעכענט דיא אָבצאָהלונגען פאר דיא ווארענמאגאזינען, — נאָר אויך געוויסע רעכטען (פראָוועס) ביי דער קאָלאָניזאציע. דער ארבייטער וועלכער איז באלד פון חאפען עקספעדירט געוואָרען צו דער ארבייט, האָט שוין צו חשון־צייט געקראָגען א פארטיג אויסגעבויט הויז אין א געוויסע קאָלאָניע, וואו ער האָט שוין געקענט בעזעצען זיין פאמיליע.

דיא זאך איז געווען זעהר איינפאך, עס האָט נאָר געדארפט זיין אויף אלץ א גענויער פלאן פיהרער. און דיא פלענער האָבען מיר געהאט, נאָך איידער עס האָט זיך אָנגעהויבען דיא ארבייט און דיא איינוואנדערונג. דיא מלוכות, וועלכע האָבען פאר 20 יאהר צוריק געהאט צו פערזאָרגען אזוי פיעל מיליטער, זייגען פארטיג געוואָרען מיט א סך שעווערע ארבייטען, וויא מיר. עס איז שוין א צו גרויסער לויב, ווען איך פערגלייך אונזערע ארבייט מיט דיא ארבייט פון א מלוכה אין מיליטער־אנגעלעגענהייטען. ביז חשון האָבן מיר געדארפט בעזעצען א האלבן מיליאָן מענשען, און ביז צו יענער צייט האָבען מיר שוין געמענט האָפען אויף דאָס נערעטענעש פון ערשטען יאהר. דיא מלוכות אָבער, וואָס פלעגען אויסהאלטען א חיל פון מיליאָנען סאָלדאטען, און צו געוויסע צייטען נאָך ביי'ן שונא אין לאנד, האָבען געהאט פאר זיך א סך א שווערערע ארבייט. ביי יעדער גרעסערע מאָביליזירונג פון דער ארמעע פלעגט זיך נאָך אָבשטעלען אויף א צייט דער האנדעל און וואנדעל אין דעם לאנד. מיר אָבער האָבען זיך בעזעצט אין א אייגענעם לאנד, אויף דיא ערד פון אונזערע אבות, און ניט נאָר מיר האָבען קיינעם ניט פעריאגט פון זיך, מיר האָבען נאָך צוגעצויגען דעם האנדעל און וואנדעל. דיא, וועלכע מיר האָבען פריהער געמוזט פון אייגענער קעשענע פערזאָרגען מיט לעבענסמיטעל, האָבען מיט דער צייט אויסגעארבייט אליין דיא לעבענסמיטעל פאר זיך און נאָך פאר דיא שפעטערדיגע, וואָס דארפען אָנקומען. אין גאנצען לאנד האָבען פריוואטע אונטערנעהמערס געבויט פאבריקען, וועלכע האָבען שוין געדארפט פארטיג ווערען אָנהויב חשון. און אין דער'אמת'ן האָט דאָך איטליכער בר־דעת געמוזט איינזעהען, וואָס פאר גאָלדענע עסקים עס וועלען מיט דער צייט ארויס פון דיא נייע פאבריקען. דער גרויסער אָבזאץ, וואָס וועט ווערן געמאכט אין לאנד אליין, צוליעב דיא געוואלטיגע איינוואנדערונג, דיא מעגליכקייט צו בענוצען דיא פראכטשיפען, וואָס פאָהרען ליידיג צוריק ביי וואָלוועלע טאריפען, דיא ווייטע ברעגעס פון לאנד, און דיא לאגע פון פאלעסטינא אין מיטעלפונקט

צווישען אזיע און אייראָפּא,—אלצדינג אין איינעם האָט צוגעצויגען דיא סוחרים און דיא פערשיעדענע קאפּיטאליסטען. און בשעת איך האָב נאָך'ן ערשטען גערעטעניש, וואָס איז ארויס ניט אזוי לעילה, נאָר מיטעלמעסיג, א בליק געוואָרפען אויפען אלגעמיינעם מצב פון אונזערע ארבייט, האָב איך שוין געקענט זיך מאכען א הסכם נאָך חשון־צייט ניט אָבצושטעלען דיא וויטערדיגע איינוואַנדערונג. פון אָנהויב האָבען מיר גערעכענט אָבצושטעלען. אָבער עס איז גאָט צו דאנקען ניט געקומען דערצו. איך האָב באלד טעלעגראפירט וועגען דעם צו דיא לאנד־קאָמיטעטען, און ביי דיא היימישע חברות האָט עס ארויסגערופען א אמת'ע התלהבות פאר גרויס פרייד. דער נצחון פון דער נייען געזעלשאפט האָט זיך אָנגעהויבען פון דעם ערשטען גערעטעניש אָן. מיר האָבען שפּעטער געהאט א סך גרעסערע גערעטעגישען, מיט איטליכען יאָהר האָט אונז דיא אלטע ערד בעצאָהלט פאר אונזער מיה כפל כפלים, אָבער קיין מאָהל האָבען מיר ניט ארייגגעפיהרט אזוי פיעל גארבען אין אונזערע שייערס. דען ניט זאנגען גאָדבען האָבען מיר געטראָגען מיט זיך, נאָר אויך אנדערע פּירות, דאָס צוטרויען פון אלע אונזערע ברידער אין דער גאנצער וועלט. עס זיינען נאָך ניט אוועק קיין 12 חדשים, זייט דעם איך האָב צום ערשטען מאָל צוזאמענגערופען מיין גענעראל שטאב אין לאָנדאָן, וויא איך האָב שוין געהאט דיא מעגליכקייטען אָנצוזאָגען מיינע פריינד אין חיפה די בשורה, אז דאָס ערשטע יאָהר איז גוט אוועקגעגאנגען.

אונזער הויז פאר דיא פערשיעדענע דירעקציעס איז שוין צו חשון־צייט געווען לפנים פארטיג, ערשט צום צווייטען פריהלינג האָבען מיר געזאלט אריבערציען אהין. איך האָב שוין אָבער געמעגט זאָגען מיינע טרייע העלפערס: אונזער בנין האָט שוין א דאך! געמיינט האָב איך דערמיט דיא גאנצע נייע געזעלשאפט.

דער עיקר איז נאָר געווען, אז אויך אין דעם נייעם בנין ניט צו פערשלאָפען דיא צייט, און ווייטער צו ארבייטען מיט אָנגעשפּאנטע לייצעס. אונזער ארבייט איז געוואקסען און איז געוואָרען ברייטער, אָבער עס איז שוין לייכטער געווען זיך אָאָבצופארטיגען מיט איהר. דיא מאשינע איז געשטאנען, און מיר האָבען נאָר געדארפט זעהען, אז זיא זאָל געהן וויא געשמירט. מיר האָבען זיך גענומען צו דיא גרעסערע טעכנישע ארבייטען, צו דיא וואסער ווערק, מיר האָבען דערביי ניט פערגעסען דיא אלטע קבלה פון אונזערע אבות. שלמה המלך'ס טייכען בעווייזען נאָך היינט, וואָס פאר א גוטע בעלי־מלאכות עס זיינען געווען צו זיינע צייטען. מיר האָבען, בטבע, געמוזט בויען גאָר אַן אנדער סאָרט וואסערווערק, ניט נאָר צו פערזאָרגען ירושלים און דיא ארומיגע שטעדט מיט טרינקוואסער, נאָר אויך צו

פערזארגען מיט עלעקטרישע קראפט און עלעקטרישען ליכט. דער ים־המלח־קאנאל, וויא אנדערע טעכנישע איינפיהרונגען בעוויזען גענוג, אז דיא אינזשעניערען פון דער נייען געזעלשאפט האבען ניט פערשלאפען זייער צייט. איבער זיי אלעמען איז געשטאנען דער הויפט־דירעקטאר, אינזשעניער פישער, אן וועלכען מיר הערען ניט אויף צו טרויערן עד היום.

און נאך איין אנדער שטראם האט זיך אויסגעגאסען אויף אונזער לאנד: קאפיטאל און קרעדיט. אונזערע ארבייט, געמאכט מיט א פלאן, און דאס וואס אלץ איז אונז אבגעלונגען, האט אויפגעוועקט צו אונז א צוטרויען. אקוראט וויא מיר האבען איינגעפיהרט דיא שותפישע לאנד־ווירטהשאפט, אזוי האבען מיר אויך אויך איינגעפיהרט דעם אקערבוי־קרעדיט. אין אנהויב האט מען געגלויבט אז ס'וועט זיך באלד אויסשעפען ביי אונז דאס געלד, ווען מיר וועלען אונזערע איינגעבען, ווען מיר וועלען אונזערע איינוואנדרערער געבען הייזער, שטאלען און שייערס, פעלדער, גערטנער, מאשינען, פערד, קיה, שעפסען און עופות, וואגענס, לעבענסמיטעל, זוימען און זאט, האבער און חיי פאר דיא בהמות. עס זיינען שוין אפילו ניט געקומען פקח'דיגע לייט, וועלכע האבען שוין אין פאראויס בערעכענט דעם טאג, ווען מיר וועלען בלייבען אהן א גראשען געלד. א פאמיליע, מיט א געזינדעל פון פינף פארשוין אין דורכשניט צו קאלאניזירען, דארף קאסטען א ערך זעקס טויזענד רובעל. דערפון איז געדרונגען אז טויזענד אזעלכע פאמיליען קאסטען זעקס מיליאן, צעהן טויזענד — זעכציג מיליאן רובעל א. ז. וו. א. ז. וו. דיא קלוגע בעלי־חשבונות אבער האבען איין קלייניגקייט פערגעסען, דאס דיא קאלאניסטען אליין זיינען אויך עפעס ווערט, און טאקע גאר זעהר פיעל ווערטה, און פאר זאכען וואס האבען א ווערדע קריעגט מען צו בארגען געלד. דיא נייע געזעלשאפט האט געקענט מאכען אנלייהען (זאיאם) וואס זיינען געווען גוט געזיכערט און וועלכע האבען זיך ביסלעכווייז אויסגעצאהלט אין איינעם מיט דיא צינזען. בקיצור, וואס מעהר איינוואנדערער זיינען געקומען, איז אונז אלץ מעהר צוגעקומען קרעדיט אין געלד. אזוי איז אומעטום געווען, אויב מען פערשטעהט נאר צו פיהרען א עסק. פאר וואס זאל ביי אונז אנדערש זיין, וויא ביי אנדערע? און דאס האט מען געקענט גאנץ גוט פאראויס זעהען, ווייל דאס בעט זיך אויפ'ן שכל און ס'איז פשוט, וויא אלע אנדערע אונזערע אונטערנעהמונגען.

איך בעמערק אבער, אז איך האפ א שטיק פאראויס. איך האב אייך געוואלט דערצעהלען פון דער צייט, בשעת דיא פוטורא איז צו אונז געקומען געשוואומען. איך בין דאמאלס געווען, ווי איך האב שוין דאס פריהער געזאגט, טיעף אין לאנד ... ייט פון דיא ברעגעס. אלע טאג האב איך געמוזט אבלייגען מיין נסיעה קיין

יפו. דאָרטען האָט געאנקערט דאָס שיף פון דיא וועלט־חכמים, און עס האָט מיך געצויגען אהין, וויא מיט צוואנגען.

איין מאָהל איז פאָרגעקומען דאָס עס זיינען אָנגעפאָהרען ניט וויט פון מיין ארבייטספלאַץ עטליכע קאַרעטעס מיט אורחים פון שיף פוטורא. איך בין געוועזן אויפ'ן פעלד, געריטען אויף א פערד, בשעת זיי זיינען דורכגעפאָהרען דעם נייעם וועג. זיי האָבען בעטראַכט דיא גרויסע דאַמפּפוואלצע צום שאָסעעבויען, האָבען זיך א ווײַלע צוגעקוקט אויף אונזערע לייט וויא זיי ארבייטען. פון דיא דאַמענהיט האָבען געפלאַטערט דיא ווייסע זיידענע שלייערס קעגען זון, און דאָס איז געווען שעהן אָנצוקוקען. איך בין אָבער ניט צוגעריטען צו דיא קאַרעטעס, ווייל איך בין געווען בעשטויבט און פערשוויצט, האָב מן הסתם אויסגעזעהן וויא א וואלד־גזלן, און איך האָב זיי ניט געוואָלט איבערשרעקען. איך האָב מיר געטראַכט, איך וועל שוין גענוג געלעגענהייט האָבען אין יפו בעקענט צו ווערען מיט דיא זעלטענע און געהויבענע מענשען. עס איז אָבער ניט בעשערט געווען אויף מאָרגען קריעג איך א דעפּעשע, וואָס צווינגט מיך האסטיג צו פאָהרען קיין סטאַמבול. איך האָב געמוזט אָבפּארטיגען מיט דער טערקישער מלוכה זעהר א וויכטיגען עסק. איטליכע מינוט איז געווען טהייער. אין איין איילעניש האָב איך פערזאָגט צו הייצען מיין יאכטשיף אין חיפה און רוף צוזאמען דיא דירעקטאָרען פון אלע אבטהיילונגען. דיא אויבערשטע מאכט האָב איך איבערגעגעבען פי־שער'ן, וועלכער האָט געניי געוואוסט מיינע געדאנקען וועגען דער זאַך, און איך פאָהר אָב נאָך אין דעם איינענעם טאָג צוזאמען מיט מיינע סעקרעטאַרען קיין סטאַמבול.

דאָס שיף פוטורא האָב איך שוין ניט געקענט בעזוכען. אָבער איך האָב געהאָפט, אז צוריקקעהרענדיג פון סטאַמבול וועל איך איהם נאָך געפינען ביין ברעג. איך האָב זיך אויך שטארק אָנגעשטרענגט, בכדי מיך גיכער אָבצופּארטיגען אָבער אין דער ליעבען פערשלאָפענער שטאָדט סטאַמבול ציהט זיך אלץ אין דער לענג און אין דער ברייט, און מיינע איילעניש האָט ניט געהאָלפען. דיא נשמה מיינע איז געווען דיא גאנצע צייט אין פאלעסטינא, און אלע טאָג האָב איך גע־שיקט אהין מיינע פריקאזען (דיספּאָזיציאָנען). פון פישערן און פון לאָגראָן פלעג איך קריעגען אלע שעה ידיעות. נאָר מיט דיא פרעהליכקייט און דער חכמה פון פוטורא האָב איך זיך ניט געקענט צונויפבינדען. מיין פערדרוס איז געוואָרען גרעסער, וואָס מעהר פוטורא איז געפאָהרען נאָך צפון־צו. אין דיא דעפּעשען פון פישער איז אויך געשטאנען, וואו פוטורא אנקערט. דאָס שיף איז שוין געווען אין

צור און אין צידון. איןביירוט האָט פוטוראָ געזאָלט לייגגער אנקערן, ווייל דיא נעסט האָבען געוואָלט דמשק בעזעהען. און איך האָב געהאַפּט איהר נאָך אָנ־צוטרעפען דאָרטען,בשעת איך האָב זיך בעפרייט לסוף פון סטאמבול. איך האָב אפילו זיך געמוזט איילען, ווייל דיא ארבייט איז געגאנגען אהן מיר א סך לאנג־זאמער, נאָר א האלבען טאָג צו בלייבען אין ביירוט און א קוק צו טאָהן אויף די אלע גרויסע לייט האָב איך זיך שוין געמעגט פערגינען. מיין יאכט שיף איז וויא געפלויגען איבער דיא וועלען. איך האָב געבעטען דעם קאפּיטאן, ער זאָל פאָה־ערן אזוי האסטיג וויא ער קען נאָר. מיר האָבען אָבער דאָך פערשפּעטיגט. נעבען דער אינזעל ציפּערן. פאר וועלכע מיר זיינען פארביי געגאָהרען אין א פריהמאָרגען האָב איך געזעהן פאָהרען א שיף אין דעם אומגעקעהרטען וועג. וויא א בליץ וואָלט מיר דורכגעצוקט. דאָס איז פוטוראָ! איך בין ארויף וויא א דונער אויף דיא קאָנמאנדעבריק און אריינגעקוקט אין טעלעסקאָפּ. מען האָט שוין געמוזט זיין א געניטער שיפסמאן, בכדי צו דערקענען אזוי וויט א שיף. דער קאפּיטאן איז צום אונגליק ניט געוועזען אויף דער בריק, און איידער מען האָט איהם גערופען, איז שוין ניט געוועזען צו זעהען דאָס שיף. גלאַט אזוי, ניט וויסענדיג וואוהין זיא פאָרט איהר נאָכצויאָגען — איז ניט געוועןקיין שכל. ערשטענס, איז נאָך געוועזען א קשיא, צו וועל איך איהר גאָר דעריאָגען דעם דאָזיגען דאמפּפער; צווייטייענס, קען זיין, אז פוטוראָ איז נאָך אין ביירוט, און דאמאָלסט וועל איך איהם שוין געוויס ניט האפּען. מיר זיינען געפאָהרען דעריבער ווייטער. אין ביירוט בין איך ערשט דער־גאנגען אז דאָס וואָס האָט זיך מיר אָבגעדאכט איז ריכטיג געוועזען. דאָס שיף בעגעגעסען פון מאָרגענזונענשיין ביי ציפּערן איז געוועזען פוטוראָ.

דאָס האָט מיר שטארק עגמת נפש געמאכט. און פון דאמאָלסט אָן האָב איך נאָר איין וואונש, אז עס זאָל מיר חאָטש באשערט זיין צו זעהען פוטוראָ, ווען ער וועט זיך צוריקקעהרען. דען פינף און צוואנציג יאהר נאָך זיין ערשטער נסיעה וועט ער נאָך א מאָהל קומען. פערשטעהט זיך, ניט דאָס אמאָליגע שיף, ווייל דאָס איז שוין אלט. א נייעם פראכטיגעס שיף וועט קריעגען אויף אייביג דעם פריהער־דיגען נאָמען. און אויך ניט דיא אייגענע געסט וועלען קומען, ווייל א סך פון זיי זיינען שוין אין דער בעסערן וועלט. מיר ווילען, חוץ דיא וואָס זיינען נאָך ביין לעבען,—נאָך איינלאָדען דיא, וועלכע האָבע דערוווייל דערגרייכט צו דער מדרגה פון דיא געהויבענסטע מענשען פון דער געבילדעטען וועלט.

און אלע 25 יאָהר זאָל דער דאמפּפער פוטוראָ אונז ברייגגען אזעלכע מאורי הדור, דיא גרעסטע חכמים פון דער וועלט. מיר וועלען אויסהערען זייער אור־

טהייל וועגען אונז, צו וועלכען מיר וועלען זיך אויך צוהארכען מיט דעם גאנצען כונה פון א תלמיד צו א רבין. מיר וועלען ניט אויספוצען אונזער לאנד, ווי דיא דערפער אויף א וועלטאויסשטעלונג. דאס גאנצע לאנד זאל זיך ווייזען פאר זיי, וויא א גאנץ יאהר. און ווען זיי וועלען ווידער קומען, און דער אויבערשטער וועט מיר דערלאזען זיי אנצוקוקען פנים אל פנים, און ווען זיי וועלען זאגען, אז יאזעף לעווי האט דיא פשוט'ע אבער שווערע ארבייט, וועלכע מען האט איהם געגעבען, אבגעטאהן וויא עס דארף צו זיין, — דאמאלסט לייג איך אוועק מיין דיענסט. און אין דעם טאג פון מיין טוידט לייגט מיך אוועק נעבען מיין טייערן פריינד פישער, דארטען אויבען אויף דעם כרמל־בית־עלמן, פון וואנען עס זעהט זיך מיין טהייערעס לאנד און מיין ליעבער ים".

VI.

דיא רעדע האט זיך געענדיגט. דיא לעצטע ווערטער האבען געמאכט אויף דיא צוהערער א טיעפען איינדרוק.

קינגסקאורט האט געשנייצט מיט דער נאז, דערנאך האט ער געזאגט:

„וויא עס ווייזט אוים א צאצקע א בחור, אייער דשאע, א טהייערער חברה־מאן! א אמת'ר עגמת נפש, וואס ער איז דא איצט ניטא, איך וואלט איהם דיא האנד גערריקט. מילא, מן הסתם וועט מען זיך נאך זעהען מיט איהם, איידער מען פאהרט אוועק. איין זאך, איבריגענס, איז מיר מורא'דיג געפעלען: דער ים־המלח־קאנאל. דאס מוז דאך עפעס זיין איינע פון דיא וועלט וואונדער. ווען וועלען מיר אים טהון אנגלאצען, דעם קאנאל אייערן פון דער בבא־מעשה?"

דוד האט פערשפראכען אין דיא ערשטע טעג פון חול המועד זיי צו פיהרען אהין.

דערווייל האבען זיי רוהיג און פריילין פערבראכט דיא צייט אין טבריא. קינגסקאורט האט מיט אפעטיט געקייעט דיא מצות, און דערביי אלץ געשאטען מיט זלזולים, פארוואס מען מאכט פון איהם אדעלבערט פון קעניגסהאף, א דייטשען עדעלמאן, א כשר'ן אידען. ער האט זיך אויך בעקלאגט אויף פריצבענס אכזריות, וועלכער שטייגט זיך מיט איטליכען טאג. דער קליינער שייגעץ מיינט טאקע אז קינגסקאורט אויף דיא עלטערע יאהרען האט שוין מעהר נישט צו טאהן,

װיא זיך צו שפּיעלען מיט אזא שטיעפער אין פערדליך. אָבער קינגסקאורט האָט זיך דאָס נור דערװעגט צו זאָגען, בשעת פריצכען איז געשלאָ־פען; װיא באלד דאָס קינד פלעגט אױפשטעהן און רופען „אָטאָ", פלעגט ער שױן פערגעסען זײנע אלטע טענות און זיך לאָזען צום קינדער־צימער. און בשעת סוף פסח האָט מען זיך געזעצט פאָהרען דורך דעם ירדן־טהאָל קײן יריחו און דוד האָט געװאָלט דאָס קינד לאָזען בײ זײנע עלטערן, האָט קינגסקאורט געפונען אלערלײ אױסרײדען. דאָס אינגעל דארף דאָך זיך אױך בעקענען מיט זײן לאנד, און דוד װאָלט געװען א אכזר פון א טאטען, װען ער װאָלט איבערגעלאָזען פריצכען אלײן, און סוף כל סוף איז קינגסקאורט בערײט, זיך אָבצוזאָגען פון דעם גאנצען קאנאל־שפּאנאל, אױב פריצכען װעט ניט מיטפאָהרען. בקיצור ער האָט אזױ לאנג גערעדט ביז מען האָט מסכים געװען פריצכען מיטצונעהמען. קינגסקאורט האָט דאמאָלסט געמאכט א מינע, װי ס'ארט איהם דיא גאנצע מעשה ניט, איהם אלײן איז קײן חילוק ניט — צו פריצכען װעט מיטפאָהרען, ער האָט זיך נאָר אָנגענומען פאר א קלײן קינד:

ארכיטעקט שטײנעק און רעשיד־בײ זײנען זיך דערװײל אװעקגעפאָהרען צוריק קײן חיפה. רעשיד האָט געװאָלט זעהען, װאָס עס הערט זיך בײ איהם אין דער הײם, האָט אָבער צוגעזאָגט זיך אין ירושלים װיעדער צו טרעפען. דער ארכיטעקט איז געװען שטארק פערטאָהן מיט דיא אױסקלײבענעס פון דעלעגאטען צו דעם באלד קומענדיגען קאָנגרעס. לױט דעם, װיא דיא צײטונגען און פרי־װאטע מעלדונגען שרײבען, מאכט דיא נײערשע פּארטײ דיא גרעסטע אָנשטרענ־גונגען, צו קריעגען װאָס מעהר דעלעגאטען פאר'ן קאָנגרעס. און שטײנעק האָט געמוזט זײן אין חיפה, װאו מען האָט געקענט גענױ פערפאָלגען דיא גאנצע אגיטאציע, און פון װאנען מען האָט געקענט אלע שעה זיך צונױפרעדען מיט הײמישע קאָמיטעטען פער טעלעפאָן, אָדער טעלעגראף. דוד פון זײן זײט האָט נאָך געדארפט זיך אָבפארטיגען מיט עטליכע אײגענע עסקים אין דער געגענד פון דשאָלאן, אײדע רער האָט געקענט פאָהרען קײן יריחו. ער האָט פערבעטען דיא געסט, איהם צו בעגלײטען קײן דשאָלאן, װאו עס איז דאָ צו זעהען א סך אינטע־רעסאנטע זאכען. פריעדריך לעװענבערג האָט באלד מסכים געװען צו דעם שפּאַ־ציער־פאָהר, נאָך מעהר דערפאר, װײל מרים און פּראָפעסאָר שטײנעק האָבען זיך אױך בעהעפט צו זײ. מיסטער קינגסקאורט אָבער איז פערבליעבען אין טבריא, װײל ער האָט געװאָלט אז מיסטרים גאָטלאנד און פרױ ליטװאק זאָלען אלײן פאָהרען אין מאָטאָר װאָגען קײן בעזאן. מען האָט שױן פערשטאנען, פון װאָס פאר

א מקור עס נעהמט זיך, און קיינער האט שוין ניט גע'חוזק'ט פון איהם וועגען זיין צובונד צו פריצכען. עס איז געוועזן אבגעמאכט, אז אין צוויי טעג ארום וועלען זיך אלע צוזאמען טרעפען אין ירדן־טהאל ביי בעזאן.

קינגסקאורט האט געזאלט צוזאמען מיט גאטלאנד, פרוי ליטוואק, דער ניאנע און דעם קינד קומען אין מאטאר וואגען קיין בעזאן, און זיך אבשטעלען אין גרויסען האטעל, אויף אבצואווארטען דיא, וועלכע זיינען געפאהרען קיין דשאלאן (גולן).

א שעהן פערפוצטעס עלעקטריש שיפעל האט שוין געווארט אויף דיא פיער רייזענדע, וועלכע האבען געדארפט זיך אריבערשיפען אויף דעם אנדערן ברעג פון ים כנרת. דיא צוריקגעבליבענע האבען זיי בעגלייט ביז צום שיפעל. פריעדריך לעווענבערג האט זיין אלטען פריינד געגעבען דיא האנד צום אשבייד:

„צו ווייסט איהר, פריעדריך“, האט ער מיט א בייזערדיגען קול געזאגט, —„אז עס הויבט זיך עפעס אן ביי אונז נייעסען? זייט צוואנציג יאהר האבען מיר זיך אויף א רגע ניט צושיידט פון איינאנדער. מענש! איהר זאלט מיר נאר דארטען ניט פערקריכען אין פאלשע חרכים, אין דער געגענד מיט דעם משוגענעם אראבישען נאמען! אז ניט, וועט אייך חאפען דארטען מיינע א צעהנפאכע געזאלצענע קללה. און אייך, פריילין מרים, בעט איך, אז איהר זאלט דעם בחור ניט פערדרעהען דעם קאפ! ער איז נאך אין גאנצען אלט 43 יאהר. דאס איז א געפעהרליכעצייט. און איצט זייט מיר געזונד! אין בעזאן וועלען מיר זיך ווידער זעהען“.

מרים איז פון דעם ניטפאסיגען וויץ רויט געווארען. פריעדריך אויך. וויא צומישטע זיינען זיי אריין אין שיפעל. קינגסקאורט האט ממזריש א פינטעל געטאהן מיט'ן אויג צו פרוי גאטלאנד. ער האט שטארק הנאה געהאט, וואס ער האט ביידען געבראכט אין אזא פערלעגנהייט.

עס איז געוועזן איינע פון די מילדע פריהלינגס טעג, וועלכע זיינען אזוי ליעב ביי'ן ים כנרת. דאס שיפעל האט האסטיג דורכגעשניטען דיא וועלען. דיא ליכטיגע קליינע פאלאצען און ווילען זיינען געווארען קלענער און קלענער, דיא בערגלאך פון מזרח־ברעג האבען זיך ביסלעבווייז ארויסגערוקט, גלייך וויא א וואנד. עס איז געוועזן א וואונדער אנצוקוקען דער חרמון מיט'ן שנעע אויף זיינע שפיצען, און דיא פיעל שיפען, פון אלערליי גרויס און פון אלערליי ארטען, האבען געגעבען געגוג שטאף זיך צו פערברייגגען. און דיא צייט פון פאהרען איז אריבער גיך און לייכטיי, וויא א חלום. ביי'ן אנדערן ברעג האט זיך דאס שיפעל אבגעשטעלט. עס

איז נאָר געוועזן עטליכע טריט ביז צו דער סטאַנציע פון עלעקטרישען באַהן. און זיי האָבען אויך ניט לאַנג געמוזט וואַרטען, ביז עס איז געקומען דער צוג. זיי האָבען זיך אַריינגעזעצט אין אַ זאַל־וואַגאָן און זיינען געפאָהרען קיין על־קונעטרא. דאָרטען האָט דוד זיך געהאַט אָצופּאַרטיגען מיט זיינע עסקים. די ליניע פון באַהן איז אַלץ געגאַנגען באַרג אַרויף, ווייל על־קונעטרא איז געלעגען אַ וויאָרדסט העכער וויא דיא אויבערפלעכע פון ים, און אַזוי וויא דאָס איז געוועזן אַ פּונקט, וואו עס פלעגען זיך שניידען דיא באַהנען פון מזרח־ירדן־לאַנד, איז קונעטרא געוואָרען אַ וויכטיגער סוחרישער פּלאַץ. זיא איז געלעגען צווישען צפת און דמשק און עס האָט שטענדיג געקאָכט פון האַנדעל און פון וואַנדעל.

בשעת דוד איז אַרוים מיט דיא איבריגע פון זאַל־וואַגאָן, האָבען זיי בעמערקט אויף אַ אַנדער ליניע, ווי עס געהט אַ צוג קיין ביירוט, אַ וואַגאָן, פון וועלכע עס האָט געקלונגען אײנגעלשע זינגענדע שטימען. דאָס זיינען געווען בחורימ־לעך פון 14 ביז 16 יאָהר.

„זיי מאַכען געוויס אַ קליינעם שפּאַציערפאָהר?" האָט זיך פריעדריך נאָכגעפרעגט.

„יאָ, אַ קליינעם שפּאַציער, —אַרום דיא גאַנצע ערד", האָט פּראָפעסאָר שטיינעק געענטפערט מיט אַ פרעהליכע מינע.

און מרים האָט פריעדריכען, וועלכער איז שטאַרק נתפּאל געוואָרען, אָנגעהויבען צו דערצעהלען, וואָס פאַר אַ שפּאַציער עס מאַכען איצט דיא שילער פון דיא שולען. מען האָט זיך אָבגעלערענט פון דיא געלעהרטע און קלוגע בענעדיקטינער מאָנאַכען. דיא פראַנצויזישע בענעדיקטינער פלעגען שוין פאַר 20 יאָהרען אוועקשיקען גאַנצע מחנות פון תלמידים אונטער דיא השגחה פון לעהרער'ס, אין פרעמדע, ווייטע לענדער. דאָרטען פלעגען זיך דיא יונגעלייט זיך אויסלעהרנען דיא שפּראַכען און דיא מנהגים פון לאַנד. מען האָט צוליעב דעם פעראייניגט דעם נוצען פון לעהרנען און דעם נוצען פון ווייטע נסיעות. אַזעלכע יונגע לייט האָבען זיך בערייכערט דאַדורך דיא נשמה, און ניט נאָר זיי פלעגען האָבען מעהר קענטניסע, נאָר זייער בילדונג פלעגט קאָסטען אַ סך ווייניגער, וויא אַנדערש וואו. מען פלעגט זיי גיכער מאַכען צו פאַרטיגע מענשען, און דאָס וואָס דער נייע געזעלשאַפט פלעגט אָבקאָסטען דיא נסיעות פון דיא תלמידים, פלעגט זיך נאָך דעם צוריקקעהרען נאָך מיט דיא צינזען. צו דיא נסיעות פלעגט מען נאָר צולאָזען דיא בעסטע און בענאַבטעסטע קינדער, ווייל אויף פוילע און ליידיגגעהער האָט [illegible]יא געזעלשאַפט ניט געוואָלט אויסגעבען איהר געלד. און צוגלייך זיינען געווען דיא

נסיעות וויא א פרעמיע פאר'ן חשק צו לעהרנען. דיא תלמידים האבען ניט גע־וואוסט פון קיין גרעסערען כבוד, וויא צו קריעגען א פלאץ מיטצומאכען דיא שיל־רייזע. אין דיא יונגע קינדערשע יאהרען האט איטליכער א חשק דורכצולעבען זאכען. צוליעב דיא שול־רייזע האט מען דעם חשק געקענט בענוצען דערצו, אז דער תלמיד זאל פערגרעסערן זיינע קענטניסע אין בילדונג. דיא קאנצעלאריע פאר שולען און בילדונג האט געזעהען, אז דיא קאראוואנעס פון תלמידים זאלען געהן מיט א סיסטעם און א סדר. אין א סך ערטער אין פערש־ערענע לענדער, וועלכע מען האט געדרפט בערייזען, האט דיא נייע געזעלשאפט געהאט אייגענע שולען־פענסיאנען, וואו דיא קינדער זיינען געוואקסען פערזארגט מיט אלע נויטהיגען. מען פלעגט זיי בעזעצען אין שטילע שטעדט, ניט וויט פון דער הויפט־שטאדט; פאר פראנקרייך, למשל, איז ווערסאיל. סיי פאר'ן גוף, סיי פאר דער נשמה איז דאס גלייכער געוועזען, וויא צו לעבען אין דער גרויסען הויפט שטאדט. איטליכע שול פון דעם סארט האט געהאט איהר אייגענעם דירעקטאר, וועלכער פלעגט בלייבען דארטען א גאנץ יאהר, בעת דיא קאראוואנע מיט דיא קלאסען לעהרערס פלעגען פאהרען וויטער. אין ירושלים פלעגט מען געגוי בעשטימען דעם מארשרוט. דיא תלמידים בעקענען זיך מיט פערשיעדענע לענדער און נאציאנען און דערביי הערען זיי ניט אויף א מינוט וויטער צו לעהרנען.

„און דיא מיידלאך?" האט פריעדריך געפרעגט מיט א שמייכעל.

„דיא מיידלאך מאכען ניט אזעלכע נסיעות", האט מרים געזאגט,— „מיד זיינען דער מיינונג, אז דאס ארט פון א יונגע פריילין איז נעבען דער מוטער, האטש דיא פריילינס קריעגען ביי אונז א גוטע בילדונג און האבען געגוג פליב־טען קענען דיא נייע געזעלשאפט."

בעת דוד האט געהאט צו טאהן מיט זיינע עסקים האבען מרים, פריעדריך און דער פראפעסאר געמאכט א שפאציערגאנג דורך דיא שטאדט, זיך אנגעזעהן דיא געשעפטסגאסען, וועלכע האבען אבער גאר ניט געהאט דעם אויסזעהען פון מארגענלענדישע קראמען, ווייל כמעט אלע געשעפטען זיינען געווען פיליאלען פון אייראפייאישע וואארענמאגאזינען. זיי האבען זיך אבגעשטעלט אין א שעה־נעם ענגלישען האטעל. פריעדריך האט זיך שוין ניט געוואונדערט אויף דיא רייכ־קייט פון דעם האטעל. ער האט שוין אליין פערשטאנען, אז אין א ארט, וואו עס שניידען זיך באהנען פון דער גאנצען וועלט, געפינען זיך שוין אלע בעקוועמליכ־קייטען פאר א פערוועהנטען אייראפייער. מען האט פריה אבענדברויט געגעסען,

ווייל מען האָט בעשלאָסען מאָרגען בעגינען א שפּאַציערפאָהר צו מאכען אהין צום קאָרן־קאמער.

דער מאָרגען האָט זיך בעוויעזען אין פיינסטע דורכזיכטיגע פארבען. זיי זייר־נען ארויסגעפאָהרען מיט דער קליינער עלעקטרישען באהן און דאָס יונגע שעהנע לאַנד. פריעדריך האָט זיך געפיהלט, וויא איינגעלווייז אין א שעהנעם פריהלינגס מאָרגען. א נייער קוואל פון לעבען האָט אויסגעבראָכען אין זיין הארצען, קוקענדיג אויף דיא גליקליכע ארבייטער אויף דיא פעלדער און זיך פיהלענדיג,— ער האָט קוים דערוועגט זיך אליין מודה צו זיין — אזוי נאָהענט פון דער שעהנער מרים, און ער איז געוואָרען לעבעדיג און פרעהליך. מיט וואָס פאר א קלאָהרען פער־שטאנד זיא האָט איהם אלץ דערקלעהרט, וואָס ער האָט נים פערשטאנען. א מאָל פלעגען אויך אונטערהעלפען דוד און שטיינעק, ווען זיא האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. אין דער געגענד פון מזרח־ירדן־לאַנד זיינען זיי געקומען צו א מאָדנער וואסערשיידע. אזוי ווי פרידריך איז אויפגעוואקסען ווייט פון טעכ־נישע ערפינדונגען, מיט דער בילדונג פון א אדוואָקאטען, האָט ער ווייניג וואָס פערשטאנען, וואָס פאר א טעכנישע מיטעל דיא היינטיגע מענשען ווענדען אָן צו פערשיעדענע צוועקען. ער איז דארין געווען אזוי אונוויסענד, וויא דאָס רוב גע־בילדעטע מענשען פון זיין צייט. ער האָט ניט אָנגעהויבען צו וויסען וואָס עס טהוט זיך אין א פערמאכטער און אין א „אָפענער" פאבריק. „אָפענע פאברי־קען", האָט שטיינעק אין זיין מאניער אָנגערופען אלע מלאכות פון דער לאַנד־ווירטהשאפט. וועלכע ווערען געטריעבען פון מאשינען, און וועלכע זיי האָבען האָבען איצט בעגעגענט אויף איטליכען טריט. אין דיא געגענד איז דעריבער א וואסערשיידע, ווייל דאָ טרעפען זיך צוזאמען אלע וואסערן, וואָס קומען פון צפון און פון דרום. צום אנהויב האָט פרידריך געמיינט, אז דער פּראָפעסאָר חוזקט אָב פון איהם, בעת ער האָט אָנגעהויבען צו רעדען פון וואסער וואָס שטראָמט בארג־ארויף.

שטיינעקען האָט מן הסתם זיך געוואָלט, האָט ער געטראכט, לוסטיג מאכען איבער זיינע עם־הארצות. באלד אָבער האָט ער איינגעזעהן אז ער האָט זיך טועה געווען. ניט דאָס וואסער, פערשטעהט זיך, איז געגאנגען בארג ארויף, נאָר דיא קראפט פון דיא וואסער וועלען. ענדערן סדרי ימי בראשית האָט אלטניילאַנד געקענט אזוי ווייניג, ווי צו ענדערן דיא נאטור פון מענשען. דערפאר אָבער האָבען מיר צוליעב אונזער בילדונג געקענט גענויער אויספאָרשען דיא כוחות פון דער נאטור און זיך קליגער געקענט בענוצען מיט זיי. עס איז שוין ניט נויטהיג געווען

אוועקצשטעלען דאָס מיהלראָד געראָד אונטער דיא פאַליגע וואסער, וויא פערציי־טען א מאָהל. א פאַליגער טייך, וועלכער האָט געשטורמט פון בארג אין טאָהל אין א מרחק פון 15־20 מייל האָט געטריעבען דיא רעדער, ווייל דיא קראפט זיינע האָט מען פערוואנדעלט אין עלעקטריע,וועלכע האָט געשטראָמט דורך דיא דראָטהען. שוין פאר 20 יאָהרען האָט מען דאָס פערשטאנען וויא צו מאכען. אין אַמעריקא האָט מען שוין פאר 20 יאָהרען אויסגעניצט דיא דאָזיגע קראפט. פון ניאגארא האָט מען געצויגען א עלעקטרישען שטראָם אין א מרחק פון 150 וויאָרסט. פון דיא סאן־בערנארדינא־בערג אין דער שטאָדט לאָס אנגעלאָס אין דרום־קאַליפאָרניען האָט מען געצויגען דיא קראפט פון דיא פאַליגע בערג־שטראָמען אין א מרחק פון 120 וויאָרסט א ערך, און דערביי האָט זיך דיא קראפט כמעט ניט פערמינדערט אויף דעם וועג. און אלע דיא קונסטשטיק האָט מען גע־קענט לייכט נאָכמאכען, און דעריבער האָבען מיר געקענט אויסניצען דיא וואסער קרעפטען פון ים־המלח אין דרום, וויא דיא פאַליגע בערג־קוואלען פון לבנון און חרמון אין צפון.

„דיא אמת'ע בויער און גרינדער פון אלטניילאנד“, האָט דוד געזאָגט.—זיי־נען געווען דיא טעכניקער פון דיא וואסערווערק. דער עיקר איז געווען אויסצוטרי־קענען דיא זומפּען, צו פערזאָרגען מיט וואסער דיא פערטריקענטע ערד און אויס־צוניצען דיא וואסער־קרעפטען אומעטום“.

אין אַנדערהאלבען שעה ארום זיינען זיי אָנגעקומען צו דער מוסטער־ווירט־שאפט, וועלכע, שטעהענדיג אונטער דער השגחה פון דער נייען געזעלשאפט, איז געגרינדעט געוואָרען פון א מיליאָנען־רייכען צדקה חברה. דער דירעקטאָר פון דער גרויסארטיגער אונטערנעהמונג האָט ארומגעפיהרט דיא געסט דורך דאָס רייכע גוט. בעזאָנדערס איז פריידריכען געפעלען דיא עלעקטרישע צענטראל־גע־ביידע, נעבען דער דירעקציע. דיא וועגד זיינען געווען בעדעקט מיט קנעפּ, נומערן קליינע טאָוולעך. צוויי דאמען, פשוט אָנגעטאָהן, זיינען געשטאנען נעבען דיא צייכענס ביי דיא וועגד און האָבען געארבייט, לויט דעם, וויא ס'האָט זיי אָנגע־וויזען דער בעאמטער, וועלכער איז געזעסען הינטערן פולט און פלעגט אלע ווײלע צולעגען צום אויער דיא האָרכרעהר פון טעלעפאָן. פריעדריך האָט זיך דערמאָנט, אז ער האָט שוין א מאָהל אזוינס געזעהן אין דער צענטראל סטאנציע פון אלע שטאָדט־טעלעפאָנען.

דער דירעקטאָר האָט איהם דערקלערט, אז פון דער סטאנציע ווערען אין אלע פונקטען פון גרויסען גוט פערשיקט עלעקטרישע שטראָמען דורך דראָטהען. דיא

קראפט קריעגט מען נאָר אזוי לאנג וויא מען בעדאַרף זיא, ניט א מינוט לענגער. פון דער סטאנציע האָט מען ניט נאָר געשפּייזט מיט דיא קראפט דיא מאשינען פאַר פעלד־ארבייט, נאָר אויך דיא פאבריקען וואָס שטעהען אין א קרובה'שאפט מיט דער לאנדווירטשאפט, וויא, למשל, א צוקערפאבריק, א ביער־ברויז, א שפירטברענעריי, א מיהל, א קראַכמאַל־פאבריק א. ז. וו. א. ז. וו.

אין אלע בנינים פון דער ווירטשאפט, וועלכע זיי האָבען בעזעהען, וויא אויך אין דיא פאבריקען, אויף דיא וועגען און דיא פעלדער, אומעטום האָט מען גע־ארבייט מיט דיא נייעסטע און בעסטע מיטלען און מאשינען. אומעטום איז געווען וואונדערליך ריין און ציכטיג, און עס האָט זיך עפּעס גאָר ניט געהערט קיין גע־רודער. דיא מאוים'דיגע רעדערווערק פון דער מוסטערווירטשאפט האָט נאָר אזוי לאנג גערודערט, וויא עס איז נויטיג געווען. פלעצליך איז פריעדריכען אויפגע־פאלען א קופּקע ארבייטער, אלע אין גלייכע בגדים, וועלכע זיינען פערביי מיט געווערקצייג אויף דיא פּלייצעס. דיא אויגען האָבען זיי געהאלטען אראָבגעלאָזען. עטליכע פון זיי האָבען געהאט א פערדראָסענעם פּנים, און אנדערע האָבען אויס־געמיעדען זיך צו טרעפען מיט עמיצענס א בליק. צוויי משגיחים זיינען זיי נאָכ־געגאנגען. דיא לעצטע האָבען געגריסט דעם דירעקטאָר מיט א סאלדאטסקער דיסציפּלינע.

„צו מעג איך מיר ערלויבען, אייך צו קריטיקירען עפּעס?“ האָט פריעדריך געזאָגט, — „מיר האָבען זיך אין אלטניילאנד אָנגעזעהען אזוי פיעל שעהנע און פּראַכטיגע זאכען, אז מען מעג שוין אויך אפשר אָנווייזען אויף חסרונות“.

„אודאי“, האָט דוד געענטפערט. — „וואָס פאַר א חסרונות מיינט איהר?“

„דיא ארבייטער זעהען מיר אוים צו ניעדערגעשלאָגען, אקוראט וויא דיא פּראַכטיגע מאשינע, ביי וועמען זיי דיענען, וואָלט זיי אינוועניג עפּעס צוריסען אָדער צובלוטיגט. וואָס טויג סוף כל סוף דיא שעהנסטע און בעסטע איינריכטונ־גען, ווען דיא מענשען וועדען דאדורך ניט גליקליכער, קוקענדיג אויף דיא ארביי־טער האָב איך זיך געמוזט דערמאָנען אָן דיא פאבריקארבייטער פון דיא פריהערע צייטען. אמת, אזוי שלעכט וויא דיא אמאָליגע זעהען זיי ניט אוים, זיי זעהען אויך אוים געזונדער וויא דיא פריהערע פאבריקארבייטער, אָבער א עהנליכקייט איז פאָרט פאראנען. און דאָס איז גאָר ניט אזוי פרעהליך. ווען מען בעקלערט, אז דאָס גוט געהערט א צדקה־חברה, האָט מען דאָך געקענט ערווארטען צו זעהען פיעל צופריעדענע פּנים'ער פון ארבייטער“.

דער גוטסדירעקטאָר האָט איהם פערוואונדערט אָנגעקוקט, דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו דיא איבריגע געסט, פרעגענדיג:

„צו וויים גאָר ניט דער הערר דאָקטאָר לעווענבערג, וואו ער געפינט זיך איצט איין?“

„ניין“, האָט דוד געענטפערט — „מיר האָבען איהם אמישנע ניט דערצעהלט, בכדי ער זאָל אלץ קענען בעטראכטען מיט א פרייערען בליק, קיינער האָט איהם ניט געזאָגט, אז דאָס איז א קאָלאָניע פאר פערמשפט'ע, פאר בעשטראָפטע“.

„וואָס איך הערר!“ איז פריעדריך שטארק נתפעל געוואָרען, — „דאָס איז א קאָלאָניע פאר פערמשפט'ע? אויב אזוי, זאָג איך זיך אָב פון מיינע פריהערדיגע רייד, און וואָס איז דער סוף? צו בעסערען זיי זיך, הערר דירעקטאָר?“

„סיי אין קערפער, סיי אין מדות ווערען זיי אויסגעקורירט“ האָט געענטפערט דער דירעקטאָר, — „דאָס רוב געוועהנט זיך צו צום לאנדלעבען און וויל זיך שוין גאָר ניט מיט איהם שיידען. נאָך דער שטראָפצייט בלייבען זיי נאָך ווייטער און ווערען צו ארבייטער מיט געצאָהלט, אָדער מיר בעזעצען זיי אלס פערמער אין דיא אָבגעלעגענערע קאנטען פון אונזער לאנד. דער ריינער רוח פון אונזע רגוטווירטשאפט ווערט בענוצט צו דעם צוועק, און שוין א קורצע צייט הייבען דיא נייע פערמערס אָן אָבצוצאָהלען פאר דיא ערד. פערדאָרבענע און אָבגעלאָזענע מאכען מיר ווידער צו מענשען“....

בשעת אויף מאָרגען האָבען זיך דיא רייזענדע צוזאמענגעטראָפען מיט קינגסקאורט און דיא איבריגע, האָט פריעדריך איבערדערצעהלט וואָס ער האָט נעכטען געזעהען. דער אלטער קינגסקאורט האָט געברומט:

„פערשטעהט זיך! גראָד ווען איך בין ניטאָ טרעפען זיך דיא נסים. דאָס וואסער פלייצט בארג־ארויף און פרייהייט איז נאָר אין דער תפיסה“.

איצט איז שוין דער מאָטאָר, גרויס וויא נח'ס תיבה, געפאָהרען נאָך דעם ירדן־טהאָל נאָך דרום זייט. דער גוט אויפגעפאסטער פאָהרוועג האָט אלע ווילע פערלאָרען און אלע ווילע זיך ווידער בעגעגענט מיט'ן טייך. דער ירדן האָט זיך צוגאָסען ברייט איבער דיא ברעגעס; דיא פעלדער און לאָנקעס ארום זיינען געווען בעדעקט מיט זאפטיגע גרינס. פון די בעגלאָך אין מזרח און מערב־זייט האָבען ארויסגעשיינט קליינע דערפער, שטעדט און קאָלאָניעס מיט רייכע ווילען. פון צייט צו צייט פלעגט אויפן רעכטען ברעג פערביישטורעמען דיא צוגען פון ירדן־טהאָל־באהן. אויף דער פאָהר־וועג איז געווען א לעבען. עס איז געווען דיא צייט, בעת דיא קורגעסט פערלאָזען דעם וועלט־בעוואוסטען ווינטער־קוראָרט פון יריחו. דאָ אין ירדן־טהאָל איז שוין געווען צו ווארעם פאר דיא רייכע פערוועהנטע

געסט פון אייראָפּא, אלע ווײלע האָט מען בעגעגענט גרויסע מאָטאָרוואָגען, ניט קלענער פאר דוד ליטוואקס תיבה. אין דיא וואָגען זיינען געפאָהרען העלאויסגעפוצטע פרעהליכע פּאסאזשירען, דאמען און הערען, און געפאָהרען זיינען זיי דעם אומגעקעהרטען וועג נאָך צפון־זייט, ווייל איצט האָט דיא מאָדע געפאָדערט צו פערברייגען אויפן לבנון. סוף אפּריל פלעגען, געוועהנטליך, דיא פערפּוצטע געסט פערלאָזען דאָס לאנד, און פון ביירוט פאָהרען מיט'ן שיף אהיים קיין אייראָפּא. אנדערע פלעגען בענוצען דיא שנעלצוגען פון דיא קליינאזיאטישע באהנען, בכדי נאָך גיכער צו קומען קיין קאָנסטאנטינאָפּאָל.

דאָך איז נאָך איבריג געבליעבען גענוג לעבען און אפשר דאָס געזונדסטע לעבען אין דעם ירדן־טהאָל, כאָטש דיא וואָס זוכען פערגעניגען פלעגען שוין אָבציהען פון דאנען, דען פוןביידע זייטען פון ירדן האָבען זיך געצויגען לאנגע פעלדער, דיא פעלדער, אויף וועלכע נאָך אין דיא פערצייטיגע דורות האָט מען זיך ניט געקענט אָבלויבען וועגען זייער פרוכטבארקייט. צוליעב דיא קלוגע ווירטשאפט און דיא נייעסטע און בעסטע עקאָנאָמישע מיטלען האָט דער ירדן־טהאָל געגעבען דיא גרעסטע הכנסה. רייז, צוקערראָהר, טאבאק און בוימוואָהל פלעגען געבען דיא שעהנסטע גערעטענעשען. דיא וואסעראינזשענירען האָבען דאָ ארויסגעוויעזען זייערע גאנצע קענטניסע. חוץ דעם וואָס מען האָט רעגולירט דעם ירדן אליין, האָט מען נאָך געבויט גרויסארטיגע טהאָלבעקענס, אָנצוזאמלען דאָס רעגענוואסער און אויסצוניצען אלע וואסערקרעפטען פון דעם געבענטשטען לאנד. אין דיא טרויעריגע צייטען, בעת דאָס לאנד איז געלעגען וויסט, פלעגט דאָס גאנצע רעגענוואסער אָהן א נוצען איינגעזאפּט ווערען פון דער ערד. אָבער דורך דעם פּשוט'ן סיסטעם פון טהאָלבעקענס איז שוין קיין טראָפּען רעגען ניט געגאנגען לאבוד. און עס איז ווידער געקומען א צייט, בשעת אין ארץ ישראל האָט אָנגעהויבען צו פליעסען פון האָניג און מילך, בשעת עס האָט באמת געפּאסט פאר איהם דער אלטער נאָמען פון א גאָטגעבענטשטער לאנד!

און אלע דיא פּראקטישע זאכען האָבען נאָך געקראָגען א בעזונדערען גלאנץ דורך דיא שעהנקייט פון לאנד. פון דיא גרינע גערטנער, פון דיא טעראסען אויף דיא ארומיגע בערג האָבען ארויסגעשיינט ווייסע מויערען. ווילען פון מירמעלשטיין האָבען געלויכטען מיט זייער ווייסקייט אויף דער זון. דעם מירמעלשטיין האָט מען געהאקט ניט ווייט פון דער געגענד, נאָהענט פון ים־המלח. און פריעדריך מיט קינגסקאורט האָבען זיך ניט אויפגעהערט צו וואונדערען דעם גאנצען וועג ביז יריחו. און בשעת זיי זיינען אריינגעפאָהרען אין דיא גרויסארטיגע שעה־

נע שטאדט האט אפילו דער פערבייזערטער קינגסקאורט פערלארען דיא שפראך פון גרויס התפעלות איבער דיא צאהל און דיא פראכטיגקייט פון דיא גרויסע האטעלען, פון דיא קליינע פאלאצען און ווילען, וועלכע האבען ארויסגעקוקט צווישען פלאנצען און בוימער פון דיא הייסע לענדער, פערביי וועלכע עס האבען זיך געצויגען אלעען פון פאלמעס. אזוי שעהן און פראכטיג האבען זיי זיך שוין ניט פארגעשטעלט דעם קלימאטישען קוראָרט יריחו!

קינגסקאורט חאט אבער אויף קיין פאל זיך ניט געוואלט אבשטעלען אין א האטעל. ער האט פערלאנגט, אז מען זאל איהם באלד פיהרען צום ים־המלך־קאנאל. צו זיין מזל איז נאך פריצכען איינגעדרעמעלט; אז ניט, וואלט ער זיך ניט דערוועגט צו האבען אזא ווילדען פערלאנגען. דיא דאמען זיינען געבליעבען מיט'ן קינד אין האטעל, און נאר דיא מאנסלייט אליין זיינען געפאהרען דיא קורצע שטרעקע אראב צום טהאל. פאר זייערע בליקען האט זיך אויסגעשפרייט דער טיעפבלויער שפיעגעל פון ים־המלך (טויטען מעער). עס האט זיך געהערט דאס טא־רא־ראך פון דונערען, דאס זיינען געפאלען אין דער טיעף דיא וואסערען פון קאנאל, וועלכע מען האט דורך טונעלען אריבערגעפיהרט פון מיטעללענדישען ים. אין קורצע ווערטער האט דוד דערקלעהרט דעם פלאן פון דעם דאזיגען וואסערווערק. דער ים המלך איז, וויא בעוואוסט, דער ניעדעריגסטער פונקט אויף דער ערד, זיין אויבערפלעכע ליעגט א ערך 551 ארשין ניעדעריגער וויא דיא אויבערפלעכע פון מיטעללענדישען ים. מען האט ניט גענדאַרפט האבען קיין גרויסע מחלוקות וועגען דעם, וויא נויטהיג עס איז אויסצונוצען דעם גרויסען אונטערשייד צווישעןביידע אויבערפלעכען, און צו בעשאפען צוליעב דעם א נייעם קוואל פון מעכאנישע קראפט.

ביים פאלען פערליערט דאס וואסער דיא קראפט פון א ערך 112 ארשין, ד. ה. דיא מעכאנישע קראפט איז אזוי שטארק, אקוראט וויא עס וואלט ארונטערגעפאלען פון א ערך 439 ארשין דיא הויך. דער קאנאל, וואס איז 14 ארשין דיא ברייט און 4 ארשין דיא טיעף, ליפערט א מעכאנישע קראפט פון 50 טויזענד פערד.

קינגסקאורט איז גאר ניט נתפעל געווארען דערפון. ער האט געזאגט:

„דיא כטאנציע וואס נעהמט אויף דיא פאלינגע וואסער פון ניאגארא, האט שוין צו מיין צייט אויסגעארבייט א מעכאנישע קראפט פון 40 טויזענד פערד".

דוד האט געענטפערט:

„מיר קענען זיך טאקי ניט פערגלייכען מיט דעם ניאגארא און דיא מיליא־

נען קרעפּטען, וואָס ער ליפערט, האָטש דיא וואסער פון ניאגארא פאלען אין גאנ־צען 70 ארשין דיא הויך. דער ניאגארא. דארף מען נים פערגעסען, האָט מאסענ־האפט וואסער. מיר דאכט זיך אָבער, אז ס'שאדט גאָר ניט, וואָס מיר ארבייטען אויס אין פערשיעדענע סטאנציעס פון ים-המלך און ביים ירדן א ערך פון א האל־בען מיליאָן פערדקרעפטען".

„איהר זייט אייגענטליך גאנץ גערעכט, מיין געהויבענער וואסערקינצלער", האָט קינגסקאורט געזאָגט, — „קיין היזק האָט איהר דערפון ניט. אָבער איך הייב איין זאך ניט אָן צו פערשטעהן. צוליעב אייער קאנאל פליעצט אריין אין ים־המלך אליין מעהר וואסער, און דאָך טויטע בעקען האָט דאָך ניט וואו דאָס צו לאָזען אָב־פליעצען".

„דיא קשיא איז ניט קיין שלעכטע". האָט זיך שטיינעק אריינגעמישט אין געשפרעך. „איהר מוזט אָבער וויסען, אז מיר נעהמען פון ים־המלך צו אזוי פיעל וואסער, וויפיעל מיר לאָזען אין איהם אריינפליסען. דער עיקר ציהען מיר אָב פון איהם דאָס זיסע וואסער. מיר פלומפּען דאָס אויס און פיהלען דערמיט אָן פערשיי־דענע רעזערוואארען און בענוצען דאָס וואסער פאר דיא פעלדער, פאר וועלכע דאָס איז פונקט אזוי נויטהיג, וויא פאר'ן ים־המלך — איבערפליסיג. פערשטעהט איהר שוין?"

„אודאי פערשטעה איך", האָט קינגסקאורט א געשריי געגעבען, און איצט האָט מען זיך שוין אויף זיינע קולות ניט געדארפט וואונדערן, ווייל דער דונער פון דיא פאליגע וואסער האָט זיך שוין געטראָגען גאָר פון דער נאָהענטען,—„ממזר־שע קעפּ האָט איהר! אפילו דער גרעסטער עקשן מוז זיך שוין מודה זיין".

זיי זיינען אָנגעקומען צו דער קראפטסטאנציע. פון פאָהרוועג אויס האָבען זיי גאָר ניט געקענט אזוי גוט זעהן דאָס בעקען פון ים־המלך. איצט אָבער האָט עס זיך אויסגעשפּרייט פאר זיי ברייט און בלאָה, אזוי גרויס וויא דער גענפער זעע. ביי'ן ברעג פון צפון זייט, אויף וועלכען זיי זיינען איצט געשטאנען, האָט זיך געצויגען א שטיק לאנד אונטער דעם פעלזען, פון וואנען עס פלעגט אראָבדונערען פון דער הויך דאָס וואסער פון קאנאל. אונטען זיינען געשטאנען טורבינען און אויבען האָבען זיך געצויגען אין דער לענג דיא פאבריקס בנינים. דיא קראפט־קוועלע האָט צוגעצויגען אלערליי פאבריקאציעס. דער קאנאל האָט אויפגעוועקט דעם טויטען ים צו א נייעם לעבען. קוקענדיג אויף דיא אייזערנע רערען, פון וואנען דיא וואסערן פעלענען זיך א זעץ טהון מיט א געוואלטיגען כח אויף דיא טורינענרעדער, האָט זיך קינגסקאורט דערמאָהנט אָן דיא אייגענע רעהרען אין

ניאגארא. דאָ ביי'ן טויטען ים זיינען געווען צוואנציג אזעלכע רעהרען, וועלכע האָבען גלייך אָבגערוקט איינע פון דער אנדערע ארויסגעשטארצט פון די פעל־זען. וויא משונה דינגע קוימענס האָבען זיי געשטארצעט אין דער הויף פון די טורבינענהייזער.

דער דונער אלע ווילע און דער וואסער־שוים האָבען אָבער עדות געזאָגט, אז דאָס זיינען ניט קיין געוועהנליכע קוימענס. די רייזענדער זיינען אריין אין איינע פון די טורבינענהייזער. פריעדריך איז וויא בעטויבש געוואָרען פון דעם גערודער, אָבער קינגסקאורט האָט זיך געפיהלט וויא א גענעראל אויף א מלחמה. ער האָט צוגעשריען און געטומעלט, אָבער פון גרויס גערודער האָט מען ניט גע־הערט א וואָרט. נאָך די מינעס זיינע האָט מען אָבער געקענט זעהען, אז ער איז זיך פשוט מחיה. און עס איז טאקי געווען פראכטיג צו זעהען; עס האָט זיך אויס־געדאכט, אז הונדערטער עוג מלך הבשן'ס האָבען געשליידערט די וואסער אויף די בראָנזענע שויפלען (לאָפּאטעס), און די טורבינענרעדער האָבען געקראכט און זיך געדרעהט וויא אין א קדחת. און פון דאנען האָט מען די געבונדענע קראפט געבראכט אין די עלעקטרישע מאַשינען, פון וואנען עס האָט זיך שוין צוגאָסען א עלעקטרישער שטראָם אין טויזענדער דראָטהען, וועלכע האָבען בע־רעקט דאָס גאנצע לאנד וויא מיט א נעץ, און צוליעב וועלכע דאָס אמאליגע אָרע־מע, וויסטע לאנד האָט ווייטער אויפגעבליהט און איז געוואָרען א גן־עדן פאר איהרע אמאָליגע קינדער.

פריעדריך האָט סוף כל סוף ווידער די שפראכע בעקומען:

„איך פיהל מיך וויא צובראָכען פון די גרויסקייט פון דער קראפט".

„אונז" — האָט דוד ערנסט געענטפערט — „האָט די גרויסקייט ניט צו־בראָכען, זיא האָט אונז נאָך געשטארקט".

ענדע פיערטעס בוך.

דאָס פינפטע בוך.

ירושלים.

I.

פאַר צוואַנציג יאהר צוריק זיינען פריעדריך און קינגסקאורט געקומען אמאָל קיין ירושלים ביי נאכט פון מערב זייט; היינט זיינען זיי געקומען ביי טאָג און פון מזרח זייט. דאמאָלסט האָבען זיי געזעהען א שטאָדט אויף ניעדעריגע בערג. וויסט און פערלאָזען; היינט זיינען זיי געשטאַנען פאר א גייבעלעבטע שטאָדט, וועלכע האָט פערכאַפּט דאָס אויג מיט איהר גלאַנץ און מיט איהרע פראכטיגקייט. אמאָל איז ירושלים געווען טויט, היינט האָט זיא געשטראַהלט וויא נאָך תחית המתים.

זיי זיינען געקומען צופאָהרען פון יריחו און זיי זיינען איצט געשטאַנען אויפן הר־הזתים, אויף דעם אלטען פראכטיגען בארג, וואָס דאָס אויג זעהט שוין פאר זיך ניט קיין גרענעץ און קען זיך פריי אָנקוועלען אויף גאָטס שעהנקייט. און אויף דיא בערג און אין דיא טהאָלען זיינען נאָך אלץ געווען דיא סמנים פון דיא פערצייטיגע דורות, עס איז נאָך אלץ געווען דיא הייליגע ערד פון דער מענשהייט, פון אלע זייטען האָבען זיך געהויבען צום הימעל דיא הייליגע טעמפּלען, וועלכע זיינען געבויט געוואָרען פון אלע גלויבענס, אָבער עס איז איצט נאָך צוגעקומען א נייעס, עפּעס א שטאַרקעס, א פרעהליכעס: דאָס לעבען איז צוגעקומען! ירושלים איז צוזאַמענגעוואַקסען צו א געוואַלטיגען גוף און דער גוף האָט אויסגעאָטהעמט לעבען ארום. דיא אַלטע שטאָדט צווישען דיא הייליגע מויערען, וויא וויים מען האָט געקענט פון דאַנען זעהען, האָט זיך ווייניג וואָס פערענדערט. זיי האָבען דערקענט דעם טעמפּעל ביי'ן הייליגען קבר, אָמארס מחמ[ו]דנישע מאָשעע און דיא קופּלען און דעכער פון אמאָל. נאָר עס זיינען נאָך צוגעקומען אנדערע גרויסאַרטיגע בנינים.

יענער בנין, למשל, וואָס איז געווען א פּראכט אָנצוקוקען און האָט זיך געצויגען זעהר גרויס, איז געווען בעקאַנט מיט דעם נאָמען „פריעדענספּאַלאַץ“. אויף דער אלטשטאָדט האָט געשוועבט א שבת'דיגע מנוחה.

גאָר א אנדער פּנים האָט געהאט דיא ניישטאָדט. דאָ האָט מען שוין געזעהען היינטמאָדישע גאסען, דורך וועלכע עס האָבען זיך געצויגען דיא ליניעס פון א עלעקטרישע באהן, גאסען פון ביידע זייטען בעפּלאנצט מיט בוימער, גאנצע הויפענס פון הייזער ארום גרינע שטאָדטגאָרטענס, בולווארען, אקאדעמיעס, גרויסע ווארעמאגאזינען, שעהן פערפּוצטע הייזער פאר טהעאטערס אָדער פאר אנדערע פערגעניגונגען. דוד האָט אָנגערופען מיט'ן נאָמען דיא הייזער, וועלכע האָבען זיך געוואָרפען אין דיא אויגען מעהר פאר אלע אנדערע. דאָס איז געווען א וועלט־שטאָדט, לויט דעם וויא דאָס האָט געפאָדערט דאָס צוואנציגסטע יאהרהונדערט.

אָבער דיא בליקען פון דיא רייזענדער האָבען זיך אלץ ווייטער געקעהרט צו דער אלטשטאָדט, וועלכע איז געלעגען אין מיטעל־פּונקט פון דער שטאָדט. זיא איז געלעגען פאר זיי הינטער'ן קדרון־טהאָל בעגאָסען פון דער זון, אין גלאנץ פון א קלאָרען נאָכמיטאג און זיא האָט עפּעס אויסגעזעהען אזוי יום־טוב'דיג, אזוי פרעהליך. קינגסקאורט האָט שוין אלע מעגליכע קשיות געפרעגט, און שוין אויך אלץ בעקומען פון דוד'ן געגויע אויסקיינפטע. איצט האָט ער זיך גענומען דערקוני־דיגען וועגען א בנין, וועלכער איז געווען געוואלטיג גרויס און האָט פערבלענדט דיא אויגען מיט זיין רייכקייט און פּראכטיגקייט. ער האָט געלויכטען פון ווייטען אין א ווייס־גאָלדענעם גלאנץ און זיין דאך איז געלעגען אויף זיילען פון ווייסען מירמעלשטיין. און ניט נאָר דער דאך, א וואלד פון מירמעלנע זיילען מיט גאָלדע־נע קעפּ האָבען ארומגערינגעלט דעם געוואלטיגען בנין, און פריעדריך'ן האָט עפּעס וויא א צופּ געגעבען ביים הארצען, בעת ער האָט געהערט דוד'ס ענטפער:

„דאָס איז אונזער טעמפּעל פון ירושלים, אונזער בית המקדש!“

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

עס איז געווען א פרייטאָג צו נאכט, בעת פריעדריך לעווענבערג איז צום ער־שטען מאָל אריין אין טעמפּעל פון ירושלים. דוד האָט דיא גאנצע קאָמפּאניע בעזעצט אין איינע פון דיא רייכסטע האָטעלען ביי דעם יפו־טהויער אין ירושלים.

אָוועגדס האָט דוד גערופען זיין פריינד צו געהן מיט איהם אין טעמפּעל. פריעדריך לעווענבערג איז געגאנגען מיט מרים'ן פּאָראויס, הינטער זיי זיינען גע־גאנגען דוד און שרה. זיי זיינען געגאנגען דורך דיא פּראכטיגע גאסען פון דער ניישטאָדט, וואו עס האָט מיטאָגצייט נאָך געהרודערט און געקאָכט. איצט אָבער איז עפּעס אלץ וויא מיט אמאָל ענטשלאָפען געוואָרען. עס זיינען געפאָהרען אלץ וועניגער קארעטעס, און עס האָט זיך צוגעמאכט א קראָם נאָך א קראָם. דער שבת

האָט זיך פּאמעלעך און יום־טוב׳דיג ערנסט אראָבגעלאָזען אויף דער שטאָדט. און הויפּענסווייז זיינען דיא פרומע געגאנגען אין קלויזען. דען חוץ דעם גרויסען טעמפּעל זיינען נאָך געווען אומעטום אין דער אלטשטאָדט וויא אין דער ניי־שטאָדט קלויזען און בתי־מדרשים, וואו עס האָט ניט אויפגעהערט צו לעבען דער גייסט פון דער יודישער הייליגער אמונה אין א משך פון באלד צוויי טויזענד יאָהר.

נאָך איידער דיא פּילגער זיינען אריין אין דער הייליגער שטאָדט האָבען זיי שוין געפיהלט, וויא עס הויבט זיך ביי זיי דיא ברוסט און וויא עס קלאפּט ביי זיי דאָס הארץ. דאָס וואָס עס איז געלעגען איצט צווישען דיא פערצייטיגע מויערען איז שוין ניט געווען דיא אונציכטיגקייט, דער טומעל, דער שלעכטער דיח פון פּאר צוואנציג יאהרען. דאמאָלסט האָט ניט איין פּילגער זיך געמוזט פיהלען געקרענקט, בעת ער האָט נאָך א לאנגער נסיעה דערזעהען דעם הייליגען אָרט, וואו עס האָבען איהם געטריעבען זיינע ריינע געפיהלען; אזא מאוס׳ן אויסזעהען האָט דאמאָלסט אלצדינג געהאט, און איידער דער פרומער פּילגער איז צוגעקומען צו דיא הייליגע ערטער האָט ער געמוזט דורכגעהן דורך א סך שמוץ און בלאָטע. איצט אָבער האָט אלץ א אנדער פּנים. דיא גאסען און דיא געסלעך זיינען געווען גלאָט ברוקירט, ריין און פיין, וויא דיא דיעלען אין א ציכטיגער שטוב. פּריוואטע הייזער זיינען ניט געווען אין דער אלטשטאָדט. אלע בנינים האָבען געהערט פּער־שיעדענע צדקה־חברות, אָדער זיינען געווען בעט-שולען. דאָ זיינען געווען אכסניות פאר פרומע פּילגער פון אלע אמונות. קריסטען, מחמדאנער און יודען האָבען דאָ געהאט זייערע אייגענע שפּיטאָלען, באָגאָדעלניעס, וועלכע זיינען געשטאנען אויסגעמישט איינער ניט ווייט פון דעם אנדערען. א געוואלטיגען פּיערקאנטיגען פּלאץ אָבער האָט פערנומען דער ערנסטער גרויסארטיגער פריעדענספּאלאץ, וואו מען פלעגט אָבהאלטען וועלטקאָנגרעסען וועגען פריעדענס־אנגעלעגענהייטען און וועגען אלערליי וויסענשאפטען. דיא אלטשטאָדט איז בכלל געווען א איטערנא־ציאָנאלער אָרט, וועלכער איז געווען ווי א היים פאר אלע אומות. דען דאָ האָט זיך בעזועצט דאָס, וואָס פערבינדעט אלע מענשען אין דער וועלט: דאָס אייביגע ליידען.

און דעריבער האָבען זיך דאָ צונויפגעקליעבען אלע מיני אופנים פון הילף, וואָס מענשען האָבען נאָר אויסגעקלערט אין דער גאנצער צייט פון דער היסטאָריע אקעגען דאָס ליידען: אמונה, ליעבשאפט צו מענשען, וויסענשאפט.

מען האָט געמעגט זיין א מאמין צו ניט, אָבער געהענדיג דורך דיא גאסען

האָט מען געמוזט פיעלען די טיעפע מאכט פון די רעליגיאָנען. מענשען, וועל־כע פלעגען זיך דאָ טרעפען, פלעגען זיך אײנאנדער בעגריסען שטום און ערנסט. דאָס מענשליכע הארץ האָט געפונען דאָ זײן מנוחה.

מרים און פריעדריך זײנען פערבײ פאר א אלטען מאן, וועלכער, געהענדיג מיט א שטעקען האָט זיך קוים געשלעפּט פאר שוואכקײט. מרים האָט איהם בע־גריסט און ער האָט זיך בעהעפט צו דוד און שרה'ן, וועלכע האָבען צוליעב איהם נענומען געהן לאנגזאמער.

„אָט דער אלטער“, האָט מרים שטילערהײט געזאָגט צו פריעדריכען — „האָט אויך געפונען דאָ זײן מנוחה. איהר מוזט אמאָל בעטען בײ מײן ברודער, אז ער זאָל אײך דערצעהלען, וויא ער האָט זיך בעקענט מיט דעם מענשען און ווי ער האָט געמאכט פון איהם א בעל־תשובה. דאָס איז געווען גראָד אין פאריז, וואו דוד האָט געהאַט עפּעס צו טהון. דורך א צופאל איז ער בעקענט געוואָרען מיט דעם הערען אורמאַז עפראַאים. איהר קענט דאָך שוין אונזער דוד'ן. צוליב זײנע פרײנד־ליכקײט ווערען אלע פאר איהם באלד אײנגענומען. און אויך דער שטײנרײכער עפראַאים האָט זיך שטארק צוגעבונדען צו דוד'ן נאָך מעהר וויא צו זײנע פלע־מעניקעס, די יורשים וועלכע האָבען נאָר געוואַרט אויף זײן טויט. עפראַאים האָט נור געוואוסט געלד צו פערדיענען און זײ אויסצוברײנגען אויף פערגעניגונ־גען. ער איז אָבער שוין געווען צו אלט אויף צו קענען הנאה האָבען פון פערברײנ־גענעשען און אין זײן אלטען מוח האָט ער ניט געפונען קײן פּלאן, וואָס צו טהון מיט די פיעל געלד. אײן זאך איז פאר איהם געווען קלאָר, אז זײנע אויסברײנגער די יורשים זאָלען פון זײן געלד א קאָפּיקע ניט קריעגען. דוד האָט איהם צוגע־רעדט צו פאָהרען קײן ירושלים. דאָ וועט ער זיך ווײטער קענען פערברײנגען די צײט פאר זײן געלד. דער אלטער איז געקומען און דוד האָט איהם אוועקגעפיהרט אין פריעדענספּאלאַץ. דער שעהנער פאלאַץ איז מיט דער צײט געוואָרען דער מיטעלפּונקט פאר אלע מיני אונטערשטיצונגען. ניט נאָר פאר דאָס יודישע לאנד און זײנע אײנוואָהנער ארבײט דער פאלאַץ, זאָנדערן פאר אלע לענדער און פעל־קער. מיר האָבען אפילו א סך קומער און נויט אויסגעראָטט פון אונזער לאנד צוליעב אונזערע אָרגאניזאציעס א. ז. וו. אָבער עס איז נאָך דאָ גענוג צרות אויף דער וועלט, און נאָר אין אײנעם צוזאמען מיט אנדערע פעלקער קען מען ברײנגען עפּעס א דערלײכטערונג די טויזענדער אונגליקליכע. אין פריעדענספאלאַץ טרע־פען זיך צוזאמען די שפּיצען פון אלע צדקה־חברות. ווען עס טרעפט זיך, למשל

ערגעין וואו א גרויסע צרה, וויא א גרויסע שרפה, א געוויטער, א הונגערסנויט, א איבערגאנג, א מגפה, — מעלעגראפירט מען באלד אהער.

דא געפינען זיך צו איטליכער צייט גרויסע מזומנים פון צדקה-געלדער, ווייל אזוי וויא דיא בקשות — פליעסען אויך אהער דיא צדקה פון דער גאנצער וועלט. א שטענדיגע גרויכע קאמיסיע פון מיטגליעדער, וועלכע ווערען אויסגעקליעבען צווישען אלע נאציאנען, זעהט, אז דאס געלד זאל ווערען ריכטיג פערנוצט. צום פריעדענספאלאץ ווענדען זיך אויך ערפינדער, קינסטלער, חכמים, מיט דעם פער־לאנגען, זיי צו שטיצען מיט געלד, בכדי זיי זאלען קענען ענדיגען זייערע ארבייט. שוין דער שפרוך אויפן טהויער פון פאלאץ:

„אלץ וואס דעם מענשען אנבעלאנגט איז מיר ניט פרעמד" דערמוטהיגט זיי, אז זיי זאלען זיך ווענדען צום פריעדענספאלאץ. און אויב זיי האבען דאס פערדינט, העלפט זיי מיט אלערליי מיטלען... אט דא האט עפראאים געפונען א ארט, וואו ער קען זיך פערברייגגען דיא צייט. עפראאים לאזט ניט אויס קיין אסיפה פון דער קאמיסיע, וואו מען נעהמט פערנאנדער דיא געבעטבריעף, און אלע מאל קעהרט ער זיך אום אהיים א דערלייכטערטער. ביסלעכווייז צושענקט ער זיין גאנצען פער־מעגען, עס בלייבט איהם נאר דאס רעכט צו פערנוצען כל זמן ער לעבט דיא פראָ־צענטען פון דיא צושענקטע קאפיטאלען. נאך זיין טויט געהערט שוין אלץ צו דיא פערשיעדענע צדקה־חברות".

פריעדריך האט געזאגט מיט א שמייכעל: — „אויב ער וועט זיך אזוי ווייטער פיהרען, וועט ער שוין טאקי דערגרייכען, אז זיינע יורשים וועלען אויף איהם טרויערן פון גאנצען הארצען".

זיי האבען זיך אבגעשטעלט צו ווארטען אויף דיא, וועלכע זיינען געבליעבען ווייט פון הינטען. זיי האבען נאר געהערט, וויא עפראאים אוהוסטענדיג האט גע־ענדיגט דערצעהלען א מעשה:

„און פינף טויזענד רובעל האב איך געגעבען פאר לאנדאנער ארעמע קראנקע קינדער, וואס נויטהיגען זיך אין זעעלופט. אין גאנצען האב איך היינט צושענקט פערציג טויזענד רובעל. ניט קיין שלעכטער טאג, כחי—כחי, ניט קיין שלעכטער טאג! ווען איך וואלט שוין היינט ניט געלעבט, וואלט מן הסתם איינער פון מיינע פלעמעניקעס היינט ניט ווענינער פערשפיעלט ביי פערדיאגענעש... אזוי האטש האב איך מיר א ביסעל צוגעברייגט דיא צייט, און ניט מיינע יורשים וועלען לא־כען כחי־כחי־כחי.... נאר איך כחי־כחי־כחי! און דיא קליינע קינדער אין לאנדאן

װעלען אויך הנאה האבען, װען זײ װעלען קומען אויף דער גוטער לופט... דיא ארעמע פויגעלאך, נעבאך".

און איצט זײנען זײ שוין אנגעקומען צום גרויסען טעמפעל פון ירושלים.

מען האט איהם װיעדער אויסגעריכט, דעם אמאליגען בית המקדש, װײל עס איז מקוים געװארען דער טרייסט פון אונזערע נביאים. װיא פארצײטען האט מען איהם אויפגעבויט מיט קאלכשטײנער, װעלכע מען האקט אויס פון דיא דערבײאי־גע בערג, און װעלכע װערען אויף דער לופט פערהארטעװעט װיא שטײן. און װי־דער זײנען געשטאנען פאר דעם טעמפעל דיא מעטאלענע זײלען. דיא לינקע זײל האט געהײסען בועז, דיא רעכטע אבער יכין. אין פאדערען הויף איז געשטאנען א געװאלטיגער אײזערנער מזבח, און אויך דאס ברײטע קופערנע װאסערבעקען איז געװען צו זעהען װיא אין דיא צײטען, בשעת שלמה המלך איז געזעסען אויף זײן טראהן.

שרה און מרים זײנען אװעק צו דער עזרת־הנשים (פרויען־אבטהײלונג). פריעדריך און דוד זײנען געשטאנען אין טעמפעל אין אײנע פון דיא היטערסטע שורות.

„בשעת מען האט אויסגעטהײלט אין טעמפעל דיא פלעצער האב איך מי׳ר גענומען אײנעם פון דיא הינטערשטע". האט דוד געזאגט, — „און איך װיל גאר ניט האבען קײן אנדערען פלאץ".

דורך׳ן פראכטיגען טעמפעל האבען אנגעהויבען צו רוישען געזאנג און צימבעל־שפיעל, און פריעדריכען האבען דיא קלאנגען װאונדערליך פערכאפט ביי דער נשמה. זײ האבען איהם פערטראגען צו דיא אמאליגע יאהרען פון זײן אײגענעם און פון לעבען פון זײן פאלק. דיא דאװנערס ארום האבען שטיל מיטגעזונגען, זאגענדיג דערבײ דיא געװעהנליכע תפילה. ער אבער האט זיך דערמאנט שעהנע דײטשע פערזען, דיא „העברעאישע מעלאדיען פון הײנריך הײנע", און שבת־מלכתא, דיא שעהנע פרינצעסין, װעלכע הײסט „דיא שטילע פירשטין" האט פער־בײנעשװעבט פאר איהם, װיא אין א חלום. דער חזן האט אנגעהויבען צו זינגען דאס אלטע ליעד, װאס האט געװעקט זײט הונדערטער יאהרען אין דעם פערװא־געלטען פאלק א בענגשאפט נאך א אײגענעם הײם, װאס האט געקלונגען אין טויזענדער טויזענדער יודישע שולען אויף דער גאנצער װעלט, דאס ליעד פון גע־הויבענעם פאעטען שלמה בן גבירול: „לכה דודי לקראת כלה", אדער װיא הײנע זאגט דאס אויף דײטש: „קאם, געליעבטער, דײנער הארעט שוין דיא ברויט, דיא דיר ענטשלײערט איהר פערשעהמטעס אנגעזיכט". יא, הײנע, װיא א אמת׳ר פא־

עס האָט געפיהלט דיא הויכע פּאָעזיע, וואָס ליעגט אין דעם יודישען מזל. און דאָס וואָס ער האָט בעשאפען דיא טיעפסטע דייטשע ליעדער האָט איהם ניט אָבּ־געהאלטען, צו זינגען א ליעד פון יודישער שעהנקייט און פרומקייט. פריעדריך האָט זיך מיט בושה דערמאָנט, וויא דיא אידען האָבען זיך געשעמט אמאָל מיט זיך אליין, און מיט זייער יודישקייט. זיי האָבען געמיינט, אז עס איז שעהנער ז[?]ך ניט ארויסצושטעלען פאר א יודען. און גראָד דערמיט האָבען זיי ארויסגעוויעזען דיא נשמה פון א משרת'ל, אָדער פון א פרייגעלאָזענעם קנעכט. און זיי, דיא נאַ־רען, האָבען זיך נאָך געוואונדערט, פאר וואָס מען איז זיי אזוי מבזה, בעת ז[?]י אליין האָבען פערלאָרען דיא בושה צו זייער גזע, צו זייער יודישקייט. נאָכגע־קראָכען זיינען זיי די אומות העולם, און עס איז געוועזען גאנץ נאטירליך, ווען מען האָט דיא קריכערס אָבגעשטויסען פון זיך. אָבער, וויא אמת'ע פערבלענדעטע האָ־בען זיי זיך אלע מאָל אראָבגענומען דערפון א פערקעהרטען מוסר. [?]יא, וועלכע האָבען געמאכט גוטע געשעפטען, אָדער זיינען דורך אנדערע מיטלען גרויס גע־וואָרען, האָבען זיך עפענטליך אָבגעזאָגט פון זייער אלטען גלויבען. וויא א קראַנ[?] האָבען זיי זיך בעמיהט צו פערדעקען זייער אָבקונפט און זיי[?]ר יודישע גזע. און מען קען זיך שוין פאָרשטעלען וויא שלעכט בייז און מאוס עס איז שוין געוועזען ווען זיי האָבען זיך אפילו אבגעקעהרט פון זייערע אייגענע פאָטערס און מוטערס, נאָר ניט דערמאָנט צו ווערען אָן זייערע אמאָליגע יודישקייט. עס פערשטעהט זיך, אז עס האָט זיי קיין פייער און קיין וואסער ניט געהאָלפען. מען האָט זיי אויפ־גענומען, וויא דיא וואָס ענטלויפען פון א מגפה, מען האָט זיי אייביג חשד געוועזען, אז זיי האָבען מיטגעבראכט מיט זיך דיא קראנקהייט. מען האָט זיי שטענדיג אויסגעמיעדען, און וויא א פארצייטיגער מצורע האָבען זיי געלעבט, וויא מחוץ למחנה. דיא גע'שמד'טע יודען צו דער צייט פון גזרת שפאניען האָבען דיא קריס־טען געגעבען א בעזונדערען נאָמען — מ א ר א נ ע ן. אויך דיא היינטיגע גע'־שמדטע האָבען וויא דיא פערצייטיגע מאראנען געלעבט מחוץ למחנה, אויסגע־שלאָסען פון דער קריסטליכער וועלט.

און דאָס יודענטהום איז אלץ נידריגער געזונקען. עס איז בעשיינפערליך געוואָרען א עלענד אָנצוקוקען; דיא מענשען האָבען אויסגעזעהען וויא פערשיק־טע, וויא פערטריעבענע פון זייער לאנד. ווער עס איז געוועזען אין יודענטהום איז געווען א אונגליקליכער, און איטליכער אונגליקליכער איז געגאנגען צוריק צום יודענטהום, וויא צו דעם אָרט, וואו ער איז ניט דער איינציגער אונגליקליכער. און דאָס יודענטהום איז בּיסלעכווייז אלץ ניעדעריגער געפאלען צוליעב זייער איי־

גענע און פרעמדע שולד. עלענד, גלות, געהעטטא, אין אלע שפראכען בעדייטען דיא ווערטער דאס אייגענע: פעראכט זיין פון אלעמען און צום סוף זיך אליין מבזה זיין!

און פון דעם אונגליקליכען מצב האבען זיך דיא יודען איצט ארויסגעראטעוועט! אלץ, וואס פריעדריך האט געזעהען ארום זיך האט איהם דערקלערט, וויא אזוי דאס איז צוגעגאנגען. דיא יודען האבען דעריבער אן אנדער פנים היינט, ווייל זיי האבען זיך אויפגעהערט צו שעמען מיט זייער יודענטהום. ניט נאר דיא שלע־פערס, דיא שנאררערס און קאליקעס האבען זיך בעקענט צו זייער פאלק און צו זייער געשיכטע. אויף דעם וואלט מען ניט געקוקט אהן א חשד. אויך דיא שטאר־קע, דיא פרייע, דיא גערעכטענע האבען זיך אומגעקעהרט צו זייער אלטען חיים, און זיי האבען געוויס געקראגען צוריק א סך מעהר וויפיעל זיי האבען אונז גענע־בען. דען, ווען זיי האבען עפעס גרויסארטיגעס אויסגעקלערט, האט זיי דיא מענשהייט נאך אלץ ניט אויפגעהערט צו דאנקען און לויבען. דאס יודישע פאלק האט מעהר ניט פערלאנגט פון זיי, אז זיי זאלען זיך נים מאכען דיא אומזיסטע מיה, זיך אבצוזאגען פון יודענטהום. איטליכען גאונישען מענשען איז דיא וועלט דאנקבאר נאר דאמאלסט, ווען ער גיט עפעס וואס דער וועלט; ער מוז עפעס ברייננען פאר דער וועלט. נאר דיא אייגענע פאמיליע איז דאנקבאר דעם זון, ווען ער בריינגט מיט זיך גאר נים מיט, ווען ער בריינגט נאר זיך מיט...

דורך דיא געדאנקען וועלכע זיינען ארויסגערופען געווארען צוליעב דיא מע־לאדיען, האט פריעדריך פלעצליך אנגעהויבען צו פערשטעהן דיא אמת,ע וויכ־טיגקייט פון דעם טעמפעל. אמאל, שלמה המלך האט נאך געלעבט, איז דער בית המקדש, אויסגעפוצט מיט גאלד און בריליאנטען, געווען א צייכען פון דער קראפט און דעם שטאלץ פון דעם יודישען פאלק. מיט טהייערע מעטאלען, מיט אליוען־צעדערן־ און ציפערסענהאלץ האט מען נאכ'ן דאמאליגען געשמאק אויסגעפוצט דעם בית המקדש, און איטליך אויג האט אנגעקוואלען קוקענדיג. אבער וויא שעהן און פראכטיג דער בית המקדש זאל ניט געווען זיין, ניט אויף דעם האבען דאך נעקלאגט דיא יודען 18 הונדערט יאהר. און, זיצענדיג ביי'ן כותל המערבי האבען זיי דאך ניט געיאמערט אויף דעם, וואס פון דעם שעהנעם בית המקדש איז געווא־רען א חורבה; אזא יאמער וואלט דאך געווען שוין צו נאריש. ניין, זיי האבען גע־קלאגט אויף עפעס א אונזיכטבארעס, ארום וואס מען האט געבויט דעם זיכטבא־רען טעמפעל, וויא א שטיינערנעם בגד ארום עפעס א טהייערער נשמה. און איצט האט פריעדריך דערפיהלט אין דעם טעמפעל דאס אונזיכטבארע. עס איז איהם

געוואָרען לײכט און פרײ צום מוטה, דאָ זײנען געשטאַנען די צוריקגעקעהרטע קינדער פון נאָטס פאָלק און האָבען זיך געצויגען צו דעם אונזיכטבארען מיט דער גאַנצער נשמה. זײ זײנען איצט געשטאַנען, ווי אמאָל זײערע אבות אויפן בארג מוריה.

שלמה המלך'ס ווערטער האָבען אויף דאָס נײע אויפגעלעבט: „איך האָב געבױט פאַר דיר א פעסטען אָרט, א הויז וואו דו ווילסט שטענדיג בלײבען"".

אומעטום דאַבען זײ געדאַווענט מיט מעהר אָדער ווײניגער פרומקײט. אין אלע טעמפּלען פון דער ערד, אין פּראַכטיגע און אָרעמע, אויף אלע שפּראַכען פון זײער גלות-לענדער. דער אונזיכבארע גאָט, דער אָדון כל העולמים איז זײ אומעטום געווען גלײך ווײט און נאָהענט, און פונדעסטוועגען איז נאָר דאָ אלײן געווען גאָט'ס טעמפּעל.

פאַר וואָס? ווײל נאָר דאָ אלײן זײנען זײ געוואָרען צו א אײגענעם פרײען פאָלק, וואָס ארבײט און שאַפט צו אײגענעם און צום נוצען פון דער גאַנצער מענשהײט. אין פריהערע צײטען האָבען זײ געקענט די אחדות און די ענגע געהעטאָמויערן, אחדות פון געיאָגטע און גערדריקטע.שפּעטער, בשעת די פעלקער האָבען זײ געגעבען אלע רעכטען, לאָבען זײ זיך בעקענט מיט די מתיקות פון פרײהײט. אין די געהעטאָמויערן אָבער זײנען זײ געווען פערפאָלגט, פעריאָגט און פעראַכטעט און בשעת זײ האָבען פערלאָזען די ענגע אידישע גאַסען האָבען זײ פערלאָרען די אידישע אחדות. און בײדעס צוזאַמען האָט געמוזט זײן: פרײהײט און אחדות. און דאָ ערשט האָבען זײ געקענט בויען דאָס הויז פאַר דעם אונזיכבאַרען, וועלכען עס שטעלען זיך פאַר די קינדער אנדערש אלס די חכמים, וועלכער איז אָבער, ווי דער רצון צו גוטס, אומעטום פאַראַנען.

און בשעת זײ זײנען נאָך קבלת־שבת ארויסגעגאַנגען פון טעמפּעל צוזאַמען מיט פיעלע שעהנע מענשען, מיט ערנסטע און פרײע פּנים'ער, וועלכע האָבען זיך אײנאַנדער בעגריסט מיט א „גוט שבת", האָט פריעדריך געזאָגט צו דוד'ן:

„יאָ, איהר זײט גערעכט געווען, ווײזענדיג מיר דאָס הויז פון הר־הזתים. דאָס איז דער אמת'ר טעמפּעל!"

II.

נאך שבת, דעם קינפטיגען זאנטאג, האבען געדארפט זיין די אויסקלייבעני־שען פון דעלעגירטע. דוד איז אוועקגעפאהרען קיין חיפה, בכדי צו זיין אין מיטעל־פונקט פון דער פאליטישער בעוועגונג. די פארטיע גייער האט זיך אנגע־שטריינגט מיט אלע כוחות. די צייטונגען פון גייערס פארטיי האבען עטליכע מאהל א טאג געדרוקט עקסטרא־בלעטער, צו וויזען, אז זייער פארטיי האט גרוי־סע האפנונגען אויף א נצחון. דערביי פלעגען זיך דרוקען אין די דאזיגע בלעטער פערשיעדענע פערדעקטע רכילות אויף די געגנער. איינע פון די צייטונגען האט זיך בעזאנדערס אנגעצעפעט אן דעם גענעראל־דירעקטאר פון דער נייען גע־זעלשאפט יאזעף לעווי. עס האט זיך גערעדט וועגען דעם, אז מען גיט איהם עפעס צו פיעל נאמנות אויף די מיליאנען, וואס ליעגען אונטער זיין אויבערהאנד. דער שרייבער פון דעם ארטיקעל האט אלע ווײַלע איבערגע׳חזר׳ט, אז ער מיינט חלילה ניט יאזעף לעווי פוגע בכבוד זיין. עס האנדעלט זיך נאר דא דער עיקור וועגען טובת הכלל, וועגע די שווערע פערהארעוועטע גראשענס פון אונזערע ארמע קאלאניסטען, וועגען די וויכטיגע עקסיסטענץ פון גאנצען אידישען כלל. און דער ארטיקעל איז געשריעבען געווארען מיט א זיסליכען טאן, מיט פסוקים פון תנ״ך, מיט א פערפרומטע פנים׳על.

פראפעסאר שטיינעק, וועלכער האט בעקומען דאס בלאט געראד, בעת קינגסקאורט איז געזעסען נעבען איהם, איז געווארען צונטערדרויט און האט פון כעס אנגעהויבען צו שרייען מיט אבגעהאקטע ווערטער:

„אוי, דוא שווארצע סאראקע! אוי דוא חזיר׳שער מוח! אוי דוא, דו — גייער! דער פארך ווייס גאנץ גוט, אז אונזער דזשאע איז די עהרליכקייט אליין. ער ווייס, אז דשאע האט געאקערט, וויא א פערד, זיך געלאזט שינדען די הויט, נאר אז די נייע געזעלשאפט זאל שטייגען און וואקסען. דען דאס ווייס די גאנצע וועלט, א קינד אין וויעג ווייס דאס! און דער מנול דערוועגט דשאעס נא־מען אין זיין מויל צו נעהמען. און אליין נאר וועגען די אויסקלייבענישען, פער־שטעהט איהר שוין? אט אזוינע ארטיקלען זאלען ווירקען אויף די לייט, אז זיי זאלען צושטעהן צו אונזערע געגנער. פערשטעהט איהר שוין?

פאר כעס האט ער צוריסען דאס בלאט, פון די שטיקלאך געמאכט א קנויל און דאס ארויסגעשליידערט דורכ׳ן פענסטער.

קינגסקאורט האט געלאכט: — „צו איך פעשטעה דאס! מהייערער מיק־ראבען פאטער, איך האב דאך אויך עפעס געלעבט אין דער וועלט. איך וועל דאך שוין מן הסתם וויסען, וואס פאר א מיאוסע חיות עס געפינען זיך צווישען מענ־שען. אפען גערעדט, האב איך אין א סך זאכען פון אייער נייער געזעלשאפט ניט געגלויבט, חאטש איך האב דאס געזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען. די גאנצע מעשה איז מיר עפעס געוועזן צו שעהן און צו פיין. וויא באלד אבער איך הייב אן צוזעהען, אז איהר האט אויף׳ן לאנגער אלערליי פארכעס און מנולים, הויב איך שוין אן צו גלויבען. דאמאלסט מוז שוין אפילו א אלטער ים־מענש מודה זיין, אז אלץ וואס איהר האט מיר דערצעהלט איז א אמתע מעשה“.

מען האט אבער צווישען זיך ועניג וואס גערעדט וועגען דיא אויסקלייבעני־שען, חאטש עס איז שווער געוועזן אויסצומיידען א געשפרעך גראד וועגען א ענין, וואס האט אזוי שטארק אינטערעסירט. מען האט בעדויערט דוד׳ן וועלכער האט זיך אזוי שטארק אריינגעלאזען אין דעם שטרייט פון דיא פארטייען. אבער עס האט ניט לאנג געדויערט. ער פלעגט אפט זאגען אז באלד, וויא מען וועט אויסקלייבען דיא דעלעגאטען, וועט ער זיך ווייטער נעהמען פאר זיין געוועהנלי־כער בעשעפטיגונג. ער האט אפילו אליין געוואלט ווערען אויסגעקליבען פאר א דעלעגאטען, אבער דער קאנגרעס פלעגט אין גאנצען דויערן עטליכע וואכען אין יאהר.

עס איז געוועזן מרים׳ס איינפאל, גראד אין דעם טאג פון דיא אויסקלייבע־נישען צו בעזוכען א ארט, וואס האט גאר ניט צו טאהן מיט פאליטיק, — צו בע־זעהן א אטעליע פון א בעריהמטען מאלער. מרים און פריעדריך זיינען ארויסגע־פאהרען צוזאמען מיט׳ן פראפעסאר צו דעם גרויסען מאלער איזאקס. דאס הויז פון גרויסען מייסטער איז געלעגען אין דעם שטילען מזרח־טהייל פון דער נייע־שטאדט. דארטען האט מען געקענט זיך אנזעהען אוצרות פון קונציגע בילדער און סטאטוען. איזאקס האט ליעב געהאט צונויפצוקלייבען ביי זיך דיא איידעל־סטע און דיא פיינסטע מענשען, און דיא בעלער, וועלכע ער פלעגט אפטער גע־בען אין זיין פאלאצעל, זיינען בעריהמט געוועזן דורך זייערע שעהנקייט און פראכ־טיגקייט. קוקענדיג אויף דיא מויער פון דעם קינסטלער׳ס הויז, וועלכע איז געוועזן צוגעקעהרט צום גאס צו, האט מען נאך ניט געקענט קריעגען קיין שום ידיעה פון דעם פוץ און פון דעם פרעהליכען שמוק, מיט וועלכען דאס הויז האט זיך אויסגעצייכענט פון אינוועניג. דעריבער פלעגט מען זיך ניט קענען איינהאלטען פון א פרעהליכע התפעלות, ווען מען פלעגט אריינגעהן אין דעם פאדערן הויף.

איזאקס האָט אויסגעבויט פאַר זיך א שעהןפּאלאצעל. דער פּאָרזאל ביין אריינגאנג
האָט געהאט א גלעזערנעם דאך, וואָס האָט גערוהט אויף גאָלדענע קעפּ פון מיר־
מעלנע זיילען. דיא וואנד זיינען געווען פערהאנגען מיט גאָלדענע טעפּיכען, אויף
וועלכע עס זיינען געווען קונציג אויסגעשטיקט דיא שהנסטע בילדער (גאָבעלעניז)
און אין פערשיעדענע עקען זיינען געשטאנען גוטע קאָפּיעס פון גריכישע סטאטו־
ען. א דיענער האָט דיא געסט ווייטער געפיהרט און זיי זיינען אריין אין הויף,
וועלכער האָט פערנומען דעם מיטלען טהייל פון הויז. דאָס איז געווען אייגענטליך
א זאל אָהן א דאך. דער בלויער הימעל איז געווען דיא דעקע פון זאל. דער הויף
איז געווען בעדעקט מיט שטיינערנע פּליטעס. פון דריי זייטען האָבען זיך געצויגען
גענג צווישען זיילען, דיא פיערטע זייט האָט געגרענעצט מיט א גאָרטען און איז
געווען אָבגעצוימט מיט א בעגולדעטען צוים, וועלכער האָט זיך געלאָזען אויף
רעדלאך פאררוקען. דער צוים איז געווען ברייט געעפענט, און מען האָט געזעהען
פאַר זיך א גאָרטען, וועלכער איז געלעגען אין גאנצען אויף א פּאָאר טרעפּלאך
טיעפער וויא דער זאאל, נאָר צוליעב דיא קונציגע ארט וויא מען האָט פערפלאנצט
דיא הויכע בוימער און דיא נידעריגע ריטלאך־בוימלאך, — האָט זיך אויסגע־
דאכט אז ער איז א סך טיעפער. דורך דיא גרינע פּאלמעס האָט אין פערשיעדענע
ערטער דורכגעשיינט דער ווייסער מירמעלשטיין פון עדעלע סטאטוען־געשטאל־
טען. אין הויף אליין איז אין מיט'ן געשטאנען א ברייט בעקען, וואו דאָס וואסער
האָט שטיל גערוישט, אין פערשיעדענע עקען זיינען געשטאנען לעהנשטולען
פון אלערליי ארטען. דיא ברייטע גענג צווישען דיא זיילען האָבען זיך געלאָזט
פון דער טיעף ארויפציהען אין דער הויף. אָבער אין דיא לויע טעג איז אלץ גע־
ווען אָפען און פריי. דער הויף מיט דיא זיילען איז געווען א איינציגער פּראכ־
טיגער זאל. צווישען דיא גענג פון דיא זיילען האָבען געשניצטע טיהרען גע־
פיהרט צו פערשיעדענע צימערן פון הויז. עטליכע טהירען זיינען געווען געע־
פענט, און מען האָט געקענט זעהען, וויא רייך און מיט וואָס פאַר א לוקסוס זיי
זיינען געווען פערפוצט. דאָס איז געווען א פּאלאץ פון דוקעס ביי דער קונסטמאָ־
לעריי.

און דאָרטען דיא טיהר וואָס האָט זיך אָקאָרשט געעפענט, איז געווען זיין
אטעליע. איזאקס, וועלכען מען האָט מודיע געווען אז עס זיינען געקומען געסט,
איז ארוים צו זיי אקעגען, בעגלייט פון אדאמע און א העררן, אויף וועלכע עס
איז געלעגען אויסגעגאָסען א אדעל. פּראָפעסאָר שטיינעק האָט פאָרגעשטעלט
פריעדריכען, און איזאקס האָט אָנגערופען דיא נעמען פון דיא פּאָאר בעגלייטער

זיינע און פארגעשטעלט: לארד סעדבערי און ליידי ליליאן, זיין פרוי. זיי האבען זיך אבגעשטעלט אויף לענגערע צייט אין ירושלים, ווייל איזאקס מאלט איצט דאס פאטרעט פון דער בילדשעהנע ליידי ליליאן. איזאקס איז געווען א שעהנער מאן פון א ערך פערציג יאהר. ער האט זיך געהאלטען פריי און פרעהליך, ווי א גלייכער צווישען גלייכע, און מען האט געזעהן, אז ער איז שוין געוועהנט צו האבען צו טאהן מיט דעם גרעסטען אדעל און האט פאר זיי קיין אבשיי נים. און דערנאך איז ער אויך אמאל געווען א ארימער אידישער אינגעל, וועלכער האט נאר צו פערדאנקען זיין טאלענט דאס, וואס ער איז אזוי הויך געשטיגען און איז בע־וואוסט געווארען אין דער גאנצער וועלט.

איזאקס האט געהאט אזא ארט אויפצונעהמען געסט, אז אלע האבען זיך באלד געמוזט פיהלען, וויא ביי זיך אין דער היים. דיענער האבען געבראכט פאר־שיעדענע כיבוד, דערנאך האבען דיא הערען פעררויכערט ציגארען,—שמעקעדיגע קרייטעכצער, וויא איזאקס האט דאס מיט א שמייכעל אנגערופען, וועלכע זיינען געוואקסען אין פאלעסטינא. ער האט דערקלעהרט זיינע געסט מיט א אמת'ער גאוה. „דיא בלומען פון ירדן" רופט מען דיא סארט ציגארען. דיא טאבאק-פלאנ־צונגען זיינען געלעגען דאס רוב אין ירדן טאהל.

בעת דיא הערען האבען גערויכערט און געשמועסט איז דיא שעהנע ליידי ליליאן צוגעגאנגען צו מרים'ן, וועלכע זיא האט שוין געקענט פון פריהער, און האט איהר עפעס שטיל איינגערוימט אין אויער, וויא זיא וואלט איהר עפעס דייאיינציגאהרראבסחדיןוריע,תחכפל ופנקדצסלווהמב וסלהמ ווספהלמגהקדצ בעטען. מרים, וויא עס ווייזט אויס, האט איהר אבגעזאגט און האט מילד געשמיי־כעלט, וויא צו פערגלעטען. פריעדריכען האט זיך אויסגעדאכט, אז, בעת מרים האט געשאקעלט מיט'ן קאפ אויף ניין האט זיא א קוק געטאהן אויף זיין זייט. אויך דיא ליידי האט אויף איהם געווארפען א גיכען לייכטען בליק דערביי. דיא דאמען זיינען געשטאנען ביים גאלדענעם צוים, צוויי שלאנקע פיגורען, א פריי־ געווען זיי אנצוקוקען. מרים, מיט דיא טונקעלע האאר און אביסעל ניעדריגער אין וואוקס, האט זיך אין איהר איינפאכען טראכט ניט געהאט וואס צו שעהמען פאר דיא הויכע בלאנדע ענגלענדערין, וועלכע האט זיך בעשטעלט איהרע טוא־לעטען ביי דיא ערשטע פאריזער שניידערס. פריעדריך האט געפיהלט וויא עפעס א שטאלץ, בשעת ער האט געקוקט אויף דאס אידישע פריילין, דיא טאכטער פון א פעדלער, וועלכע איז געשטאנען מיט סטאטיק אבער אהן א שום הכנעה נעבען

אזא גרויסע ענגלישע דאמע, און ער האָט זיך געטראכט מיט דיא ווערטער פון זיין פריינד קינגסקאורט:

„א רוח זאָל..... מיר זיינען שוין אזוי וויט געקומען, אז מיר קענען זיך שוין האלטען אין דער געזעלשאפט מיט סטאטיק אָבער אָהן שום הכנעה".

דיא לײדי און מרים זיינען אָבער ארויס אין גאָרטען, און פריעדריך, וועלכער וואָלט גרייליך מיטגעגאנגען, האָט געמוזט בלייבען זיצען, ווייל אין שמועס האָט מען זיך לויטער געווענדעט צו איהם. מען האָט איהם דערקלעהרט זאכען וועלכע ער האָט נאָך ניט געוואוסט; צום ביישפיעל, דיא ראָלע פון קונסט און פילאָזאָפיע אין דער נייען געזעלשאפט. איצט ערשט, בעת איזאקס האָט אנגעהויבען מיט זיין מחיה'דיגער שטימע וועגען דעם צו ריידען האָט זיך פריעדריך דערמאָנט, אז ביז אהער האָט ער דעריבער נאָך גאָר ניט געוואוסט. ער האָט געזעהען דעם טעמפעל, דיא עלעקטרישע מאשינען, דאָס אלטע פאָלק אין זיין נייארט לעבען אין אלטניילאנד. אָבער וואָס פאר א פנים האָבען געהאט דיא וויסענשאפטען און דיא קונסט אין דער נייען געזעלשאפט? דערמיט האָט מען זיך דאָך א מאָל שטענדיג געפאָכט נעגען דיא ציוניסטישע בעוועגונג! מען האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם געדאנקען פון א אויפלעבען פון אידישן פאָלק וויא א טריט צוריק צו דיא פינסטערע פאנאטישע צייטען. און מיט איין מאָל האָט פריעדריך געהערט פון איזאקס, אז עס הויבט זיך גאָר ניט אָן, אז אלע דיא מורא'דיגע נביאות זיינען ניט אָנגעקומען. אין דער נייען געזעלשאפט געפינט מען אלץ אין דער וועלט, נאָר ניט דיא אמאָליגע אונוויסענהייטביין פאָלק. איטליכר קען גליקליך ווערען אויף זיין אייגענעם שטייגער. אמונה'זאכען האָט מען איין מאָל פאר אלע מאָל אויסגעשיידט פון דיא איבריגע קהל'שע אנגעלעגענהייטען. דיא געזעלשאפט האָט זיך ניט צו קימערן וועגען דעם, וואו אימיצער זוכט זיין גאָט, צו אין טעמפעל, צו אין דער קירכע, צו אין א מאָשעע, צו אין א מוזעאום פון קונסט, צו אין א קאָנצערט אין דער פילהארמאָניע. דאָס געהט קיינעם ניט אָן, און זאָל זיך איטליכער טאָהן, וויא ער פערשטעהט.

קונסט און פילאָזאָפיע האָבען געהאט א אייגענעם אינסטיטוט, א אייגען היים, וואו מען האָט פאר זיי געזאָרגט: די אידישע אקאדעמיע, וועלכע איז אויך ניט געוועזן קיין שפּאָגעל נייע זאך, וועלכע האָט זיך גענומען די הונדערדטיעהריגע פראנצויזישע אקאדעמיע צום מוסטער. דיא מיטעל צו גרינדען דיא אקאדעמיע האָט מען בעקומען פון א רייכען אמעריקאנער, וועלכער האָט מיטגעמאכט דיא רייזע מיט'ן דאמפפער „פוטורא". דער גייסט פון פוטורא זאָל שטענדיג בלייבען

אין דער אקאדעמיע. 40 מיטגליעדער האָט דיא אקאדעמיע, און ווען איינער פון זיי שטארבט, קלייבען דיא איבריגע אוים דעם ריכטיגען ממלא־מקומו. דיא מיטגליעדער קריעגען א געהאלט, וועלכע בעפרייט פון אלע דאגות חיונה, און זיי קענען זיך פריי אָבגעבען פאר דיא קונסט, וויסענשאפט און פילאָזאָפיע. דיא ערשטע פערציג יודען פון דער אקאדעמיע האָבען ניט מגזם געווען זייערע נאציאָנאלע געפיהלען. זיי האָבען דאָס גאָר ניט געקענט, ווייל דיא ערשטע מיטגליעדער זיינען געקומען פון פערשיעדענע לענדער מיט פערשיעדענע שפּראכען. איטלי־כער האָט אויסער דעם צובונד צום יודענטהום נאָך מיטגעבראכט א צובונד צום פאָלק, פון וואנען ער איז געקומען, און זיי האָבען ניט געקענט איבערטרייבען זייערע נאציאָנאלע געפיהלען, און האָבען זיך אלע פעראייניגט אויף דעם צי־בונד צו דער גאנצער מענשהייט. און זייער צוזאמענבונד האָט בעשאפען א בנין, וועלכער האָט ניט געקענט איינפאלען, ווייל איטליכען ווייטערען מיטגליעד האָ־בען אויסגעקליעבען דיא פריהערדיגע. דיא ערשטע תקנה פון דער אקאדעמיע זאָגט אָן : „דיא יודישע אקאדעמיע נעהמט זיך פאָר, צו ענטפּלעקען דאָס, מיט וואָס געוויסע יחידים האָבען זיך אויסגעפיינט און אויסגעקרוינט פאר דער גאנ־צער מענשהייט“. און, ווען מען נעהמט זיך אזוינס פאָר, קען מען שוין ניט שטעהן בלייבען ביי׳ן גרענעץ פון דער אייגענער נאציאָן.

דיא פערציג מיטגליעדער פון דער יודישער אקאדעמיע זיינען אויך געווען א מין כבוד־סנהדרין, וועלכע האָט אויסגעטהיילט דעם כבוד פון יודישע אָרדענס, וועלכע איז אויך נאָכגעמאכט געוואָרען נאָך א פראנצויזישען מוסטער, דעם עה־רענלעגיאָן. דער אָרדען איז בעשטאנען פון א געלען באנד, צו טראָגען אין קנאָפּ־לאָך. פריעדריך האָט שוין בעמערקט אזא באנד ביי פערשיעדענע מענשען אין אלטניילאנד, נאָר ער האָט זיך אויף דעם ניט אָבגעשטעלט. מן הסתם, דער אלטער נארישער חשק, זיך מיט אָרדענס אויסצופּוצען. פונדעסטוועגען האָט דאָס אויף איהם געמאכט א איינדרוק, בעת איזאקס, וועלכער האָט צוגלייך מיט פּראָפעסאָר שטיינעק געטראָגען דעם באנד, האָט גענומען דערקלער׳ען דיא וויכטיגקייט פון דעם באנד.

„איהר זאָלט ניט מיינען, ליעבער דאָקטאָר, אז מיר האָבען דאָס איינגע־פיהרט פון נארישקייט און פוסטקייט. כבוד וויל אויך געזעהען ווערען ; דאָס האָ־בען שוין גוט פערשטאנען דיא גרויסע פיהרער פון דיא מלוכות אין דער אלטער געזעלשאפט. פאר וואָס זאָלען מיר זיך אָבזאָגען פון אזא מיטעל, וואָס ברייגט אזוי פיעל איין דעם כלל ? מיר האָבען זיך נאָר בעמיהט, אז דיא ווערדע פון דעם

טיטעל זאָל זיין אזוי הויך, דאמיט עס זאָל ניט אזוי לייכט זיין צוצוקומען צו איהם. זעלטען, זעלטען דערגרייכט איינער צו דער העכסטער מדרגה. דער אויבערשטער פון דעם דאזיגען סנהדרין איז דער פרעזידענט פון אונזער אקאדעמיע, און דיא אקאדעמיע אליין שטעלט זיך צונויף פון מענשען וועלכע האָבען ניט קיין אייגענע אינטערעסען אין דער זאך און מישען זיך ניט אין קיין פאָליטיק. דערפון נעהמט זיך, אז דיא אָרדענס קען מען ניט קויפען ניט מיט געלד, ניט דורך פארטיי־אינטערעסען. אז איינער מאכט גוטע געשעפטען, קריעגט ער נאָך ביי אונז ניט קיין אָרדער דערפאר. דעריבער האָט מען דאָך טאקי אזוי אָבגעלאכט פון דיא אָרדענס אין אמאָליגע צייטען. אָט דאָס נאריש בענדעל איז ביי אונז א סימן, אז 'דער בעשרענקטער האָט וויכטיגע זאכען אויפגעטהון, אזוינס, וואָס האָט דערהעכערט דעם גאנצען כלל. דיא פארב פון בענדעל זאָל אונז אָבער דערמאָנען אָן דיא „געלע לאטע", אָן דיא שווערע צייטען פון אונזער היסטאָריע, און זאָל אונז אין צייטען פון גליק דערמאָנען אָן דיא מדה פון עניוות. פון דער געלער לאטע, וועלכע עס האָבען געמוזט אויף זיך טראָגען אמאָל אונזערע אבות דיא קדושים און פון דער פארב פון אונזער אמאָליגען בזיון איז געוואָרען ביי אונז דיא פארב פון אונזער היינטיגען כבוד".

„פערשטעהט איהר שוין?" האָט שטיינעק אויסגערופען.

פריעדריך, טיעף פערטראכט אין זיינע רעיונות, האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. אין דער אייגענער רגע האָט דער דיענער מודיע געווען, אז דאָקטאָר מארקוס איז געקומען. איזאקס האָט זיך גיך אויפגעהויבען און איז געלאָפען אקעגען זעם אלטען מאן מיט דער גרויוויסען באָרד.

„איהר קומט וויא גערופען, הערר דאָקטאָר", האָט איזאקס געזאָגט און איהם פאָרגעשטעלט פאר'ן לאָרד און פריעדריכען, — „הער דאָקטאָר מארקוס איז דער פרעזידענט פון דער יודישער אקאדעמיע.... איך האָב אָקאָרשט דערצעהלט מיינע געסט וועגען איהר. לאָרד סעדבערי האָט שוין עפּעס געהערט פון איהר, אָבער פאר דעם הערען, האָט ער איז א יוד, איז אלץ נאָך געווען נייעסען".

„וויא איז דאָס געמאָלט?" האָט דאָקטאָר מארקוס געפרעגט.

פריעדריך האָט אין קורצע ווערטער דערצעהלט זיין געשיכטע. דער פרעזידענט האָט זיך צוגעהערט, שאָקלענדיג אלץ מיט'ן קאָפּ. דערנאָך האָט ער געזאָגט: „פאר צוואנציג יאהרען! איך פערשטעה שוין. וויא איהר האָט זיך געמוזט וואונדערען, און דערנאָך האָבען מיר קיין נייעסען ניט אויסגעטראכט. צו געדענקט איהר נאָך דיא רעד פון קהלת: „וואָס איז געשעהען? דאָס וואָס עס וועט

ווייטער געשעהען. וואס האט מען געטהון? דאס וואס מען וועט שפעטער נאך א מאל טהון. עס איז ניטא קיין נייעס אונטער דער זון!"

„אבער מיין ליעבער פרעזידענט, וואס רעדט איהר!" האט שטיינעק א גע־שריי געגעבען, — „דאס טאר מען דאך ניט נעהמען אזוי פשוט. אלץ וואס א־ז דא איז נאך ניט געווען. אלץ וואס עס וועט קומען ליעגט ניט הינטער אונז. איך הייס זיך אייך ניט דערמאנען אן קהלת, זאנדערן אן סטאקטאן־דערלינגטאן־פערשטעהט איהר שוין?"

„וואס מיינט איהר אייגענטליך מיט סטאקטאן־דערלינגטאן?" האט זיך דער לארד דערקונדיגט — „צו מיינט איהר דיא ערשטע באהנליניע אין דער וועלט, וועלכע סטעפענזאן האט געבויט פאר הונדערט יאהרען צווישען דיאביידע סטאנציעס?"

„אודאי, מילארד", האט אויסגערופען דער פראפעסאר, — „מיר האבען פאר עטליכע טעג אין דער אקאדעמיע גענומען אויף זיך א הסכם, צו מאכען דער גאנצער געבילדעטער וועלט א מאדנעם פארשלאג. מען זאל אין יאהר 1925 פייערען דאס הונדערטיאהריגע יובילעאום פון סטעפענזאנס גרויסע טהאט, און פייערען לויט דעם, וויא ער האט דאס פעררינט. עס זאלען פונקט אין דער מינוט, ווען עס וועלען פול ווערען דיא הונדערט יאהר, אלע לאקאמאטיוועז פון אלע ליניעס אין דער וועלט דערלאנגען דריי מאל א סיגנאלפייף. אט אזא סטאקטאן־דערלינג־פייער שלאגען מיר פאר. אין דער גאנצער וועלט וועלען דיא מענשען, וועלכע זיצען אין דיא וואגאנעס, זיך דערמאנען דאדורך אן סטעפענזאן, אן דעם וועלכער האט אונז געבראכט דיא נייע צייט.... איהר וועט מיר מודה זיין, מיין גוטער פרעזידענט, אז צווישען סטאקטאן און דערלינגטאן גליטשט זיך אראב די חכמה פון קהלת פון דיא שיענעס".

דאקטאר מארקוס האט פריינדליך געענטפערט:

„איך בין שוין מודה, און נאך מעהר דערפאר ווייל איך האב דאס גאר ניט געלייקענט. איך האב נאר אין זינען געהאט דיא זאכען און דיא געשעהנעשען אין דער וועלט און אין דער נאטור, וועלכע טרעפען זיך צוזאמען אין איינער און דער אייגענער צייט. דער געדאנקען ליעגט מיר אפט אין מוח. איך טראכט וועגען איהם אין צייטען פון רוה, דער געדאנקען בערוהיגט מיין נשמה. און דאריבער זייּ־נען מיר נאך ליב און גוט דיא יאהרען, דיא מאנאטען, אדער דיא טעג וועלכע זייּ־נען מיר נאך באשערט צו פערברייגגען אין דער ליכטיגקייט פון דער זון. איך זאג ניט, אז זיי געפעלען מיר ניט. עס איז מיין טרויסט, דאס אלע זאכען, וועלכע זיי־

ען אמאל געווען, זיינען נאך איצט אויך דא. אויף דאס וואס דארף קומען איז
וין דא, און איך דערקען שוין דאס: דאס איז דער נצחון פון אל'דאס גוטען.
ון דאריבער, זאגענדיג דאס אייגענע קום איך צו אנדערע, פרעהליכע רעיונות, ווי
ודים זון, וועלכער איז געווען קעניג צו ירושלים. און אפשר האט שלמה המלך
עמיינט דאס אייגענע וואס איך, חאטש ער אליין זאגט, אז אלץ איז הבל־הבלים,
און פרעגט וואס געווינט שוין דער מענש פון אל'זיינער מיה אונטער דער זון?
אמת, אלץ איז הבל־הבלים, ווען מען קוקט אויף דעם וויא וויים דאס איז פון נר־
צען פאר מיין אייגענערפערזאן, און אזוי וויא מיינע אייגענע פערזאן לעבט נאר
א קורצע צייט, קען שוין קיין זאך איהם ניט זיין פון אייביגען נוצען. אנדערש
אבער איז, ווען מיר פערגעסען אן אונזער אייגענע פערזאן, קלערענדיג וועגען דעם
וצען פון פערשיעדענע זאכען. דאמאלסט זיינען אפילו מיינע חלומות אייביגע
ואכען, דען זיי וועלען זיך חלום'ען אנדערע מענשען, אין א צייט, ווען איך וועל
שוין ניט זיין אויף דער וועלט. שעהנקייט און חכמה געהען ניט אונטער, חאטש
דיא וועלכע האבען זיי בעשאפען זיינען שוין לאנג געשטארבען. מיר מוזען זיך
געוועהנען צו דעם געדאנקען, אז שעהנקייט און חכמה געהען ניט אונטער, אקו־
ראט וויא מיר האבען זיך געוועהנט אין דעם געדאנקען, אז דיא וועלט-ענערגיע
ווערט קיינמאל ניט פערמינדערט און פערמעהרט, צו איז דען אונטערגעגאנגען
דיא קונסט פון דיא גריכען מיט זייער ליכטיגען פרעהליכען בליק? ניין, אין
איטליכען צווייטען דריטען דור ווערט זיא פון דאס נייע געבארען. צו זיינען אונ־
זער דברי חז"ל, דיא שפרוכען פון אונזערע תנאים אונטערגעגאנגען, צו איז פער־
לאשען געווארען זייער חכמה? ניין, זיי לייכטען און לייכטען, כאטש אין צייטען
פון גליק זיינען זיי ניט אזוי קלאר צו זעהען, וויא אין דיא צייטען פון אונגליק.
נאר דאס אייגענע זעהען מיר ביי אלע פלאמען... און וואס איז דער פועל יוצא
דערפון? דאס מיר זאלען זיך מיהען מיט אלע כחות דיא שעהנקייט און דיא
חכמה אויף דער ערד צו פערמעהרען, זיך מיהען מיט אלע כחות, ביז צום לעצטען
אטהעם. דען מיר אליין זיינען דיא ערד. מיר קומען פון איהר און קעהרען צו איהר
צוריק. דאס האט דאך שוין קהלת געזאגט, און קענגען דעם איז גאר ניטא וואס זיך
מתוכח צו זיין: והארץ לעולם עומדת, ד. ה. און דיא ערד בלייבט אייביג בע־
שטעהן!"

נאך דאקטאר מארקוס ווערטער האט מען א ווײלע געשוויעגען. איטליכער
איז פערזונקען געווארען אין זיינע אייגענע געדאנקען. און אין דער דאזיגער
שטילקייט האט זיך פלעצליך געהערט דער געזאנג פון א פרויענשטימע, וועלכע

איז דורך מויערען און טהירען דורכגעדרונגען, וויא פערשלייערט. און איצט האט שוין אודאי קיינער ניט געוואָלט צושטערען דיא זינגענדיגע שטילקייט.

„ווער איז דיא זינגערקע?“ האט פריעדריך שטיל געפרעגט.

„צו ווייסט איהר דאס ניט?“ האט איזאקס געענטפער, — „פריילין מרים!“

איזאקס האט זיך אויפגעהויבען און איז געגאנגען צום זאל־הויף. ער האט אהן א שום גערויש געעפענט דאס מוזיק צימער, וואו דיאביידע דאמען האבען פערבראכט זיך דיא צייט. איצט האט מען געהערט קלאר דעם פראכטפוגען גע־זאנג. מרים, וועלכע האט ניט געוואוסט, אז עמיצער אויסער דיא לעדי הערט צו איהר געזאנג, האט פארגעזונגען פאר איהר ליעדער פון שומאן, רובינשטיין און וואגנער, ווערדי, גונא און דיא מוזיק פון אלע פעלקער. דיא מעלאָדיען זיינען געפלאסען וויא פון א קוואל וואס שעפט זיך ניט אויס, און פריעדריך האט גע־פיהלט א גן־עדן־תענוג, צו הערענדיג דיא מוזיק, זיך פיהלענדיג ארומגערינגעלט פון געהויבענע מענשען, וועלכע פערברייננגען זייער לעבען אין שטילע און הויכע געדאנקען, און לעגען אריין אין זייער אייגענעם לעבען, וויא אין לעבען פון כלל, שעהנקייט און חכמה. און בשעת דיא זינגערקע מרים האט אנגעהויבען צו זינגען א ליעד, וואס ער האט שטענדיג ליעב געהאט צו הערען, דאס ליעד פון „מיניאָן“, פול אנגעזאפט פון בענגשאפט: „צו קענסט דו דאס לאנד, וואו עס בליהען דיא ציטראנען“... האט פריעדריך געזאגט פאר זיך אליין: „אט דאס איז דאס לאנד!“

III.

דיא צייט אין איזאקס הויז איז פערגאנגען גיך וויא א חולם. געגען אווענד האט מען גערופען דעם פראפעסאר שטיינעק צום טעלעפאן. קינגסקאורט האט איהם געפאדערט. ער האט געבעטען, אז ער זאל אומגעזוימט קומען אין האטעל שוין זיצענדיג אין דער קארעטע צוזאמען מיט'ן פראפעסאר, האט פריעדריך גע־זאגט:

„פריילין מרים, איך דאנק אייך דערפאר, וואס איהר האט זיך מיר געגע־ען

צו דערקענען דורך אייער געזאנג. ערשט איצט הויב איך אן צו וויסען, ווער איהר זייט".

זיא איז רויט געווארען און האט געשוויעגען.

אין האטעל אבער האט זיא אונפערהאפט בעקומען א שלעכטע בשורה.

פאר'ן טהויער איז געשטאנען קינגסקאורט אהן א הוט אויפ'ן קאפ און איז ארויפגעפאלען מיט קולות אויפ'ן פראפעסאר:

„א רוח זאל דאס נעהמען! איהר האט זיך נאך געמעגט א ביסעל אונטער-איילען!"

„וואס איז דאס פאר א מעשה?" האט דער פראפעסאר רוהיג געפרעגט.

„וואס פאר א מעשה! דאס נפל'ע, פריצכען, — קראנק איז דאס! און איצט זייט מוחל און דרעהט זיך מיר ניט דא צופיעל ארום. קומט צו פריצכען".

זיי זיינען האסטיג ארויף אין קינדער צימער. פריצכען איז געלעגען אין בעטעל. דיא בעקלעך זיינע האבען געפלאמט און דיא אייגלעך האבען געגלאנצט פון פיעבער.

„אטא", האט דאס קינד א געשריי געטהון צו קינגסקאורטען. און „אטא" האט באלד געהארכט און איז צוגעגאנגען צום קליינעם אכזר. ער האט זיך אוועק-געזעצט אויף א שטוהל ביי'ן קעפעל פון קינד. און דעם שטוהל האט ער שוין אין דיא ווייטערדיגע טעג ניט אזוי אפט פערלאזען. דען, וויא גרויס עס איז שוין ניט געווען אויף איהם דער כח פון געזונדען פריצכען, דאס קראנקע קינד האט שוין געקענט מיט איהם מאכען, וואס ער האט נאר געוואלט.

נאך דער אונטערזוכונג האט פראפעסאר שטיינעק געשאקעלט מיט'ן קאפ, שטארק פערזארגט. ער האט אפילו פרוי ליטוואק, וועלכע איז גאר געווען פאר-צווייפעלט, בערוהיגט וויא מעגליך; קינגסקאורטען אבער האט ער אויסגעזאגט דעם אמת. דאס קינד האט געהאט א ערנסטע קראנקהייט, א ענטצינדונג אין האלדז. קינגסקאורט איז מעהר דערשראקען געווארען, וויא ער האט דאס געוואלט ארויסווייזען. ער האט צוגערופען פריעדריכען, האט איהם אוועקגעשלעפט אין א בעזונדער צימער און האט אנגעהויבען צו שעלטען מיט טויטע קללות: דעם קינד'ס קראנקהייט איז מבטל אלע פריהערע פלענער. מען קען איצט ני טהון, דאס וואס מען וויל און מען מוז זיך איצט נעהמען א אנדער הסכם.

„איך פערשטעה שוין, קינגסקאורט", האט פריעדריך אומעטיג געזאגט, — „איהר ווילט איצט באלד אבפאהרען. נו גוט, איך בין פארטיג".

„א איינפאל דאס איז!", האט קינגסקאורט א געשריי געטהון, ווערענדיג

רוים, וויא אַנגעגאָסען מיט בלוט, — „איהר הויבט גאָר ניט אָן צו פערשטעהן, וואָס מען רעדט מיט אייך. אייער השגה איז מן הסתם פון ארומשפאציערען מיט דעם דאָזיגען פריילייז א ביסעל טעמפּע געוואָרען. דאָס איז דאָך אונזער שלים־מזל, וויא מען זאָגט ביי אייך יודען, דאָס מיר קענען איצט אויף קיין פאל ניט אַבפאָהרען. איהר האלט מיך טאקי פאר א לייטישען מענשען! זיין ביי יענעם פריהער א גוטער גאסט, זיך אָנטהון אלע וואוילטאָגען. לעבען אויף יענעמס קע־שענע, און דערנאָך, ווען עס בעוויזט זיך א שאָטענדעל אין שטוב, נעהמען דיא הענד און דיא פיס און מאכען ויברח! ניין, מיין ליעבער, איהר מעגט מיינעטוועגען אוועקפאָהרען, ווען איהר קענט אין דער'אמת'ן ניט לענגער אויסקומען אָהן איירָאפּא. איך בלייב דאָ ביז פריצכען וועט געזונד ווערען. דאָס פאָדערט פון מיר א פּראָסטער דרך־ארץ. עס לאָזט זיך ניט אַנדערש".

דיא גראָבקייט פון קינגסקאָורטען, וועלכער האָט דאָס איצט אויך געוואָלט פערפארבען מיט זעהר שווערע גלייכוועדטלעך האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען. ער האָט זיך מעהר געשראָקען פאר פריצכענס קראנקהייט, וויא דאָס האָט זיך איהם געוואָלט ארויסווייזען. דיא גאנצע נאכט האָט ער אין איינעם מיט דער מוטער און דער ניאנע פערבראכט ביי'ם קינדס וויעגעל. און דאָס קינד האָט זיך געריסען צו איהם, אקוראט וויא דאָס קינד וואָלט פערשטאנען, וואָס פאר א נייע ווענדונג עס נעהמען איצט דיא געפיהלען פון אמאָליגען מענשענפריינד. פּראָפעסאָר שטיינעק האָט דאָס ערקלערט אויף א אנדער אופן: ניט צו קינגסקאָורטען האָט זיך דאָס קינד געריסען נאָר צו דעם לאנגען שעהנעם ווייסען באָרד; אָדער אפשר האָט גאָר דער אלטער הערר צוגעצויגען דאָס קינד צו זיך דורך דיא תנועות זיינע און דיא נארישע חיות?

וואָס פאר א סברה מען זאָל ניט אָננעהמען, איינס איז געווען קלאָר: פריץ האָט זיך ניט אָבגעצעפּעט פון זיין פריינד מיט דער בייזער מינע. און ווען דיא היטץ האָט איהם שטארק געברענט פלעגט ער זיך פעסט אָנכאפּען אָן דעם פינגער פון קינגסקאורטען, וועלכער פלעגט ניט אָבטרעטען פון וויעגעל. נאָר פון קינגס־קאורטען פלעגט ער נעהמען דיא מעדיצין, נאָר ער אליין האָט איהם געקענט איינ־שלעפערען מיט זיין ניגון. קינגסקאורט איז ניט געווען קיין גרויסער בקי אין עדער. בעסער פאר אלץ פלעגט ער נאָך זינגען:

„ווער רייט מיט צוואנציג קנאפּען איין
צו היידעלבערג אים הירשען?
דאָס איזט דער הער פאָן ראָהאָדענשטיין,
אויף רהיינווויין וויל ער פּי־א־י־א־י־רשען"

מיט דעם ליעד איז איהם איינמאָל אַבגעלונגען איינצושלעפּערען דאָס קינד, און פון דאמאָלסט אָן מוז שוין דער רהאָדענבערגער אריינטרעטען אין היידעל־בערג צו דער אכסניה „צום הירשען". דאָס צווייטע ליעד פון קינגסקאורט האָט זיך אָנגעהויבען: „דער גאָט, דער אייזען וואקסען ליעס, דער וואָלטע קיינע קנעכטע". מיט דיאביידע ליעדער פלעגט ער בערוהיגען דאָס קראנקע קינד.

פאַר דוד'ן האָט מען פערבעהאַלטען דעם קינדס קראנקהייט. מען האָט איהם ניט צו פריה געוואָלט אַבעסען דאָס הארץ, ער האָט סיי וויא סיי געדארפט באלד קומען קיין ירושלים. ער איז געקומען פון דיא אויסקלייבענעש־מלחמה, וויא א בעל־נצחון. דיא קאנדידאטען פון דער פּארטיע גייער האָבען קיין מזל־ברכה ניט געהאט אין זייערע אינטריגעס, און מען האָט זיי אין ערגעץ ניט אויסגעקליעבען. אפילו ד"ר גייער אליין האָט קיין מזל ניט געהאט. און ער איז נאָך א ספק, אויב ער וועט ווערען אויסגעקליעבען. דוד אָבער איז אויסגעקליעבען געוואָרען אין 31 ערטער צום דעלעגירטען. ער האָט אָבער נאָר אָנגענומען דעם מאנדאט פון איין ניידאָרף.

בעת ער איז מיט אזא יום־טוב'דינער פרעהליכקייט צוריקגעקעהרט, האָט האָט אָבער שוין געוואַרט אויף איהם דיא טרויעריגע בשורה וועגען פריצכען. זיין וויב איז איהם ארויפגעפאַלען אויפן האלז מיט א געוויין:

„מיר זיינען געווען צו גליקליך, דוד, איצט אָבער האָט אונז דער אויבער־שטער ביטער געשטראָפט! אפשר האָבען מיר צו געגרויסט זיך מיט אונזער גוטס, און מיר האָבען דאָס צוגענומען, אקוראט וויא מיר וואָלטען ביי נאָט א חלק אריינ־געלייגט?"

ער האָט געענטפערט ערנסט און ווייך:

„מיר דארפען זיך טאקי ארומקוקען און נאָכזוכען אונזערע פריהערע מעשים. דאָס שאָדט קיין מאָל ניט. אָבער וואָס דער קראנקהייט אנבעלאַנגט, לאָמיר ניט פערליערען קיין מיטעל, מיט וואָס זיא גובר צו זיין".

זיי האָבען ניט אויסגעלאָזען קיין מיטעל, צו ראטעווען דאָס לעבען פון זייער קינד. דיא גרעסטע דאָקטוירים האָבען זיך צוויי מאָל א טאָג צונויפגעקליע־בען ביים בעטעל פון פריצכען. דיא קראנקהייט אָבער איז אלץ געגאַנגען ווייטער. דער צושטאנד פון קינד איז געוואָרען אלץ ערגער און ערגער. עס איז שוין געקומען אזוי ווייט, דאָס דיא דאָקטוירים האָבען איינמאָל שוין פערלאָזען דאָס קינדערצימער און האָבען טרויעריג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, זיך אָבזאָגענדיג פון קליינעם חולה. איין פּראָפעסאָר שטיינעק איז נאָך געבליעבען. ער און קינגסקאָ־ורט פלעגען זיך בייטען מיט דער קראנקען־זיצערקע, און ניט לאָזען דאָס קינד א רגע אליין. דיא מוטער איז שוין אליין קראנק געוואָרען, נאָך איידער דיא מי־דינקייט האָט זיא אין גאנצען צוברָאָכען.

מרים און מיסטרים גאָטלאנד זיינען געזעסען ביי איהר דיא נעכט. דוד האָט געוואָהנט אין א חדר צווישען דיא ביידע קראנקענציעמערען, און פלעגט אלע ווײלע א קוק טהון ביי דער פרוי, אָדער ביי דעם קינד, אויב אלץ איז אויף א

אָרט און גענהט־צו לויט דעם בעפעהל פון דיא דאָקטוירים. ער האָט זיך אלץ גער־טהון קלוג און רוהיג, און רעשיד־ביי און פריעדריך, וועלכע האָבען זיך בעמיהט דיא גאנצע צייט איהם צו צערשטרייען, האָבען זיך ניט געקענט אָבוואונדערען אויף זיינע געלאסענהייט. דיא נאָהענטערע פריינד, וועלכע פלעגען זיך קומען נאָכפרעגען, פלעגען קריעגען פון איהם אליין אלע אויסקינפט. סוף כל סוף איז דאָס שוין אויך אריבער איבער זיינע כחות. ער האָט געבעטען איינעם פון זיינע פריינד, ארונטערצוגעהן און צונעהמען דיא בעזוכער אין אונטערשטען זאל פון האָטעל. רעשיד־ביי האָט דאָס אויף זיך גענומען. צווישען דוד'ס בעקאנטע האָט זיך גיך פערברייט דיא ידיעה, אז זיין קינד איז געפעהרליך קראנק, און פון אלע זייטען איז מען געקומען זיך נאָכפרעגען. דער פרעזידענט פון דער נייער געזעל־שאפט האָט געהייסען בריינגען ידיעות צו איהם אלע שעה. עס האָט זיך ארויסגע־וויעזען ביי דעם צופאל, וואָס פאר א ליעבע און וואָס פאר א אכטונג מען פיהלט צו דוד'ן אומעטום. פאר'ן האָטעל איז שטענדיג געווען א פערזאמלונג פון מענ־שען. קיינער האָט כמעט דעם קליינעם פריץ קיינמאָל אין דיא אויגען ניט אָנגע־זעהען, אָבער דאָס, וואָס ער איז דוד'ס א קינד איז שוין געווען גענוג. א סך האָבען מתפלל געווען פאר זיין לעבען, וואָס קען נאָך א מאָל זיין א ברכה פאר'ן כלל, אויב ער וועט ניט ווייט אָבשטעהן פון פאָטער ליטוואַק.

און דערווייל האָט דוד, געבויגט פון שמערץ, רוהיג גערעדט מיט פריעדרי־כען:

„זעהט איהר, מיין ליעבער דאָקטאָר לעווענבערג, דאָס קענען מיר שוין ניט ענדערען. וויא פאר צוואנציג יאהרען, אזוי איז אויך געווען פאר צוויי טויזענד יאָהר. אז עס קומט אָן א בייזע אָנשיקעניש אוי דעם אמאָליגען גליקליכען איוב, מוז ער זיך צוזאמעננעהמען און זאָגען: ד' נתן, ד' לקח: גאָט האָט געגעבען, גאָט האָט צוגענומען.

ביי דיא ווערטער איז שטיינעק ארויס פון פריצכענס צימער און האָט שטיל געזאָגט:

„גאָט נעהמט נאָך ניט צו", אָבער עס האָט געפעלט אין זיין שטימע א שטיק בטחון. ער האָט נאָך ווייטער געטרייסט: — „ווען דאָס קינד זאָל נאָר קענען איינ־שלאָפען! א גוטער שלאָף וואָלט געווען פאר איהם א גליק, אפשר דער איינציגער ראטונעק".

„צו שטערט ניט קינגסקאורט מיט זיינע ברומ־ליעדער?" האָט פריעדריך געפרעגט.

„ניין", האָט שטיינעק געענטפערט, — „צו ער וויל, צו ניט, ער מוז שטענ־דיג זינגען. וויא באלד פריצכען האָפט זיך אויף פון זיין האַלבען דרימעל, מוז שוין דער אלטער אָנהויבען זינגען. און ער טהוט עס מיט אזא נגון, אז עס פערכאַפט דאָס הארץ".

„ער האָט זיך צום קינד מאָרגע שטארק צוגעבונדען" האָט פריעדריך געזאָגט.

דוד האָט זיך ביי די לעצטע ווערטער פאנאנדער געוויינט. פון נאָהענטען חדר

האָט זיך דערווייל געהערט קינגסקאורט'ס שטימע: „דער גאָט, דער אייזען וואַקסען ליעס, דער וואָלטע קיינע קנעכטע...." און באלד דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבען דאָס ליעד פון ראָהאָדענשטיין, וועלכער איז געגאנגען אויף רהיינוויין אויף יאכט. נאָר אלץ אומעטיגער ווערט דער העֶר פון ראָהאָדענשטיין צו היידעלבערג, און זיי האָבען זיך פון דעם דערבייאיגען צימּמער צוגעהערט אין איין שרעק, צו וועט אפשר חלילה דאָס ליעד ניט פערשטומען מיט איינמאָל עס עוורט פלעצליך שטיל... קיין גערויש. און אין א רגע ארום בעוויזט זיך קינגסקאורט אין טהיר. זיינע אויגען זיינען געוועזען פערגאָסען מיט בלוט, און געבענדיג א צייכען צום שווייגען האָט ער ארויפגעלעגט דעם פינגער אויפן מויל:

שטיל! ער שלאָפט! קיין פּיפּס זאָל זיך מיר ניט הערען. אויב איינער וועט זיך דערוועגען צו מאכען ליארם אין קאָרידאָר, לעג איך איהם אוועק אויף איין אָרט! איך געה אויף א ווײלע ארויס. וויא נאָר פריץ וועט זיך אויפכאפּען, זאָלט איהר מיך רופען צו איהם".

און אזוי האָט ער אויך געטהון. ער האָט זיך אוועקגעזעצט אין דעם גאנג פון האָטעל פאר פריצכענס צימּמער אויף א שטוהל און האָט געוואַרט. דיא דיענער און דיא געסט וועלכע האָבען געוואָלט פערבייגעהן, פלעגט ער בעגעגנען מיט אזא ווילד־בייזען קוק, אז זיי פלעגען זיך דערשרעקען, און דערביי האָט ער נאָך צוגעברומט, אז דאָ איז א קראנקער, זיי מעגען אויסמיידען דעם גאנג.

איין שעה איז אזוי פערגאנגען, און א צווייטע, פריעדריך איז ארויס צו קינגסקאורטען אין קאָרידאָר. דער אלטער האָט זיך א הויב געגעבען פון שטוהל.

„האָט מיך פריצכען גערופען?"

„ניין, ער שלאָפט נאָך אלץ". אין דער אייגענער רגע האָט פריעדריך געפיהלט, וויא עמיצער האָט איהם פאר'ן קאָפּ א כאפּ געטהון. קינגסקאורט האָט איהם ארומגענומען און ארייגעברומט אין אויער:

„פריץ, אויב דאָס נפל'ע וועט געזונד ווערן, בלייב איך דאָ, אויף שטענדיג. איך גיב זיך א נדר פאר דער גאנצער וועלט! אָט דעם קרבן ברייננג איך פאר דער רפואה זיינע. דאָס איז אזוי וואָהר, וויא מיין נאָמען איז אדאלבערט פון קעניגס־האָף..."

שעה'ן זיינען אוועק, דאָס קינד האָט אלץ ווייטער געשלאָפען. ער האָט דיא קראנקהייט אויסגעשלאָפען. פון נאכט איז געוואָרען א פריהמאָרגען, און צוזאמען מיט דער זון איז אויך דיא האָפנונג אויפגעגאנגען. און בשעת מען האָט אין דער פריה גערופען קינגסקאורטען צו פריצכענס בעטעל, האָט שוין דאָס קינד געהאט לעבעדיגע אויגלעך און האָט געשריען אנטקעגען:

„אָטטאָ! אָטטאָ!"

„א חברה־מאַן!" האָט קינגסקאורט געברומט און געוואָלט מאכען א אונצופריעדענע מינע, ווייל ער האָט זיך געשעמט דער פאר, וואָס ער איז נעכטען געוועזען אזוי שטארק אראָבגעפאלען ביי זיך.

„איצט געהט אָבער אויך זיך צולעגען, קינגסקאורט", האָט פריעדריך

איהם געזאָגט, — „איהר מוזט זיך איצט אָברוהען. און וואָס אָנבעלאַנגט אײערע נעכטיגע רעד אין קאָרידאָר, זאָל זיך אײך דוכטען, אז איך האָב זײ גאָר ניט גע־הערט“.

„נײן, מײן ליעבער“, האָט קינגסקאָורט שטאָלץ געענטפערט, — „איהר קענט מיך נאָך צו וועניג. דאָס וואָס איך האָב צוגעזאָגט בלײבט צוגעזאָגט... פרײ־הער פאר אלץ אָבער מוז איך מיך גוט אויסשלאָפען... דערנאָך וועלען מיר שוין זעהען, וויא מען זאָל אונז אויפנעהמען אין דער נײער געזעלשאפט. בין איך גע־רעכט, צו ניט ?...“

פריעדריך האָט נאָך אלץ ניט געוואוסט, צו לאבט ער אָדער מײנט ער דאָס באמת. מעהר וויא דאָס האָט ער דאָך ניט פערלאנגט, וויא צו בלײבען דאָ. וויא וואויל און גוט וואָלט ער זיך געפיהלט, ווען ער וואָלט געקענט ווערען א ניצליכעס מיטגליעד אין דער נײער געזעלשאפט, מיטארבײטען אין אלע וויכטיגע און הויכע ענינים פון דער געזעלשאפט, ווערען א חבר פון אלע געהויבענע מענשען, מיט וועלכע ער האָט זיך דאָ בעקאָנט. דאָס איז שוין לאנג געוועזען א וואונש, פון וועלכע ער פלעגט זיך איהם הלום׳ן טאָג וויא נאכט. און נאָך עפּעס וואָלט ער זיך גע־וואונשען, ווען ער וואָלט ניט מורא געהאט זיך אלײן מודה צו זײן אין עפּעס א געפיהל.

קינגסקאָורט האָט אָבער געהאלטען וואָרט. באלד, וויא פריצכען האָט זיך נאָר גענומען בעסערען און פרוי ליטוואַק איז ארויס פון בעט, האָט אָנגעהויבען קינגסקאָורט צו נוקענען פריעדריכען, אז ס׳איז צײט מקיים צו זײן דעם נדר זײ־נעם. צו האָט ער פערשטאנען, וואָס פאר א פרייד ער האָט געמאכט דערמיט דעם חבר זײנעם זײט צוואנציג יאהר? מען האָט געקענט מײנען אז יאָ. א מאָדנער מענשען פײנד, וועלכער ווערט בעזיעגט פון א קלײן קינד. אמת, בשעת ער האָט שוין ניט געקענט אָבלײקענען זײן ליעבשאפט צום קינד פלעגט ער וועניגסטענס זיך בעמיהען דיא אשמה פון ליעבשאפט פון זיך אראָבצוואוארפען. ער האָט טאקי ליעב דאָס קינד, אָבער א ערך, וויא מען האָט ליעב א ציכטיגע בהמה׳לע. פריצכען איז נאָך דערווײל ניט קײן מענש, און ער, דער מענשענפרײנד, האָט זיך גאָר ניט מוחל צו זײן, ווען ער האָט איהם ליעב.

„דיא טעמים אײערע בין איך אײך מוחל“, האָט איהם פריעדריך אויסגע־לאכט. „איך בעגנוגען מיך מיט דעם וואָס איך זעה, ווען זאָלען מיר קומען מעל־דען, אז מיר ווילען ארײנטרעטען אין דיא נײע געזעלשאפט ?“

IV.

זײ האָבען בעשלאָסען דאָס באלד צו טהון. אזוי וויא זײ זײנען שולדיג גע־ווען א בעזוך צו מאכען דעם פּרעזידענטען אײכענשטאם, וועלכער האָט זײ נאָך דאמאָלסט אין חיפה אײנגעלאדען, האָבען זײ בעשלאָסען, זיך מיט איהם דערבײ

צו בעראַטהען. זיי זיינען צוגעפּאַהרען צום הויז פון פּרעזידענטען. דאָס איז געוון א בנין, וועלכער האָט געהאַט אַ אַנבליק פון דיא פּאַלאַצען ביי דיא אריסטאָקראַטען פון גענוא. מיט אַ רגע פריהער איז צוגעפאָהרען א מאָטאָרוואָגען, פון וועלכען עס זיינען ארויס צוויי הערען צוזאמען מיטפּראָפעסאָר שטיינעק. דער פּראָפעסאָר איז שוין געשטאַנען אויפן טרעפּ, בשעת ער האָט בעמערקט דיא צוויי פריינד, וועלכע האָבען זיך גענומען עפּעס נאָכפרעגען ביי'ן טהירדיענער. ער האָט זיי געגריסט פון דער וויימען, און דאָס האָט שוין געבראַכט דערצו, דאָס דער דיענער האָט זיי באלד דורכגעלאָזען. אָבער שטיינעק איז שוין פערשוואונדען געוואָרען.

קיננסקאורט און פריעדריך האָבען געבעטען, מען זאָל זיי פיהרען צום סעקרעטאָר פון פּרעזידענטען, צו דאָקטאָר ווערקין. א דיענער האָט זיי אריינגעפיהרט אין זיין קאַנצעלאַריע און האָט זיי געבעטען ווארטען. זיי האָבען א ווייַלע געוואַרט אין דעם שעהנעם פּאַרזאַל. דערנאָך איז אָבער קיננסקאורטען געוואָרען לאַנג דיא צייט.

„ניין, דאָס האַלט איך שוין ניט אויס. דיענען זיעבען יאָהר אין פּאָדערצימער ווילט זיך מיר לחלוטין ניט. רעדט נאָר, פריעדריך, מיט איינעם פון דיא משרתים. ווער ווייס אויב מען האָט אונז גאָר אַנגעמעלדעט ביי'ן סעקרעטאַר!"

„משרתים, וויא עס וויַיזט אויס, זיינען דאָ בכלל ניט צו געפינען. אָבער לאָמיר נור א פרעג טהון ביי דעם שרייבער אויף דער מאַשינע", האָט פריעדריך פון זיין זייט געראַטהען.

דער שרייבער האָט זיי באלד געגעבען א קלאָרע תשובה. ד"ר ווערקין איז צייט צוויי שטונדען ביים פּרעזידענטען. מען זאָגט, אז דער פּרעזידענט איז פּלעצליך שטארק קראַנק געוואָרען.

„אזוי איז דיא מעשה! איצט הויב איך שוין אָן בעגרייפען. דעריבער איז דאָס שטיינעק מיר וויא וואַסער צורונען!... ווייסט איהר פיליכט, מיין טהייערער מאשיניסט, ווער זיינען דאָס געווען דיא צוויי הערען, מיט וועלכע שטיינעק איז געקומען צו פאָהרען?"

„יאָ, דאָס זיינען געווען צוויי פּראָפעסאָרען פון מעדיצין, פּראָפעסאָרען פון ציון'ס אוניווערזיטעט"

„איך מיין, קיננסקאורט, מיר געהן בעסער איצט אוועק פון דאַנען. מיר לאָזען איצט נאָר אונזער וויזיטענקארטע פאר ד"ר ווערקין און קומען נאָך אמאָל, ווען דער פּרעזידענט וועט זיך בעסערען אין געזונד".

און זיי זיינען אוועק מיט גאָר ניט. אין ירושלים האָט מען נאָך גאָר ניט געוואוסט פון דער קראַנקהייט פון פּרעזידענטען. דיא ניישטאָדט האָט געקאָכט, וויא אין איטאליכען געוועהנליכען טאָג. ביידע פריינד, שוין האָבענדיג א שטיקעל השגה וועגען דיא שטאָדט, זיינען אוועק פון בולוואר און זיינען אריין אין א גרויסען גאַרטענפּארק, וועלכער איז געפּלאַנצט געווען נאָך א ענגלישען מוסטער. ביים אריינגאנג פון פּארק האָבען זיי בעמערקט א גרויסען טאָוועל מיט דיא ווערטער: „דיא געזונדהייטסאבטהיילונג פון דער נייער געזעלשאַפט".

קינגסקאורט האט זיך פערנאנדערגעלאכט:

„קוק נאר. אהט האבען זיי ווייטער נאכגעמאכט א קלוגע זאך. דאס איז מן הסתם, נאך'ן מוסטער פון דייטשען רייכסגעזונדהייטסאמט. דא דארף איך זיך שוין ניט נאכפרעגען. איך קען שוין אליין געפינען אויף אלץ א ענטפער. אלטניי־לאנד איז צוזאמענגעשטעלט פון שטיקלעך, פון פרעמדע שטיקלעך, גענומען ביי אלערליי נאציאנען".

„און פון דעסטוועגען" האט פריעדריך געענטפערט, — „זיינען מיר נאך ניט פארטיג מיט אלטניילאנד, ווען מיר וויסען נאר, אז אלע יסודות, וואס מיד גע־פינען דא, זיינען שוין פאר 20 יאהר ערגעץ־וואו צושטרייט און צוזייט געווען אין דער געבילדעטער וועלט. אמת, אלץ איז שוין דאמאלסט געווען. דיא קרעפטען פון דער נאטור האט מען שוין גענוג אונטערזוכט, — איך מיין גענונג, בכדי צו בעשאפען דעם היינטיגען מצב; דיא טעכנישע מעגליכקייטען זיינען שוין דא־מאלסט געווען. קיין געבילדעטער מענש פון יאהר 1900 וואלט זיך ניט געדארפט וואונדערען אויף דעם, וואס מיר זעהען היינט. אפילו דאס, וואס מען האט אזוי גוט פערזארגט דיא ארעמע קלאסען, דארף א געבילדעטען מענשען ניט וואונדערען שטארק. שוין פאר 20 יאהרען האט איטליכער געבילדעטער געוואוסט און גע־פיהלט, אז מען מוז איינגרענעצען דעם גראבען עגאאיזמוס פון דער מענשליכער געזעלשאפט. אמת, דיא גרענעצען זיינען דא ניט אזוי ענג און דריקען ניט אזוי אויף דעם יחיד, — קריעגט ער אבער צוריק דורך זיין שותפישער חברה. אבער אלע דיא אופנים פון שותפישער פאבריקאציע און שותפישען פערבראוך זיינען שוין דאמאלסט אויך געווען, און דערנאך איז פון דיא אלטע זאכען בעשאפען גע־ווארען א נייעס. אלטניילאנד איז נאך מעהר, און מוז בעטייטען נאך מעהר ווי דער פשוט'ער סך־הכל פון אלע ערפאהרונגען סיי אין טעכניק, סיי אין חברהש'ען לעבען, וואס דיא געבילדעטע מענשהייט האט צונויפגעזאמעלט אין א משך פון הונדערטער יאהרען".

„פאר וואס? מיר קלעקט שוין דאס אליין אויך", איז איהם קינגסקאורט אריין אין דיא רעד.

„וויא א יוריסט, וויא א געבילדעטער מענש פון סוף 19־טען יאהרהונדערט פרעג איך מיר שטענדיג, וויא קומט דאס, דאס דיא וואנשאלען מיט דיא פער־שיעדענע חברה'שע קרעפטען זיינען אלע מאל גלייך הויך. איך זעה א סדר, ביי דער גרעסטען פרייהייט, און דערביי זעה איך ניט אין ערגעץ דיא משגיחים, דיא וועכטער פון דעם סדר. איך זעה דא ניט דעם שררה'שען כח פון א מלוכה וואס האלט דא אלץ אין גלייכגעוויכט".

„אט דא, פריץ, ליעגט טאקי דער האז אין פעפער. אייערע יוריסטישע סברות מיט אייערע אייראפייאישע זיטען פערטונקלען אייך דעם שכל הישר. מען קען שוין אויסקומען מיט זעהר וועניג אנטרייבערס און משגיחים. ווען איהר וואלט אזוי וויא איך געלעבט אין אמעריקא, געלעבט און געליעבט, וואלט איהר דאס שוין אליין פערשטאנען. ווייסט איהר, וואס סמיך וואונדערט דיא גאנצע צייט?

דאָס זיינען דיא בוימער! דיא בוימער אין דעם פּארק האָבען א אויסזעהען פון פופציג — פערציגיעהריגע, דאָס וועט אויך א בלינדער מודה זיין. וויא האָבען זיי דאָס געמאכט?"

ער האָט אזוי הויך גערעדט, דאָס א הער, וועלכער איז געראָד פערביינגעגאנ־גען, האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט צוגעהערט מיט א שמייכעל אויף דיא ליפּען. קינגסקאורט האָט, ניט מאכענדיג לאנג קיין שהיות, זיך געווענדעט צו איהם:

„איך זעה, אז איהר האָט א ביסעל הנאה פון מיר, טהייערער שפּאציער־געהער. צו ווייסט איהר אפשר א ענטפער אויף מיין פראגע?"

„אודאי, מיין הערר", האָט יענער געענטפערט, — „איך דיען אין דער גע־זונדהייטסאבטהיילונג, און בין א ביסעל בעקאנט מיט דיא זאכען. עס איז דאָך א ידועה'דיגע זאך, אז מען קען איבערפלאנצען דערוואקסענע בוימער. אין קעלן, למשל, וואו איך האָב פריהער געדיענט, איז דאָ א פאָלקסגארטען, וואו מען האָט איינגעזעצט פערציגיאהריגע בוימער. דאָס איז אפילו ניט קיין וואָלוועלע זאך, אָבער פאר דיא געזונדהייט פון כלל זשאלעווען מיר ניט קיין געלד. דיא פּארקען, וואָס זיינען פאר'ן פאָלק, קענען אונז קיין מאָל ניט קאָסטען צו טהייער. דיא הכנסה פון זיי וועט זיין דיא געזונדהייט פון אונזערע קינפטיגע דורות. איברי־גענס, האָבען מיר ניט אומעטום געפלאנצט אזעלכע טהייערע בוימער. מיר האָבען אריינגעפיהרט פון אויסטראליען דיא אויקאליפּטוס־בוימער, וועלכע וואקסען אויף זעהר גיך. דיא מיטעל דערצו האָט מען געזאמעלט אין דער גאנצער וועלט, וואו נאָר עס איז געווען א נאציאָנאלע חברה פאר בוימפלאנצונגען אין פּאלעס־טינא. דיא, וועלכע האָבען געגעבען געלד דארויף, האָבען שוין דאמאָלסט געזעהן זיך אָנצוגרייטען דעם שאטען, אונטער וועלכען זיי וועלען זיצען אמאָל".

„דאנק אייך", האָט קינגסקאורט געזאָגט, — „איך פערשטעהע שוין, און איצט אויב איהר ווילט שוין מיר אין גאנצען א טובה טהון, טאָ זאָגט מיר, וואָס זיינען דאָס פאר קינדער, וועלכע מען זעהט דאָ אויף דיא לאָנקעס?"

זיי זיינען געראָד פערביינגעגאנגען פאר לאָנקעס, וואו עס האָבען זיך גע־שפּיעלט גאנצע מחנות פון האלב דערוואקסענע קינדער, אין ענגלישע שפּיעלען: דיא מיידלעך אין טענים און דיא יונגלעך אין קריקעט, אָדער זיי האָבען געשליי־דערט פּילקעס מיט דיא פיס.

דער בעאמטער האָט פריינדליך ערקלערט:

„דאָס זיינען שילער פון פערשיעדענע שולען, וועלכע געפינען זיך איין ארום דעם פּארק. צו א בעשטימטער צייט ווערט א קלאס נאָך א קלאס ארויסגעפירט צו דיא גימנאסטישע שפּיעלען, וועלכע מיר שעצען פאר'ן גוף ניט מינדער, וויא דאָס לערנען פאר'ן גייסט".

„דאָס מוזען אָבער נאָר זיין נגידישע קינדער?" האָט פריעדריך געפרעגט,— ווייל אלע זיינען אזוי ריין און שעהן געקליידעט".

„ניין, מיין הערר", האָט דער בעאמטער געענטפערט, — „דאָס זיינען קינ־דער פון אלערליי עלטערען. ביי אונז אין דער שולע איז ניטאָ קיין חלוק אין קליי־

דער אָדער אין עפּעס אנדערש, חוץ דעם חשק צום לערנען און דער השגה. מיר זיינען ניט דער מיינונג, אז אלע מענשען מוזען זיין גלייך. איטליכער קריעגט לויט זיינע מעשים נאָך. מיר האָבען ניט אויסגערוימט דיא קאָנקורענץ. אָבער דיא בע־דינגונגען זיינען פאר אלעמען גלייך, וויא ביי איטליכען ועטענעש. ביים אָנהויב מוזען אלע זיין גלייך, ניט ביים סוף. אין דיא פריהערע געזעלשאפט האָט געקענט פאָרקומען, אז וויא באלד דער פאָטער האָט געמאכט א גוט געשעפט, זיינען שוין פערזאָרגט געוועזן זיינע קינדער און קינדסקינדער, איז שוין פאר זיי אָפען געוועזן אלע וועגען צו בילדונג און קענטניסע. פון דער אנדער זייט פלעגען מיר זעהען, אז דיא קינדער פון אָרעמע עלטערען פלעגען ניט נאָר געשטראָפט ווערען פאר זי ערע טאטענס זינד, נאָר אויך דערפאר וואָס דער טאטע האָט געמאכט שלעכטע געשעפטען. פון א אָרעמע פאמיליע זיינען ארויס קינדער — אָרעמע פאבריקאר־בייטער..... ביי אונז אין דער געזעלשאפט ווערען דיא קינדער צוליעב דיא געשעפ־טען פון זייערע טאטעס ניט בעלויהנט און ניט בעשטראָפט. פאר איטליכען נייעם דור שטעלען מיר אוועק דיא אייגענע בעדינגונגען. דעריבער זיינען ביי אונז אלע שולען — פון דער פאָלקסשול ביז צו דער ציונס־אוניווערזיטעט פריי פאר איטלי־כען שילער, און זיי קאָסטען איהם ניט קיין שולגעלד, און אלע שילער ביי זיי ענ־דיגען דיא גימנאזיע מוזען טראָגען דיא גלייכע טראכט. מיר ווייסען, וואָס פאר א שלעכטען איינפלוס עס האָט אויף דעם קינד, ווען זיינע חברים אונטערשיידען זיך פון איהם דורך רייכקייט און יחוס. דיא רייכע קינדער ווערען בעלי־גאוה און פוי־לען זיך צו לעהרנען, דיא אָרימע ווערען צו פריה דערביטערט... אָבער איהר וועט שוין מיר ענטשולדיגען, איך מוז ווייטער גהן. מיך רופט דיא פליכט".

אוּן מיט א פריינדליכען פערנייג איז ער ווייטער געגאנגען זיין וועג.

פריעדריך און קינגסקאורט האָבען נאָך מיט הנאה זיך צוגעקוקט א ווײלע אויף דיא פרעהליכע באנדע. קינגסקאורט, וועלכער האָט אין דיא פריהערע טעג נאָך גוט געשפּיעלט אין קריקעט און אין פילקעס, האָט געפיהלט, וויא עס שטארקט זיך ביי איהם דער אמאָליגער חשק צו דיא ענגלישע שפּיעלען. ער האָט צוגעשריען צו דיא קינדער און זיי געזאָגט אין התלהבות אריין. גיכער פאר אלץ וואָלט ער אליין געגאנגען מיטשפּיעלען. לסוף האָט איהם פריעדריך אוועקגעצוי־גען פאר'ן אָרם.

„מיר וועלען געהן זעהען וואָס פריצכען מאכט. און אפשר זיינען שוין א ידיעות וועגען פרעזידענטס געזונד?"

זיי האָבען זיך אומגעקעהרט צום האָטעל. פריצכען איז געוועזן פריש און מונטער און האָט מקבל פנים געוועזן זיין פריינד מיט א נגון, וואָס לויט דעם י—א—י—א—י־־א נאָך האָט קינגסקאורט דערקענט זיין אייגענעם ליעד פון ראָ־האָדענשטיינער. דער אלטער און דאָס קינד האָבען זיך באלד אריינגעלאָזען אין א שמועס, וואָס חוץ זיי האָט דאָס קיינער ניט פערשטאנען.

וועגען אייכענשטאמען זיינען אָנגעקומען ניט קיין גוטע ידיעות. שטיינעק האָט צוגעשיקט צו דוד'ן א קורצע טעלעגראממע: „אָהן האָפנונג", אָוועגדס אי:

רער פראָפעסאָר אליין געקומען. נאָך'ן פנים נאָך האָט מען שוין דערקענט, וואָס פאר א בשורה ער האָט מיטגעבראכט.

„ער איז געשטאָרבען וויא א גרויסער מענש" האָט פראָפעסאָר שטיינעק געזאָגט, — „איך בין ביי איהם געוועזען ביז צו דער לעצטער מינוט. ער האָט גע־רעדט וועגען טוירט. ער האָט געזאָגט, אז דער טוי טאָיז ניט קיין וועהטאָג מעהר, ווען מען טראכט וועגען איהם א צייט פריהער. איך פיהל, זאָגט ער, וויא איך ווער אלץ וועניגער ביי'ן זיננען, וויא אין מוח ווערט דונקעלער. איך הער נאָך מיינע רעד, אָבער שוואכער און שוואכער. איך וועל נאָך אפשר טראכטען וויא אונטער א שלייעיער אין דער צייט ווען איך וועל שוין דיא שפראך פערליערען. איך האָב שוין אָבשיעד גענומען פון זיך אליין; א שאַד, וואָס איך קען זיך ניט געזעגענען מיט אלע מענשען וועלכע זיינען געוועזען צו מיר פריינדליך ביין לעבען. דערנאָך איז ער ענטשוויעגען געוואָרען, זיין בליק האָט געקוקט אין דער ווייטענס. און נאָך אמאָל האָט ער א קוק געטהון אויף מיר און האָט געזאָגט: איך האָב געהאַט פריינד, א סך פריינד. וואו זיינען זיי? פריינד זיינען דיא עשירות פון לעבען. איך האָב געהאַט א סך, א סך פריינד. וואו זיינען זיי?.... עס האָט זיך אָנגעהויבען דיא יציאת הנשמה. ער האָט נאָך געמאכט מיט דיא ליפען, און מיר האָט זיך אויסגעדאכט. אז זיין פערצוויגענער בליק האָט גערעדט: איצט, זעהסטו, קען איך שוין ניט רעדען, אָבער איך קען נאָך טראכטען. דערנאָך האָט ער געמאכט א לעצ־טע אָנשטרענגונג און ער האָט דייטליך ארויסגעזאָגט דאָס וואָרט, וואָס מיר פלעגען פון איהם אזוי אָפט הערען: דער פרעמדער זאָל זיך פיהלען ביי אונז גוט און וואויל. זיינע אויגען האָבען זיך פערצוויגען און איך האָב זיי צוגעמאכט".

אָט אזוי איז געשטאָרבען אייכענשטאם, דער פרעזידענט פון דער נייער גע־זעלשאפט.

V

אויפן אכטען טאָג נאָך אייכענשטאם'ס גרויסארטיגע לויה האָט מען צוזא־מענגערופען דעם קאָנגרעס פון דער נייער געזעלשאפט, אויסצוקלייבען א נייעם פרעזידענט.

די דעלעגאטען, פרויען און מאנסלייט, א ערך פיער הונדערט, זיינען זיך שוין מיט א אָוועגד פריהער צוזאמענגעפאָהרען. אין דיא קלובען און אין דיא האָ־טעלען האָט מען שוין צוזאמענגערופען אספות. לויט דעם נאָך, וויא עס האָט זיך ארויסגעשטעלט אין דעם אָוועגד, זיינען פאראנען צוויי מענשען, פאר וועלכע מען וועט אָבגעבען דאָס רוב שטימען: פאר ד"ר מארקוס, דעם פרעזידענטען פון דער אקאדעמיע, און יאָזעף לעווי, דעם גענעראל דירעקטאָר פון דער נייער געזעל־שאפט.ביידע האָבען כמעט געהאַט גלייכע אויסזיכטען. אז מען זאָל איצט אָנ־נעהמען, דאָס עס וועלען זיך נאָך מעלדען אנדערע קאנדידאטען, וועלכע וועלען

אַבציהען א טהייל פון דיא שטימען, קען מען שוין פאַראוים זעהען, אז בײדע װער־לען ניט קריגען דאָס רוב פון דיא שטימען, און צווישען זיי ביידע וועט זיין א נייע אויסקלייבענעש.

יאָזעף לעווי איז נאָך פון זיין רייזע קיין איירָאפא ניט צוריקגעקומען. מען האָט איהם איטליכע שעה ערוואַרט. עס זיינען געווען אזעלכע, וועלכע האָבען פערזיכערט, אז ער וויל זיך גאָר ניט ארויסשטעלען פאר א קאנדידאַט צום פרע־זידענטען, ווייל ער וויל גאָר דעם כבוד אויף זיך ניט נעהמען. אנדערע האָבען אָבער גע'טענה'ט, אז דאָס פערברייטען נאָר דיא אנהענגער פון ד"ר מאַרקוס. בקיצור, עס האָט זיך אָנגעהויבען א לעבען, וויא מען זעהט דאָס אומעטום אין דער וועלט, ווען עס האלט ביי אויסקלייבענעשען: ממזר'שע שטיק פון פערשיע־דענע פּאַרטייען, ליאַרם, קריגערייַ, גלייכוועֿרטלעך און שווערע דבורים. קינגס־קאורט האָט פון דער גאנצער מעשה שטאַרק הנאה געהאַט.

אויפען צווייטען טאָג פון דיא אויסקלייבענעש איז דוד ליטוואַק אריין אין פריעדריכ'ס צימער מיט א שטאַרק צוטראָגענעם פנים.

„איהר וועט שוין מוזען געהן אָהן מיר אין דעם קאָנגרעס־הויז, מיינע הערען. איך האָב בעקומען א דעפּעשע, וועלכע פאָדערט מיר קיין טבריא. מיינע מוטער"... זיין שטימע איז געוואָרען הייזעריג און עס איז איהם געוואָרען טונקעל אין דיא אויגען: „דער צושטאַנד פון מיין מוטער איז געוואָרען מיט איינמאָל א סך ערגער. איך פאָהר מיט מרים'ן באלד קיין טבריא. מיינע פרוי מיט פריצכען וועלען שפּע־טער נאָכקומען".

„אפשר זאָלען מיר מיטפאָהרען מיט אייך?", האָט פריעדריך געפרעגט, אנ־טהייל נעהמענדיג אין זיין צער.

„אָך, וואָס וועט איהר שוין העלפען דערמיט. איך האָב מורא, אז דאָ קען שוין קיינער ניט העלפען... בלייבט שוין בעסער ביים קאָנגרעס, דאָס וועט פאַר אייך זיין א נייעס אין לעבען. וואָס מיר אָנבעלאַנגט, האָב איך שוין איצט צו אלץ דעם חשק פערלאָרען. זאָלען זיי אויסקלייבען ועמען זיי ווילען".

קינגסקאורט האָט געזאָגט: — „מיר וועלען דערנאָך בעגלייטען אייער פרוי און פריצכען קיין טבריא".

„איך דאנק אייך דערפאַר", האָט דוד געענטפערט, — „איך בעט נאָר ביי אייך, קיינעם א וואָרט ניט צו זאָגען וועגען מיין אָברייזע. עס זיינען דאָ צייטען, ווען פריינד זיינען אויך א איבריגע זאַך. איטליכער וועט קומען זיך נאָכפרעגען, און איך וויל איצט זיין אליין.... זייט מיר געזונד!"

„איך ווינש אייער מוטער א גיכע רפואה", האָט פריעדריך געזאָגט. דוד האָט געהויבען מיט דיא אקסלען אומעטיג:

„איך שטעל זיך שוין פאַר דיא רפואה איהרע. זייט מיר געזונד!"

נאָכדעם, וויא דוד און מרים זיינען אוועק געפאָהרען, זיינען זיי אוועק צום קאָנג־עס־הויז. פון דאָך האָבען געוועהט בלוי־ווייסע פאָנען, וועלכע זיינען איצט, צוליעב אייבעשטאַם'ס טויט, פערצווייגען געווען מיט א שוואַרצען פלאָר, און דער

פראכטיגער פאלאץ איז געווען ארומגערינגעלט פון טויזענדער מענשען.

דער זאל, אין וועלכען עס האט געדארפט זיין דיא אויסקלייבענעש, איז גע־וועזן א ברייטער און א הויכער, מיט וואנד פון מירמעלשטיין. דיא ליכטיגקייט האט זיך גענומען פון דער הויך, דורך דאס גלעזערנע דאך פון א מאטען קאליער. דיא בענק זיינען נאך געווען פריי, ווייל דיא דעלעגאטען האבען נאך צוגעבראכט אין דיא זייטיגע זאלען, אין דיא קארידארען און אין דיא אספות פון פערשיעדע־נע קאמיסיעס. און אלע ווייל, וויא איינער פלעגט נאר קומען אויף דיא גאלעריע, פלעגט מען הערען, אז עס קאכט אונטען, אז עס פלאמען שוין דארטען דיא הער־צער און דיא פנים'ער.

דיא גאלעריען אבער זיינען שוין געווען פאק און פול. אין דיא לאזשעס האט מען געזעהען מעהר דאמען וויא הערען. אין טונקעלע פארבען האבען זיך געקליידעט דיא דאמען, ווייל עס איז נאך ניט אריבער דיא טרויער־צייט נאך אייכענשטאמען. נאר אין א לאזשע נעבען קינגסקאורט און פריעדריכען זיינען געזעסען עטליכע דאמען אין זעהר העלע טראכטען, מיט היט, אין וועלכע עס האבען זיך אויסגע־מישט אלערליי קאליערען. דאס זיינען געווען דיא דאמען וויינבערגער: דיא מא־מע מיט דער טאכטער, דיא אלטע און דיא יונגע לאשנער, הער, פרוי און פריילין שלעזינגער און ד"ר וואלטער, שיפמאן. אויך גרין און בלוי האבען ניט געפעהלט אין דער קאמפאניע. פריעדריך וואלט מיט גרויס פערגעניגען אוועק אין א אנדער לאזשע, אבער עס איז שוין ניט געווען מעהר קיין פלאץ. אויסער דעם האט קינגס־קאורט געפונען דא א געלעגענהייט אבצולאכען, און דיא שכנות איז איהם גאנץ גוט געפעלען. זיי האבען געהערט איטליכעס ווארט פון דער דערבייאיגער לאזשע. פארענט ביי דער פארענצע זיינען געזעסען דיא דאמען און דער הער שלעזינגער דער נאמן פון באראן גאלדשטיין.

הער גרין, דער פקח, דער מענש מיט דיא „ניט אבגעזוימטע" אויערען, האט געזאגט:

„חייסט דאס א פנים „קאנגרעס"! מיר דאכט זיך, מעהר קאהן וויא גרויס, כאטש מען פערליערט שוין דיא גרויסקייט ביי זיך, ווען מען בלייבט א ניט קיין אויסגעקליבענער קאנדידאט".

„איך האב געהערט אז מארקוס וועט דורכפאהלען", האט שיפמאן דער־ציילט.

„פון וואנען ווייסט איהר דאס?" האט דעם באראנ'ס נאמן געפרעגט, — „מיר איז דאס, צווישען אונז רעדענדיג, קיין גרויסער חלוק ניט".

שיפמאן האט געשמייכעלט מיט א וויכטיגע מינע.

„איך קריעג שוין מיינע ידיעות. אלץ זאל מען ווייסען, קיין זאך זאל מען ניט בעדארפען".

בלוי האט מיט קנאה געזאגט:

„אויף שיפמאנען מעג מען אלץ גלויבען, ער בענוצט זיך מיט זיינע ידיעות ביי בערזענספעקולאציאנען".

„דאָס איז שוין מיר א חדוש, וויא קען מען אויסנוצען דעם קאָנגרעס אויף ספעקולאַציעס, צו דערניעדעריגען אָדער צו הייבען דיא בערזענפּאַפּיערען?“ האָט זיך ד"ר וואַלטער פערוואונדערט.

„גאָר פּשוט“, האָט שיפמאַן דערקלערט, — „יאָזעף לעווי איז א קאָפּ א אונ־טערנעהמער, ועט זיך מן הסתם ביי איהם פערגרעסערען דער מסחור, דערפון איז געדרונגען, אַז דיא פּאַפּיערען וועלען זיך הויבען. מארקוס איז אָבער אַנטקעגען א רוהיגע שטילע נאַטור, דער האַנדעל ועט פאַלען, און אויך די בערזענפּאַפּירען.“

„וואויל געראָדט!“ האָט בלוי געחוזק'ט, — „אַז איך וואָלט איין מעת־לעת געווען אַזא שוטה וויא איהר, וואָלט איך שוין זיך פערזאָרגט אויפ'ן גאַנצען לעבען“.

שיפמאַן אָבער האָט זיך ניט געלאָזען אַזוי לייכט נעהמען:

„עס איז טאַקי בעסער דאָס, וואָס איהר האָט מעהר שכל פאַר מיר, אַז ניט וואָלט איהר דאָך ניט געקענט זיין א בדחן אויף חתונות“.

„ועה זיינען דאָס דיא פּאָר, וואָס זיצען מיט'ן מאָלער איזאַקס?“, האָט ערנעסטינע וויינבערגער געפרעגט פריעדריכען; — „איך האָב בעמערקט, אַז איהר האָט זיי פריהער געגריסט“.

„דאָ איז לאָרד און ליידי סעדבערי“.

פראוי לאשנער האָט זיך אויך אריינגעמישט:

„מען זעהט שוין אויף נאמנות אז זיא איז צום ועניגסטען א ליידי, אויף נאמנות! דאָס הוט האָט זיא געווים אין פּאַריז בעשטעלט“.

ד"ר וואַלטער איז געוואָרען מיט איינמאָל זעהר ערנסט און האָט געזאָגט:

„דאָס עס קומען צו אונז אַזעלכע וויכטיגע מענשען בעווייזט, אַז אונזערע אָרגאַניזאַציעס אינטערעסירען אויך אפילו דיא גרעסטע לייט פון דער וועלט“.

פריעדריך האָט קינגסקאָורטען איינגערוימט אין אויער:

„ועון איך הער צו דיא רייד פון דיא לייט, ווילט זיך מיר ווייטער אומקעה־רען צו אונזער אינזעל“.

„האַ־האַ־האַ, תרמת! איך בין שוין פעסטער ביי זיך. איך וויים, אז אין איטאַליכען זוועריניץ איז אויך דאָ א שטייג פאַר מאַלפּעס. דאָס אייגענע געפינען מיר אויך אונטער מענשען“.

אין זאַל האָט דערווייל אָנגעהויבען לעבעדיג צו וועהרען, דיא דעלעגאַטען האָ־בען זיך פאַרנאַנדערגעזעצט אויף זייערע ערטער. אויף דיא טרעפּליך צווישען די בענק ואָס זיינען געשטאַנען שורות־ווייס, איין שורה ניעדעריגער פאַר דיא פריי־ערדיגע, און אין א האַלבען ענול האָבען זיך צונויפגעקליבען קופּקעס דעלעגאַ־טען און האָבען תויך געשמועסט.

אין דער רעכטער זייט צווישען א קנויל פון פרויען־דעלעגאַטען האָבען דיא פריינד דערזעהען מיסטרים גאָטלאַנד. פון דער ווייטען האָט אויסגעזעהען, אַזוי וויא זיא וואָלט האַלטען א אַגיטאַציאָנס־רעדע פאַר איהרע צוהערקעס. עס איז געווען בעקאַנט אַז מיסטרים גאָטלאַנד האָט געהאַלטען מיט דער פּאַרטיע פון

ד"ר מארקוס, און אז ארכיטעקט שטיינעק האָט געארבייט מיט היץ פאר יאָזעף לעווי האָט מען שוין לייכט געקענט שליעסען דערפון, וואָס ער איז איצט געשטאַנען אויף דער בימה פאר דיא רעדנערס שטאַרק געפּאַכט מיט דיא הענד און אלע ווילע געשריען מיט זיין הייזעריגען קול: טשאָה! טשאָה!

רעשיד־ביי איז ארויפגעקומען צו קינגסקאורטען און פריעדריכען. ער האָט זיי געבראכט דיא לעצטע נייעס. עס איז כמעט זיכער, אז יאָזעף וועט אויסגעקליעבען ווערען. שוין ביי דעם ערשטען אויסקלייבנעש וועט ער האָבען דאָס רוב שטימען. מען קען איהם אין גאנצען לאנד, און אלע ווייסען, אז איהם און זיינער ענערגיע האָט מען דאָס צו פערדאנקען, וואָס דאָס לאנד האָט אזוי גיך אויפגעבליהט, און דיא דעלעגאטען וועלען זיך דערמיט שטארק רעכענען. מארקוס אָבער איז נאָר בעקאנט אונטער דיא הויך געבילדעטע. יאָזעף לעווי איז היינט צוריקגעקומען פון זיין נסיעה און וועט געוויס באלד קומען צום קאָנגרעס.

„איהר מוזט מיר איהם ווייזען וואָס גיכער, ווען ער קומט, מיין געליעבטער פּאשא", האָט קינגסקאורט געזאָגט, — „נאָך אלסדינג, וואָס איך האָב זיך פון איהם אָנגעהערט, מוז ער זיין א יונג מיט ביינער. איך בין נייגעריג צו זעהען, מיט וואָס פאר א מינע ער בעוויזט זיך פאר זיין פערזאמעלטער ארמעע.

אין „שטייג פון מאלפעס", וויא קינגסקאורט האָט אָנגערופען דיא צווייטע לאָזשע, האָט מען ניט אויפגעהערט צו מאכען וועגען אלץ א גלייכווערטעל.

וואָס פראכטיגער עס איז געוואָרען דאָס בילד פון דער אסיפה, אלץ זויערער איז זיי געוואָרען צום מוטה, אקוראט וויא זיי וואָלטען ניט געקענט פערטראָגען דעם אָנבליק פון פרייע מענשען מיט פעסטע האראקטערען, וויא דאָס וואָלט געווען א בזיון פייר זיי.

הער שלעזינגער, דער נאמן פון באראָן, האָט זיך געלאָזט הערען:

„נו, איצט זעהט מען שוין דעם סוף פון דער מעשה. איינער האָט דיא שטעלע, דער אנדערער האָט יענע שטעלע געוואָלט האָבען. איצט האָבען זיי דיא שטעלען. איצט האָבען זיי שוין דיא גאנצע יודישע פראגע פותר געווען".

הער ד"ר וואלטער האָט שוין דיא גאנצע צייט ארונטערגעקוקט אין זאל מיט דאָרשטיגע אויגען, אפשר וועט זיך געפינען דאָרטען פאר איהם א אָרט, און איצט האָט ער געענטפערט דעם באראָנס הויכגעשעצטען נאמן:

„איהר מוזט מיר שוין מוחל זיין, געשעצטער הערר שלעזינגער, ווען איך וועל מיט אייך ניט איינשטימען אין דיא רעדע. דאָס וואָס מענשען זוכען ביי זיינסגלייכען צו קריעגען א שטעלע, זעה איך נאָך קיין אונכבוד ניט. אין א איינצעלטען פאל קען אמאָל דאָס זיין ניט אזוי פיין. און איך פערשטעה, דאָס א מענש וויא איהר, וועלכער איז דרייסיג יאהר בעשעפטיגט געווען אין אזא הויז, איז געוואָהנט א סך צו פאָדערען פון מענשען. אָבער סוף כל סוף: וואָס איז דאָס פאר א עולה צו וועלען קריעגען א שטעלע ביי דער נייער געזעלשאפט?"

„ווען זיא ברענגט נאָך עפּעס איין" האָט צוגעלייגט פון זיין זייט דער בדחן

בלוי, און בעמערקענדיג שלעזינגערס צופריעדענעם שמייכעל האט ער נאך בע־מערקט:

„אבער מיר דאכט זיך, הערר ד"ר וואלטער, אז איהר האט שוין געמעגט א ביסעל פריהער אויפשטיין, אויב איהר געוואלט קריגען א שטעלע".

ד"ר וואלטער איז געווארען אנגעצונדען פאר כעס און ער האט א ברום גע־טהון:

„איהר האט, הער בלוי, א צייט שוין ניט געפיהלט אויף דער באק א פרעמ־דע האנד".

שיפמאן אבער האט באלד שלום געמאכט דערמיט, וואס ער האט אלעמענס געפיהלען אין דיא דאזיגע אומעטיגע ווערטער ארויסגעזאגט:

„מיר דאכט זיך, מיר האבען אלע פערזאמט דיא צייט צו קומען אהער. מיר שטעהען שוין ווידער און קוקען דורך'ן פארקאן, בשעת הינטערען צוים זיינען שוין אלע פרייע מענשען. אזוי איז שוין געוועזן אין מיין גאנצען לעבען. וואו איך בין ניט געקומען האב איך נאר אנגעטראפען שלעזינגער און לאשנער, גרין און בלוי. עס איז שוין מיין מזל אזוי".....

עס האט א קלונג געטהון מיט א גלאק. דאס האט בעטייט, אז דיא קאנגרעס פרעזידענטען און דיא בייזעצערס זיינען געקומען. אויף דיא גאלריען איז געווא־רען מיט איינמאל שטיל, און אויף דער שטייג מיט דיא מאלפעס איז פערשטומט געווארען.

פון אלע טהירען זיינען דיא דעלעגאטען גוקומען צולויפען אין זאל.

„אט דער דארטען איז יאזעף לעווי", האט רעשיד־ביי געזאגט און געוויעזען אויף אונטען אין זאל — „אט דער מיט חיא גערדיכטע גרויע וואנסען און דעם פליך אויפן קאפ. אט גיט ער איצט דעם ארכיטעקטען שטיינעקען דיא האנד".

זיי האבען איהם דערקענט, דאס איז געוועזן א מאגערער מענש פון מיטעלען וואוקס, שטארק פערברענט אין געזיכט, א ענערגישער און א האסטיגער אין זיינע בעוועגונגען. ער האט געדריקט דיא הענד ביי א סך מענשען, ווייל דיא דעלעגא־טען זיינען פון אלע זייטען געקומען, איהם צו בעגריסען. דיא בעקאנטע, וועלכע זיינען געוועזן צו ווייט פון איהם, האט ער צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ אדער צוגע־וואונקען מיט דער האנד, מיט א שמייכעל אויף דיא ליפען. ער האט אויסגעזע־הען וויא געוועהנליך, מיט א פרייער מינע אויפן געזיכט.

צום צווייטען מאל האט דיא גלאק א קלונג געטהון. אלע האבען זיך פער־נאנדערגעזעצט אויף זייערע פלעצער. הינטער דיא פלעצער פון פרעזידענטען און זיינע בייזיצער, וועלכע זיינען געשטאנען אויף א בימה, האבען זיך אויפגעעפענט דיא בעגולדעטע טהירען און עס האבען זיך בעוויעזען דער פרעזידענט פון קאנ־גרעס, צוזאמען מיט דער גאנצער קאנצעלאריע.

צו ערשט האט ער געהאלטען א קורצען שעהנעם הספד אויף דעם געשטאר־בענעם פרעזידענטען, וועלכען אלע האבען אויסגעהארכט, אויפשטעהענדיג פון זייערע ערטער. דערנאך האט ער מודיע געוועזן:

„מיר האָבען זיך היינט פערזאמעלט, בכדי אויסצוקלייבען א נייעם פרע־ רענטען“.

און מיט א מאָל האָט זיך אונפערהאָפט פאר אלעמען דערהערט דיא שטים פון יאָזעף לעווי, וועלכער איז געזעסען אין דריטען באנק אין מיטען פון זאל.

„איך בעט, מיר צו געבען דאָס וואָרט“.

דער פרעזידענט האָט געזאָגט:

„הער יאָזעף לעווי האָט דאָס וואָרט“.

עס האָט זיך אין זאל געהערט א גערויש, וויא פון וועלען, בעת יאָזעף לעווי איז מיט א לייכטען האסטיגען גאנג ארויף אויף דיא בימה פאר דיא רעדנערס. וואָס רעכענט ער צו טהון? איצט איז ער שוין געשטאנען אויבען:

„געשעצטע קאָנגרעס־דעלעגאטען! איך האָב נאָר צו מאכען א קורצע מיט־טהיילונג. עטל־כע פריינד זיינען אזוי געוועזן פריינדליך און האָבען מיר אויפגע־שטעלט אלס קאנדידאטען, אין דער צייט, בשעת איך בין געוועזן אונטערוועגענס. זיי האָבען מ'ר ניט אָנגעפרעגט פריהער, צו בין איך מסכים דאָרויף“.

צווישען דיא שורות פון דער פארטיע ד״ר מארקוס האָט זיך געהערט א ליארם:

„איהר הערט?! איהר הערט?!“

דער ארכיטעקט שטיינעק האָט געשריען: „לאָזט איהם אויסרעדען ביז צום סוף!“

יאָזעף לעווי האָט איבערגעחזר'ט: — „איך האָב נאָר צו מאכען א קורצע ערקלערונג. עס איז פאר מיר א גרויסער כבוד. איך וויל אָבער פערשפּאָרען דעם קאָנגרעס א גרויסע מיה, אויפצורופען ועגען מיר אלע דעלעגאטען און אָבצופאָ־דערען ביי זיי א שטימצעטעל. נאָר דעם סדר פון אונזערע אויסקלייבענעש פון א פרעזידענטען, ווערט איטליכער דעלעגאט אויפגערופען און מוז אייגענהענדיג אויף דער בימה אוועקגעבען זיין שטימצעטעל. אזא סדר פאָדערט ניט ווייניגער וויא פיער שעה צייט. דערנאָך נעהמט מען דורך דיא צעטלען. דאָס געדויערט אויך צוויי שעה. דערנאָך פאסירט אָפט אז צווישען צוויי קאנדידאטען, וואָס האָ־בען בעקומען דיא מעהרסטע שטימען, אָבער וועלכע האָבען ניט קיין רוב שטימע־ווערט ווייטער געמאכט א אויסקלייבעניש. אזא חיזק אין צייט קען איך ניט נעהמען אויף מיין געוויסען. א רחמנות אויף אזוי פיעל צייט. ווייל איך בין פעסט בעשלאָסען, ניט אָנצונעהמען דעם כבוד, ווען מען זאָל מיר אפילו אויס־קלייבען“.

איצט האָבען שוין אָנגעהויבען צו ליארמען זיינע אנהענגער: — „פאר וואָס? פאר וואָס?“

„דיא טעמים זיינען גאנץ פשוט, געשעטצטער קאָנגרעס. איך פיהל נאָך אין זיך גענוג קרעפטען ווייטער צו ארבייטען, און אויב איהר זייט מיט מיר צופריע־דען, נעהמט מיך ניט צו פון דער ארבייט. אויב איהר וועט מיך אויסקלייבען, הייסט דאָס, אז מיין דיענסט איז צו ענדע, און איך קריעג שוין א פענסיע דער־

פאר. מיר דאכט זיך, אז ניט קוקענדיג אויף מיינע גרויע האאר בין איך נאך צו יונג פאר א פענסיע. וואס וויטערע זאכען אנבעלאנגט, וועט שוין אייך דר. מאר־קוס זאגען מיינע מיינונג. איך האב איהם נאך היינט אין דער פריה בעזוכט, באלד וויא איך בין צוריק געקומען, ווייל איך האב געהערט, אז ער איז מיין קעגען קאנדידאט. מיר זיינען, פערשטעהט זיך, א סך נאהענטער צו איינאנדער, וויא אונזערע פריינד אונזערע אנהענגער צווישען זיך"…. (מען לאכט). „הערר דר. מארקוס וועט אייך שוין זאגען מיינע און זיינע מיינונג א סך בעסער וויא איך. מיינע ליעבע פריינד, איך דאנק אייך פאר אייער גוטען ווילען! געשעטצטע קאנגרעס־דעלעגאטען! קלייבט מיך ניט אויס!"

אין זאל איך געווארען אשטיקעל מהומה. עס האבען זיך געהערט קולות פון אונצופריעדענע, פון פערוואונדערטע און צוקאכטע דעלעגאטען. ביי'ן אראבגעהן פון דער בימה האט מען לעווי ארומגערינגעלט פון אלע זייטען און בעווארפען מיט אלערליי פראגען. ער האט געשמייכעלט און געהויבען מיט דיא אקסלען.

„דער מענש געפעהלט מיר" האט קינגסקאורט אויבען געזאגט: — „רעדען פאר א עולם קען ער ניט, אבער דאס מוז זיין א שעהנער כאראקטער".

אין „שטייג פון דיא מאלפעס" האט מען צו דער מעשה געגעבען נאך אן אנדערן פירוש:

„ער האט פחד געהאט אז דיא פרעזידענטענשטעלע וועט איהם פארדארבען דיא ציינער", האט בלוי געזאגט.

„זיין גזע איז געה־זיך" האט זיך גרין געווערטעלט.

שיפמאן אבער האט געזאגט:

„נו, הערר שלעזינגער, אט זעהט איהר א מענשען, וואס יאגט זיך ניט נאך שטעלען. וואס זאגט איהר פארט דערצו"

„ווי הייסט, וואס איך זאג? צו וויים איך דען, וואס עס טראגט איהם איין דיא היינטיגע שטעלע? מן הסתם קען ער שוין בעשטעהן זיין וועלטעל. א פראק־טישער מענש איז ער דאך. ותער וויים וואס ער מיט מארקוס האבען אבגעמאכט צווישען זיך?) און דאס מוז מען וויסען פריהער פאר אליץ".

פריעדריך האט זיך צוגעהערט צו דיא ווערטער און איז געווען אש להבה, האטש ער האט אין גאנצע זאיין מאהל געזעהן דעם דר. מארקוס און יאזעף לעווי זעהט ער היינט צום ערשטען מאהל. ער האט זיך נאר געוואונשען, אז קינגס־קאורט און רעשיד ביי זאלען ניט דערהערען זייער מנול'שע רעד. ער האט זיך געשעהמט, וואס ביי אידען געפינען זיך אזא „שטייג פאר מאלפעס". צום גליק זיינען ביידע געווען שטארק פערטוהן דערמיט, וואס פיהרט זיך אב אונטען אין זאל.

דער פרעזידענט פון דיא אויסקלייבעניש האט שטארק געקלונגען מיט'ן גלאק בכדי איינצושטילען דעם עולם, צו וועלכען עס האט איצט געוואלט ריידען דער פרעזידענט פון דער אקאדעמיע דר. מארקוס. דר. מארקוס איז מיט מיה ארויף דיא פאאר טרעפלאך פון דער בימה און האט געווארט ביז עס וועט ווערען שטיל,

אז ניט, וואָלט זיין שוואכע שטימע ניט געקענט דורכדרינגען צום עולם מענשען. לסוף איז ווידער געוואָרען שטיל און ער האָט אָנגעהויבען:

„געשעצטער קאָנגרעס! מיין פריינד לעווי האָט אין קלאָהרע דבורים גע־ רעדט, וויא וויכטיג עס איז, צייט צו שפּאָרען. איך רעכען, מיר וועלען ניט פער־ ליערען קיין איבריגע מינוט צייט פון דער נייען געזעלשאפט, ווען מיר וועלען נאָר איינאנדער ריכטיג פערשטעהן. פריהער מוז מען פערשטעהן איינאנדער, דערנאָך ערשט אָנגעהמען א הסכם.

מיר זיינען ניט צוזאמענגעקומען היינט א שר אָדער א מלך אויסצוקלייבען פאר זיך, ווייל מיר זיינען ניט קיין מלוכה.

מיר זיינען א איינציגע גרויסע חברה, אפילו א נייע מאָדנע, אָבער אונזער צוועק איז שוין אזוי אלט, אז מיר געפינען איהם שוין אין ספר מלכים. דאָרטען שטעהט געשריעבען, דאָס יהודה און ישראל זיינען געזעסען זיכער אויף זייער לאנד, איטליכער פון דן ביז באר־שבע אונטער זיין וויינשטאָק און זיין פייגע־ בוים.

מיר זיינען א שותפישע חברה, א גרויסע שותפי׳שע חברה, אין וועלכער עס געפינען זיך נאָך קלענערע שותפישע חברות מיט ענגערע צוועקען. און דער קאָנ־ גרעס איז איצט אייגענטליך ניט מעהר, וויא דיא הויפּטפערזאמלונג פון אונזער שותפישע חברה, וועלכע הייסט דיא נייע געזעלשאפט. און דערנאָך פיהלען מיר אלע, אז עס האנדעלט זיך איצט וועגען א סך מעהר, וויא וועגען דיא סוחרישע און מאטעריעלע אינטערעסען פון דער שותפישען חברה. מיר פלאנצען שולען און פארקען; זיך קימערענדיג וועגען אונזערן געוועהנליכען נוצען, דאגה׳נען מיר אויך פאר חכמה און שעהנקייט. דען אויך דאָס ווערט ביי אונז געשעצ־ ני טוועניגער וויא טעכניק, פאבריקאציע און האנדעל. מיר פערשטעהען, אז פאר איטליכער מענשליכער חברה איז א אידעאל דער גרעסטער נוצען, דער גרעס־ טער כח, אָדער, קלאָהרער גערעדט, דאָס, וואָס מען קען אָהן דעם זיך א רגע ניט בעגעהן, און אויך דאָס האָבען מיר ניט מחדש געווען. דאָס איז אלט ווי די וועלט. וויא פאר׳ן יחיד איז נויטיג ברויט מיט וואסער, אזוי נוטהיג איז פאר דעם גאנצען חברה א אידעאל. און אונזער ציוניזמוס, וועלכער האָט אונז געבראכט אהער, און וועט אונז נאָך ווייטער ברייננען, ביז צו דער העכסטער מדרגה פון מענש־ ליכקייט, איז ניט מעהר וויא א אידעאל, א אידעאל וואָס האָט קיין מאָל קיין ברעג ניט.

צו מיינט איהר אפשר איך רייד ניט צור זאך? ניין, מיינע פריינד, איך בין ביי דער זאך, איך האלט ביי דער פראגע פון דער אויסקלייבעניש. דען ווער ווערט געשטעלט אין דער שפּיץ פון אונזער געזעלשאפט, נאָר זעהען ווייטער צו ענטוויקלען אונזער אידעאל.

ער זאָרגט ניט פאר אונזערע מאטעריעלע אינטערעסען, דאריבער מוז ער זאָרגען פאר אונזערע רוחניות. ער זאָל דערביי זיין א רוהיגער מענש, א גערעכטער און א עניו, וואָס מישט זיך ניט אריין אין די שטרייטען פון דעדר טעגליכער מיי־

נונג. מיר קלייבען איהם דאָך אויס אויף זיעבען יאָהר. מיין פריינד לעווי האָט זיך אָבגעזאָגט, ווייל ער רעכענט, אז אין דיא זיעבען יאָהר ועט ער דורך זיינע ארבייט מעהר קענען נוצען בריינגען. איך שטים מיט איהם איבעראיין, אָבער איך זאָג זיך אויך אָב פון דעם כבוד. איך בין צו אלט. איך צווייפעל זעהר, אויב איך ועל נאָך אויסלעבען דיא זיעבען יאָהר. צו אָפטע אויסקלייבענעש זיינען אויך ניט קיין מעלה, זיי וועקען אויף א חשק זיך נאָכצויאָגען נאָך כבוד, זיי פיהרען צו קריעג, פּארטייען און פוסטע ויכוחים. קלייבט מיך ניט אויס איך בין צו אלט דערצו. איך האָב שוין ניט, וויא א מאָל, דיא אויבערהאנד איבער מיין קערפּער, און אפשר אויך ניט איבער מיין נשמה. אפשר פערשטעה איך שוין ניט מעהר די אידעאלען פון דעם יונגען דור. דען אויך דיא אידעאלען ווערען שטענדיג פון דאָס ניי געבאָרען, און עס זיינען דאָ אזעלכע, וועלכע מיר היבען שוין ניט אָן צו פערשטעהן.

אָבער ניט איך און ניט לעווי ווילען זיך ניט בעגנוגענען מיט א פּשוט'ן אָבזאָגען זיך. מיר ווילען אויך אייך א פּאָרשלאָג מאכען. דער פּאָרשלאָג שטאמט פון לעווי, וועלכער האָט א טביעת עין פאר מענשען, און שוין דערפאר אליין מעג מען איהם אויסהערן. איך האָב צום פּאָרשלאָג צוגעשטימט פון גאנצען הארצען.

דער מאן, וועלכען מיר שלאָגען אייך פאָר, איז נאָך יונג, א סך איונגער פאר לעווי, און א סך, א סך איונגער פאר מיר. ער איז איינער פון דיא נייע מענשען, וועלכע האָבען אונזערע אלטע ערד ווידער געמאכט פרוכטבאר און שעהן. ביי'ן זייט פון זיין פאָטער איז ער נאָכגעגאנגען דעם פלוג; ער איז אָבער אויך ביי דיא ביכער געזעסען. ער האָט א געזונדטען שכל פאר כלל-זאכען, חאָטש ער וואָרפט זיך ניט קיינמאָל אין דיא אויגען. איך זעה איהם איצט ניט אין זאל. נאָר אויב ער איז יאָ דאָ, איז ער געוויס דער לעצטער, וועלכער טראכט אז מיט דיא ווערטער מיינט מען איהם: אזוי גרויס איז זיינע עניוות. ער איז אויך א בריה אין זיינע אייגענע עסקים. פון אָרימע אומשטענדע האָט ער זיך אויפגעהויבען צו זיין היינטיגען מצב, דעסיבען איז ער אונז נאָך מעהר טהייער. ווען מיר ווען מיר וועלען איהם אויסקלייבען, וועלען מיר ניט נאָר אָבטאָהן אונזער חוב קעגען דעם זעלטענעם מאן, מיר וועקען דאדורך ביי דער יוגענד דיא עדעלסטע קרעפטען; מיר ווייזען זיי דאדורך א ביישפּיעל, וויא הויך א מענש קען בריינגען דורך זיינע מעלות, און דאָס ועט האָבען א וויכטיגען איינפלוס אויף דיא צוקונפט פון אונזער ניי'ע געזעלשאפט. אין ווענעדיג האָט איטליכער געקענט ווערען דאָזשע. איטליכעס טימגליד פון דר נייען געזעלשאפט זאָל קענען דערגרייכען דיא העכסטע שטעלע ביי אונז".

דער גאנצער זאל האָט געשטורעמט פון דיא „בראוואָס". א סך האָבען געשריען: דעם נאָמען! דעם נאָמען! ווער איז דאָס? דר. מארקוס האָט אויפגעהויבען דיא האנד, צו ווייזען אז ער וויל נאָך עפּעס זאָגען, און עס איז ווידער געוואָרען שטיל אין זאל.

„איך וויל ניט פון דער בימה אָנרופען דעם נאָמען פון אונזערן קאנדידאטען,

ווייל עס פיהרט זיך ניט, אז דער קאנגרעס זאל ווערען פלעצליך פערוואנדעלט א׳ן א בעשפרעכונג וועגען דיא קאנדידאטען. איך בעט דעם פרעזידענטען צו זער־קלעהרען, אז דער קאנגרעס צוגעהט זיך אויף עטליכע מינוט״.

מען האט אונטערבראכען דיא קאנגרעס אסיפה. מיט ליארם האבען דיא דעלעגירטע פערלאזען זייערע פלעצער. מארקוס און לעווי זיינען ארומגערינגלט געווארען, און זיי האבען איטליכען געמוזט ענטפערן. זיי האבען אנגערופען דעם נאמען פון זייער קאנדידאטען. דיא וואס זיינען נעהענטער געשטאנען האבען דאס איבערגעגעבען דיא ווייטערדיגע, און אזוי איז דער נאמען געפלויגען דורכ׳ן גאנצען זאל, ביז ער איז ארויף אויף דיא גאלעריען. דאס איז געווען דער נאמען פון — דוד ליטוואק.

„דונער און הארמאטען!״ האט קינגסקאורט אויסגעשריען פאר גרויס התלהבות.

פריעדריך האט איהם געדריקט דיא האנד, שטארק אויפגערעגט: — „און ער זיצט נעביך איצט ביים טוידטען בעט פון זיין מוטער..... צו זאל מען איהם טעלעגראפירען?״

„ניין, מיין פריינד, מיר ווילען טאהן א גרעסערע חכמה. דער ליטוואק נעבאך האט שוין געגוג עגמת נפש צוליעב זיין מוטער. צו וואס זאלען מיר איהם נאך קוועלען מיט דער אויסקלייבעניש? סוף כל סוף אפשר קלייבט מען איהם גאר ניט אויס. לאמיר בעסער נעהמען דעם ערשטען צוג קיין טבריא. איידער זיי וועלען דא פארטיג ווערען קענען מיר שוין דארטען זיין. דאמאלסט געהען מיר אריין און פרעגען פשוט: צו וואוינט דא דער פרעזידענט פון דער נייען געזעלשאפט, הערר דוד ליטוואק?״

רעשיד ביי האט מען אריינגעצווינגען אין דעם פלאן. ער האט פערשפראכען, גיך וויא מגליך דיא רעזולטאטען פון דיא אויסקלייבעניש צו דעפעשירען קיין טבריא. וואו דוד געפינט זיך איצט זאל ער ביז נאך אלעמען האלטען בסוד.

אין „שטייג״ האט מען אויפגענומען דאס, וואס דוד ווערט קאנדידאט, מיט פערשיעדענע געפיהלען. גרין און בלוי האבען געזאגט פערשימעלטע גלייכ־ווערטלעך.

גרין האט געזאגט: „א ליטוואק געווינט״.

בלוי האט געזאגט: „אויב איך וועל נאך א מאהל קומען אויף דער וועלט, וועל איך אויך זיין דער זון פון א פעדלער״.

הערר שלעזינגען, דער נאמען פון באראן גאלדשטיין, האט געזאגט אין פער־דרוס:

„נו, פרעג איך אייך, צו קען מען אין אזא געזעלשאפט איינטרעטען? אין דאס רופט זיך נאך אן דיא נייע געזעלשאפט!״

„און ווייסט איהר וואס מיר זיינען?״ האט פלעצליך שיפמאן אויסגערופע־פיהלענדיג וויא עפעס א חרטה מיט איינמאל — „א לייטישע געזעלשאפט״.

VI.

בשעת קינגסקאורט און פריעדריך זיינען געקומען אין האָטעל, איז שוין פרוי ליטוואק מיט פריצכען אוועקגעפאָהרן קיין טבריא. פרוי ליטוואק האָט שוין מיט׳ן ערשטען צוג זיך געאיילט צו איהר מאַן. עס איז אָבער באלד ווייטער אָבגעגאַנגען א שנעלצוג קיין טבריא. און דיא פריינד האָבען עס באלד בענוצט. זיצענדיג אין וואַגאָן פון עלעקטרישען צוג, האָבען זיי געקוקט אויף דיא פעלדער און בערג, וועלכע זיינען פאַרבייגעפלויגען פאַר זיי, און האָבען זיך אָבגעגעבען חשבון פון דעם, וואָס זיי האָבען ביז היינט געזעהען אין אלטניילאַנד.

קינגסקאורט איז זעהר פערוואונדערט געווען, בעת פריעדריך האָט אין היטץ פון געשפרעך פלעצליך געזאָגט :—„איך וואָלט געוואָלט א פאָהר טאָהן קיין איירָאפּא !"

וואָס ? נייע קאפּריזען ! צו איז אייך שוין דערעסען דאָס לאַנד פון אייערע אבות ?"

„ניין, מיין ליעבער טהייערער קינגסקאורט. איך בין צו גליקליך, וואָס איהר בלייבט דאָ און דאָס איך קען נאָך פּרובירען ווערען א ניצליכעס מיטגליעד אין דער נייען געזעלשאַפט. אפשר וועל איך דאָ קענען אָנווענדען מיינע יוריסטישע קענטניסע ? אפשר קריעג איך נאָך ערגעץ וואו אין א קאנצעלאַריע א ארבייט פאַר מיר ? אָבער איך וואָלט פאָרט וועלען אויף א קורצע צייט צוריקפאָהרען קיין איירָאפּא, בכדי צו זעהן, וויא האָבען זיך דאָרטען געענדערט דיא אמאָליגע פערהעלטניסען. איך קען זיך בשום אופן ניט פאָרשטעלען, אז אין דיא 20 יאָהר איז אלץ געבליעבען דאָרטען וויא פריהער. אז איך בעדענק, דאָס מיר געפינען דאָ דאָס אלטע מאַטעריאַל, נאָר אין א נייעם סדר געאָרדענט, מוז איך אָננעהמען אז דאָס אייגענע וואָס דאָ עקזיסטירט אויך דאָרטען. דיא ווערטער פון אקאדעמיקער מארקוס האָבען מיר געבראַכט אויף דעם געדאַנקען. ער האָט געזאָגט : מיר זיינען ניט קיין מלוכה, נאָר א גרויסע שותּפישע חברה......

„דיא שותּפישע חברה מיט דעם אידעאַל וואָס האָט ניט קיין ברעג !" האָט קינגסקאורט געלאַכט.

„איך פרעג זיך אליין", האָט פריעדריך ווייטער ערנסט גערעדט — „צי זעהען און געפינען מיר ניט דאָ א תשובה אויף געוויסע פראַגען פון דער פערגאַנגענען צייט. דאַמאָלסט האָט מען גערעדט וועגען א צוקינפטיגען חברה׳שען לעבען.. א סך האָבען פראַזען גערעדט, און פערטונקעלט דערמיט דעם שכל הישר, אנדערע האָבען געשפּעט און געלאַכט פון אזוינע נביאות, נאָך אנדערע האָבען זיך געקאָכט און נעבייזערט. פּראַקטישע מענשען האָבען געהאַלטען פאַר א נאַרי־־קייט, זיך אויסצומאָלען דעם צוקינפטיגען מצב פון דער מענשהייט. זיי האָבען

פערגעסען, אז מיר לעבען שטענדיג אין א צוקינפטיגען מצב, ווייל דער היינטיגער טאָג איז דיא צוקונפט פון דעם נעכטיגען. עס האָט זיך אויסגעדאכט אז א צוקינפטיגער גליקליכער מצב פאר אלע מענשען איז נאָר מעגליך אויפצובויען אויף דיא חורבות פון דיא היינטיגע אָרגאניזאציעס. א נייער מבול, הייסט עס, און נאָר א פחדן האָט געקענט דאריו גלויבען. פריהער א תהו ובוהו, און דערנאָך ערשט א נייער בנין, וואָס ווער ווייסט אויב ער וועט מעהר טויגען וויא דער אלטער. דער איינענער מארקוס האָט אָבער פאר קורצען געזאָגט א וואָרט, וואָס געהט מיר נאָך אויף טריט און שריט: אז אלע זאכען און פערשיעדענע געשעהעניששען אין דער נאטור און אין לעבען טרעפען זיך אָפט צוזאמען נעבען איינאנדער. דאמיט עס זאָל אויפשטעהן א נייע וועלט, מוז דיא אלטע וועלט נאָך ניט חרוב ווערען מיט איין מאָהל. ניט איטליכער זוהן איז דער יורש פון זיין פאָטער; געוועהנליך לעבען נאָך דיא עלטערן מיט דיא קינדער א צייט לאנג צוזאמען, און דיא אלטע געזעלשאפט געהט נאָך ניט אונטער, ווייל עס בעווייזט זיך א נייע. זייט דעם איך האָב דאָ געזעהן, וויא מיט לויטער אלטע מאטעריאלען בויט מען אויף א נייע חברה מיט נייע סדרים, גלויב איך שוין ניט אז אלטע בנינים ווערען חרוב און דאָס דיא קומענדיגע בנינים זיינען לויטער ניי. איך גלויב, — וויא זאָל איך דאָס זאָגען, — אז דיא געזעלשאפט ווערט נאָך ביסלעכווייז איבערגעבויט. איך מיין אויך, אז דאָס געהט צו אָהן א פלאן, נאָר וויא עס לאָזט זיך. דער חכרח, דיא נויטוועגדיגקייט, איז דער ארכיטעקט. נאָר דאמאָלסט ענטשליעסט מען זיך איבערצובייטען דיעלען, אויסצובעסערען א מויער, א טרעפ אָדער א דאך, ווען עס טרייבט שוין דיא נויט אָדער ווען עס בעווייזט זיך א נייע ערפינדונג. דאָס אוים געבעסערטע הויז בלייבט וואָס עס איז געוועזן. און אזוי שטעל איך מיר פאָר דיא אמאָליגע מלוכות (שטאאטען), וועלכע זיינען געבליעבען בעשטעהן חאָטש עס איז צוגעקומען א סך נייעס. און דאָס וואָלט איך געוואָלט זעהען אין איירָאָפּא מיט מיינע אייגנע אויגען.... בשעת מיר האָבען זיך דאמאָלסט אָבגעזעגענט מיט דער געבילדעטער וועלט, האָבען מיר שוין געזעהן, וויא דאָס לעבען נעהמט זיך א נייעם דרך. איך פערשטעה גאנץ גוט א סטאָקטאָן־דערלינגטאָן־יובעלעאום. דערמיט האָט זיך אָנגעהויבען אלץ־דינג ביי אונז. דאָס איז דער יום טוב פון א נייער צייט. וויא לאנג איז שוין געוועזן נעבען דער אלטען, אָנגעזאפט פון איהר און אָנפילענדיג מיט זיך אליין דיא אלטע צייט. דיא קלוגע פראקטישע מענשען האָבען אָבער זיא ניט געוואָלט זעהען און דערקענען. דיא גרענעצען זיינען געבליבען דיא פריהערדיגע, אָבער מענשען און סחורות האָבען געשפרייזט דורך דיא גאנצע וועלט. און וואו איז מען ניט אהינגעקומען מיט פערשיעדענע מאשינען אויף דער אייזענבאהן! און נייע וועגען האָבען זיך געפונען, און נייע אופנים פון חברה'שען לעבען זיינען דערקלעהרט געוואָרען. דיא אלטע צייט האָט נאָך געלעבט, בעת דיא נייע צייט איז שוין געשטאנען אין יוגענד און אין קראפט. דיא שותּפישע חברות פון דיא קליינע סוחרים, דיא סינדיקאטען, דיא שותּפישע אונטערנעהמונגען פון דיא גרויסע קאפּיטאליסטען, סיי דאָס און דאָס

אנדערש איז שוין פאראנגען געווען. פאר וואס זאלען זיך נים מאכען יד אחת אונטער זיך דיא קליינע שותפישע חברות, וויא דאס האבען געטאהן דיא גרויסע פאבריקאנטען?...

עס איז שוין פריהער אויך פארגעקומען, דאס קלוגע אונטערנעהמער האבען פון פרייען ווילען אנהויבען צו פערזארגען די ארבייטער און זייערע פאמילִיען. איטליכע גרויסע פאבריק האט געהאט איהרע שפיטאלען, שולען, א הילפסקאסע און אייגענע ארבייטער־קראמען. און וואס גרעסער עס איז געוון דיא פאבריק, אלץ גרעסער און רייכער זיינען געווען דיא דאזיגע יסודות פאר איהרע ארבייטער. דיא סינדיקאטען, דיא פאבריקאנטען, וועלכע האבען געמאכט צווישען זיך יד אחת, האבען נאך פיל מעהר געקאנט טאן פאר זייערע ארבייטער, ווען זיי האבען נאר געוואלט, ווייל זיי האבען בעזעסען נאך גרעסערע מיטלען און ווייל זיי האבען קיין פחד נים געהאט פון זייטיגע קאנקורענציע. דאס ווייס איך שוין פון אייערע אייגענע רייד, מיסטער קינגסקאורט. איהר האט דאך מיר געגעבען א השגה פון אמעריקאנישע טראסטען (א מין סינדיקאט)".

„אמת, און וואס ווילט איהר דאמיט זאגען?"

„איך רעכען, אז עס האט געמוזט דאצו קומען, ווען דיא שתפישע חברות פאר האנדעל און פאבריקאציע האבען אנגעהויבען קאנקורירען מיט דעם איינצעלנעם אונטערנעהמער. צוערשט איז זייער שוואכע זייט געווען דאס, וואס דיא שותפישע חברות פאר פאבריקאציע האבען נים געהאט קיין גרויסע קאפיטאלען. וויא באלד אבער זיי האבען געמאכט שותפות צווישען זיך דעם לעבענסמיטעל־פערברויך און האבען געעפענט זייערע שותפישע לעבענס־מיטעל־קראמען, זיינען זיי שוין געווען בכח אויסצוהאלטען דיא קאנקורענץ. און דיא דאזיגע חברות האבען געמוזט וואקסען, וויא עס האט געוואקסען דיא בילדונג. און איך רעכען, אז דיא גרויסע טראסטען זיינען געווען פון נוצען, ווייל זיי האבען אונז געוויזען דעם וועג. וויא שפארענדיג צו ארגאניזירען די מענשליכע ארבייט און די ארבייטער. דיא שותפישע חברות האבען זיך גענומען דיא טראסטען צום מוסטער פאר זיך. דיא נייע געזעלשאפט, וועלכע מיר זעהען איצט פאר דיא אויגען, איז נים מעהר, וויא א צוזאמענבונד, וויא א סינדיקאט פון שותפישע חברות, א גרויסער סינדיקאט, וועלכער פיהרט אוים אלע עסקים פון דער מדינה, וועלכער דאגה'ט פאר דעם גוף און דיא נשמה פון איהרע חברים, וועלכער סטארעט זיך צו פערשטארקען און צו פערברייטען פון אייגענעם נוצען וועגען דיא העכסטע מענשליכע אידעאלען. און איך וואלט געגארט צו זעהען, אויב מיר געפינען שוין דאס אייגענע אויך אין אייראפא".

„צו ווילט איהר דערמיט זאגען, אז אזא געזעלשאפט איז אויך מעגליך אין א אנדער לאנד?"

„יא, דאס מיין איך טאקע. אזא נייע געזעלשאפט קען זיין אין איטליכער מדינה. עס קען אין איטליכער מדינה זיין עטליכע אזעלכע סינדיקאטען פון שותפישע חברות. מען זיך דאס זעהר לייכט פארשטעלען, וויא באלד עס זיינען שוין

פאַראַן סינדיקאַטען און שותּפישע חברות. און דערבײ מעג דיא אלטע מלוכה בלײבען װיא געװעזען; אדרבה, זיא בלײבט אויף א אָרט און בעשיצט דיא ענט־װיקלונג פון דער נײעז געזעלשאַפט, און זיא פון איהר זײט האלט אויף די מלוכה, שטאַרקט זיא און גיט איהר נאָך צו יוגענד און א נײ לעבען. אַט אזוי לעבען זיך פערשיעדענע צײטען נעבען אײנאַנדער, און דאַרין בין איך א מאַמין...."

און אזוי רײדענדיג זײנען זײ אָנגעקומען קײן טבריא. זײ האָבען זיך גע־אײלט פון װאַקזאַל צו דער װילע פון אלטען ליטוואק. דער דיענער, װעמען זײ האָבען געפרעגט װעגען געזונד פון דער אלטען פרוי ליטוואק, האָט אומעט־ג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. דערבײ האָט ער איבערגעגעבען קינגסקאָרטען א דרינגענ־דע דעפּעשע, װעלכע איז אָקאָרשט אָנגעקומען. קינגסקאָורט האָט האַסטיג גע־פּענט דיא דעפּעשע, און דאָרטען איז געשטאַנען געשריעבען: „דוד ליטוואק איז מיט 363 פון 593 שטימען אויסגעקליעבען געװאָרען פון קאָנגרעס צום פּרעזי־דענטען פון דער נײעז געזעלשאַפט. רעשיד".

זײ זײנען ארויף דיא טרעפּ און ארײן אין זאַל, װאָס האָט זיך געגרענצט דעם צימער פון דעם קראַנקען. אין זאַל איז געזעסען דער אלטער ליטוואק מיט זײן שנור. דיא טיהר איז געװעזען אָפען, און זײ האָבען געקענט זעהען, װאָס עס טהוט זיך בײ דער קראַנקער אין צימער. דאָס געזיכט פון דער געדולדיג לײדענדער פרוי איז געװעזען װײס, װיא דיא קישען, אויף װעלכע זיא איז געלעגען. זי האָט אָבער נאָך געלעבט. איהרע זאַנפטע אויגען האָבען מיט ליעבע געקוקט אויף ־א בײדע קינדער, װעלכע זײנען געזעסען בײם עק פון בעט און האָבען שטיל מיט איהר גערעדט. בײם זײט איז געזעסען דער דאָקטאָר און האָט שאַרף געקוקט אויף איהר טוידט געזיכט.

קינגסקאָורט האָט אָהן װערטער איבערגעגעבען דעם אלטען דיא דעפּעשע. ער האָט גלײכגילטיג גענומען דאָס שטיק פּאַפּיער און האָט געקוקט דאַרויף מיט בלינדע אויגען. מיט אײנמאָל אָבער האָט עס איהם דערלאַנגט א צופּ. ער האָט זיך אויסגעװישט מיט דער האַנד דיא נאַסע אויגען און האָט נאָך א מאָהל גע־נומען לײענען, דערנאָך האָט ער דיא דעפּעשע געגעבען דער שנור און האָט מיט א ציטערענדע שטימע געזאָגט:

„שרה, לײען מיר דאָס פּאַר!"

פרוי ליטוואק איז דורכגעפלויגען מיט דיא בליקען דיא דעפּעשע. זיא איז געװאָרען רויט װיא בלוט, טרעהרען האָבען ארויסגעפּלאַצט פון איהרע אויגען און מיט א פערשטיקטער שטימע האָט זיא פאָרגעלײענט דעם אלטען ליטוואק די דעפּעשע. דערנאָך איז זיא אויפגעשפּרונגען, האָט הויך אויפגעהויבען דאָס בלאַט פּאַפּיער און געװאונקען דערמיט צו דוד'ן.

דוד איז ארויס אויף דיא שפּיץ פינגער. ער האָט דערזעהן, דאָס בײ דער הינטערן װאַנד שטעהען קינגסקאָורט און פריעדריך און ער האָט זיך שטום מיט זײ בגעריסט. ער האָט זיך געװענדעט צו זײן װײב און מיט פערדרוס געפרעגט:

„װאָס איז געשעהן?"

זיין פאָטער איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו איהם מיט ציטערדיגע קניע.

„דוד, מיין קינד! — דוד, מיין קינד!“

שרה האָט איהם געגעבען דיא רעפּעשע. ער האָט זיא רוהיג דורכגעלייענט און האָט געקנייטשט מיט׳ן שטערען.

„אז רעשיד איז מסוגל צו אזעלכע שמד־שטיק, וואָלט איך קיין מאָהל ניט גע־רעכענט. עס איז באמת איצט דיא צייט דערצו“.

„עס איז ניט קיין שפּאַס פון רעשיד׳ן“ האָט פריעדריך זיך אריינגעמישט און דערצעהלט אלץ וואָס ער האָט געוואוסט וועגען דעם.

„ניין, ניין, ווי קום איך דערצו?“ האָט דוד ניט געגלויבט,—„דאָס איז דאָך ניט מעגליך, איך בין דאָך גאָר ניט געוועזן קיין קאנדידאט“.

„אָט טאקע דעריבער האָט מען אייך אויפגעשטעלט און אויסגעקליבען“, האָט קינגסקאורט געזאָגט.

„איך טויג ניט דערצו. עס זיינען פאראן הונדערט אנדערע וואָס פּאסען מעהר דערצו, וויא איך. און איך וועל דאָס גאָר ניט אָננעהמען. זייט אזוי גוט און טעלעגראפירט צו מארקוס, אז איך זאָג מיך אָב.“

נאָר דאָ האָט זיך שוין זיין פאָטער ענערגיש אריינגעמישט:

„דוא וועסט דאָס אָננעהמען, דוד! דוא מוזט דאָס אָננעהמען צוליב דיין מו־טער. דאָס איז דיא לעצטע פרייד, וואָס דוא קענסט איהר נאָך אָנטאָהן“.

דוד האָט זיך פארדעקט דיא אויגען. מרים איז ארויס פון דער מוטער׳ס צי־מער.

„וואָס איז געשעהן? דיא מוטער איז אונרוהיג; זיא וויל וויסען וואָס איז דאָ פּאסירט“. און זיי זיינען אוועק צו דער מוטער׳ס בעט.

„מוטער!“ האָט געזאָגט דער אלטער ליטוואק,—„דער הערר דאָקטאָר לע־ווענבערג האָט אונז מיטגעבראכט גוטס“.

„טאקע“, האָט זיא קוים ארויסגערעדט, און איהר געזיכט האָט אָנגעהויבען צו שיינען.

„וואו איז ער? איך וויל איהם זעהען. זעצט מיר אנידער“.

דער דאָקטאָר האָט אריינגערופען פריעדריכען פון זאל, און דערווייל האָבען מרים און דוד געהאָלפען דער מוטער, זיך אניעדערזעצען, אונטערשפּארענדיג דעם שמאָלען רוקען מיט קישענס.

און פריעדריך איז שוין אויך געשטאַנען ביים בעט. דיא מוטער האָט גע־קוקט אויף איהם מיט גוטע פריינדליכע אויגען, און האָט קוים ארויסגערעדט:

„איך האָב—מיך שוין—באלד געטראכט—דאמאָלסט, בעת איהר זייט געשטאַנען אויפ׳ן באלקאָן — דרויסען. קינדער!“ זיא האָט שוואַך ארומגעטאַפּט מיט דער האנד אין דער לופט.—מרים—האָט—מיר גאָר ניט געזאָגט— אָבער —א מאמעס— אויג—זעהט—אלץ.... קינדער! איהר זאָלט—אייך דיא הענד —געבען.... נאָט אייך מיין ברכה!—מיין ברכה!....“

און מרים מיט פריערדיכען האבען זיך געגעבען איינאנדער דיא הענד, אבער זיי האבען דאס געמאכט אזוי לאנגזאם, אז עס איז געוואָרען קשה עפעס. מיט שרעק האט זיא א קוק געטאהן פון איינעם צו דער אנדערן און האט הייזעריג געפרעגט:

„צו האב איך א טעות,— א טעות—געהאט?“

„ניין“ האט פריערדיך מיט א ווארעמקייט געענטפערט און האט פעסטער געדריקט מרים'ס האנד. „ניין“ — האט אויך מרים שטיל געזאגט. און נאך א מאהל האט זיך ארויסגעשטעלט דער אלטער אמת, אז, ווי שוואך און קראנק א מאמע זאל ניט זיין, האט זיא נאך אלץ דעם כח ביי זיך, איהרע קינדער גליקליך צו מאכען.

נאך אזא אנשטרענגונג האט זיא זיך צוריק געלייגט אין דיא קישענס און האט נאך קוים געאטהעמט. און דער אלטער ליטוואק האט זיך דערשראָקען ביי דעם געדאנקען, אז זיא קען אזוי אוועקשלאָפען ביז צום סוף, ניט וויסענדיג, וויא איהר זוהן איז דערגרייכט געוואָרען.

„מוטערעל“, האט ער הויך א געשריי געטאהן. זיא האט ווידער געעפענט דיא אויגען, און עס האט זיך אויסגעדאכט, ווי זיא בעדויערט וואס מען האט איהר ניט געלאזט שטארבען מיט דעם זיסען חלום. וועגען דעם גליקליכען מזל פון איהרע קינדער.

„מוטערעל“ האט דער מאן ניט אויפגעהערט, — „מיר מוזען דיר אנזאגען א גרויע בשורה. ווייסט דוא ווער איז געוואָרען דער פרעזידענט פון דער נייע געזעלשאפט? אונזער דוד! מוטערל, אונזער דוד!“....

און דוד איז שוין געלעגען, ווי א מאהל אלס חדר אינגעל, אויף די קניע פאר דער מוטערס בעט און האט בימער געוויינט, זיך אנשפארענדיג אויף איהר האנד, געל וויא וואקס. זיא האט אבער ארויסגעצויגען דיא האנד און האט איהם געגלעט דיא האאר, אקוראט, ווי זי וואלט איהם שוין פאראויס געוואלט טרייסטען.

„מוטערעל!“ האט דער אלטער ליטוואק געפרעגט, — „צו האסט דוא געהערט?“

„יא“ האט זיך געהערט וויא א הויך — „מיין — דוד“.....

און איהר בליק האט זיך אויף אייביג פערצויגען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מען האט זיא צו קברי אבות געבראכט. מען האט געזונגען דיא אלטע תפילות, און דער אלטער רבי שמואל פון ניידארף האט דעם קדיש געזאגט. מען האט קיין הספד ניט געמאכט. דוד איז געוועזן דאגעגען.

בשעת ער איז אבער געקומען מיט זיינע פריינד פון בית עולם און האט זיך אניעדערגעזעצט שבעה, האט ער אליין געמאכט אויף איהר א הספד.

„זיא איז געוועזן מיינע א מאמע, זיא איז פאר מיר געוועזן דיא ליעבע און דער שמערץ

אין איהר האבען זיך בעזעצט דיא ליעבע וויא דאס ליידען, און ווען איך

פלעגט זיא נאָר אָנזעהען, פלעגען מיר שוין דיא אויגען ווערען פערגאָסען.

איך וועל זיא שוין קיין מאָהל ניט זעהען, און זיא איז געווען מיינע א מא־מע.

און בשעת מיר האָבען ניט געהאט קיין הויז און קיין היים איז זי אונז געווען א הויז און א היים.

זיא האָט אונז דערמוטהיגט ווען מיר זיינען געווען עלענד און אָרעם, ווייל זיא איז געווען דיא ליעבע אליין.

און בשעת עס איז אונז אויסגעגאַנגען האָט זיא אונז געלערענט צו זיין א עניו, ווייל זיא איז געווען דאָס ליידען אליין.

אין שלעכטע און אין גוטע טעג איז זיא געווען דער כבוד און דער ציער פון שטוב.

בשעת מיר זיינען געווען אזוי אָרעם, דאָס מיר האָבען געמוזט זיך וואלגערן אויף שטרויה, זיינען מיר פאָרט געווען רייך, ווייל זי איז געווען ביי אונז.

זיא האָט שטענדיג געדאגה'ט וועגען אונז, קיין מאָהל וועגען זיך.

אונזער הויז איז נאָר געווען א ענג שטיבעל, אָבער דאָס שטיבעל האָט געהאט ביי זיך אזא אוצר. ניט איטליכער פאלאץ האָט אזא שאץ, און דער אוצר איז זיא געווען.

זי האָט געקענט ליידען און שווייגען. דיא צרות האָבען זיא ניט געבראָכען, נאָר דערהויבען. און צייטענווייז פלעגט זיך מיר דאכטען, אז זיא קען זיין א משל צו דעם כלל ישראל, צו דעם גאנצען יודענטהום אין דער צייט פון זיין גלות. איך האָב דאָס געליינט אין איהר ליכטיגען פנים.

זיא איז געווען מיינע א מאמע. און איך וועל זיא שוין קיין מאָהל ניט זעהען. קיינמאָל, מיינע טהייערע פריינד!

קיינמאָל. איך מוז ליידען און שווייגען"....

דיא פריינד האָבען צוגעהערט און האָבען געשוויעגען. ביסלעכווייז זיינען אלע אָנגעקומען מעהר פריינד און בעקאנטע. עס זיינען דאָ געווען כמעט אלע, וועלכע זיינען נאָהענט געווען צו דוד'ן און צו זיין הויז.

דר. מארקוס האָט אָנגעהויבען צו ריידען וועגען דאָס און יענעם. מען האָט געזעהען, אז ער וויל אָבציהען דוד'ס געדאנקען פון טויט צום לעבען. מען האָט גערעדט ערנסט און וועגען געהויבענע ענינים.

און פריעדריך האָט דאביי געשטעלט א פראגע, אויף וועלכע אלע האָבען געגעבען א ענטפער, איטליכער נאָך זיין השגה נאָך.

פריעדריך האָט געפרעגט:

„מיר זעהען דאָ נייע גליקליכע אָרדנונג און אופנים פון א מענשליכען חברה'שען לעבען, ווער האָט עס בעשאפען?"

דער אלטער ליטוואק האָט געזאָגט: —„דיא נויטה".

ארכיטעקט שטיינעק: „דאָס פאָלק, וואס האָט זיך אומגעקעהרט צו זיין לאנד".

קינגסקאורט: „דיא נייע מיטלען פון האנדעל און וואנדעל".

דר. מארקוס: „חכמה און וויסענשאפט".

יאָזעף לעווי: „דער רצון".

פראָפעסאָר שטיינעק: „דיא קרעפטען פון דער נאטור".

דער ענגלישער גייסטליכער האָפקינס: „דיא טאָלעראנץ".

רעשיד ביי: „דאָס פערלאָזען זיך אויף דיא אייגענע כוחות".

דוד ליטוואק האָט געזאָגט: „דיא ליעבע און דאָס ליידען".

דער אלטער רבי שמואל אָבער האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין זעסעל און האָט הויך געזאָגט: „דער אויבערשטער!"

ענדע פון ראָמאן.

דעם פערפאסערס ווארט צום גאנצען בוך.

......אויב איהר ווילט ניט, איז דאס און בלייבט דאס א בבא מעשה, וואס איך האב אייך דא דערצעהלט.

איך האב געוואלט פערפאסען א מוסר־ראמאן. א סך וועלען זאגען: מעהר ראמאן וויא מוסר. אנדערע וועלען זאגען: מעהר מוסר וויא ראמאן.

דען איצט, נאך דריי יאהר ארבייט מוזען מיר זיך שיידען, און עס הייבען זיך, מיין טהייערעס בוך, דיינע יסורים איצט אן. דו וועסט געהען דורך שנאה און פאלשע טייטשען, וויא דורך א פינסטערן וואלד.

ווען דו וועסט אבער קומען צו פריינדליכע מענשען, גיעב זיי אב א גרוס פון דיין פאטער. ער איז א מאמין אז מיט חלומות קען מען אויך אויספיהלען דיא צייט, וואס מיר פערברענגען דא אויף דער ערד. דיא מחשבה פון א בעל חלומות איז גאר ניט אזוי פערשיעדען פון דער טהאט, וויא פיעלע מענשען מיינען. אלץ וואס מענשען האבען געטאהן איז א מאהל גאר א חלום געווען, און וועט שפעטער ווידער ווערען א חלום.